STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02355

DOS YUDISHE VORT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געווידמעט דעם אנדענקען פון

אהרן פראנקפורט,

דעם פארשטארבענעם לעהרער

פון די ווילנער אבענד־שולען.

אינהאלט.

צווייטער טייל.

אין דער גרויסער וועלט.

זייטע

יהואש. נאַכט (ליעד) — 161
ז. שניאור. אַ שטעדטעל אין בעסאַראַביען — 161
פ. היילפּערן. צווישען די בערג — 162
ה. ד. נאָמבערג. ווינטער אין די בערג — 162
ה. ד. נאָמבערג. זון־אונטערגאַנג אין די בערג — 165
א. רייזען. דער צוג (ליעד) — 166
א. רייזען. פון שטעדטעל אין שטאָדט — 166
מענדעלע מוכר ספרים. דער פלאַץ אין אַ יודישער שטאָדט — 170
י. ל. פּרץ. צוויי יונגלעך — 171
ד. פרישמאַן. די פושקע — 172
ש. פרוג. דער זקן — 174
מענדעלע מוכר ספרים. אין אַן אָרעמער פאַמיליע — 175
א. רייזען. דאָס שליחות — 176
א. וואלט. אַ פריהמאָרגען אין אַ פאַבריק־שטאָדט — 178
י. ל. פּרץ. וועלכע? — 178
ד. פינסקי. מען וואַרט — 179
ז. סעגאַלאָוויטש. שאַכטער־ליעד — 182
ש. אַנ—סקי. דער קבר (פון ניקיטין) — 183
מענדעלע מוכר ספרים. ר׳יעקב — 184
י. ל. פּרץ. אין פאַבריק — 186
ז. סעגאַלאָוויטש. אין שטאָדט — 187
ד. פינסקי. דער מויערער — 188
וו. ווינטשעווסקי. אין אַ גרויסער שטאָדט ביי־נאַכט — 189
דוד פרישמאַן. די פישער (ליעד) — 191
דוד פרישמאַן. „הרי את“... — 191
שלום־עליכם. דריי קעפּלעך — 194
א. רייזען. אין גאַס — 198
א. מ. ווייסענבערג. דור הולך ודור בא — 200
מ. ספעקטאָר. ראש השנה — 202
אין סאָלדאַטען מוז מען געהן (פאָלקס־ליעד) — 205
א. רייזען. איז אַוועק צום קריעג דער מלך... (פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ) — 206
וו. גאָרשין. אויף דער מלחמה — 207
ש. פרוג. דער אמת׳ער העלד — 210
יהואש. הארץ און מח — 211
יהואש. צווילינג־נאַטורען — 211
ה. ד. נאָמבערג. אַ וויעג־ליעדעל — 212
י. ל. פּרץ. דער זינדיגער — 213
י. ל. פּרץ. דער וועכטער — 215
פ. היילפּערן. אין דער שטאָדט מודיעים — 216
א. ליעסין. רבי עקיבא — 218
מ. טייטש. דער נביא — 221
י. ל. פּרץ. בילדער פון פּאַרצייטען — 224
מ. ראָזענפעלד. צום פאָלק (ליעד) — 226
י. ל. פּרץ. משיח׳ס צייטען — 227
א. רייזען. דער פרייער ים (ליעד) — 230
י. ל. פּרץ. שלום — 230
אָקטאַוו מירבא. צוויי וועלטען — 231
א. רייזען. דאָס נייַע ליעד — 237
ש. אַנ—סקי. מייַן מוטער (פריי פון יאַקובאָוויטש) — 238
מ. ווינטשעווסקי. דער גייסט — 239
מ. ווינטשעווסקי. מיין איינציגער פערלאַנג — 240
אַנדערסען. דאָס ליעד פון פויגעלע — 241
ש. אַנ—סקי. ליעד פון קאַטאָרזשניקעס (פריי פון פ. יאַקובאָוויטש) — 243
מנחם. אַ ליעד פון אַ מיידעל — 244
פ. הירשביין. אַנ׳אַלט בילד — 245
ש. אַש. שיף־ברידער און שיף־שוועסטער — 246
ש. פרוג. דאָס לעדיגע נעסט (ווינטער ליעדער) — 248
יהואש. אויפ׳ן עמיגראַנטען־שיף (ליעד) — 250
ל. שאַפּירא. איבער׳ן ים — 251
ש. אַש. צום אַמעריקאַנער ברעג — 252
ש. אַש. די אינזעל פון טרעהרען — 256
א. רייזען. אַלע טאָג אויף פאָסט — 258
אַ בריוועלע דער מאַמען (פאָלקס־ליעד) — 260
ש. אַש. מאיר אין אַמעריקא — 261
שלום עליכם. שלאָף, מיין קינד! (אַ וויעג־ליעד) — 265

דריטער טייל.

מוסטערען פון די בעדייטענדע ליטעראַרישע פאָרמען.

זייטע

I. פּראָזאַ.

מענדעלע מוכר ספרים. פּאַרציי־טינע בעלי־מלאכות (פּראָזאאישע בעשרייבונג) 269
ש. אײַזענשטאַדט. פון אַלעקסאַנ־דריען קיין ביירוט (רייזע בילדער) 272
דער מלך רחבעם (חראָניק 274
ש. דובנאָוו. די בעלעגערונג און די צעשטערונג פון ירושלים (גע־שיכטע) 277
ר' ישראל בעל־שם־טוב (בעש"ט) (ביאָ־גראַפיע נאָך ש. דובנאָוו) . . 285
אחד העם. משה בן עמרם (כאַראַקטע־ריסטיק) 292
ראובן בריינין. מענדעלע מוכר ספרים (כאַראַקטעריסטיק) . . 295
ש. ניגער. דער נביא פון דער ערד— שלום אַש. (ליטעראַרישע כאַראַק־טעריסטיק) 299
בעל־מחשבות. שלום עליכם (ליטע־ראַרישע קריטיק) 305
הלל צייטלין. די בענקשאַפט נאָך שענהייט אין דעם אַלט־יודישען לעבען (אונטערזוכונג) . . . 309
ה. זשיטלאָווסקי. וואָס איז אַזוינס פילאָזאָפיע? 315

II. פּאָעזיע.

ל. שאַפּירא. דער טייך ווערט פער־פרוירען (פּאָעטישע בעשרייבונג) 320
ז. שניאור. אַ זומער־נאַכט (פּאָעטי־שע בעשרייבונג) 321

פאָלקסליעדער.

1. אַ שיינעם מיידעלע בין איך דאָך (התנ־כלה־ליעד) 321
2. נעפּלויגען די גאָלדענע פּאַווע (פּאַ־מיליען־ליעד) 321
3. די שנור (פאַמיליען־ליעד) . . . 322
4. אַ רעטעניש 322
5. טרעהרען גיסען זיך אין די גאַסען (היסטאָריש) 323
ה. ד. נאָמבערג. די פערלאָזטע כלה (פאָלקס־מאָטיוו) . . . 324
מנחם. גוטע מענשען, ליעבע מענשען... (פאָלקס־מאָטיוו) . . . 325

לירישע ליעדער.

מ. טייטש. ס'זיל מיין האַרץ דיר עפּעס זאָגען... 326
יהואש. צעבראָכענע לוחות . . 326
מ. ראָזענפעלד. איך ליעב דעם ווינד 326
יהואש. דער געפאַלענער מלאך . 327
מ. לערמאָנטאָוו. דער זעגעל (יודיש פון ז. סעגאַלאָוויטש) . . . 327
ח. נ. ביאַליק. דאָס לעצטע וואָרט (נביאיש) 328
מ. ווינטשעווסקי. צום יובילעאום פון אַ גרויסען דענקער (אָדע) . 329
יהואש. צו געפאַלענע העלדען (אָדע) 330
י. ל. פּרץ. די פרומע קאַץ (סאַטירע). 331
ש. פרוג. צוויי אַסיפות (סאַטירע) . 333
ש. הורוויץ. זשאַמעלע . . . 337
י. ל. פּרץ. צוריק אין דער אַלטער היים (עלעגיע) 337
מ. ראָזענפעלד. הערבסט־בלעטלעך (עלעגיע) 339
דוד איינהאָרן. עלעגיע . . 340
רבי חנינא (פאָלקס־לעגענדע) . . 340
י. ל. פּרץ. דער אוצר (קינסטלעריש בע־אַרבייטע לעגענדע) 345
שפּריכווערטער 348
א. קרילאָוו. אַ מנפּה אויף חיות (פאַ־בעל; יודיש פון מ. ריווּעסמאַן) . 349
א. קרילאָוו. דער הזיר (פאַבעל; יו־דיש פון מ. ריווּעסמאַן . 352
י. ל. פּרץ. היהנערשע הלומות (אַלע־גאָריע) 353
מ. ראָזענפעלד. יהודית (פּאָעמאַ) . 355
ש. פרוג. דעם שמש'ס טאָכטער (באַ־לאַדע 362

	זייטע
יהואש. די ריינינקייט (באַלאַדע) .	369
י. ל. פרץ. שלום-בית (אידיליע) . .	370
דוד איינהאָרן. אידיליע . . .	373
א. רייזען. דער בוים (נאָוועלע) .	373
שלום עליכם. רחל'ע און סטעמפעניו (פונ'ם ראָמאַן „סטעמפעניו") .	379
ל. נ. טאָלסטאָי. אננאַ קאַרעונינאַ (קאַפּיטלעך פון ראָמאַן) . .	384
קנוט האַמסון. דער לעצטער בריעף (פונ'ם ראָמאַן „וויקטאָריא"). .	395
פריעדריך שיללער. ווילהעלם טעלל (טראַגעדיע)	398
נ. גאָגאָל. דער רעוויזאָר (קאָמעדיע)	403
י. גאָרדין. גאָט, מענש און טייוועל (דראַמע)	410
פּ. הירשביין. אויף יענער זייט טייך (לירישע דראַמע) . .	418

צווייטער טייל

פון דער גרויסער וועלט.

יהואש.

נאכט.

שפילענדיג גרייזעלט דער נאכט־ווינד די גראזען,
ס'וויעגען די ווערבעס פערשלאפען דעם קאפ.
טויזענטער גאלדענע אויגען אין הימעל
פונקלען און שפיגלען אין וואסער זיך אב....

רייד ניט א ווארט איצטער... האלט אויף א רגע
איין פון התפעלות דאס זיסע געפיהל.
שהו ווי דער הימעל, דער טייך און די ווערבעס:
אימליכער חלומ'ט זיין טרוים אין דער שטיל...

ז. שניאור.

א שטעדטעל אין בעסאראביען.

אונזער געזינדעל מיט נאך עטליכע יודישע משפחות האבען נישט געוואוינט גופא אין דעם שטעדטעל, וועגען וועלכען איך דערצעהל אייך; צווישען אונזערע נחלאות און דעם שטעדטעל האט געפלייצט ווי העל־בלאה לעבעדיג גלאז דער דניעסטער. און אזוי ווי אונזער הויפעל איז געשטאנען אויף א בארג, האט זיך דאס גאנצע שטעדטעל פון אונזערע פענסטער געזעהן, ווי ביי זיך אויפ'ן האנד....

א סך, א סך הייזלעך האבען זיך געזעהען פון יענער זייט טייך. ווייסינקע, ריינינקע, שטענדיג אויסגעקאלכטע, מיט שווארצע פאסען ביי די ווינקלען—גאכ'ן קליין־רוסישען געשמאק. זומער האבען זיך די דאזיגע הייזלעך געטרונקען אין אקאציעס און אין גרינס פון די ארומיגע ווייגגערטנער. און קוקענדיג פון בערגעל איבער'ן דניעסטער, האט זיך אפטמאל געדאכט, אז א סך, א סך יונגע מיידלעך, אנגעטהאן אין ווייסען, בעהאנגען מיט שווארצע סטענגעס, זענען פערלאפען אין סאמע געדיכטען גרינס אריין און גענומען זיך פאר די הענד צו געהן א קאראהאד.....

און ווינטער איז די גאנצע לאנדשאפט געווען וויים. די הייזלעך וויים. די בוימער וויים. די רונדע וויינגערטנער־בערג — ווייס... שא, שטיל, נאר דער געגרייזעלטער רויך פון די קוימענס פלעגט אנזאגען, אז מיטאג־צייט, ווען פערשוויצטע יודען מיט ברייטע פלייצעס קומען אהיים פון די שפייכלערס און קעלערס, וועלען זיי געפינען דעם טיש געגרייט, און רויט־באקענדיגע טעכטער וועלען דערלאנגען עסען, און געזעצטע חדר־יונגלעך מיט שווארצע אויגען וועלען שטיפען און ליארעמען ארום זיי...

אפטמאל פלעג איך זעהן, ווי די דאזיגע יודען קומען צו מיין טאטען מאכען געשעפט... און דערנאך, ווי מען טרינקט „מאהאריטש", און ווי א חוואט א יוד דערלאנגט מיין טאטען א פאטש אין פלייצע אריין פון גוט־ברודערשאפט. און ווי מיין טאטע — אויך ניט קיין שוואך קערעל — גיט זיך א בויג אין דרייען... געזונטע יונגען, זאג איך אייך, זענען דאס געוועזען מיט געזונטע נשמות, מיט געזונטע זיהן, מיט טעכטער מיט פערברענטע

פּנימ׳ער. איך רעכֿען, אַז קיינער פֿון אײַך האָט נישט געזעהן, ווי יודישע טעכֿטער אַרבייטען אויפ׳ן פֿעלד. אונטער דער הייכער בעסאַראַבער זון האָט מען דאָס וואו ניט וואו געקענט זעהן...

און דערנאָך, אַז איך בין געפֿאָהרען קיין אָדעס לערנען זיך און איך בין אַרויף אויף מאָלדאַוואַנקע און דערזעהן אונזערע יודעלעך דאָרטען מיט די דינע פּיסלעך, מיט די גרויסע מאָהנענדיגע אויגען, האָב איך זיך גענומען פֿיהלען אַזוי יתום׳דיג, אַזוי אומגליקליך.... איך האָב כּמעט ווי מורא געהאַט בעגעגענען זיך מיט די דאָזיגע מענשען.

פּ. הײלפּערן.

צווישען די בערג.

איינע פֿון די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע האָבען די בערג זיך געצויגען מיט זייערע שטאַרקע, ווי פֿון שטאָהל אויסגעגאָסענע רוקענס אַרויף אין דער הויך; שטאָלץ און לייכֿט האָבען זיי געשטיצט דעם הימעל און פֿערטראַכֿט אַריינגעקוקט אין דער פֿרייער האַלבער וועלט, וואָס איז פֿאַר זיי אָפֿען געווען. און גרויסע מחשבֿות, לויטערע, ווי די לופֿט, וואָס צווישען זיי, טיעפֿע ווי דער הימעל, וואָס איבער זיי, האָבען זיך געהויבען אין זייערע קעפּ. דאָס זענען געווען מחשבֿות וועגען דעם, אַז אַמאָל, אין די ערשטע יונגע יאָהרען פֿון דער ערד, האָט זיי גאָט אַוועקגעשטעלט און געזאָגט צו זיי: שטעהט אויף אייער אָרט און היט מיר די וועלט מיינע און זייט מיר אַ שטאַפּעל צו מיין הימעל אַרויף! און זינט דעמאָלט שטעהען זיי אויף איין אָרט און זעהען ביי זיך צופֿוסען דעם גרינעם טהאָל, וואו שעהנע בלומען בליהען און שמעקען, קריסטאָלענע טייכֿלעך רינען און מורמלען, און מענשען און חיות געהען אַרום צווישען די שמעקענדיגע בלומען און שווינקען זיך אין די קריסטאָלענע וועלען; און זינט דעמאָלט שטעהען זיי אויף איין אָרט און זעהען איבער זייערע קעפּ דעם הויכֿען הימעל, וואו ליכֿטיגע שטערען שיינען און ווינקען, לויטערע זונען רופֿען און לייכֿטען; און זינט דעמאָלט שטעהען זיי אויף איין אָרט, הויכֿע און גרויסע, און די צייט געהט און געהט, ציהט אָהן מידיגקייט און אָהן אויפֿהער איהר לאַנגען וועג איבער זייערע זילבערנע קעפּ און בלייבט שטענדיג אויף איין אָרט — אַ יונגע און אַ נייע...

ה. ד. נאָמבערג.

ווינטער אין די בערג.

נאָך האַלבער נאַכֿט זענען מיר אַרויסגעפֿאָהרען פֿון מינכֿען און אָנגעקומען קיין קופֿשטיין פֿאַר טאָג. מיר האָבען אָבגערוהט אין אַ רעסטאָראַן אַ שעה צוויי, ביז ס׳איז טאָג געוואָרען, אָנגעטהאָן די זעקלעך אויף די פּלייצעס, גענומען די לאַנגע שטעקענס אין די הענד און זענען אַרויס פֿון שטוב.

די שטאָדט איז געלעגען איינגעהילט אין אַ טיפען נעבעל. מיר האָבען אפילו נישט געזעהן די הייזער פון דער געגענאיבערדיגער זייט אין מאַרק. דאָס איז נישט געווען קיין געוועהנליכער נעבעל, נאָר אַ דיקע המאַרע, וואָס האָט זיך אַראָבגעלאָזט אין טהאָל אַריין פון די בערג און האָט שווער געלויערט איבער אַלעס און איבער אונז. מענשען האָבען געוואַנדעלט אינמיטען דער חמאַרע, ווי שאָטענס, און האָבען אויסגעזעהן צו מאַכען מאָדנע בעוועגונגען. ציימענווייז האָבען זיי זיך פערלאָרען און צוריק בעוויזען, אַרויסשווימענדיג פון דעם גראָהען ים. פון דער ערשט אויפגעגאַנגענער זון איז קיין שפור נישט געווען צו דערקענען. און טראָץ דעם נעבעל איז געווען גענוג קאַלט, פראָסטיג און גליטשיג.

אַז מיר האָבען זיך אויפגעהויבען אויף 250 — 200 מעטער הויך, האָבען מיר בעמערקט, אַז דער נעבעל איז פערשוואונדען. די לופט איז געווען קלאָר און דורכזיכטיג, האָטש אַרום זיך האָבען מיר גאָר נישט געקענט זעהן. מיר האָבען זיך געפונען צווישען בוימער, פון ביידע זייטען וועג איז געלעגען דער פערפרוירענער שניי, און דער וועג אַליין האָט זיך טיעף איינגעשניטען אינמיטען; מיר האָבען איהם געזעהן פאַר זיך נאָר איניגע מעטער, ווייל באַלד האָט ער זיך געבויגען און גענומען אָן אַ זייט און געפיהרט אונז מיט זיגזאַגען, ווי אַלע בערג-וועגען.

געהענדיג אַזוי, האָבען מיר אָנגעהויבען צו בעמערקען ליכט-פלעקען אין די שאָטענס פון די בוימער, וואָס האָבען זיך אויסגעריסעוועט אויפ׳ן שניי. מיר האָבען אויפגעהויבען די אויגען און דורך דעם געפלעכט פון צווייגען האָבען מיר דערזעהן שטיקער בלאָהען הימעל. אונז אַלע איז מיט אַמאָל געוואָרען פרעהליכער. מיר האָבען שוין לאַנג נישט געפיהט קיין קעלט אין קערפער, זענענדיג דערוואַרימט פון אונזער אייגענער בעוועגונג, און מיר האָבען זיך גענומען געהן מיט מעהר קוראַזש. אונזער וועג האָט זיך געדרעהט און געדרעהט ווי אַ שלאַנג; דערזעלבער צעטראָטענער שניי פון אונטען, דערזעלבער פערפרוירענער שניי פון די זייטען, און אַזוי אָהן אויפהער. די ליכט-פלעקען און די שטיקער בלאָהען הימעל זענען ציימענווייז אינגאַנצען פערשוואונדען. מיר זענען שוין געגאַנגען מעהר ווי אַ שעה צייט, און דער וועג ביז צום שפיץ באַרג איז געווען אויסגערעכענט אויף 5—4 שעה.

נאָר אָט האָט אונזער וועג זיך שוין אַרויסגעדרעהט פון וואַלד, און פלוצלונג האָבען מיר זיך געפיהלט בעגאָסען מיט אַ העלער און וואַרימער ליכטיגקייט. אַ גלאַנצענדיגע, קריסטאַל-לויטערע ווייסקייט האָט אָנגעשלאָגען אויף אונזערע אויגען פון אַלע זייטען. גאָר אומגעריכטערהייט זענען מיר אַריבערגעטראָגען געוואָרען אין אַ נייער, ווייסער, ליכטיגער וועלט אַריין. מיר האָבען אויפגעהויבען די אויגען: דער הימעל איז געווען קלאָר, אָהן איין וואָלקענדעל, און האָט געבלישטשעט און געבלענדט, ווי אַ געשליפען גלאָז; אַרום איז געווען אַ וועלט פון שניי. ער האָט געפינקעלט אַרום אונז פון אונטען, פון אויבען, פון אַבגרונדען, פון די טיעפע טהעלער, פון די שפיץ בערג, וואָס האָבען אונז אַרומגערינגעלט — פון אַלע זייטען. דאָס אויג האָט זיך געבאָדען אין דער העלער ליכטיגקייט, ווי אין אַ קוואַל פון נחת,

און האָט זיך געקוויקט ביז צו וועהטאָג, ביז צו טרעהרען; מיר זענען געבליבען שטעהן איבערראַשט און ענטציקט.

אונזער וועג האָט יעצט געפיהרט אויפ'ן סאַמע ראַנד פון באַרג, און די גאַנצע אומגעגענד אַרום אויף עטליכע מייל האָט זיך ענטפּלעקט פאַר אונזערע אויגען. צופוסען פון באַרג איז געלעגען דער אין־טהאָל. באַגרענעצט פון דער צווייטער זייט מיט הויכע בערג; איבער דעם טהאָל האָט זיך געשלענגעלט דער טייך אין, וואָס האָט אויסגעזעהן אויפ'ן פאָן פון ווייסען שניי, ווי אַ שמאָלער, גראָהער פאַס. אין ווינקעל פון טהאָל האָבען מיר דערזעהען די הייזער פון קופשטיין, צוזאַמענגעוואַקסען אין איין קופּע, קליינע, ווי קאָרטען־שטיבלעך. איבער זיי האָט זיך נאָך געטראָגען אַ דינגע פאַרע, וואָס האָט מיט אַ פליגעל בעריהרט דעם געגענאיבערדיגען באַרג: דאָס איז געוועזען דער נעבעל, וואָס האָט געלויערט אויף דער שטאָדט, ווען מיר האָבען זי פערלאָזט.

און אַרום זענען געשטאַנען די בערג פון פערשיידענער הויך, פון פערשיידענע געשטאַלטען. זיי האָבען זיך צוגעפּרעסט איינער צום אַנדערען אָדער געקראָכען איינער דעם אַנדערען אויף דעם קאַרק. טייל האָבען אויסגעזעהען מוראַ'דיג מיט זייערע שאַרפע איבערגעריסענע ליניען; טייל זענען געוועזען אויסגעוואָקסען אין ווייכע, פיינע געשטאַלטען. און אַלץ דאָס האָט געבלאַנקט און געפינקעלט, בעדעקט מיט שניי און בעגאָסען מיט ליכט. אין דער זייט האָבען מיר געזעהען אַ קליינע גרופּע בערג מיט דריי ווילדע, הויכע שפּיצען. וואָס האָבען זיך גלייך געצויגען צום הימעל. זיי האָבען אַראָבגעטרייסעלט פון זיך דעם שניי, אַרויסגעוויזען זייער נאַקעטע, גראָהע, פעלזיגען קערפּער, און האָבען אויסגעזעהען ווי פערשאָלטענע ריזען, בייזע און שלעכטע, וואָס זענען גרייט אַלץ אומצוברייננגען, נאָר זיי זענען צוגעשמידט צום אָרט דורך נאָך אַ שטאַרקערער מאַכט... מיר האָבען דערקענט דעם „ווילדען קייזער". פיעל שרעקליכע לעגענדעס, זעהר פּאָפּולערע אין טיראָל, זענען פערקניפּט מיט דעם נאָמען.

מיר האָבען נישט געפיהלט קיין מיעדקייט, האָטש מיר זענען שוין געוועזען עטליכע שעה אין וועג. די פיס האָבען זיך ווי אַליין בעוועגט, מיר האָבען איינגעאָטעמט די פרישע, לייכטע, קריסטאָל־ריינע בערג־לופט, און יעדעס אויפעטעמען און אָבעטעמען האָט פערשאַפט אַנ'אונבעקאַנט פערגעניגען. דער פעלזיגער קאַרק פון „ווילדען קייזער" האָט געדריבערט, און אַ קליין, קליין וואָלקענדעל האָט זיך געצויגען פּאַמעליך און האָט אויסגעזעהן, ווי אַנ'אונבעהאָלפען בעשעפעניש, וואָס קלעטערט צו אַ פערבעהאַלטענעם נעסט ערגעץ אין די שפּאַלטען פון באַרג. וואָס העכער מיר זענען אַרויפגעקומען, אַלץ נייע שפּיצען האָבען זיך געוויזען, נייע געגענדען, נייע טהאָלען און פעלנער, און העט־העט ווייט האָבען געשימערט אין דער קלאָרער לופט די אַלפען, ליגענדיג אָנגעלעהנט אויפ'ן הימעל; טיילמאָל זענען זייערע סילועטען שאַרף אַרויסגעטרעטען פאַר'ן אויג, טיילמאָל האָבען זיי אויסגעזעהן, ווי אַ מענגע וואָלקען בעגאָסען מיט ליכט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי רוקען זיך פּאַמעליך. דער אין־טאָל, דער טייך, די שטאָדט און איהר אומגעגענד זענען אינגאַנצען פערשוואונדען; מיר האָבען זיך גע-

פֿילט אָפּגעריסען פֿון יענער וואָלעדיגער, גראָהער וועלט, וואָס מיר האָבען פֿערלאָזט. דריי מענשען אַליין צווישען בערג און פֿעלזען און וואָלקען און שניי. די אונגעוועהנליכע מונטערקייט, וואָס איז געוואַקסען אין אונז, האָט זיך געזוכט אַ וועג אַרויס, און מיר האָבען אָנגעהויבען צו זינגען, צו לויפֿען, צו שרייען, און דאָס ווידער־קול האָט אונז אָפּגעענטפֿערט פֿון אַלע זייטען.

ה. ד. נאַמבערג.

זון־אונטערגאַנג אין די בערג.

דער וואָלקען, וואָס איז געלעגען אונטער אונז, האָט זיך גענומען רויטלען. ערשטערווייז זענען געלעגען פּורפּורנע פּאַסען; באַלד איז דער פּורפּור געוואָרען פֿייערדיג־רויט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די געדיכטע מאַסע האָט זיך אָנגעצונדען און פֿלאַקערט. נעהנטער צו אונז איז דער וואָלקען געווען טונקעל און איבערגעצויגען מיט אַ ליכטער וויאָלעט־פֿאַרב. די טעמפּעראַטור איז ראַש געפֿאַלען. אַלע ענדערונגען זענען דאָ פֿאָרגעקומען מיט אַן אונגעוועהנליכער שנעלקייט. אויף דעם וואָלקען האָט זיך אָנגעהויבען אַ שפּיעל פֿון פֿאַרבען, וואָס האָבען זיך געביטען פֿון מינוט צו מינוט, טונקעלער און העלער געוואָרען. עס האָט אויסגעזעהן, ווי ליכטיגע שאָטענס פֿון ראָזע, רויט, פּורפּור און וויאָלעט זאָלען ציהען אַהין און צוריק, בייטען די ערשטער און אויסשטויסען איינער דעם צווייטען. די זון איז אָנגעקומען נעהענטער און האָט זיך גענומען טונקען אין דעם וואָלקען, גלייך ווי זי וואָלט זיך וועלען אויסבאָדען אין דעם ים פֿון די פֿאַרבען. אַרום האָבען אַרויסגעשטאַרט די בערג און האָבען שטיל און ערנסט זיך צוגעקוקט, ווי צו אַ הייליגער צערעמאָניע. זייערע שפּיצען זענען געווען נאָך העל באַלויכטען, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי בעוואונדערען אַט דעם וואָלקען, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט אין זייערע שפּאַלטען און האָט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין און האָט זיך פֿערשפּרייט און צעלייגט איצט אין די זון.

באַלד איז פֿערשוואונדען געוואָרען דער לעצטער שטריך פֿון דער זון, און די שפּיצען פֿון די בערג האָבען אַליין נאָך געפֿינקעלט און געלויכטען. דער וואָלקען אונטען איז מיט אַמאָל טונקעל געוואָרען, און נאָר אויף דעם אָרט, וואו די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט אַליין געברענט אַ פֿייער, גלייך ווי אונטער איהם וואָלטען גליהען פֿייערדיגע קוילען.

עס איז געוואָרען טרויעריג־טונקעל, פֿראָסטיג, די פֿאַרבען זענען אויסגעלאָשען געוואָרען, און דער וואָלקען האָט גענומען ווערען גראָהליך־שוואַרץ. נאָר אויף די שפּיצען פֿון די בערג זענען נאָך אַליין געלעגען ראָזע שאָטענס. גלייך הינטער אונזערע אַקסלען איז געלעגען דער קיילעכדיגער שפּיץ פֿון אונזער באַרג. מיר האָבען זיך אומגעקוקט און ניט געגלויבט די אייגענע אויגען. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ פֿאַרביגען מאַנטעל, וואָס זיין קאָליר איז ניט מעגליך צו בעצייכענען מיט ווערטער. דאָס איז געווען אַן־צאַרט ראָזע, געמישט מיט וויאָלעט, צאַרט און ווייך, ווי די פֿאַרבען, וואָס מיר זעהען נאָר אין חלום, און ווייטער, ווייטער, וואו נאָר דאָס אויג האָט

הערגרייכט. האָבען געגליהט אין דער דעמערונג די שפּיצען פון די אַל־פען, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי זינגען אַ שטילע מעלאָדיע אַלע אין איין כאָר און אַז אין דער טונקעלער לופט ציטערט דאָס געזאַנג און ווערט פערלאָרען...

א. רייזען.

דער צוג.

איך זיץ אַליין, די נאַכט איז שפּעט;
עס קלעמט דאָס האַרץ און דריקט מיר שווער;
אַרום איז שטיל, נאָר פון דער ווייט
פייפט אוים דער צוג — איך זיץ און הער.

טרו—טרו—טרו—טרו! — ער רופט, ער רופט,
מיין אַלט־בעקאַנטער, ליעבער צוג.
טרו—טרו—טרו—טרו! — וואָס זיצסטו דאָ,
וואָס ליידסטו דאָ? גענוג, גענוג!

טרו—טרו—טרו—טרו! — דו ביסט נאָך יונג,
דו ביסט נאָך יונג, געזונד און פריי!
וואָס זיצסטו דאָ אין פוילער רוה? —
טרו־טרו!... קום, וואַנדער אויף דאָס ניי!...

א. רייזען.

פון שטעדטעל אין שטאָדט.

I.

אין אַ רעגענדיגען פרימאָרגען נאָך סוכּות איז גרשון, אַ יונגעל פון אַ יאָהר 17, אַרויסגעפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט.

פון שטעדטעל אין דער גרויסער שטאָדט איז אַפילו געגאַנגען די אייזענבאַהן, און אַ בילעט האָט געקאָסט פיער גילדען מיט 2 קאָפּיקעס. אָבער פון שטעדטעל פלעגען אין דער גרויסער שטאָדט אויך פאָהרען בעלי־עגלות, מיט וועלכע עס האָט געקאָסט דאָס פאָהרען נאָר אַ פערטעלע פון אַ פּאַרשוין, און פאַר אַזאַ יונגעל, ווי גרשון, נאָר אַ גילדען, ווייל אַזאַ יונגעל פאָהרט ניט, נאָר ער „פאָהרט אונטער“.

געזעסען איז ער אַפילו אין בויד. נאָר אַזוי ווי דאָס פאָהרען האָט געדויערט כמעט אַ מעת־לעת און דער רעגען האָט די גאַנצע צייט געגאָסען, איז גרשון געקומען אין דער גרויסער שטאָדט אַ נאַסער און אַ דערפראָרענער.

II.

געקומען אין דער גרויסער שטאָדט, איז דער בעל־עגלה פערפאָהרען

אויף דער אַכסניא, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פֿון גרשון׳ס שטעדטעל. אָבער אַז גרשון איז אַראָב אויפ׳ן הויף און האָט זיך אומגעקוקט אויף די גרויסע הייזער, וואָס אין הויף, און אויף די פֿיעלע נייע מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרט אַרומגעדרעהט, האָט ער זיך דערפֿיהלט אַניעלענדער און אַ פֿרעמדער, און אַפֿילו דער בעל-עגלה, וועלכער איז זייערער אַ נאָהענטער שכן, האָט איהם אויך אויסגעוויזען פֿרעמד און בייז, און זיין האַרץ האָט דורכגענומען אַ קלעמעניש און אַ בענקעניש...

אַז דער בעל-עגלה זיינער איז אַריין אין דער אַכסניא, איז גרשון, נעהמענדיג דאָס קעסטעל, איהם נאָכגעגאַנגען, חאָטש ער האָט ניט געוואוסט, צו וועמען און צי מעג ער — עס איז דאָך אַ פֿרעמדע שטוב. ער איז דאָך אַריינגעגאַנגען און האָט דאָס קעסטעל אַוועקגעשטעלט נעבען טיש.

— ניין, זוהנעניו! דאָ איז ניט קיין אָרט פֿאַר אַ קעסטעל. איך האָב בילכערע אורחים...

דאָס איז געווען דער ערשטער ברוך-הבא פֿון דער בעל-הבית׳טע.

גרשון האָט אַ דערשראָקענער אויפֿגעהויבען דאָס קעסטעל און ניט געוואוסט, וואו אַוועקצושטעלען עס; ער האָט נאָר געקוקט מיט בעטענדיגע בליקען אויף דעם בעל-עגלה, וואָס האָט איהם געבראַכט.

— נו, בחור׳ל, — האָט זיך דער בעל-עגלה צו איהם געווענדט אַביסעל היימיש, — דאָ איז פֿאַר דיר קיין אָרט ניטאָ... דאָ, ברודער-לעבען, קאָסט געלד... האָסט דאָך ערגעץ אַ קרובֿה... געה, זוך זי אויף, און וועסט דאָרטען שוין זיין. זי וואוינט אויפ׳ן וואַל, ניט וויט... ביי שמואל דעם שוחט אין הויז. וועסט פֿרעגען, וועט מען דיר ווייזען...

דערהערט דאָס וואָרט קרובֿה, האָט זיך גרשון דערמאָנט אָן באַשע, אָן זיין שני בשלישי, און אַ וואַרעמער שטראָם האָט דורכגעפּלייצט דורך זיינע גלידער.

און פֿערגעסענדיג, צו ניט וועלענדיג זיך אָבזעגענען מיט׳ן בעל-עגלה, איז גרשון אַרויס אויפ׳ן גאַס, און אַ פֿערטעל שעה נאָכאַנאַנד האָט אין דער רישענדער שווערער גרויס-שטאָדטיגער לופֿט געקלונגען אַ שטילע פֿראַגע פֿון אַ בלייכען, דערשראָקענעם יונגעל:

„ווי געהט מען דאָ אויף דעם וואַל? שמואל דעם שוחט׳ס הויז?“

III.

אַז גרשון איז אַריינגעקומען אין דעם גרויסען הויף פֿון שמואל דעם שוחט, האָבען איהם אַ בליק געטהאָן פֿון אַ פֿענסטער צוויי אויגען פֿון אַ הויכער רייך-געקליידעטער יודענע. „דאָס איז באַשע“! — האָט איהם אַ קלונג געטהאָן אין קאָפּ, און ער האָט זיך גלייך געלאָזט געהן צו יענער ווייסער טהיר נעבען דעם פֿענסטער, פֿון וואַנען די הויכע רייך-אָנגעטהאָנענע יודענע האָט אַרויסגעקוקט.

צוקומענדיג צו דער טהיר און ניט קענענדיג זי עפֿענען, האָט ער פֿאַר גרויס אויפֿרעגונג, וואָס אָט באַלד איז ער ביי זיין קרובֿה באַשע, אָנגעהויבען קלאַפּען מיט אַלע זיינע כחות. באַלד האָט ער זיך אָבער אַליין איבערגעשראָקען פֿאַר זיינע קלעפּ: ווער ווייסט, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט!

די טהיר האָט עמיצער געעפֿענט, און ער האָט פֿאַר זיך דערזעהן די הויכע רייך־אָנגעטהאָנענע יודענע מיט אַ בייזען בליק:

— וואָס קלאַפּט איהר! — האָט זי געשריען, — וועמען דאַרפֿט איהר?

און איידער ער האָט געענטפֿערט, זענען שוין אין דער אָפֿענער טהיר געשטאַנען עטליכע קינדער, גרעסערע און קלענערע, און גרשונ'ען האָט גע־קלונגען אין קאָפּ: באַשע'ס קינדער, זיינע גליעד־שוועסטער־קינדער!... און אַ דערמונטערטער פֿון דעם געדאַנק האָט ער צוהיצט אַרויסגערעדט:

— איך דאַרף באַשע'ן... מיינע אַ שוועסטער־קינד...

אָנשטאָט אַן ענטפֿער, אָנשטאָט: „אַ, סאַר'אַ גאַסט!" וואָס ער האָט אויף זיכער ערוואַרטעט, האָט ער דערהערט אַ הילכיגען געלעכטער פֿון די קינדער. וואָס זענען געשטאַנען אין דער אָפֿענער טהיר, און אַ בייזען ענטפֿער פֿון דער יודענע:

— ניטאָ דאָ קיין באַשע... שלים'מזל איינער... — און ווידער אַ גע־לעכטער פֿון די קינדער און נאָכדעם אַ האַק מיט דער טהיר...

און גרשון האָט זיך ערשט דערפֿיהלט עלענד, אָבער ער האָט ניט פֿערגעסען גאָר צו דאַנקען, וואָס דאָס איז ניט באַשע, זיין שני־בשלישי... אַזאַ שלעכטע, אַזאַ בייזע...

און ער איז געגאַנגען איבער'ן הויף און געזוכט די אמת'ע באַשע, זיין קרובה, וואָס איז אַזאַ הייסע, אַזאַ גוטע.

נאָר אין די אויערען האָט איהם געקלונגען דאָס געלעכטער פֿון די קינדער און „ניטאָ דאָ קיין באַשע" פֿון דער יודענע, און עס האָט איהם עפּיס געשראָקען...

איבערטאַפּענדיג, שוין פֿאַרזיכטיגער, נאָך אַ צעהנדליג דירות און אָנ־הערענדיג זיך זידלערייען און בעליידיגונגען, איז אין אַ האַלבע שעה אַרום גרשון אַריין אין אַ נידעריג הייזעל אין ווינקעל הויף, און זייענדיג זיכער, אַז דאָ איז דאָס געווים ניט, האָט ער דאָך אַ פֿרעג געטהאָן ביי אַ נידעריגער, איינפֿאַך געקליידעטער יודענע מיט אַ פֿערזאָרגט פּנים: „וואו וואוינט דאָ באַשע?".

— אויף וואָס דאַרפֿסטו זי? — האָט די יודענע אויסגעשטעלט פֿאַר־שענד די אויגען און געקוקט ווי מיט שרעק און חשד.

— זי איז אונזערע אַ קרובה...

— וועמעס ביזטו? — האָט די יודענע געפֿרעגט און ניט אַראָבגענומען די אויגען פֿון איהם און פֿון דעם קעסטעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די הענד.

— איך בין חייענס, פֿון ביעדנאָווקע...

— דאָס בין איך, — האָט די יודענע קאַלט געענטפֿערט, — שטעל אַנידער דאָס קעסטעל. וואָס טהוסטו דאָ?

גרשון איז מבולבל געוואָרען, דערהערענדיג, אַז אָט די נידעריגע, אָרים־געקליידעטע יודענע איז דאָס טאַקי באַשע, פֿון וועלכער ער האָט זיך אַזוי פֿיעל אָנגעהערט און צו וועלכער עס האָט איהם אַזוי געצויגען. ער האָט ניט

געקענט ענטפֿערען און איז נאָר געשטאַנען און געקוקט, ווי ער וואָלט וועלען פֿרעגען:

— זענט איהר טאַקי באַשע? פֿאַר וואָס זענט איהר אַזאַ נידעריגע?...

.IV

אין אַ ווײלע אַרום האָט באַשע איהם אַרײנגעפֿיהרט אין שטוב. אַרום טיש זענען געזעסען דרײ קינדער, צװײ מײדלעך און אַ בחור׳ל אין גרשונ׳ס יאָהרען. זײ האָבען אויף איהם אויסגעשטעלט מאָדנע פֿערוואונדערט די אויגען, און אײן מײדעל האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געפֿרעגט:

— מאַמע, ווער איז דאָס?

— אונזערער אַ קרובֿ... חײענע׳ס פֿון ביעדנאָװקע.

די קינדער האָבען זיך איבערגעקוקט און באַלד אָנגענומען זײער פֿרײערדיגע פּאָזע, ווי קײן גרשון וואָלט ניט נאָר בײ זײ אין שטוב, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניט געווען.

גרשון האָט אויף זײ געקוקט און גע׳חשבונ׳ט זײן אַלטען חשבון:

זײנע קינדער און זײערע קינדער וועלען אַמאָל זײן גליעד־גליעד־שװעסטער־קינדער. „ווײטע קרובֿים!” — האָט ער אַ זיפֿץ געטהאָן, פֿיהלענדיג, אַז אויך זײ און אַפֿילו באַשע, די שני־בשלישי אַלײן, זענען איהם עפּעס ווײט און פֿרעמד. און דערמאָנענדיג זיך, אַז זי האָט זײן מאַמען געליהען אַ פֿערטעל צו אַ בילעט, האָט ער זיך מאָדנע געוואונדערט און ניט געגלױבט.

— וואַש זיך עסען! — האָט איהם פּלוצים איבערגעשלאָגען זײנע מחשבֿות באַשע׳ס קול.

נאָר אויך די גאַסטפֿרײנדליכקײט האָט איהם פֿרעמד געקלונגען. געווען איז גרשון הונגעריג, נאָר געגאַנגען איז ער זיך וואַשען ניט צוליעב דעם עסען, נאָר צו פֿאָלגען, וואָס די פֿרעמדע יודענע הײסט.

אַז ער האָט זיך געזעצט עסען און גענומען דעם ערשטען ביסען אין מויל, איז אין פֿאָר־הויז עמיצער אַרײן. אַ מײדעל, גרשונ׳ס אַ גליעד־שװעסטער־קינד. איז צו איהם אַרויס, איז צוריק אַרײן און געזאָגט:

— מאַמע, אַן אָרימאַן איז אַרײן.

— זאָג איהם: ניטאָ וואָס צו געבען.

און פֿאַר זיך האָט זי אונטערגעברומט:

— איך האָב אײגענע אָרימע לײט....

גרשון האָט עס דערהערט און האָט זיך געוואָרגען מיט אַ ביסען. איצט האָט ער שוין פֿערשטאַנען, וואָס ער איז באַשע׳ס: אַן אײגענער אָרימאַן....

מענדעלע מוכר ספרים.

דער פלאץ אין א יודישער שטאדט.

דער פלאץ איז דאס הארץ פון דער שטאדט, דארט קלאפט זיך תמיד, טאג אי נאכט. און דארט איז איהר חיות, דאס גאנצע לעבען. דארט שטעהען קלייטען, קלייטעלעך, שאפקעס און די בעקאנטע גנבה-שאפקעלעך, וואו בעלי-מלאכות זעצען אב דעם יתור: שטיקלעך מאטעריע, טאשמעס, בענדלעך, סאמעט און שטיקלעך פעלץ. דארט רודעוועט זיך זעהר שטארק, עס שוויבעלט און גריבעלט; א געדיכטטער עולם אהן עין-הרע: יודען שטופען זיך און האפען, נעבעך, פון איטליכער זייט דישלעס פון וואגענס און פארקעס. דארט הערט מען תמיד א קול: „הייסע באבקעס, יודעלעך! אהער, רעטשאניקעס, קנאבעל, ציבעלעס, יודישע קינדער!“ דאס גיעהען ארום אבגעריסענע יונגלעך און שרייען מיט עפעס א משונה נגון. דארט האפט מען אמאל פארנאכט א דאווען, מען איז מחדש גאנץ הויך די לבנה און מען שרייט דערביי צו איטליכען, וואס געהט נאר פארביי: „שלום עליכם, פעטער!“ דארט שטעהען טרעגערס ארומגעגארטעלט מיט גראבע שטריק, אויסגעדיענטע סאלדאטען מיט אלטע חאלאוועס און אויסגעריבענע שינעלען, טאנדעטניקעס מיט אלטע תחתונים, קאפטענס, לייבלעך און נאך אלערליי שמאטעס. אינמיטען שטעהט דער פאני סטאראזש און עסט געשמאק א שטיק יודישען קוילעטש, וואס ער בעקומט שבת פאר די ליכט אבשנייצען, און היט זיך להבדיל, ווי א שמירה'ניק, בשעת ער גיט א ביס, עס זאל, חלילה, קיין ברעקעל נישט אראבפאלען. קעשענע-גנבים דרעהען זיך דארט ארום צו מאכען די קונץ. עפעס א פערשמירט מיידעל מיט צעשויבערטע, צעפאטעלטע האר שפרינגט פלוצלים פון דער העלער הויט ארויס, רעוועט, בעט א נדבה אויף א צעריפעטען קול. א פעקעל ווייסע הברה לויפט דארט מיט א הורא נאך עפעס א משוגע'נעם, וואס זינגט טרויעריגע לידלעך, האלב יודיש, האלב פויליש, און טראגט אויפ'ן קאפ א צעקנייטשט קאפעליושעל. דארט שטעהט א בחור מיט עפעס א מין קעסטעלע, יודען קוקען אהינצו אין לאך, און ער רעדט דערביי מיט פיסקעס זיין געוועהנליכען פזמון: „דאס איז לאנדאן, דער פייפס פאהרט דא רייטענדיג אין רויטע הויזען, און אלע שטעהען פאר איהם אהן א היטעל! איצט זעהט איהר, ווי נאפאלעאן מיט זיינע פראנצויזלעך שלאגען זיך מיט דעם פריים, און די פרייסען צעלויפען זיך ווי די טאראקאנעס!“ דארט זיצען שורות-וויז אויסגעזעצט יודענעס מיט מולטערס, פול אנגעלעגט מיט בינדלעך קנאבעל, מיט אוגערקעס, קארשען, אגרעסען, ווייםפערלעך, ארץ-ישראל-עפעלעך, כל-נדרי-בארלעך און מיט נאך אנדערע זאכען. אין דער זייט שטעהט אויף היהנערשע פיסלעך אנ'אלטע איינגעהויקערטע בודקע, אהן טהיר און פענסטער, וואס כפי אלטע גרייז-גראהע יודען דערצעהלען, איז אמאל דארט געשטאנען א בודאטשניק, און די גאנצע שטאדט איז דעמאלט געלאפען אנקוקען די בודקע מיט דעם סאלדאט אויף חידושים. נעבען דער אלטער בודקע, דארט אונטער עפיס א מין דעכעל בעדעקט מיט עטליכע פערשימעלטע ברעטלעך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראגאזשעס, אנגעשפארט אויף פיער קרומע אויסגעבויגענע סלופעס, זיצט דוואסע די טעדעלע, ארומ- 170

געריבעלט פון אַלע זייטען מיט מולטערס. ביי איהר געפינט זיך תמיד איהר גרויסער פייערטאָפּ, וואָס ווינטער זיצט זי אויף איהם, ווי אַ קוואָטשקע אויף די אייער, דעם גאַנצען טאָג כסדר, נאָר וואָס זי חאַפּט איהם אַמאָל פון אונ־טער איהר אַרויס אונטערצובלאָזען די קוילען און אַרויסצונעהמען פונ׳ם אַש געבראָטענע קאַרטאָפלעס.

י ת ו ר — איבערגעבליבענער שטאָף; יתור בלייבט ביי אַ שניידער פון דער מאַטעריע, וואָס אַ בעל־הבית האָט איהם געגעבען אויף צו מאַכען פון איהר אַ מלבוש.

ר ע ט ש א נ ע ק ע ס — אַזוינע ברויטלעך, געבאַקען פון רעטשענע מעהל.

י״ל. פרק.

צוויי יונגלעך.

(די לבנה דערצעהלט)

— מיעד פון קוקען אויף ווייסען מאַרמאָר און אויערי׳ס ווייסע גאַז־בעלייכטונג, האָב איך מיך אָוועקגעדרעהט און געוואָרפען אַ בליק אויף אַ הינטער־גאַס.

פון אַן איבערגעבויגענעם הייזעל געהט אַרויס אַ באָרוועס יונגעל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטען זיך אויף איהם קוים) און געגענאיבער, פון אַ צווייטען הויז, כמעט אַ מפולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ יונגעל.

קוים זענען זיי איינער צום צווייטען צוגעקומען, האָב איך שוין נישט געוואוסט, וועלכער עס איז אַרויס פון וועלכען הויז. ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיגע אויגען, ביידע ציטערען פאַר קעלט, אפשר פאַר הונגער אויך.

איך הער ווי זיי שמועסען.

— פאַרטיג?

— און דו?

— אויך!

— האָסט געגעסען?

— ניין... דער טאַטע האָט נישט געבראַכט.

— מיינער — קראַנק; די מאַמע וויינט...

— געהען מיר?

— בעסער לויפען... ס׳איז קאַלט...

— נו!

זיי לויפען פייל פון בויגען אין שטאָדט אַריין.

איך קוק זיי נאָך.

ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלען זיי זיך אָב.

— זעהסט! מיין פעטער׳ס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צווייטער ווייזט אויף אַ הויז געגענאיבער:

— דאָס איז מ י י ן פעטער׳ס!

— מיין פעטער האָט מען אָבער געבראַכט אַן אַראַבּיש פערדעל פאַר 16 טויזענד!

— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט 4 פערד ווי די לייבען!

— מיינער האָט אפשר טויזענט דערפער!

— מיינער — אפשר הונדערט שטעדט!

— שוטה! ביי מיין פעטער זענען די מעבעל פון גאָלד!

— בהמה! ביי מיין פעטער — סאַמע בריליאַנטען!

— אָבער מיין מוהמע מיט איהרע פערפומען! די נאָז רייסט עס אויף!

— אָ־װאַ! מיין מוהמע געהט אַלע טאָג אין טעאַטער אַריין...

— און אַז מיין פעטער שפּיעלט יעדע נאַכט אין קאָרטען — האַ?

זיי האָבען זיך לאַנג געשפּאַרט און שיער ניט געפאַלען זיך אין די האָר אַריין...

איינער איז דאָך פריהער אָבגעשטאַנען.

— קאַלט, — מאַכט ער מיט אַ ציטער.

דער צווייטער שטעהט אויך אָב:

— איך בין זעהר הונגעריג, — זאָגט ער, — עס נאָגט מיך! קליינ אָן ביי דיין פעטער...

— ניין, — ענטפערט יענער דערשראָקען, — ער האָט אָנגעזאָגט דעם שווייצאַר, ער זאָל מיר הענד און פיס צעברעכען!

— מיין פעטער — דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.

זיי לאָזען ביידע טרויעריג אַראָב די קעפּ.

— געהען מיר?

— בעסער לויפען...

און אויפ'ן וועג:

— מאָרגען ביי־נאַכט נאָך אַמאָל...

— יאָ... איבערלויפען... איך וועל געבען אַ סימן... איך וועל אַ קרעה טהאָן ווי אַ האָהן...

— איך וועל דיר ענטפערען מיט אַ מיאָוק פון אַ קאַץ.

— גוט...

זיי זענען מיר פערשוואונדען געוואָרען.

מפולת — איינגעפאַלענער בנין.

ד. פרישמאַן.

די פּושקע.

„די פּושקע איז דאָך אַ קליינע, אַ פּיצעלע כלי, סך־הכל אַ הייס שטיקעל בלעך, און דאָס דעקעל פון איהר איז אַזוי דין, אַז מיט אַ קליין מעסערעל קען אַ מענש עס אַוועקבויגען. און פאַר איין קאָפּיקע קען אַ מענש אַ גאַנצע זעמעל קריגען."

אַזוי האָט געקלעהרט רחל־לאה, אַן אָרימע אַלמנה, וועלכע האָט אויף דער עלטער ביי אַ שניידער אין ווינקעל שטוב געוואוינט.

פלוצלונג האָט זי אָנגעהויבען פערשטעהן קלאָר, וואָס די פּושקע הייל פון איהר האָבען. איהר איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען, איהרע גע־דאַנקען האָבען זיך צעמישט, און איהר גאַנץ ביסעל בלוט איז איהר גע־שטיגען אין קאָפּ אַריין. פלוצלונג האָט זי דערפיהלט, ווי איהרע שלייפען פון ביידע זייטען האָבען אָנגעהויבען צו העמערען.

די גרויסער הייליגער גאָט! וואָס איז דאָ געשעהען מיט איהר? ווי ווייט שוין איז אַ יודישע טאָכטער געקומען? ווי קען אַ מענש נאָך הייטער לעבען? — און זי האָט געפֿיהלט, ווי די טרעהרען קייקלען זיך איהר איבער די באַקען.

— פֿאַר וואָס וויינט איהר? — האָט דער שניידער געפֿרעגט.

זי האָט נישט געענטפֿערט, און דער שניידער האָט איהר דערלאַנגט אַ שטיק ברויט.

עטליכע טעג האָט די פּושקע אויפֿגעהערט זי צו קוועלען, אָבער דאַן האָט זיך דאָס אָנגעהויבען מיט דאָפּעלטער קראַפֿט, — און די קישקעס האָבען דערווייל געבורטשעט און געוואָרטשעט, אַזש צום הערען, און דער הונגער האָט געבויערט ווי מיט אַ נ׳עגבער.

איינמאָל ביי־טאָג האָט זי געהערט אַ נייעס, אַז אין דעם קאַנטאָר פֿון לאַנדוי עט קאָמפּ. האָבען זיך אַריינגעבראָכען גנבים און האָבען אויפֿגעריסען די אײַזערנע קאַסע און האָבען געחאַפּט עטליכע טויזענט רובל, — און זי האָט זיך פּלוצלונג געגעבען אַ חאַפּ און האָט אָנגעהויבען שווערען ביי איהר לעבען און ביי איהר מאַנ׳ס נשמה און ביי גאָט, אַז זי איז נישט מיטגעווען צווישען די גנבים! — אַלע, וואָס האָבען געהערט, האָבען זיך צעלאַכט.

און אין אָבענד פֿון דעמזעלביגען טאָג, ווי זי איז גאָר אַליין געבליבען אין דער שטוב, איז זי אויפֿגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען ביז אַהין, וואו די פּושקע הענגט. וואָס עס האָט זיך געטהאָן דאַן מיט איהר, ווייסט זי נישט. נאָר מערקווירדיג, אַז געדענקען געדענקט זי דוקא טויזענד פֿערשיידענע איינצעלנע קלייניגקייטען, וואָס אַנ׳אַנדער מאָל זענען זיי איהר גאָר נישט געקומען אין קאָפּ אַריין און זי האָט זיי קיינמאָל גאָר נישט בעמערקט. אָט, למשל, איז זי פּלוצלונג געוואָהר געוואָרען, אַז צווישען די ביידע פֿענסטער הענגט אַ שפּיגעל אין דער ברייט אויף דער וואַנד; עס איז איהר געווען אויפֿפאַלענדיג, אַז פֿון באַלקען הענגט אַראָב אַ פֿיער־רעהריגער מעשענער הענג־לייכטער, בעפּוצט מיט רויטע און געלע שטיקלעך גלאַנץ־פּאַפּיר, מיט שוואַרצע פּינטעלעך פֿון פֿליעגען־שמוץ. אויף איין בעט איז געלעגען אַ העל־בלאָהע — יאָ, אַ העל־בלאָהע — אָבגעבלאַקירטע קאָלדרע, און אויף דעם צווייטען בעט איז גאָר נישט געלעגען. די שטוב איז פֿיערקאַנטיג. די שטוב האָט פֿיער ווענט — יאָ, פֿיער, און צווישען די דאָזיגע פֿיער ווענט. דאַכט זיך איהר, איז עפּעס געגאַנגען אַ יודענע. זי האָט געהאַלטען אַ מעסער אין דער האַנד און איז דערמיט צוגעקומען ביז צו דער פּושקע. זי האָט אַריינגעשטעקט דאָס מעסער צווישען דעם דעקעל און דער פּושקע, און דאָס דעקעל האָט זיך אַוועקגעבויגען. צוויי דריי דינע פֿינגער האָבען זיך אַריינגעשטופּט מיט גרויס מיה אין דער פּושקע אַריין און האָבען פֿון דאָרט אַרויסגעשלעפּט עפּעס — דאַכט זיך, אַ מטבע. אָבער נישט זי, נישט זי! חס וחלילה! נישט זי! ביי גאָט און ביי איהר לעבען און ביי איהר מאַנ׳ס נשמה און ביי איהר חלק לעולם הבא קען זי דערויף שווערען: נישט זי, נישט זי, נאָר עפּעס אַנ׳אַנדערע, אַ פֿרעמדע פֿרוי האָט דאָס אַלעס געטהאָן.

און די דאָזיגע אַנדערע, פרעמדע פרוי איז געווען הונגעריג, זעהר זעהר הונגעריג.

און איהר דאַכט זיך, אַז די דאָזיגע פרוי איז געגאַנגען — צווערשט האָט זי אויפגעהויבען דעם רעכטען און דאַן דעם לינקען פוס — אָט אַזוי: איינס, צוויי — אָבער נישט זי, נישט זי! — און איז אַרויס פון שטוב און איז אַריין אין דעם נעכסטען שפּייז־קרעמעל און האָט זיך געקויפט אַ זעמעלע פאַר אַ קאָפּיקע — אַ גרויסע זעמעל קאָסט צוויי קאָפּיקעס.

דאַן האָט די זעלביגע פרוי געוואַשען זיך די הענד און האָט זיי אָבגעווישט מיט דעם ליילעך און האָט געזאָגט: „שאו ידיכם קדש“, און האָט גענומען אין דער האַנד אַריין די זעמעל —

און פלוצלונג ווייסט זי און געדענקט און פערשטעהט, ווער עס איז געווען די דאָזיגע פרוי, וועלכע האָט דאָס אַלעס געטהאָן.

און זי וואַרפט זיך אויפ'ן בעט אָנגעטהאָנענערהייט און האַלט די זעמעל פעסט מיט ביידע הענד.

מען טאָר ניט מפסיק זיין! מען טאָר נישט מפסיק זיין!

און אין שטוב געהט אַריין ר' מאיר בעל־נס מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד, און אין דער האַנד האַלט ער אַ גליהענדיגע אייזערנע רוט. און אין שטוב געהט אַריין איהר מאַן, עליו־השלום, אָנגעטהאָן אין תכריכים און אין טלית. און אין שטוב געהט אַריין דער מלאך־המות מיט די טויזענט אויגען. און אין שטוב געהט אַריין דער שניידער — — —

מען טאָר נישט מפסיק זיין, מען טאָר נישט מפסיק זיין. ס'איז צווישען נטילת־ידים און דער המוציא....

און זי האַלט די זעמעל מיט ביידע הענד אַרומגענומען און דריקט זי מיט איהר גאַנצען כח און פאָהרט קיין ארץ־ישראל! דער וועג איז אַזוי ווייט. זי איז שוין זעהר ווייט פון דאָרטען, זי איז שוין זעהר ווייט...

און איהרע געדאַנקען האָבען זיך צעמישט, און זי ווייסט גאָר נישט מעהר, וואָס עס טהוט זיך.

אינדערפריה האָט מען זי געפונען אויף איהר געלעגער, און אין דער האַנד די זעמעל, צו וועלכער איהרע ליפען האָבען זיך נישט געהאַט צוגעריהרט.

דאָס ערשטע וואָרט, וואָס זי האָט געהערט, איז געווען: „גנב'טע, אַרויס פון מיין שטוב! אַרויס בזו הרגע!“.

קוועלען — מוטשען, מאַטערען, פייניגען. אויפפאַלענדיג — אַזוינס, וואָס ס'וואַרפט זיך אין די אויגען, וואָס מען מוז דאָס בעמערקען. נטילת־ידים — הענד־וואַשען.

ש. פרוג.

דער זקן.

שוין שלאַף און דונקעל זענען מיינע אויגען,
מיין קאָפּ געבויגען, שוואַך און גרוי,
און אויף מיין האַרץ, אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען,
פאַלט שוין דער קאַלטער אָבענד־טהוי.

די לעצטע בלום איז שוין פֿערוועלקט, פֿערדאָרבען,
די לעצטע בלעטער פֿאַלען אָב...
ערלויב אויף דיינע קניע אַנידערלעגען
מיין אַלטען, קראַנקען, גראָהען קאָפּ.
שוין צייט, מיין קינד, שוין צייט מיר אָבצורוהען!
שווער איז געווען מיין וועג: אין קעלט,
אין היץ און רעגען, פֿינסטערניש און שטורעם
בין איך געגאַנגען אויף דער וועלט.
איך האָב שוין אַלע טרעהרען אויסגעגאָסען;
מיין האַרץ איז טויט... דאָרט וואו אַמאָל
פֿלעגט גרינעס גראָז און פֿרישע בלומען בליהען,
איצט וואַקסען דערנער אָהן אַ צאָהל;
דאָרט, וואו בלאָהע אינדען פֿלעגען פֿליסען,
איז שוין, מיין קינד, פֿערוויסט, פֿערשטיינט...
איך האָב שוין אַלע לידער אויסגעזונגען,
שוין אַלע טרעהרען אויסגעוויינט...

מענדעלע מוכר ספרים.

אין אַנ׳אָרימער פֿאַמיליע.

אין שטוב איז געווען ריין, אַלצדינג אויף זיין אָרט. עס האָט געליכטען, געפֿינקעלט אין איטליכען ווינקעלע. דאָס ווייב האָט אַכטונג געגעבען אין איטליכער שפּאַרונע, איז נישט געזעסען קיין רגע לעדיג, האָט געקאָכט, געבאַקען, געשמירט, געריינינגט, געאַרבייט, גענייהט, פֿערריכט גרעט, און ביי די אַלע דאָזיגע מלאכות, וואָס מאַכען אַנ׳אַנדערן בייז ווי אַ רוח, איז זי שטענדיג געווען רוהיג, שטיל, מיט אַ פֿרעהליך פּנים. צו אַלצדינג האָט זי געהאַט צייט. ווי פֿערטראָגען אין דעם בעל-הבית׳ישקייט זי איז געווען, איז איהר פֿונדעסטוועגען נאָך איבערגעבליבען צייט צו נעהמען אַמאָל אַ בוך אין דער האַנד, צו לייענען און וויסען, וואָס טהוט זיך, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט. דער מאַן איז ביי איהר געווען געהייכט און געקרוינט. זי האָט פֿון איהם און פֿון זיין שרייבען געהאַלטען עולם-ומלואה, נישט צוגעלאָזען צו איהם קיין שום עגמת-נפש, וואָס האָט איהם געקענט שטערען פֿון דער אַרבייט, און איז געווען מיט איהם באמת איין גוף, איין נשמה. זייער עלטסטע טאָכטער, אַ פֿיינע, אַנ׳עדעלע, פֿלעגט צוהעלפֿען דער מוטער, פֿלעגט וואַשען, פּרעסען, טהאָן וואָס מען בעדאַרף, און זעהר שעהן שטריקען. זי האָט געהאַט אויף איבערצובייטען נאָר איין קלייד, אָבער ווי שעהן און ריין איז עס תמיד געווען, גאָר שפּאָגעל-ניי, ווי ערשט פֿון דער נאָדעל! אַלע טאָג, אין איין בעשטימטער צייט, פֿלעגט זי לערנען מיט איהרע צוויי קליינע שוועסטערלעך, וועלכע זי האָט מדריך געווען, זיי געגעבען אַ גוטע עדוקאַציע, האָט זיי תמיד געצויגען און געפֿיהרט ריין-ווייס אָנגעטהאָן. דער עלטערער זוהן האָט געלערנט אין אַ גרויסער שטאָדט. פֿון דאָרט פֿלעגט ער אָפֿט שיקען אַהיים צו די עלטערן הייסע, וואַרעמע בריעף, און וועל-

בע ער פלעגט זיי טרייסטען און בעטען, זיי זאָלען זיך נישט זאָרגען, נישט אָבעסען זיך דאָס האַרץ דערפון, וואָס זיי זענען נישט אימשטאַנד איהם צו העלפען מיט עפּעס געלד אויף זיינע בעדערפענישען. אמת טאַקי, ס'איז איהם אַביסעל ענגלעך, ער ליידט אַביסעל מאַנגעל, אָבער ער האָפט, אַז ער וועט ווי עס איז זיך אויסדרעהען און נישט שטאַרבען פאַר הונגער. „נישט קשה, — פלעגט ער אויסלאָזען די בריעף מיט אַ טרייסט, — דאָס וואָס איהר האָט מיר געגעבען, האָבען עס אַנדערע רייכע טאַטעס און מאַמעס זייערע קינדער בשום אופן נישט געגעבען; איהר האָט מיר געגעבען אַ סך מעהר פון געלד: איהר האָט מיך געלערנט, אויסגעבילדעט מיין פערשטאַנד; איהר האָט אויך אויסגעעדעלט מיין האַרץ, אַריינגעלעגט אין מיר גוטע געפיהלען: ליעבשאַפט צו מענשען, רחמנות צו אומגליקליכע לייט, און מיך געוועהנט זיך צו בעגנוגענען מיט וועניג, איבערצוטראָגען צרות אונטער אַ שלעכטע צייט מיט אַ פרעהליך געמיט, — אַזעלכע מדות טובות, וואָס רייכע עלטערען קענען זיי מיט זייער געלד אַליין און מיט דעם גאַנצען פערמעגען זייערע קינדער נישט געבען"... דעם זוהנ'ס דאָזיגע בריעף פלעגען אַלע אין שטוב זעהר אָפט לייענען הויך, זיך בשעת מעשה פרעהען און צוגלייך זיך בעוואַשען מיט טרעהרען. הכלל, דאָס איז געווען זעהר אַ טייערע, זעלטענע פאַמיליע.

עולם ומלואה — די וועלט מיט אַלצדינג, וואָס אין איהר געפינט זיך. („האַלטען אַ'עולם ומלואה" הייסט — האָבען זעהר אַ גוטע מיינונג וועגען וואָס ניט איז, זעהר הויך וואָס ניט איז שעצען). מדריך זיין — פיהרען אין אַ גוטען וועג. עדוקאַציע — ערציהונג.

א. רייזען.

דאָס שליחות.

דער ווירט פון גרויסען מאַנופאַקטור-מאַגאַזין רייכמאַן, אַ היכער, דיקער יוד, איז געשטאַנען ביי דער קאַסע און האָט מיט גרויסער כונה געצעהלט געלד. אַז ער איז מיט'ן צעהלען פאַרטיג געוואָרען, האָט ער געוואָרפען זיינע בליקען איבער'ן מאַגאַזין, ווי ער וואָלט עמיצען געזוכט, און האָט ענדליך אַ געשריי געגעבען:

— יוסף!

עס איז גלייך אונטערגעשפרונגען אַ יונג בחור'ל פון אַ יאָהר אַכצעהן-ניינצעהן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגען פרינציפּאַל און, קוקענדיג איהם טיעף אין די אויגען אַריין, האָט ער ערוואַרטעט זיין בעפעהל.

— אָט דאָ האָסטו פינף הונדערט רובל; נעהם און טראָג עס אַוועק גרינפעלד'ן. ווייסט וואו?

— איך וויים... גרינפעלד! איך וויים. ראָג דלוגא 17, כ'וויים, גרינפעלד... פון קליידער... כ'וויים!...

נאָכ'ן ענטפער פון יונגען בחור האָט דער הער רייכמאַן פערשטאַנען, אַז ער איז איבערראַשט פון אַזאַ שליחות. ער האָט שטאָל'ן געשמייכעלט און געזאָגט:

— שוין טראָג עס אַוועק, נאָר אַנטלויף דערמיט נישט קיין אַמעריקע! אַ קשיא אויף היינטיגע יונגאַטשעס...

— איך וועל אין אַמעריקע נישט לויפֿען, וואָס פֿעהלט מיר בײַ אײַך?...

אויסרײדענדיק מיט׳ן פּרינציפּאַל אַזאַ לאַנגע פֿראַזע, וואָס איז נישט שייך צום געשעפֿט, האָט זיך יוסף׳ן געדאַכט נישט דרך־אֶרץ, און ער האָט דעריבער, פֿערשעמט ווערענדיג, זיך אַרויסגערוקט פֿון מאַגאַזין.

דאָס געלד האָט ער אַרײַנגעלעגט אין בוזעם־טאַש: די הויזען־טאַשען האָט ער נישט געטרויט אַזאַ פּקדון און אַפֿילו אין דער זיכערער טאַש האָט ער אַלע ווײַלע גערוקט די האַנד זעהן, צי עס ליעגט, און עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער קראַצט זיך.

„מען געטרויט מיר פֿינף הונדערט רובל!" — אָט דאָס איז געווען די אַקס, אויף וועלכער עס האָבען זיך געדרעהט יוסף׳ס געדאַנקען, ווען ער האָט געטראָגען דאָס געלד.

ער האָט אין זײַן לעבען „געלד־שמחות" אַ סך געהאַט: אײן שמחה, ווען נאָכ׳ן דרײַ־יאָהריגען אומזיסטען טערמין האָט ער אָנגעהויבען צו נעה־מען געלד — צעהן רובל אַ מאָנאַט; ווײַטער האָט ער אַמאָל געהענדיג צעהן גולדען געפֿונען; הײַנטיגען ווינטער, חנוכה, האָט ער מיט אַ חבֿרה „האַנ־דעלס־אָנגעשטעלטע" אין קאָרטען געשפּיעלט און האָט געוואונען אַכט גולדען. אָבער יעצטיגע שמחה, נישט קוקענדיג, וואָס דאָס געלד איז פֿרעמדס, איז די גרעסטע בײַ איהם. ער האָט יעצט דערפֿיהלט אין זיך אַזאַ קראַפֿט, וואָס ער האָט קײנמאָל, קײנמאָל נישט געשפּירט, און אויף פֿיעל אָרימע פֿאַר־בײַגעהענדע האָט ער געקוקט, ווי אויף קלײנע ווערים: „אויף מיר נפֿשות! פֿינף הונדערט רובל"!...

„איצטער קען איך ערשט אָנהויבען וואַקסען"! — האָט זיך צווישען זײַנע געדאַנקען אַ נײַער אַרײַנגעדרעהט: — „איך בין שוין אַ מענש. ווער ווייס? אפֿשר וויל ער מיך מאַכען פֿאַר׳ן עלטסטען אָנגעשטעלטען"!...

ער וועט דאָס, קומענדיג בײַ־נאַכט פֿון געשעפֿט, דערצעהלען זײַן חבֿר חיים׳ן — זאָל ער וויסען! ער בעטראַכט זיך אָבער, אַז חיים וועט איהם נישט גלויבען. איהם מאָהלט זיך שוין פֿאַר די אויגען, ווי חיים שמײכעלט איראָניש און זאָגט:

„אפֿשר גאָר אַ מיליאָן וועסטו זאָגען?"...

און עס האַפּט איהם אָן אַ ווילדער פֿערלאַנג שוין אַרײַנלויפֿען אויף אַ מינוט צו חיים׳ן און ווײַזען איהם — זאָל ער זעהן!...

חיים, יוסף׳ס חבֿר, זיצט שוין צוויי מאָנאַטען אָהן אַ שטעלע: זײַן ווירט האָט באַנקראָטירט.

— חיים! — גיט יוסף אַ געשרײ, אַרײַנלויפֿענדיג אויף זײַן קוואַרטיר, — ביזט דאָ?

— וואָס איז? — פֿרעגט חיים מיט אַ שוואַכען, טרויעריגען קול, — האָסט פֿאַר מיר אפֿשר אַ שטעלע?

— נײן! — האַקט יוסף אָב, — איך האָב אַזוי זיך געוואָלט דיך זעהן, פֿרעגען וואָס דו מאַכסט...

— עט, וואָס זאָל איך, ברודער, מאַכען? נישטאָ קײן גראָשען בײַ לײַב און זעעל, איך ווײס גאָר נישט, וואָס וועט זײַן דער סוף. כאָטש לעג זיך און שטאַרב!

יוסף קוקט אויף חיים'ן און קען נישט עפענען דאָס מויל צו דער־צעהלען איהם דאָס פרעהליכע נייעס, און ער בעשליסט זיך שוין אַרויס־צוגעהן און נישט בעריהמען זיך, נאָר חיים שטעלט איהם אָב:

— ברודער־לעבען! האָסט אפשר אַ זעקסערעל בּיי זיך... אויף פּאַפּי־ראָסען... איך שטאַרב רויכערן....

— אַ גראָשען נישט... — ענטפערט יוסף, — אַ גראָשען נישט!...

— זאָגסטו ניט קיין ליגען?

— זאָל איך דאָס, ברודער־לעבען, פערקרענקען, וואָס איך האָב בּיי זיך... — שווערט יוסף מיט הארץ.

און אַרויסלויפענדיג פון חיים'ען, איז יוסף אומעטיג געוואָרען....

א. וואלט.

אַ פריהמארגען אין אַ פאבריק שטאדט.

אויף דעם וויסטען בּלאַסען הימעל
חאַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגען,
און די גרויסע שטאָדט ערוואַכט זיך
אין דעם נעבעל־גראָה פערבאָרגען.

אַיינגעהילט אין גראָהען נעבעל
ריהרט זיך אויף דער לעבענס־תהום
און צעגיסט זיך אין די גאַסען
אין אַ חמורנעם מענשען־שטראָם.

חמורנע גיסט און גיסט מיט מענשען, —
פוילע, געלע, ווי דער מאָרגען,
פון די קעלערס אין פאַבריקען,
אין דעם נעבעל־גראָה פערבאָרגען.

ל. פּרץ.

וועלכע?

I.

דאָס שענסטע פון אַלע שטיין־בּילדער אין גאָרטען איז ווענוס — די גריכישע געטין פון שענקייט. פון וויסען מאַרמאָר, אויף אַ גרינליך־בּלאַנקען פיעדעסטאַל, שטעהט די שענע געטין און קוקט מיט איהרע פריי־אָפענע אויגען אויף אַ טעראַסע מיט פרישע רויזען און ליליען.

אין דער אַלעע בּעוויזט זיך אַ ניינצעהן־יעהריג מיידעל. איהר געזיכט שטראַהלט מיט פרייד, די אויגען שפּריצען מיט פרישען געזונטען לעבען. זי געהט צו צו ווענוס.

מוטוויליג שפּרינגט זי אַרויף אויפ'ן פיעדעסטאַל — זי איז אײן גרויס מיט דער געטין.

דאָס פֿרעהט זי. זי נעהמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער=האַנד דעם מאַרמאָרענעם געטליכֿען האַלז, לעגט צו איהרע פֿרישע, קאַרעלענע ליפּען צו די געטליכֿע.

אַזוי שטעהט זי אַ ווײַלע. און ווער עס געהט דורך, פֿרעגט זיך:

— וועלכֿע איז שענער? צי די פֿון שטיין, צי די פֿון פֿלייש?

.II

הינטער אַ דיקער, בלאַנקער שויב, אין אויסשטעלונג פֿון אַ מאָדע־מאַגאַזין, שטעהט אַ שענהייט, בעהאַנגען מיט מאָדע=זאַכֿען, נאָר אויסגעכֿלעפּט פֿון וואַקס.

די ליפּען זענען אונגאַטירליך רויט, ווי ערשט פֿריש און צו פֿיעל געפֿאַרבט: דאָס געזיכֿט איז געלבליך=מאַט; די ברייט=געעפֿענטע אויגען — שטאַר, אָהן אַ בליק; אַם שרעקליכֿסטען זענען דאָך די ברעמען: אַ רייה פֿון שטייפֿע האָר, וואָס שטעהען איינס ווייט פֿון צווייטען...

אינווענינ, אין האַלב=פֿערדונקעלטען לאַדען, קויפֿען דאַמען אַלערליי בענדער.

— פֿריילין, — מאַכֿט די דיקע מאַדאַם צום לאַדען=מיידעל, — נעהמען זי נאָך אַרויס די קאַרמין=בענדער פֿון דער אויסשטעלונג.

דאָס מיידעל פֿאָלגט.

איהר גאַנג איז מיעד און וואַקעלדיג; מיט אָנשטרענגונג עפֿענט זי ברייט די רויטליכֿע אויגען, אום נישט אַיינצושלאָפֿען אין גאַנג. דאָס געזיכֿט איז שען, נאָר מאַט, געלב און אָבגעלעבט; די ליפּען רויט, נאָר, קענטליך, פֿריש געפֿאַרבט.

זי עפֿענט דאָס פֿענסטער, בויגט זיך איבער דעם וואַקסענעם בילד און זוכֿט די בענדער. זוכֿענדיג, פֿערטראַכֿט זי זיך, און פֿערקוקט זיך אין דער ליפּט אַריין, אויף גאָר נישט...

אַזוי שטעהט זי אַ ווײַלע. און ווער עס געהט דורך אין גאַס, פֿרעגט זיך:

— וועלכֿע איז שרעקליכֿער? די פֿון וואַקס, צי די פֿון פֿלייש?

מזטוויליג — דרייסט, שטיפֿעריש. אַלבאַסטער — אַזאַ ווייסער שטיין. לאַדען — קראָם, מאַגאַזין,

ד. פּינסקי.

מען וואַרט.

פֿרייטאָג פֿאַרנאַכֿט. בערגשולד דעם דרוקער׳ס אַרבייטער האָבען שוין געענדיגט זייער אַרבייט, וואַשען זיך אָב און געהען אַרויס אין פֿאָרצימער, וואָס דיענט פֿאַר אַ קאָנטאָר, צו בעקומען זייער געלד.

די קאָנטאָר איז אַ קליין פֿיערעקיג צימער, צעטיילט אויף צווייען דורך אַ נידעריג ווענטעל פֿון שטאַקעטלעך. הינטער׳ן ווענטעל שטעהט אַ גרויסער שרייב=טיש, מיט דריי שטולען אַרום איהם. די ווענד זענען פֿערנומען מיט פּאָליצעס, אויף וועלכֿע עס ליעגען אָבגעדרוקטע ביכֿער. אויף דער האַנד,

לינקס פֿון טיש, הענגען אַלערליי חשבונות, בריעף, נאָטיצען, אַ לוח, אַ זייגער; אויפֿ'ן טיש ליגען פּאַפּירען, אַ קאָנטאָר-בוך, שרייבגעצייג.

אַז דער בעל-הבית אָדער זיין זוהן דער בוכהאַלטער זענען דאָ, טאָר קיין אַרבייטער נישט אַריבער הינטער דעם ווענטעל. נאָר יעצט זענען די בעלי-בתים נישטאָ, און די אַרבייטער — אַ מאַן צעהן — הערשען איבער דער גאַנצער קאַנטאָר.

נחום „קאַלאַטירע“, אַ מאַן פֿון אַ יאָהר פֿערציג, פֿון הויכען וואוקס מיט אַ קליינעם. שיטערען, בלאָנדען בערדעל, גראָהע אויגעלעך און אַ רויט-ליכער נאָז, אין אַ ברודיגען העמד און אין אַנ'אַלטען פֿערשמוצטען היטעל, צעוואַרפֿט זיך אויף דעם בעל-הבית'ס אָרט. די אַנדערע צוויי שטוהלען פֿער-האַפּען מאיר און פֿייוועל, צוויי יונגע בחורים פֿון אַ יאָהר נייַנצעהן; צוויי עלטערע אַרבייטער, משה דער געלער און הלל די לאַנגע נאָז, זעצען זיך אויף אַ גרויסע קופּע פּאַפּיר, וואָס ליעגט אויף דער ערד. אויפֿ'ן פֿענסטער זיצט, אויסגעצויגען די פֿיס, פֿישעל, אַ בחור פֿון אַ יאָהר פֿינף און צוואַנציג, מיט אַ שוואַרצען בערדעל, געדרעהטע וואָנסען, אין אַ ווייסען העמד און אַ נייעם קאַפּעלוש; ער קוקט אַריין אין הויף, פֿייפֿט זיך אונטער אַ ליעד און קוקט זיך נישט אום אויף דאָס, וואָס טהוט זיך אין קאָנטאָר.

אין טיר. וועלכע פֿיהרט אין דעם מאַשינען-צימער און אויף וועלכער עס שטעהט אָנגעשריעבען: „פֿרעמדע מענשען דאַרפֿען נישט אַריין“, שטעהט יאָשקע „קלאַפּער“, אַ יונגעל פֿון אַ יאָהר זעכצעהן, וועלכער האָט בעקומען דעם צונאָמען דערפֿאַר, וואָס ער לאַכט ווי געקלאַפּט. די איבעריגע שטעהען אָנגעשפּאַרט אויף דעם ווענטעל.

„ווי מיינט איהר; חבֿרה, היינט וועלען מיר קריגען געלד?“ — פֿרעגט משה דער געלער פֿון דער קופּע פּאַפּיר.

„קדחת“, — האַקט אָב נחום.

„אַז ביידע זענען נעלם געוואָרען, איז אַ שלעכטער סימן“, — מיינט מאיר.

דאָס פֿיהלען אַלע אַרבייטער, נאָר זיי זענען שוין געוואָהנט אָוועקצו-געהן מיט לעדיגע הענד און קעשענעס. אָבער דאָך רייצט זיי עס אַביסעל און עס איז אונאַנגענעהם — „מולקע“, ווי זיי דריקען זיך אויס — אָוועקציגעהן אָהן געלד.

„נו, איז וואָס וועט זיין? איהר וועט שוין אַמאָל געבען געלד?“ — רייסט איבער אין אַ ווילע אַרום די שטילקייט אַ יונגער אַרבייטער, וועל-כער שטעהט אָנגעשפּאַרט אויפֿ'ן ווענטעל, ווענדענדיג זיך צו נחום'ען.

„געלד? אויף וואָס דאַרפֿסטו געלד?“ — פֿרעגט איהם נחום איראָניש, נאָכמאַכענדיג דעם בעל-הבית'ס קול.

„איך דאַרף! ווי הייסט, אויף וואָס דאַרף איך?“ — רעדט ברוגז דער אַרבייטער.

אַלע האַלטען איין דעם אָטעם. מען לאַכט נישט, נאָר אַ שמייכעל צעקרימט די מיילער. אַפֿילו יאָשקע קלאַפּער, וועלכער לאַכט, ווען מען בע-וויזט איהם אַ פֿינגער, האָט פֿערדעקט דאָס מויל מיט דער האַנד און שטיקט אין זיך דעם געלעכטער. מען ווייסט, אַז יעצט וועט זיין אַ גאַנצער „טריאַטער“.

נאָר פישעל אַליין זיצט נאָך אין דער פריהערדיגער פּאָזע, פּייפט זיין ליעדעל און קוקט זיך נישט אום. ער איז אַמאָל געווען אַ כאָריסט אין יודישען טעאַטער און האַלט זיך פאַר אַ מבין אויף אַקטיאָרסקע „שטיק". איהם שטעהט נישט אָן צו לאַכען און נתפעל צו ווערען פון „קאַלאַטירעס" ברעכען זיך.

„און איך זאָג, אַז דו דאַרפסט נישט", — זאָגט נחום פערטראָגען און קוקט אַריין מיט אַנ'אָנגעקנייטשטען שטערען אין אַ חשבון, וועלכער ליעגט פאַר איהם אויפ'ן טיש. — „וועסט זיך שבת בעגעהן אָהן געלד אויך... ווייניגער עבירות טהאָן."

„ווייניגער אַרומשלעפּען זיך מיט מאַשקע'ן", — לייגט צו הלל די לאַנגע נאָז.

„קע-קע-קע!" — קלאַפּט אויס יאַשקע און פערשווינדט אין מאַשינען-צימער.

„ס'איז שוין מיין זאַך", — ענטפערט דער יונגער אַרבייטער מיט כעס און שמייכעלט, — „איהר וועט פאַר מיינע עבירות נישט ליידען. איך דאַרף — מאַשקע בעט!"

„נישטאָ, נישטאָ קיין געלד", — ענטפערט נחום און קוקט אַריין אין חשבון. — „געה דיר געזונטערהייט. זונטאָג זעה נאָר, למען השם, וואָס פרי-הער קומען, מאַכסט דיר עפּעס צו לאַנגע שבתים..."

„און מיר וועט איהר עפּעס געבען?" — מישט זיך אַריין חיים „דראָנ-גיילע", אַ זעהר הויכער און שמאָלער אַרבייטער פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, וועלכער שטעהט אָנגעשפּאַרט אויפ'ן ווענטעל.

„זאָל ער דאָס האָבען, וואָס ער וועט אונז אַלעמען געבען", — מורמעלט פישעל פון פענסטער, ווי פאַר זיך, נישט אָבריסענדיג דעם בליק פון הויף.

נחום האַלט נישט אויס די ראָלע און צעלאַכט זיך.

די אַרבייטער האָבען זיך גלייך דערמאָנט, וואו זיי זענען אין דער וועלט, און דערפיהלט דאָס אונאַנגענעהמע געפיהל, וואָס האָט זיי פריהער געגרייצט.

„עס ווערט שוין פינסטער, וואָס קומט ער נאָך נישט?"—פרעגט משה דער געלער אונגעדולדיג.

„ער איז געגאַנגען געלד מאַכען, טריקענט ער יעצט די פּאַפּידלעך", — וויצעלט זיך פייוועל.

„געהט נאָר צו צו ריבציען אין שענק, אויב איהר געפינט איהם נישט דאָרטען," — זאָגט נחום.

„אַז ס'וואָלט געווען אַ רעכטע חברה, וואָלט מען געדאַרפט געהן מקל'ן איהם," — זאָגט פישעל מיט פעראַכטונג, אַלץ נאָך קוקענדיג אין פענסטער.

„קוב, נו!" — זאָגט נחום.

„ברעך זיך, ברעך זיך, קאַלאַטירע!" איראָניזירט פישעל. — „מיט דיר איז גוט דעם אויווען צו פערשטאָפּען."

„אַ פּטשיקט!" — ניעסט אויס נחום.

פישעל הויבט אָן ווייטער צו פייפען.

עס ווערט אַ ווייל שטיל.

„אַה, זאָל ער דאָרטען..." — ברומט אַרויס הלל די לאַנגע נאָז.

„וועט איהר מיר שוין געבען געלד?“ — פרעגט ווייטער חיים „דראַנגיילע“ נחום'ען.

„דו אויך?“ — ענטפערט איהם נחום מיט רוגזה. — „וויפיעל קומט דיר?“

„שוין פאַר צוויי וואָכען.“

„דרעה נישט קיין קאָפּ! היינטיגע וואָך נאָך האָסטו ביי מיר גענומען געלד.“

„איך האָב ביי אייך היינטיגע וואָך אַ קאָפּיקע נישט גענומען“.

„וואָס זאָגט מען צו איהם, האַ?“ — שרייט אויס נחום, פערגלאָצט די אויגען און פערלעגט די הענד אויפ'ן בויך. — „איך האָב איהם אַליין געגעבען מאָנטאָג, אָדער מיטוואָך, אָדער דאָנערשטאָג, אָדער פריי... פריי... איך האָב איהם אַליין געגעבען!...“

אַלע צעלעגען זיך פאַר געלעכטער. דאָס מאָל האָט איהם אָפּנים גוט געלינגען נאָכצומאַכען דעם בעל־הבית, ווייל דער „מבין“ פון פענסטער האָט אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם אַ בליק און אויך צעשמייכעלט זיך. נחום אַליין שטאַרקט זיך נישט אַ שמייכעל צו טהאָן.

„אָבער מיר?“ — זאָגט אַנ'אַנדער אַרבייטער פון ווענטעל.

„אַ נו, קומט דער פרייטאָג, איז נישט איבערצוטראָגען!“ — שפרינגט אויף נחום.

„זאָל שוין זיין אַ מאָל געלד, בעל־הבית,“ — זאָגען אייניגע אויף אַ מאָל.

„היינט איז ניטאָ קיין געלד, בנאמנות, קוילעט מיך פאַר אַ קאָפּיקע,“ — ענטפערט זיי נחום מיט אַנ'אומעטיגען קול, מיט אַ געבעט.

„היינט איז נישטאָ, פאַראַכטאָגען איז אויך נישט געוועזען!“

„נו, וואָס קאָן מען מאַכען? וואָס זאָל איך טהאָן? עס איז ניטאָ, איז ניטאָ.“

„אַ שענער תירוץ!“

„מע גיט מיר נישט, גיב איך אייך נישט“.

נאָך די אַרבייטער האָבען שוין געשפּיעלט דאָס „טריאַטער“ אָהן חשק. עס איז אַליך פינסטערער געוואָרען אינדרויסען און אין דער אייגענער צייט זענען חשכ'דיגער געוואָרען די אַרבייטער'ס פּנים'ער. עס איז זיי אַליך אומעטיגער געוואָרען, און זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו וואַרפען בליקען אין הויף אַריין פאַר אונגעדולד.

מקל'ען — שלאָגען מיט שטעקענס, אָנברעכען די ביינער.

ז. סעגאַלאָוויטש.

שאַבטער־ליעד.

אַדיע, אַדיע דער ליעבער זון,
דעם הימעל און די שטראַהלען;
מיר רייסען אָב זיך איצט דערפון,
פאַר אונז איז אַליך פאַרפאַלען...

דער טיעפֿער וואַלד, דאָס פֿרייע פֿעלד,
דעם פֿריהלינגס אַלע פּראַכטען...
אַדיע, אַדיע דער שעהנער וועלט:
מיר געהען אין די שאַכטען...

עס גיסט זיך ליכט אויף יעדען וועג,
עס קלינגען מאָרגען־ליעדער;
עס איז די נאַכט נאָר וואָס אַוועק, —
פֿאַר אונז איז נאַכט שוין ווידער...

פֿאַר אונז איז נאַכט... אין גרוב אַריין...
גענוג, וועט זיין צו טראַכטען...
אַדיע, אַדיע דער ליעבער שיין:
מיר געהען אין די שאַכטען...

ש. אַנ—סקי.

דער קבר.

(פֿון ניקיטין).

דער קבר איז פֿאַרטיג, דער קבר איז אָפֿען...
אַ לעבען אָהן פֿריידען, אַ לעבען אָהן האָפֿען,
אַ לעבען פֿון אומעט און ביטערער נויט.
אַ לעבען פֿון צרות, פֿון פּיין און פֿון לייד,
אַ לעבען אָהן ליעבע, אָהן גליק און אָהן מאַכט,
אַ לעבען — אַ שטילע אַ פֿינסטערע נאַכט.
טרויעריג ביסט דו זיך, געבעך, געגאַנגען
און ווי אין מדבר אַ פֿייער פֿערגאַנגען!
שלאָף זשע איין רוהיג, מיין מזל דער שטרענגער!
אַ דירה אַ שמאָלע, אַ פּאַלאַץ אַנ׳ענגער,
עטליכע ברעטער, עטליכע שטיינער, —
און אויף גאָט׳ס וועלטעל וועט פֿעהלען נאָר איינער —
אַ נפֿש אַ שטילער, אַ נפֿש אַ קליינער.
דער היזק וועט קיינעם ניט טשעפּען, ניט ריהרען,
מען וועט אויפֿ׳ן קבר קיין טרעהר נישט פֿערלירען...
עס הערט זיך פֿון וויטען — אַ פֿויגעלע זינגט.
עס ווינט, עס צעגיסט זיך, און יאָמערט, און קלינגט. —
פֿויגעלע, שטילער... קיין ליעדער, קיין טרעהרען.
ווער ס׳ליעגט אין קבר, ט׳נישט לעבעדיג ווערען...

מענדעלע מוכר ספרים.

ר׳ יעקב.

פריהער, אין ערשטען גלגול, איז ער געווען א ווארעם און האט געהייסען י ע נ ק ע ל, אדער גאר פשוט יאנקוטש. יענקעל איז אין דער יוגענד געווען א קליין משרת׳ל, געקראכען אויפ׳ן בויך, געארבייט, נעבעך, נאר פאר דעם עסען, מעהר ווי עסען איז איהם אויפ׳ן זין אפילו נישט געקומען. ביי איטליכען איז ער געלעגען אונטער די פיס, און מען האט איהם געטראטען ווי א ווארעם. ער איז ביי זיך אליין געווען נידעריג, זעהר געפאלען; האט זעהר גוט געוואוסט. אז ער איז א רוי יונגעל און קען, נעבעך, גאר נישט, דעריבער האט ער אנגעבויגען דעם קאפ, געקראכען, ווי מען זאגט, איטליכען אונטער די נעגעל — און דאס טאקי האט איהם געראטעוועט. דורך דעם האט מען אליץ ווייטער מעהר אויף איהם זיך אומגעקוקט, און ער איז אליץ וואס ווייטער מעהר ארויס פון דער בלאטע, פון א קליין משרת׳ל געווארען א גרויסער משרת, שוין געכאפט די זעט, פונ׳ם געהאלט זייגעם אליץ געשפארט א גראשען צו א גראשען, ביז ער האט אנגעקליבען א ביסעל געלד און חתונה געהאט פאר א האלב דיענסט-מיידעל, דאס הייסט איינע פון יענע ארימע מיידלעך, וואס ארבייטען, הארעווען, רייסען קריעה יאהרען-לאנג עפעס ביי קרובים אזוינע, און הייסען הייסט עס: זיי העלפען גלאט אזוי זיך, ווי א אייגענע, אין דעם בעל-הבית׳ישקייט אומזיסט, נישט צו נעהמען קיין גראשען, חלילה. דערפאר שטעלט מען זיך ארויס פאר מחותנים ביי זיי אויף דער חתונה דערמיט, וואס מען שענקט זיי א בורנאס, א שמאלטע און א פאר אלטע קליידלעך פון דער גארדעראבע. מען טהוט זיי נאך אן א גרויס כבוד אויך, וואס מען עסט, מען טרינקט ביי זיי אויף חתונה און מען געהט מיט דער כלה דעם כשר-טאנץ... נאך דער חתונה האט יענקעל געפרופט דאס מזל און אנגעהויבען ביסלעכווייז אונטערצוהאנדלען, אליין פאר זיך צו מאכען געשעפטלעך. ער האט פערליהען ארימע יודען, בעלי-מלאכות, קליינע קרעמערלעך געלד אויף וואכער, שפעטער א ביסעל געמאכט אויך הלואות שרייבערלעך אין אלערליי פריסוטסטוועס. השם-יתברך האט איהם געהאלפען, איהם געגעבען ברכה והצלחה אין די פערדיענסטלעך, ביז ער האט מיט דער צייט געמאכט א גאנץ שענעם קאפיטאל, מיט דעם אויבערשטענס הילף, און איז געווארען — א קאטאוועס עפעס — א פ ר י צ י ש ע ר בעל-הלואה! ער האט געקויפט א הויז און שוין געלעבט ברייט ווי א פיינער בעל-הבית. דענסטמאל הויבט זיך ביי איהם אן דער צ ו ו י י ט ע ר גלגול. פון א ווארעם, א יענקיל ווערט א מין פיינע בריה, מיט א פנים פון א שענעם יודען, און הייסט שוין רב י ע נ ק ע ל! ער איז שוין א אנגעפיינט מענשעל, א לאלקע, זיין שטאדט איז אין דער שפיגעל-וואנד, דארט אין קלויז צווישען דעם רעכטען צימעס. לייט ווייסען ביי זיך זעהר גוט, ווער ער איז, פון וואנען, מ׳שטיינט געזאגט, ער שטאמט, נאר מאכען זיך בזכות זיין געלד נישט ווייסענדיג. געלד איז פאר דעם מענשען דער בעסטער מליץ-יושר... מען נעהמט איהם אריין צווישען די מורנו׳ס — יעמוד מורנו רב יענקעל! און זיינע באקאנטע רופען איהם רב יענקעל שוין אונטער די אויגען אפילו, — דאס איז ביי אונז יודען אויף איין מדרגה מיט דעם טיטעל „סטאטסקי סא-

וויעטניק" בײַ זײ, להבדיל. ר׳ יענקעל אַלײן געדענקט נאָך אויך זעהר גוט, וואָס ער איז פֿריהער געװען — אַ קלײן מענשעל, אַ משרת׳ל, אַ ג׳עם־האַרץ. דעריבער האַלט ער עס פֿאַר אַ גרויס כּבֿוד, וואָס אָנגעזעהענע מענשען זענען מיט איהם חבֿר און נעהמען איהם אין קאָהל אַרײַן, ווי זײער גלײַכען...

אָט אַזוי רײַבּט זיך אַ היבּשע צײַט אונזער רבֿ יענקעל, מאַכט דער־וויל אויך, מיט דעם איבּערשטענ׳ס הילף, גוטע געשעפֿטען, איז אַרײַן אין די גרויסע פֿעדערען און וואַקסט, וואַקסט ביז פֿון דער שטומער ל ע ל ע רײַבּט זיך אויס און שפּרינגט פֿון דער העלער הויט אין דעם דריטען גלגול אַרויס אַ גרויסער פֿויגעל, וואָס צעשפּרײט שטאַרק די פֿליגלען, פֿליהט הויך איט־ליבען איבּער די קעפּ און הײסט שוין ר ב י ע ק ב! איהם איז שוין קאַרג זײַן גלײַך מיט אַלע, ער וויל זײַן ה ע כ ע ר פֿון אַלע, קליגער פֿון אַלע, האָבּען מעהר דעה פֿון אַלע. אַ שטאָדט אין דער שפּיגעל־וואַנד איז פֿאַר איהם שוין גאָרנישט, עס ציהט איהם אַהין, אויבּען־אָן, האַרט נעבּען אָרון־קודש, און וויל זײַן אומעטום דער ערשטער, שוין אַ מורה־מורנו. — ר׳ יעקבֿ געדענקט שוין אַצונד נישט, אַז ער איז פֿריהער געווען דער משרת, אַ וואָ־רעם, אַ מין קלײן בעשעפֿעניש. דאָס געלד פֿערשטאָקט איהם דאָס האַרץ, פֿערשטאָפּט איהם דעם מוח. אויף דעם אָרט פֿונ׳ם זכרון דאָרט אַמאָל ליעגט אַצונד אַ קערבּעל. וואו אין איהם איז אַמאָל געווען דאָרט אַ שטיקעל יושר, אַ קאַפּ רחמנות, עטוואָס מענשליכקײט און אַ פּיצעל פֿערשטאַנד, שטעקט הײַנט אַ מטבע. אין איהם טהוט, אַרבּײַט די מטבע, דער גאַנצער שכל איז בײַ איהם נאָר די מטבע. אין אַלע פֿינף חושים זײַנע איז אַרײַנגעטהאָן די מטבע: זײַן קוקען, הערען, שמעקען, טאַפּען און פֿיהלען איז אַלץ נאָר די מטבע.

רבֿ יעקבֿ, אונזער גילדען קעלבּעל, איז שוין קדש! זײַנע באַסאָקעס, די טענצער, דיענען איהם געטרײַ, רויבּערען איהם אונטער מיט ווײַה־רויך, לויבּען זײַן נאָמען און מאַכען אָן מיט איהם אויף מענשען אין דער שטאָדט אַ מורא. מען טאָר אונטער די אויגען אפֿילו נישט דערמאָנען זײַן נאָמען צו שלעכטען. מען טאָר אַנטקעגען איהם נישט זינדיגען מיט אַ וואָרט, און אַלצ־דינג, וואָס ער טהוט, אַ נאַרישקײַט, אַ אומרעכט אַפֿילו, מוז מען אָננעהמען פֿאַר ליעבּ, גלײַך ווי מען האָט געשוואוירען אויפ׳ן באַרג סיני צו גלויבּען אין איהם מיט לײַבּ און לעבּען פֿונ׳ם גאַנצען האַרצען.

ר ב י ע ק ב ק ע ן ש ו י ן ז י נ ג ע ן! עס געפֿעלט איהם שוין נישט דער חזן, וואָס איז אַ צײַט מיט יאָהרען אָוועקגעוועזן אין דער שטאָדט, ער וויל איהם אויף דער עלטער בּרעכען פֿון בּרויט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אײַנמאָל פֿערגעסען איהם גוט־יום־טובֿ ביטען, און אויף זײַן אָרט צונעהמען אײַנעם עפּעס פֿון זײַנע לײַט. אין שטאָדט ווערט אַ קאָכעניש, אַ מהומה, אַ האַרמידער!

ר ב י ע ק ב פּ ס ק ׳ ט ש ו י ן ש א ל ו ת! ער זאָגט דעות די דיינים, קווײַנ־קעלט זיך עפּעס אויף דעם שוחט, וויל נישט שטעלען אויף איהם אין אַ סרכא, ס׳איז איהם עפּעס ניט גלאַטיג... עס ווײַזט זיך פּלוצים אין שטעדטיל אַ מין פּאַרשוין, דעם אַלטען שוחט׳ס אַ שוחט. עס ווערט אַ געוודער, אַ קריעג אויף מעסער־שטעך, און עס קעהרט זיך די שטאָדט!

ר ב י ע ק ב א י ז ש ו י ן אַ ג ר ו י ס ע ר ב ע ל ־ צ ד ק ה! ער העכערט דעם מקח אויפ׳ן פֿלײש, גיט פֿונ׳ם דאָזיגען געלד אַ טײל זײַנע אָרימע קרובֿים,

א טייל זיינע טענצער, און א טייל לאָזט ער אַראָב צו זיך אין קעשענע, א מתן-בסתר, אויף זאַכען אַזעלכע, וועלכע ער אַליין ווייסט. ר׳ יעקב טהוט גוטס, און אָרימע לייט גריזען ביינער, זאָכען און קרענקען...

רב יעקב איז שוין אַ מומחה: אין דעם בקור-חולים „זיינעם“, וואו ער איז גבאי, לאָזט ער דעם דאָקטאָר קיין קאָפּ נישט אויפהויבען, נעהמט אַריין און טרייבט אַרויס קראַנקע, ווי ער פערשטעהט, טהוט דאָרט אַלצדינג, וואָס ער וויל, וואָס איהם פאַלט איין: ער ווייסט אַ קרענק, און קראַנקע אָרימע לייט בעקומען פון איהם באַלד דעם טויט.

רב יעקב איז שוין אַ מבין אויף לערנען: ער קוואָקעט שוין אויך אויפ'ן גבאי אין דער ישיבה, זאָגט בויך-סברות אין דעם שטייער לערנען און קרימט זיך עפּעס אויף דעם ראש-ישיבה. פון דער גאַנצער גמרא קען ער טאַקי „מכות“ נישקשה: ביי'ם ווייב איז ער אַ גרויסער למדן...

רב יעקב איז שוין אַ ווילדער חכם: ער האַלט פון זיך אַ שרעק, איז מיט זיך משונה שטאַרק צופריעדען, האָט ווילד הנאה פון זיינס אַ ווער-טעל. אויף אַ אַסיפה וויל ער, אַלע זאָלען איהם הערען. ער ווייסט ביי זיך זעהר גוט, מכתמא דרשה'ט ער נישט „אומזיסט“, פערשטעהט, נישקשה, אַ עסק... דעריבער איז ער ברוגז, אַז אַנדערע זאָגען אַ דעה, און קען נישט ליידען, מען זאָל איהם איבערשפאַרען.

— איך היים, פערשטעהט איך מיך, רב יעקב! — איז דער שטייגער זיינער געווען אין אַזאַ פאַל צו זאָגען מיט ברייטקייט, טייטענדיג מיט דעם גראָבען פינגער אויפ'ן האַרצען.

„איך היים רב יעקב“! — האָט אַזוי פיעל געהייסען, וואָס שווער אי-בערצוגעבען עס מיט טויזענד ווערטער. דערינען איז געלעגען דער גאַנצער רב יעקב מיט די ביינער. איטליכער האָט עס געטייטשט, ווי ער פערשטעהט, זיך געשמיקט אינעווייניג און געשוויגען, אוים מורא מיט איהם אַיינצו-רייסען.

אַשמאָכטע — אַ קלייניגקייט, אַזאַ מין לוקסוס-זאַך, וואָס האָט ניט קיין גרויסען ווערט. שפיגעל-וואַנד — די וואַנד אין בית מדרש, וועלכע געפינט זיך אַנטקעגען מזרח (די צווייטע פון דער מזרח-וואַנד). באַסאָקעס — אונטערהעלפער, טעלער-לעקער. שטומע לעלע — אַ דערשלאָגענע בעשעפעניש, וואָס שטאַמעלט אָנשטאָט צו ריידען. סרכא — אַ פעה-לער אויף די אינווענינגסטע אברים פון אַ בהמה. מתן-בסתר — אַ נדבה, וואָס מען גיעט, יענער יאָל נט וויסען. זאָכען — זיין שוואַך, קראַנק, מאַט.

י. ל. פּרץ

אין פאַבריק.

(דערצעהלט פון אַנ'פּאַרצייטיגען יודען).

אין פאַבריק אַריין געהען מיר דורך אַ שמאָל פעדער-הייזעל, וואו צווי מענשען קענען נישט צוזאַמען דורכגעהן, נאָר איינער נאָכ'ן אַנדערן. פון דאָרט זענען מיר געקומען אויף אַ גאַנץ גרויסען הויף אַרויס, פון הויף ערשט אין פאַבריק אַריין. אין פאַבריק איז נאָך מעהר רחבות ווי אויפ'ן הויף. און די פאַבריק איז פול מיט וואַרשטאַטען. און ביי יעדען וואַרשטאַט

שטעהט אַ פּועל. דער וואַרשטאַט וואַרפט זיך, און דער פּועל וואַרפט זיך מיט׳ן וואַרשטאַט. און דער פּועל מיט׳ן וואַרשטאַט זעהען אויס ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואָס וואַרפט זיך, שאָקעלט זיך און זעצט....

און וואָס איז די נשמה פון דעם גוף? די פּאַרע! זי רודערט עס מיט אַלעס דורך לעדערנע רימען, מיט וועלכע יעדער וואַרשטאַט איז אַרומגע־נומען...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדערע נשמה נישט, נישט דער וואַרשטאַט, נישט דער פּועל. וואָס טהוט נאָך דעם וואַרשטאַט; זיי האָבען קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט...

אַזוי דאַכט זיך מיר!

און מיין פיהרער וויל מיר אַלץ פערטייטשען, געבען צו פערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, וואָס מען אַרבייט, ווי אַזוי מען אַרבייט; נאָר, — איך הער נישט, איך שרעק מיך פאַר די קלאַפּענדיגע גולמות...

די אויערען ווערען מיר טויב פון גערויש און קלאַפּעריי....

אַ ים קולות, אַ מבול קלעפּ און שלעג... און עס קראַצט, און רייבט און קריצט מיט די צייהן...

און אַ וואונדערליכע מחשבה פליהט דורכ׳ן מוח:

און ווען עס קומען אַהער, אין דעם גיהנום אַריין, די גרעסטע נביאים... ישעיה, ירמיה... און ווען משה־רבינו אַליין, — ווען זיי עפענען די מיילער, און — זיי ווילען רעדען — צי וואָלטען זיי איבערגעשריגען דעם גיהנום, צי וואָלט זיי עמיצער פון די געפּייניגטע נשמות געהערט?

ניין, זיכער נישט! טראַכט איך און לויף אַרויס, בעגאָסען מיט קאַל־טען שווייס פאַר שרעק!

חולה־נופל — אַ קראַנקער, וואָס האָט דאָס פאַלענדיגע (עפּילעפּסיע).

ז. סעגאַלאָוויטש.

אין שטאדט.

מיך דריקט די שטאָדט, מיך דריקט דער טומעל...
די הייזער הויך — נישטאָ קיין הימעל,
און קיינער בענקט נישט נאָך דער שיין.
איך קוק זיך איין, איך קוק זיך איין...

*

דאָ רוישט, דאָ קאָכט... דאָס רופט מען לעבען!...
און נישט קיין בליק צו הימעל געבען,
און נישט קיין פרייעם אָטהעם טהאָן.
איך קוק דאָס אָן, איך קוק דאָס אָן...

*

דאָ האַנדעלט מען... מען פיהרט מלחמה,
וואָס בעסער — ווייניגער נשמה...
מיט פאַלשקייט איז דאָס האַרץ דאָ רייך.
איך לויף פון אייך, איך לויף פון אייך...

ד. פּינסקי.

דער מויערער.

ביינוש דער מויערער איז היינט פֿרעהליכער ווי אַלעמאָל אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבייט. ער וועט אַרבייטען נישט ווייט נעבען הויף, אין וועלכען ער וואוינט, און, אַז ער וועט שטעהן אין דער הויך אויף די „רישטאָוואַניעס", וועט ער קאָנען זעהן זיין דירה. דאָס האָט איהם גוט געשטימט, און ער האָט שוין מיט פֿערגעניגען געשמייכעלט. ער האָט צונויפֿגעקליעבען זיין געצייג אונטערזינגענדיג. פֿאַרבייגעהענדיג האָט ער אַ קניפּ געטהאָן דאָס עלטערע פּינפּיעהריגע טעכטערעל, אַ שלעפּ געטהאָן שׂרה-לאה'ן, דאָס ווייב, פֿאַר'ן קלייד און אַריינגעדאַפּט דעם „וואָזיק'ס" הענטעל אין מויל.

„נו, יעצט וועלען מיר הולד'ין", — האָט ער געזאָגט און אַרויפֿגעלעגט דאָס זעקעל מיט'ן געצייג אויף די אַקסלען. ער האָט אָנגעקושט די דריי טעכטער, אַרומגעהאַפּט פֿאַר דער טאַליע שׂרה-לאה'ן, צונויפֿגעלעגט די ליפּען, ווי אויף אַ קוש צו טהאָן, נאָר ער האָט נישט אַ קוש געטהאָן. ער האָט נאָר אויסגעשאָסען מיט די ליפּען איהר אין געזיכט: „פּ-פּו!"

די קינדער האָבען זיך צעלאַכט.

„פּו!" — האָט דער „וואָזיק" נאָכגעמאַכט, פּויזענדיג איבער דער פּאָדלאָגע.

„געה שוין, געה, משוגע'נער!" — האָט שׂרה-לאה אַריינגערעדט מיט ליעבע.

ער איז אַרויס.

אין דער זעלבער גאַס, אויף דעם דריטען הויז, לינקס פֿון דעם הויף, אין וועלכען ער האָט געוואוינט, האָט מען אַרויפֿגעשטעלט אַ פֿערטען שטאָק. שטעהענדיג אין דער הויך אויף דער לינקער זייט פֿון מויער, האָט מען געקאָנט זעהן ביינוש'עס הויף, ווי אויף דער האַנד. מען האָט געזעהן, ווער עס געהט אַרויף און אַראָב אין הויף. ביינוש'עס דירה איז געווען פּונקט אַנטקעגען מיט דעם איינציגען פענסטער צום הויף: מען האָט אַפילו געקענט זעהן, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין צימער.

ביינוש איז אונגעדולדיג געווען ביי דער אַרבייט: מען האָט ערשט געמויערט דעם פֿראָנט. ער פֿלעגט זיך אָברייסען פֿון דער אַרבייט, צוגעהן צום לינקען עק פֿון די רישטאָוואַניעס, אַ וואָרף טהאָן אַ בליק אויף זיין הויז און אָהן חשק אומקעהרען זיך צוריק צו דער אַרבייט. דער קאָפּ איז איהם פֿערנומען געוועזען מיט'ן געדאַנק, וואָס טהוט זיך ביי איהם אין דער היים.

ער האָט אָבגעאַרבייט אַ פּאָר שעה און מעהר נישט געקאָנט זיך איינהאַלטען. ער איז צו צום עק רישטאָוואַניע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער לינקער זייט אָן דער שטעהענדיגער זייל און דעם רעכטען פֿוס אויסגעשטרעקט אויף הינטען.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פענסטערל, טאָמער וועט ער דערזעהן שׂרה-לאה'ן. נאָר די זון האָט געשיינט אין די שויבען, און ער האָט גאָר נישט געקאָנט זעהן. דאָס האָט איהם אַביסעל פֿערדראָסען. ער האָט אָנגעהויבען אומצוואַרפען מיט דער רעכטער האַנד: טאָמער קוקט שׂרה-לאה אין

פענסטער, ווען זי איהם בעמערקען. שרה-לאה, וועלכע פלעגט אייך אפט צוגעהן צום פענסטער, טאמער ווען זי דערזעהן ביינוש'ען, האט איהם מאקי באלד בעמערקט און איז געשווינד ארויס פון שטוב. ער האט איהר ארויס-געשטעקט א צונג. זי האט זיך צעלאכט און אנגעהויבען מאכען מיט די הענד — ער זאל נישט שטעהן ביים ברעג.

ער האט איהר בעוויזען, אז ער האלט זיך פאר דער זייל, און האט ארויסגעשטעלט איהר נאך אמאל די צונג. און איהם פערווילט זיך זעהן פון דאנען די קינדער, דערהויפט דעם „וואזיק". ער בעווייזט איהר מיט די הענד, זי זאל ארויסברייגנען די קינדער.

„דעם „וואזיק", דעם וואזיק, מיר, מיר!" — מאכט ער מיט די ליפען, ווארפט אום מיט ביידע הענד, ווי צווישען זיי וואלט ער געהאלטען דאס קינד. און ווייזט אן מיט דער רעכטער האנד אויף זיך.

שרה-לאה איז אריין אין שטוב און אין גיכען ארויס פון דארטען מיט'ן „וואזיק" אויף די הענד און מיט ביידע עלטערע ביים קלייד.

„אן דער טאטע, אן דער טאטע", — זאגט זי צו זיי און ווייזט אן מיט'ן פינגער. וואו עס שטעהט דער טאטע. די קינדער זוכען מיט די אויגען.

די עלטערע בעמערקט איהם און הויבט אן אונטערצושפרינגען: „דער טאטע! דער טאטע!"

די יונגערע מאכט שוין א וויינענדיגען קול און פרעגט: „וואו טאטע? וואו טאטע?"

און דער „וואזיק" קוקט תמ'עוואטע אין אלע זייטען. און ביינוש מאכט גרימאסען, טשמאקעט מיט די ליפען, פייפט און בלאזט. ער האט זיך גאר פערגעסען, וואו ער שטעהט, וואס ער האט צו טהאן. ער איז געווען פערטרונ-קען אין זיין גליק.

„וואס איז דאס, דער האט שוין גאר נישט וואס צו טהאן?" — האט זיך דערהערט הינטער איהם א געשריי. דאס איז געווען דער ריאדטשיק, וועלכער איז ארויף מיט'ן בעל-הבית פון מויער בעטראכטען די ארבייט. ביינוש האט א ציטער געטהאן, געוואלט איבערדרעהען זיך, אויסגעגליטשט זיך און...

ער איז אראפגעפאלען אראב.

פון דריטען הויף האט זיך דערהערט א הערצרייסענדער אויסגעשריי.

מ. ווינטשעווסקי.

אין א גרויסער שטאדט ביי-נאכט.

איהר לעמפעלעך, לאטערנעלעך,
דערצעהלט מיר, וואס, ביי נאכט,
זיך שטעהענדיג און ברענענדיג,
איהר צייטענווייז בעטראכט.
דען אלע נאכט, בעלייכטענדיג
די מויערען דעם ברוק —
דארפט איהר איצט האבען, רעכען איך,
א קלארען, שארפען קוק.

* *

האָט איהר געזעהן אַ בחור'ל,
פערהונגערט און פערשמאַכט,
דאָ געהענדיג און זוכענדיג
די גאַנצע ליעבע נאַכט, —
זיך זוכענדיג אַ ווינקעלע,
אַ טהיר, אַ טרעפ אין גאַס,
זיך צוצולעגען אויסרוהען? —
ס'איז שרעקליך קאַלט און נאַס!
די לעמפעלעך — זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעס הויז;
צו זעהן זיי, צו הערען זיי —
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.
האָט איהר געזעהן ביים האָספּיטאָל
אַ מיידעלע ביי'ם טהיר,
מיט רויטע אויגען, שרייענדיג:
„אוי וועה, אוי וועה צו מיר!“
איהר טאַטע ליעגט אַ גוסס'ער,
פינף קינדער שרייען: „ברויט!“
די מאַמע איז שוין לאַנג ניטאָ:
זי איז שוין דריי יאָהר טויט.
די לעמפעלעך — זיי ברענען זיך
בעלייכטען יעדעס הויז;
צו זעהען זיי, צו הערען זיי —
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.
האָט איהר געזעהען, איהר לעמפעלעך,
שפּאַצירענדיג אין גאַס,
אַ האַלב־צעמישטען אַלטען מאַן,
שוואַך, הונגעריג און בלאַס?
אַמאָל האָט דיעזער אַלטיטשקער
געמאַכט פון יאָהר צו יאָהר
אַ פולע מענשען לאַכענדיג
אַלס לוסטיגער אַקטיאָר.
די לעמפעלעך — זיי ברענען זיך,
דרויף זענען זיי געשטעלט;
נאָר וויכטען פון זיי קענט איהר ניט,
וואָס טהוט זיך אין דער וועלט.
די לעמפעלעך — זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעס הויז;
צו זעהען זיי, צו הערען זיי —
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

ד. פרישמאַן.

די פישער.

דריי פישער פאָהרען צום פישען אַרויס
אין נעבעל, אין גראָהען, גאָר ווייט אויפ'ן מעער.
זיי טראַכטען פון ווייב און פון קינד און פון הויז,
פון אויגען, וואָס קוקען זיי נאָך ביז אַהער: —
די אַרבייט דעם מאַן, די טרעהרען דער פרוי,
און שווער זענען זאָרגען און לעבען איז גרוי —
און פינסטער שטורעמט דאָס מעער.

דריי פרויען בליקען אַרויס פונ'ם טורם
אויפ'ן ברעג, אינ'ם נעבעל; דאָס ליכט איז גאָר קליין.
זיי בליקען אין ווינד, זיי בליקען אין שטורם.
אָט שווימען שוין ברעטער — צעבראָכען — אַליין —
די אַרבייט דעם מאַן, די טרעהרען דער פרוי,
און פאַלש איז די וואַלע, און וואַסער איז רויה —
און שטורמיש שוימט דאָס מעער.

דריי טויטע ליעגען גאָר שטיל אויפ'ן זאמד;
די מאָרגען־זון פונקעלט, דער ווינד איז אַוועק.
עס בליקען דריי פרויען אַהין אויפ'ן זאמד
און בליקען און בליקען אָהן אויפהער, אָהן עק: —
די טרעהרען דער פרוי, די אַרבייט דעם מאַן,
און קורץ איז דאָס לעבען, אַ שפאַן נאָך אַ שפאַן —
און ליכטיג גלאַנצט דאָס מעער.

ד. פרישמאַן.

„הרי את...“

א בילד פון אַ גרויסער שטאָדט.

— הערר און מאַדאַם איזידאָר זאַבלודאָווסקי האָבען די עהרע צו בעטען זי צו דער חופּה פון זייער טאָכטער רעגינא מיט דעם באַנקיר'ס זוהן הערר סטאַניסלאַוו זילבערבערג, וועלכע וועט זיין פרייטאָג דעם 11־טען אַפּריל, פונקט האַלב 1 מיטאָג, אין דער סינאַגאָגע אויף טלאַמאַצקע.
„האַלב 2 — אַ פריהשטיק אין רעסטאָראַן „בריסטאָל“.
וואַרשא, אין מערץ, 1902“.

אונטער דער חופּה שטעהט דער חתן עטוואָס געבוקט. אַ מערקווירדיג הייכע געשטאַלט. דאָס פנים איז עטוואָס איינגעפאַלען און געלבליך, אָבגע־וועלקט און זעהט אויס זעהר מאַט און מיעד; זיין שוואַרצער צילינדער אויפ'ן קאָפּ גלאַנצט, אָבער אונטער דעם צילינדער אויף די ביידע שלעפען זעהען זיך עטליכע גראָהע האָר. ער שטעהט און האַלט אין דער האַנד אַ זיידען

טיפעל, און אָפּט טראָגט ער עס צו נאַפּלעסיג צו זיין מויל; בעהאַלטענערהייט געניצט ער אַמאָל אַריין אין דעם טיפעל.

און פאַר איהם די כּלה — אַ יונג, פריש, זאַפטיג מיידעל, ווי דער פריש-געפאַלענער טהוי: כּמעט נאָך אַ קינד איינגאַנצען. אין איהר גרויס ווייסע זי צו איהם נאָר בּיז צו די אַקסלען. איהרע אויגען קוקען גלייך און אָפען צו איהם אַרויף פון הינטער דעם דעקטוך, און די אויגען לאַכען און זענען גרויס און נאַאיוו און פול נייגיעריגקייט און בּעגעהרעניש — די אויגען פון אַ יונג, גלויביג קינד.

דער אָרגעל שפּיעלט און לאָזט זיינע מערקווירדיגע טענער הערען: טיעפע, ערנסטע טענער, פול מיט הייליגקייט.

און ער, סטאַניסלאַוו זילבערבערג, שטעהט איינגעבויגען און האָרכט. ער הערט די טענער און שטרענגט זיך אָן, זיי צו לאָזען אַריינדריינגען אין זיך. אָך, יאָ, אַ שענער הייליגער חאָראַל! און ער הויבט אָן מיטצוחלומ'ען און זיך צו לאָזען טראָגען אויף די חוואַליעס פון די בּרייט פליסענדיגע טענער. פלוצלינג אָבער רייסט זיך איבער דער פאָדים, און ער שוועבט ווייטער, ווייטער, טיעפער, טיעפער. הערט אַלעס נאָר נאָך ווי אין חלום, און דאַן הערט ער גאָר נישט מעהר, און ער פערגעסט, וואו ער איז, און אַלץ, וואָס טהוט זיך דאָ אַרום איהם. אָט איז אַ חשבון: צוויי מאָל הונדערט און זעכציג טויזענד בּאַר. בּיז יוני האָט ער כּמעט קיין שום צאָהלונג נישט. אָמת, יוני וועט אַביסעל שווער זיין: אויף יעדען טאָג כּמעט אויסגעשטעלט. אָבער צווייטאָל הונדערט און זעכציג טויזענד! און חוץ דעם די היפּאָטעק אויף ווספּילנאַ גאַס: אַגבֿ אויך די צוויי היפּאָטעקען אין פּראַגא. חוץ מזה די ערשטע ראַטע צינזען, וועלכע ער האָט אָבצונעהמען אין מאַי. דאַכט זיך, דער טערמין איז דעם אַכטען. אַ שאָד, וואָס ער קאָן נישט יעצט נאָכזעהן אין נאָטיץ-בּיכעל. די הויפּט-זאַך איז, ער מוז בּאַלד אָנהויבען דעם פּראָצעס מיט רעגינאַ'ס בּרידער וועגען דעם זיבענטעל פון דער ירושה פון פעטערס זייט...

פלוצלונג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט: דער אָרגעל האָט נאָך אַ טיעפען בּרייטען טאָן פלוצלונג אָבגעהאַקט.

און דער קאַנטאָר און דער כאָר ענטפערען, בּעזונדער זיס איז די דיסקאַנט-שטימע. און זי, רעגינאַ, שטעהט מיט אַראָבגעלאָזענע אָפענע אויגען. כּמעט קען זי דאָס גאַנצע נישט פערשטעהן, און אַז דאָס אַלץ איז נישט נאָר אַ חלום: זי שפּירט אַ פיעבער אין אַלע איהרע גליעדער. אָט איז דער גרויסער סוד, אָט ליעגט ער פאַר איהר. אָך, נאָר נאָך איין טאָג, איין טאָג.

און וויעדער הויבט דער אָרגעל אָן און בּרומט מיט זיינע טיעפע שווערע טענער, און די טענער ציהען זיך און גיסען זיך, ציהען זיך און גיסען זיך.

אָבער דאָס מאָל הערט ער, סטאַניסלאַוו, כּלל וכלל נישט די טענער. אָט איז דער בּריעף, וועלכען ער האָט נעכטען בּעקומען אויס לייפּציג. די „בּלאָנדע מיצע" שרייבּט איהם, אַז זי איז עפּעס נישט געזונד געווען און דעריבער האָט זי איהם נישט געשריעבען; אָבער דער „יונגע" איז געזונד און שטאַרק. דער יונגע איז גאָר איינגאַנצען ענהליך צו איהם, ווי צוויי טראָפּען וואַסער. אָבער וואונדערן וואונדערט זי זיך, וואָס דעם צוואַנציגסטען, וועלכער

ס'איז דאָך דער טערמין, האָט זי נישט ערהאַלטען פֿון איהם די ראַטע אַזוי ווי אַלע מאָל אין יעדען חודש. זי זעהט שוין אַרויס, אַז ער מיינט זיך איינציגוויז אַרויסצונאַרען און שפּעטער זיך אינגאַנצען פֿון איהר לויז צו מאַכען, אָבער דאָס אַלעס וועט איהם נישט נוצען. זי וואָרענט איהם: זאָל ער זיך די זאַך גוט איבערלעגען און זאָל זי נישט ברענגען דערצו, אַז זי זאָל מוזען אַרויסטרעטען קעגען איהם מיט אַ פּראָצעס.

דער אָרגעל רוישט מיט מעכטיגע, ברייטע טענער. אַ סך נייע געסט שטופּען זיך און קומען צו ביז צו דער חופּה: דעקאָלטירטע אַקסלען, געל־זיידענע קליידער און בליצעדיגע ברילּיאַנטען; שפּאָגעל־גלאַנצעדיגע ציליג־דערס, בלענדענד־ווייסע הענדשקעלעך און רויטע קראַוואַטען; און דער קאַנ־טאָר זינגט...

און זי, רעגינאַ, שטעהט און האָרכט. ס'איז דאָך איהר חתונה און זי מוז האָרכען. היינט מוז זי. און באמת איז די ליעבע טויזענד מאָל שענער פֿון אַלעם, וואָס זי האָט געלייענט ביי ד'אַנונציא און ביי פּרעוואָ. דאָס איז זי דאָס, די ריינע, אמת'ע ליעבע. אַזויגעס, ווי ער איז, האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. באַלד ווי זי האָט איהם צום ערשטען מאָל דער־בליקט, פּאַראַיאָהרען ווינטער ביי דעם בלומען־קאָרזאָ, האָט זי שוין געוואוסט, אַז איהר גורל איז געוואָרפֿען געוואָרען. עפּעס וואונדערליך האָט ער גערעדט צו איהר, ווערטער ווי מען הערט עס גאָר נישט. נאָך אַזאַ מענש מיט אַזעלכע ריינע, טרייע אויגען איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. זי איז זיכער אין איהם און אין זיינע ריינע, טרייע אויגען, אַז זי איז זיין ערשטע ליעבע. איבריגענס האָט ער דאָס איהר אויך מינדליך געזאָגט. און זי גלייבט איהם, א״ה״ר סטאַניסלאַוו...

פּלוצלונג בעריהרען איהר אויער חוואַליעס פֿון שווערע טיעפֿע טענער, און נאָך זיי אַ פּלוצלינגע פּויזע — און זי חאַפּט זיך אויף.

די באַקען גליהען, די אויגען גליהען, דער אָטהעם געהט שווער און קיילעדיג.

אָך, די צערעמאָניע — ווי לאַנג זי דויערט! ווען עס זאָלט נאָר שוין זיין אַ סוף....

און פּלוצלונג הערט זיך די שטימע פֿון דעם פּרעדיגער:

„— — הנה אתם יוצאים בחדש האביב, אַט געהט איהר אַרויס אין דעם מאָנאַט פֿון פֿריהלינג. איהר געהט אַרויס אינ'ם פֿריהלינג, איהר געהט צום פֿריהלינג, און דער פֿריהלינג קומט אייך אַנטקעגען. אין אייך איז פֿריהלינג און פֿריהלינג איז אַרום און אַרום. אייער גאַנץ לעבען איז אַ גרוי־סער פֿריהלינג.... ושקר החן, זאָגט דער פּסוק, והבל היופי, דער חן איז אַ ליגען, און די שענקייט איז נאַרישקייט — אָבער ווען אויך עס איז פֿאַראַן חן און שענקייט אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווי מיר זעהען דאָס יעצט פֿאַר אונז, אויך דאַן איז דאָס נאָר אַ ליגען און אַ נאַרישקייט, ווען מען פֿערגלייכט עס מיט דעם אמת'ן גליק, מיט דער ליעבע.... און וואָס איז די ריינע ליעבע, ווען נישט די, וועלכע איז געגרינדעט אויף דעם פֿאַמיליען־לעבען? און וואָס איז פֿאַמיליען־לעבען, ווען נישט דאָס, מיט וועלכען דאָס פֿאָלק ישראל האָט זיך

פון תמיד אן אויסגעצייכענט און פאר וועלכען אלע פעלקער פון דער וועלט האבען איהם מקנא געווען?“ — —

דער ארגעל שאלט, דער קאנטאר זינגט, דער חאר ענטפערט, און די טענער טראגען זיך ווי חוואליעס איבער דעם גאנצען הויז.

נאך א מינוט.

און... „הרי את מקודשת“...

און דער ארגעל שאלט „מקודשת“, און דער חאר ענטפערט „מקודשת“.

הייליג! הייליג! — אלעס איז הייליג...

ער און זי זענען א פאר פאלק, מאן און ווייב, א זיווג!

א געצוויטשעריי פון קושען הערט זיך פון אלע זייטען. אלעס שטופט זיך צום חתן און צו דער כלה, אלעס גראטולירט.

א גליקליך פאר!

אויפ׳ן גאס גיסט זיך יעצט דער רעגען אין שטראמען. א נאסער ראב פליהט פון איין דאך אויפ׳ן צווייטען און קרעכצט: הייליג, הייליג.

אך, ווי הייליג!

הארל — א רעליגיעזע מוזיקאלישע קאמפאזיציע. באר — מזומן, אויסגעצאהלט פון האנד צו האנד (אהן קרעדיט). היפאטעק — קרעדיט, וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף אונבעוועגליכע גיטער (הייזער, ערד און ז. וו.). ציגזען — פראצענטען פאר געליהענע געלד. ד׳אנונציא — א בעריהמטער איטאליענישער שריפטשטעלער. פרעווא — א פראנצויזישער ראמאניסט. בלומען-קארזא — א פערוויילונג, וואו די געסט קאנקורירען, ווער ס׳וועט האבען שענערע בלומען (געוועהנליך מאכט מען אזוינע פערוויילונגען אין איטאליען). גראטולירען — אבגעבען מזל-טוב.

שלום-עליכם.

דריי קעפלעך.

I.

אלע דריי, אבראמטשיק, מאָסיטשיק און דבורה׳קע, זענען געבוירען און געוואקסען אלע אויף איין ארט — צווישען וואנד און צווישען אויווען, אלע דריי זעהען פאר זיך אלע טאג איינס און דאס זעלבע: דעם פרעהליכען טאטען, וואס שניידט קארטאן, קלעבט שאכטלעך און זינגט נגונים, און די פערזארגטע אויסגעטריקענטע מאמע, וואס קאכט און באקט און קעהרט און ראמט און איז קיינמאל נישט פארטיג. ביידע זענען זיי שטענדיג אין דער ארבייט: די מאמע ביי׳ם אויווען, דער טאטע ביי די שאכטלען. אויף וואס דארף מען אזוי פיעל שאכטלען? ווער דארף עס אזוי פיעל שאכטלען? אפנים, אז די גאנצע וועלט איז פול מיט שאכטלען?... אזוי טראכטען די דריי שענע קעפלעך און קוקען שוין ארויס, אז ביי׳ם טאטען זאלען זיך שוין אנקלייבען א סך א סך שאכטלען און ער זאל זיי נעהמען אלע אויפ׳ן קאפ און אין ביידע הענד — אפשר טויזענד שאכטלען — און זאל מיט זיי ארויסגעהן אין מארק אריין און קומען צוריק אהן שאכטלען, נאר מיט געלד פאר דער מאמע און מיט בולקעלעך, בייגעלעך אדער צוקערקעס פאר די קינדער... א גוטער, אוי א גוטער טאטע ביי זיי, א גאלד! די מאמע איז אויך א גוטע. נאר א בייזע. מ׳האפט פון איהר אפט א זעץ, א שטורך אין זייט, אדרעה פאר

די אויערן. זי האָט פֿײַנט, אַז מ'מאַכט איהר אָן „אַ הקדש". זי וויל נישט, אַז די קינדער זאָלען זיך שפּיעלען אין „טאַטע-מאַמע"; זי וויל נישט, אַז אַבראַמטשיק זאָל שנײַדען די אַראָפּגעפאַלענע שטיקלעך קאַרטאָן, אַז מאָסיטשיק זאָל גנבֿה'נען פּאַפּ בײַ'ם טאַטען און אַז דבֿורה'קע זאָל באַקען ברויט פֿון זאַמד מיט וואַסער... די מאַמע וויל, אַז די קינדער זאָלען זיצען שטיל, כּטאַטעשנע, די מאַמע ווייסט נישט, אַפּנים, אַז יונגע קעפּלעך אַרבּייטען, אַז יונגע נשמות רייסען זיך, רייסען זיך, רייסען זיך — וואוהין?.... אינדרויסען! צו דעם ליכט! צום פֿענסטער! צום פֿענסטער!

.II

סך-הכּל איין פֿענסטער, איין שטיקעל פֿענסטער. אַלע דרײַ קעפּלעך שלאָגען זיך פֿאַר'ן שטיקעל פֿענסטער, און וואָס זעהט מען דאָרט? אַ וואַנד. אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גראָהע, אַ נאַסע וואַנד. שטענדיג, אייביג איז זי נאַס, אַפֿילו זומער!... קומט אַמאָל אַהער די זון? געוויס קומט אַמאָל אַהער די זון. דאָס הייסט, נישט די זון אַליין, נאָר אַ שיין פֿון דער זון. און דעמאָלט איז אַ יום-טוב. אַלע דרײַ שענע קעפּלעך שפּאַרען זיך צום שטיקעל פֿענסטער, קוקען אַרויף, גאַנץ אויבען, און זעהען אַ לאַנגען, שמאָלען בלאָהען פּאַס, ווי אַ לאַנגע בלאָהע סטענגע.

— אָ! זעהט איהר, קינדער? אָט דאָס איז הימעל!

אַזוי זאָגט אַבראַמטשיק. אַבראַמטשיק ווייסט. אַבראַמטשיק געהט אין חדר, ער לערנט שוין קמץ-אַלף. דער חדר איז טאַקי דאָ נישט ווייט, די צווייטע שטוב, דאָס הייסט, די צווייטע טהיר. אַך! וואָס אַבראַמטשיק דערצעהלט זיך אָן פֿאַר חידושים פֿונ'ם חדר! אַבראַמטשיק דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהן, ער זאָל אַזוי זעהן אַלדעס גוטס, אַ גרויסען מויער פֿון כאַמע פענסטער פון אויבען ביז אַראָב. אַבראַמטשיק שווערט, אַז ער האָט אַליין געזעהן אַ קוימען, אַ הויכען קוימען, און פֿונ'ם קוימען געהט אַ רויך... אַבראַמטשיק דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהן, אַ מאַשינע, וואָס מ'נעהט אויף איהר אָהן הענד... אַבראַמטשיק דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהן, ער זאָל אַזוי זעהן אַלדעס גוטס, אַ וואָגען, וואָס פֿאָהרט אָהן פֿערד... און נאָך אַזעלכע נסים ונפֿלאות דערצעהלט זיי אַבראַמטשיק פֿונ'ם חדר, און מאָסיטשיק, און דבֿורה'קע הערען און זיפֿצען און זענען איהם מקנא, וואָס אַלצדינג ווייסט אַבראַמטשיק, אַלצדינג!

למשל, אַבראַמטשיק ווייסט, אַז אַ בוים וואַקסט. אמת, ער אַליין האָט נאָך, גלייך מיט זיי, קיינמאָל נישט געזעהען, ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בוים. נישטאָ קיין בוימער אויף דער גאַס. נישטאָ! ער ווייסט אָבער (אין חדר האָט ער עס געהערט), אַז אויף אַ בוים וואַקסען פירות, — און דערפֿאַר מאַכט מען אויף אַ פּרי „בורא פּרי העץ". אַבראַמטשיק ווייסט (וואָס ווייסט ער דען נישט?) אַז קאַרטאָפֿליעס, למשל, אָדער אוגערקעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבעל וואַקסען אויף דער ערד, — און דערפֿאַר מאַכען מיר אויף זיי „בורא פּרי אדמה". אַלצדינג ווייסט אַבראַמטשיק! ער ווייסט נאָר נישט, ווי און ווי אַזוי דאָס וואַקסט, וואָרום ער האָט דאָך נאָך, גלייך מיט זיי,

קיינמאָל נישט געזעהן, וואָרום אויף זייער גאַס איז נישטאָ קיין פֿעלד, נישטאָ קיין גאָרטען, נישטאָ קיין בוימער, נישטאָ קיין גרעזעל, — נישטאָ! נישטאָ! אויף זייער גאַס זענען דאָ גרויסע מויערען, גראָהע ווענד, הויכע קוימענס, וואָס ס'גיהט פֿון זיי אַ רויך, און פֿענסטערלעך אַ סך אין יענעם גרויסען מויער, טויזענטער פֿענסטערלעך, און מאַשינעס, וואָס נעהען אָהן הענד, און וואָגענס, וואָס פֿאָהרען אָהן פֿערד — און ווייטער גאָרנישט! גאָרנישט!

.III

אַלצדינג ווייסט אַבראַמטשיק. אַבראַמטשיק ווייסט, אַז ס'איז דאָ אַ לאַנד, אַ ווייט לאַנד, זעהר אַ ווייט לאַנד, וואָס מ'רופֿט דאָס אַמעריקאַ. דאָרט, דאָרט, אין דעם אַמעריקע, האָבען זיי פֿריינד אַ סך און בעקאַנטע. דאָרט, אין דעם אַמעריקע, איז יודען, קיין עין־הרע, גוט און פֿרעהליך. אַהינצו, אין דעם אַמעריקע, וועלען זיי אַריבערפֿאָהרען, אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר, אַז זיי וועלען בעקומען פֿון דאָרטען שיפֿס־קאַרטען. אָהן שיפֿס־קאַרטען קאָן מען אין אַמעריקאַ נישט פֿאָהרען, ווייל ס'איז אַ ים און אויפֿ'ן ים איז אַ שטורעם־ווינד און עס וואַרפֿט מיט סכנות־נפֿשות — אַלצדינג ווייסט אַבראַמטשיק.

אַלצדינג! אַפֿילו וואָס אויף יענער וועלט טהוט זיך. למשל, ער ווייסט, אַז אויף יענער וועלט איז דאָ אַ גן־עדן, פֿון יודענס־וועגען געוועהנליך; אין גן־עדן איז דאָ בוימער אַ סך מיט די שענסטע פּירות; טייבען וואָס פֿליסען בוימעל; דימענטען און בריליאַנטען וואַלגערען זיך אין די גאַסען: בויג זיך אָן, נעהם און שטופּ אָן פֿולע קעשענעס, און עהרליכע יודען זיצען דאָרטען טאָג ווי נאַכט און לערנען און האָבען הנאה פֿון דער שכינה...

אַזוי דערצעהלט אַבראַמטשיק, און ביי מאָסיטשיקען און ביי דבורה'קען ברענען די אויגעלעך, און זענען מקנא זייער עלטערן ברודערל, וואָס ער ווייסט אַלצדינג, אַלצדינג ווייסט ער! אַפֿילו וואָס אויפֿ'ן הימעל טהוט זיך. אַבראַמטשיק שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָהר: הושענא־רבה אויף דער נאַכט און שבועות אויף דער נאַכט, שפּאַלט זיך דער הימעל. אמת, ער אַליין האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, ווי דער הימעל שפּאַלט זיך, ווייל ס'איז נישטאָ ביי זיי קיין הימעל, דערפֿאַר האָבען אָבער זיינע חברים געזעהען. זיי שווערען, אַז זיי האָבען אַליין געזעהען, זיי זאָלען אַזוי זעהען אַלדעס גוטס. זיי וועלען דאָך נישט שווערען אויף אַ ליגען? ווי טאָר מען שווערען אויף אַ ליגען? אַן עבירה, וואָס ביי זיי אויף דער גאַס איז נישטאָ קיין הימעל. ס'איז דאָ אַ לאַנגער שמאָלער בלאָהער פּאַס, ווי אַ לאַנגע שמאָלע בלאָהע סטענגע. וואָס קאָן מען אין אַזאַ שטיקעל הימעל זעהן, אַחוץ צוויי דריי קליינע שטערענדלעך מיט אַן אָנבייסען פֿון דער לבנה?... און כּדי צו איבערצייגען זיין יונגערען ברודער מאָסיטשיק און זיין קליין שוועסטערעל דבורה'קע, אַז ס'שפּאַלט זיך דער הימעל, גיהט אַבראַמטשיק צו דער מאַמע, שלעפּט זי פֿאַר'ן קליידעל:

— מאַמע! אַ יאָ, היינט שבועות אַרום האַלבע נאַכט שפּאַלט זיך דער הימעל?

— דעם קאָפּ וועל איך דיר שפּאַלטען!

געהאַפּט אַ מיאוס'ען פּסק פֿון דער מאַמע, וואַרט אַבראַמטשיק אויפֿ'ן טאַטען, דער טאַטע איז אַוועק אין מאַרק מיט אַ גאַנצען אוצר שאַלמלען.

.IV

— קינדער! אַ נו טרעפט, וואָס וועט היינט דער טאַטע ברענגען אַ מתנה פונ׳ם מאַרק?

אַזוי זאָגט אַבראַממטשיק און די קינדער הויבען אָן טרעפען, וואָס וועט דער טאַטע זיי ברענגען אַ מתנה פונ׳ם מאַרק. זיי רעכענען אוים אויף די פינגער אַלצדינג, וואָס ס׳איז דאָ אין מאַרק, אַלצדינג, וואָ אַ מענשענ׳ס אויג קען זעהן און וואָס אַ מענשענ׳ס האַרץ קען גלוסטען: בולקעלעך און בייגעלעך און צוקערקעס — און קיינער האָט נישט געטראָפען, און איהר ווייסט, האָב איך מורא, אויך נישט טרעפען. פייסי דער אייניבינדער האָט געבראַכט צו-טראָגען איצטיגס מאָל נישט קיין בולקעלעך, נישט קיין בייגעלעך, נישט קיין צוקערקעס: גראָז האָט ער געבראַכט צוטראָגען; אַ פּאַק מיט גראָז, מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקענדיגע גראָזען.

און אַלע דריי שענע קעפּלעך, אַבראַממטשיק, מאָטיטשיק און דבורה׳קע, האָבען אַרומגערינגעלט דעם פּאָטער:

— טאַטע! וואָס איז דאָס, אָט דאָס אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט דאָס גרינס?

— גרינס אויף יום-טוב, יודען דאַרפען יום-טוב גרינס.

— וואו נעהמט מען דאָס, טאַטע?

— וואו מ׳נעהמט עס? המ... אין מאַרק קויפט מען דאָס, אין מאַרק...

אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעוואַרפט דאָס גרינע שמעקענדיגע גראָז איבער דער נאָר-וואָס אויסגעקעהרטער שטוב, און ער קוועלט, וואָס ס׳איז גרין און ס׳שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמע פריילעך, ווי זיין שטייגער איז:

— פעסי, אַ גוט יום-טוב דיר!

— מזל-טוב, אַ נייער הקדש! די ממזרים זיינע וועלען שוין האָבען וואָס צו מיסטיגען!...

אַזוי ענטפערט איהם די מאַמע נישט צופריעדען, ווי אַלע מאָל, און שעלט, ווי אַלע מאָל, די קינדער דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין זייט, דעם אַ דרעה ביי׳ם אויער. אַ מאָדנע מאַמע ביי זיי! קיינמאָל איז זי נישט צופריעדען, תמיד פערזאָרגט. שטענדיג פערזאָרגט, פונקט דער היפך פונ׳ם טאַטען!

און די דריי שענע קעפּלעך קוקען אויף דער מאַמע, קוקען אויפ׳ן טאַטען, קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע-מאַמע קירעווען אָב אַ ווייל אויף אַ זייט, טהוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דריי אויף דער ערד, פּאַלעך-צו מיט׳ן פּנים צום שמעקענדיגען גראָז, קושען דאָס שמעקענדיגע גראָז, וואָס מ׳רופט דאָך גרינס, און וואָס יודען דאַרפען דאָס אויף יום-טוב און וואָס מ׳קויפט דאָס אין מאַרק...

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפילו גרינס. אַלצדינג קויפט דער טאַטע, אַלץ דאַרפען יודען און אַלצדינג האָבען יודען. אַפילו גרינס!... אַפילו גרינס!...

א. רייזען.

אין גאַס.

וואָס וויל פֿון מיר האָבען, רבונו של עולם, די פֿרוי מיט די דריי פּעקלעך שוועבעלעך אין דער אויסגעשטרעקטער האַנד?...

איך קען זי ניט און ווייס זי ניט — איך ווייס ניט, וויפֿיעל זי איז אַלט, צו דרייסיג, צו פֿופֿציג, צו זיעבעציג יאָהר, — איך ווייס ניט, צי האָט זי אַ מאַן, צו זי איז אַן'אַלמנה, צו אַ גרושה, צו גאָר אַן'עגונה; איך ווייס ניט. צו האָט זי קינדער, וואָס וואַרטען אויף איהר קומען ביי=נאַכט, אָדער זי איז עלענד, ווי די וואַנד פֿון מויער, אָן וועלכער זי שטעהט אָנגעשפּאַרט; איך ווייס ניט אַפֿילו, וואו זי וואוינט, צו אין אַ גאַסען קעלער, צו אויף אַ פֿינסטערען בוידעם, — איך קאָן זי ניט און ווייס זי ניט, היינט וואָס וויל זי פֿון מיר האָבען? וואָס צערייסט זי מיר אַזוי מיין האַרץ, וואָס פֿערסמ'ט זי מיר מיינע געדאַנקען און וואָס מאַכט זי מיר די גאַנצע וועלט פֿאַר אַ פֿינסטערע? וואָס פֿערלעשט זי מיר די זון, פֿערשטעלט מיר דעם הימעל? וואָס פֿערטרייבט זי מיר אַלע פֿרעהליכע ליעדער, וואָס איך וואָלט געקענט הערען?

וואָס מאַכט זי מיר מיאוס אַלע שענע פֿרויען אין גאַס?...

וואָס וויל פֿון מיר האָבען, רבונו של עולם, די פֿרוי מיט די דריי פּעקלעך שוועבעלעך פֿאַר אַ פֿיערער?...

נו, גוט, איך וועל ביי איהר קויפֿען דריי פּעקלעך שוועבעלעך! איין פּעקעל וועל איך אין קעשענע אַריינלעגען, אַ צווייטעס וועל איך אַהיים ברענגען און אַ דריטעס וועל איך אַוועקוואַרפֿען — עס איז מיר גענוג 150 איינציגע שוועבעלעך פֿאַר פֿיער גראָשען, — אָבער וועל איך שוין דערפֿון רוהיגער ווערען, וועט שוין די יודענע פֿון מיר גאָר נישט וועלען האָבען?

נ י י ן!

זי וועט צו מיר אַלץ האָבען שטומע טענות. מיר וועט אַלץ קלינגען אין די אויערען, ווי אַ געוויין: „דריי פּעקלעך שוועבעלעך פֿאַר אַ פֿיערער“... און איך וועל אַלץ חשבונ'ען, אַז אין דריי פּעקלעך געפֿינען זיך 450 שטיק, אַז די קעסטעלעך האָבען געקלעבט אָרימע מיידלעך, וואָס אַרבייטען פֿאַר 2 גילדען אַ טאָג, אַז די דרוק האָט, זאָל זיין ווי געשווינד, ד.באַנדעראָלען געדרוקט, אַז דער קאָמיסיאָנער... און דער סך=הכל פֿון חשבון קומט אַלץ אויס, אַז די פֿרוי, וואָס שטעהט אין גאַס און בעט זיך: „דריי פּעקלעך שוועבעלעך פֿאַר אַ פֿיערער“, — איז זעהר אַנ'אומגליקליכע, און לאָזען זי אַזוי ווייטער שטעהן איז אונמעגליך. מען דאַרף צו איהר צוגעהן, מען דאַרף ביי איהר פֿרעגען, ווער זי איז און וואָס זי איז, און ניט צוליעב דער הייליגער וויסענשאַפֿט סטאַטיסטיק, אום צו מאַכען דערפֿון אַנ'עקאָנאָמישען אַרטיקעל, — ברעכט די וויסענשאַפֿט, מיט דער סטאַטיסטיק, מיט דער עקאָנאָמיע רוק און לענד, פֿערהאַפֿט זאָלען זיי ווערען! — מען דאַרף ביי איהר דאָס אַלץ פֿאַנאַנדערפֿרעגען, ווייל זי איז אַ מ ע נ ש, ווייל זי ל י י ד ט, ווייל איהר בלוט גיסט זיך אין גאַס און קיינער זעהט עס ניט. מען דאַרף ביי איהר אויספֿאָרשען, וואָס זי טראָגט איבער אַ טאָג, וואָס זי האָט איהר גאַנץ לעבען איבערגעטראָגען, און מען דאַרף דאָס אויסרופֿען אין אַלע גאַסען, אין אַלע פֿרעהליכע ערטער און שרייען: „איהר

הערט, הבֿרה, אין דער און דער גאַס שטעהט אַ יודענע מיט דריי פּעקלעך שוועבעלעך אין האַנד און פֿערקויפֿט עס פֿאַר פֿיער גראָשען. זי איז זעהר אַנ'אומגליקליכע. אין איהר לעבען איז איין ליכטיגער שטראַהל ניטאָ. לאָמיר זעהן אַ מיטעל דערצו, וואָרום עס איז אונמעגליך צו לעבען אַזוי ווייטער, עס איז פֿערשטערט אונזער פֿרייד: איהר קול, וואָס איז, דאַכט זיך, הייזעריג, שרייט העכער פֿאַר אַלע אונזערע הויכע ליעדער"...

און איך, משוגע'נער, וויל טאַקע שוין צוגעהן צו איהר און מאַכען מיט איהר אַ שמועס — האַפּט מיך דער טייוועל! פֿאַר ווענען האָב איך מורא?— מען וועט לאַכען, זאָל מען לאַכען!

און איך וויל שוין צוגעהן.

דערהער איך ערגעץ נאָך אַ קול, וואָס איז גלייך צו איהרען! איך קעהר זיך אָב און דערזעה נעבען זיך אַ בלאַס יונגעל מיט אַ קעסטעלע קאָנווערטען,— וואָס וויל ער?

— אַכט קאָפּיקעס — אַ מאה קאָנווערטען, אַכט קאָפּיקעס — אַ מאה קאָנווערטען!

איך לאָז די פֿרוי מיט די שוועבעלעך און געה צו צום יונגעל מיט די קאָנווערטען — גרויסע, בלאָהע קאָנווערטען! אַ קאָנווערט דאַרף איך האָבען איינעם אין אַ וואָך, נאָר איך קויף, איך מוז קויפֿען... וואָרום, פֿערשטעהט איהר מיך, אַז דאָס בלאַסע יונגעל זאָל וואַרטען אויף אַ מענשען, וואָס דאַרף טאַקי האָבען אַ גאַנצע מאה קאָנווערטען, וועט ער, געוויס, קיין אָנבייסען זיך ניט אויסוואַרטען....

איצטער אָבער וויס איך ניט, וואָס זאָל איך טהאָן מיט דער יודענע מיט די שוועבעלעך. דאָס יונגעל בעט זיך אויך מיט שטומע בליקען: פֿאָרש אויס מיין לעבען! וועסט געפֿינען גענוג נויט...

מילא, וואָס זאָל איך טהאָן מיט זיי! פֿערפֿאַלען — איך וועל איהם אַ פֿרעג טהאָן!...

רוקט זיך אונטער אַ יוד מיט טאַשען-לוחות'לעך... שעהנע טאַשען-לוחות'לעך, קליינע און שעהנע — אַ מחיה צו קוקען אויף זיי. נאָר וואָס אָבגעדרוקט, און טייער בעט ער אויך ניט — אַ קאָפּיקע אַ לוח. אַ שרעקליכער זול...

איך קויף אַ לוח'ל אויך: לאָמיך וויסען, ווען געפֿאַלט תשעה-באָב...

און דער יוד איז אויך אַלט (און אפשר איז ער יונג — ווער קען פֿערשטעהן זייערע פּנים'ער?...) און זיין לעבען דאַרף אויך אַ סך דערציעהלען דער וועלט... מען דאַרף זיך צו איהם אויך אַ נעהם טהאָן...

נאָר עס רוקט זיך אונטער אַ יוד סתם און פֿערקויפֿט גאָר נישט... אַ יוד אָהן סחורה... און דער יוד קאָסט מיר טייערער, ווי יענע מיט דער סחורה: זיין אויסגעדאַרט, אויסגעמוטשעט פּנים איז מיר ווערט מעהר פֿון דער יודענעס פּעקלעך שוועבעלעך, פֿון דעם יונגעל'ס קאָנווערטען און דעם אַלטענ'ס לוח'ל. איך קען זיך אָהן זייערע סחורות בעגעהן, דער יוד אָבער אָהן דער סחורה האָט אונטער די אויגען אַזוינע רעדער, וואָס זיי זענען ווערט פֿאַר יעדען גוטהערציגען מענשען אַ גרייזונע, און אַזוי פֿיעל קאָסט עס מיר...

געגוג אבער! איך וועל זיך ניט ארויסדרעהען פון אזוי פיעל אומגליקען. איך קען ניט, איך האב שוין קיין געלד ניט און כ'האב שוין קיין הארץ ניט.

טא קום שוין דו, סטאטיסטיקער, עקאנאמיסט! אפשר דו, מיט דיין הארטען הארצען און קאלטען מח, וועסט א מיטעל געפינען.

ביי מיר לאזען זיך שוין די הענד אראב...

א. מ. ווייסענבערג.

דור הולך ודור בא.

נאטע דער שוסטער איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה אין, האטש ער האט זיך געפיהלט ניט געזונד, איז ער פונדעסטוועגען אוועק צו דער ארבייט צוזאמען מיט זיין יונגעל חיים.

ער האט שוין געטראפען איינינע געזעלען ביי דיווארשטאטען. דער „גילער פייוועל" האט שוין געהאט „פערשנורעוועט א פאר צום קאוועך". נאטע זעצט זיך צו, און נישט פיעל שפעטער איז איהם חיים'ל געקומען צו הילף. א שווערער אומעט ליעגט אויף נאטע'ס געזיכט. „וואס זיצסט דו עפעס אזוי?" — האט פייוועל געפרעגט. „עט נארנישט!... סליחות טעג... וואס? טאנצען זאל איך?" ענטפערט נאטע, אהן א בליק צו טהאן צום פרעגער. דערווייל איז זעליג, דער בעל־הבית, אנקומען פון גאס. נאטע האט געפאסט מוט און געבעטען עטליכע רובל. זעליג האט איהם געגעבען דריי רובל. חיים'לס אויגען האבען אנגעהויבען שטראהלען פאר פרייד, ווען דער פאטער האט איהם דערלאנגט דאס געלד אהיים צו טראגען דער מוטער, און איז מיט א רוישענדיגען קלאפ אין טהיר ארויסגעפלויגען פון שטוב. נאטע וויל זיך אויך פרעהען, נאר ער קען נישט: עפעס פיהלט ער זיך נישט גוט. ער האט דערפיהלט ווי א קגייל אונטער'ן הארץ און בעקומען א שרעקליכען וועהטאג. פאר די אויגען איז איהם פינסטער געווארען, און די הענד האבען איהם אנגעהויבען שטארק צו ציטערען. עס מאכען זיך איהם די אויגען צו און דער שטיוועל פאלט איהם ארויס פון דער האנד; עס ווערט איהם הייס אין אלע גליעדער. מיט אלע קרעפטען עפענט ער די אויגען און וויל זיך אויפהויבען און ארויסגעהן זיך אפקיהלען אויף דער לופט: דארט וועט איהם אויך גרינגער זיין צו אטעמען; נאר ער קען נישט. ער שפירט, אז ער וועט אומפאלען, ווי ער וועט זיך נאר ריהרען פון ארט. פייוועל האט עס בעמערקט און פרעגט, וואס איהם איז. „ס'איז מיר נישט גוט", — ענטפערט ער מיט א קורצען, שטילען אטעם און ווייזט איהם, אז ס'קלעמט איהם אונטער'ן הארץ. די חברים לויפען צו איהם צו, מען האט איהם געוואלט אנלעהנען אויף זעליג'ס בעט, נאר נאטע גיט א צייכען, מען זאל איהם ארויספיהרען אינדרויסען. מען טהוט זיין ווילען, פייוועל נעהמט איהם אן ביי איינער, נאך א געזעל ביי דער צווייטער האנד, און מען פיהרט איהם לאנגזאם ארויס פון דער טהיר. זיי האבען איהם אוועקגעזעצט אויף א שטיין, וואס איז דארט געלעגען, און ער האט אהנמעכטיג אנגעשפארט דעם קאפ אן דער וואנד מיט א פערשטיקט ברומען פון וועהטאג. — „ס'איז דיר בעסער?" — פרעגען די חברים. ער שאקעלט מיט'ן קאפ אויף ניין און קען

קוים אַרויסבריינגען אַ שטיל געבעט, מען זאָל איהם אָבפֿיהרען אַהיים. פּיוועל האָט געהייסען אַרויסדערלאַנגען פֿון שטוב די חלאַטלעך, זיי האָבען זיך און נאָטע׳ן אָנגעטהאָן און איהם אַהיים געפֿיהרט אונטער די הענד. נאָטע פֿיהלט זיך אַלץ שווערער און שווערער, די פֿיס האָבען זיך איהם נאָר אָהנמעכטיג נאָכגעשלעפּט. פֿאַר דער טהיר איז זיי דאָס ווייב זיינס מרים, וואָס האָט זיי דורכ׳ן פֿענסטער געזעהן, אַנטקעגען געלאָפֿען מיט אַ געשריי און פֿערבראָכענע הענד, נאָך איהר — חיים׳ל. „גאָט אין הימעל!“ — האָט זי פֿערצווייפֿעלט אויסגעשריען, — „וואָס איז מיט איהם געשעהן? ראַטעוועט, ראַטעוועט אַ מענשען, אַ מאַטען פֿון קליינע קינדער“. חיים׳ל האָט ביטערליך געוויינט און געקלאַפּט זיך מיט די פֿויסטען אין קאָפּ. „אַביסעל וואַסער! קאַלט וואַסער ברענגט אַרויס“, האָט פּיוועל געשריען. חיים׳ל האָט גיך אַרויסגעטראָגען אַ שעפּ וואַסער פֿון שטוב און מיט האַסט אַ גאָס געטהאָן אויפֿ׳ן פֿאָטער׳ס געזיכט. דער פֿערחלש׳טער האָט געעפֿענט די אויגען און געגלאָצט אויף אַלע זייטען, נאָר ער האָט זיי באַלד צוריק צוגעמאַכט. שכנים זענען זיך דערווייל צוזאַמענגעלאָפֿען, מעהר געשריען, ווי עפּעס געטהאָן, און עס האָט נישט געהאָלפֿען. מען פֿיהרט נאָטע׳ן אין שטוב אַריין, מען לעגט איהם אויפֿ׳ן בעט, און פּיוועל לויפֿט נאָך אַ דאָקטאָר. אין דער לופֿט פֿון קליינעם שטיבעל, וואָס איז אָנגעפֿילט געוואָרען נאָך מיט מענשען פֿון גאַס, האָט נאָטע דעם רעשט אָטעם פֿערלוירען... דאָס געשריי און געוויין ווערט העכער. דערויף קומט אָן דער דאָקטאָר, וואָס האָט שוין געטראָפֿען צוגעלעגטע וואַרעם-פֿלעשער און האָט זיי פֿערטרייבט אויף הייסע קאָמפּרעסען; אויך האָט ער אַ רעצעפּט פֿערשריעבען און איז אַוועקגעגאַנגען. נאָטע איז אַלץ כמעט ווי אָהן אָטעם. מיט אַמאָל האָבען זיך איהם דורך אויסגעריסען די ברעמען, די אויגען האָבען זיך פֿון קאָפּ אַרויסגעזעצט און איבערגעקעהרט זיך מיט די שוואַרצע אַפּעל אַרויף אונטער׳ן שטערען. ער האָט אָנגעהויבען האָרחלען; ער גוס׳עט. באַלד האָט זיך איהם דאָס געזיכט משונה אויסגעקרימט. זיינע אויגען האָבען ביי איהם שאַרף און געשווינד אויסגעגלאָצט, ווי ביי אַ צאַנקענדיג ליכט, און האָבען זיך באַלד צוריק פֿערשלאָסען... און עס האָט זיך צוריק געהערט דאָס האָרחלען פֿון האַלז.

— וואָס איז דאָס? — פֿרעגט עמיץ.

— די „טרויעריגע כלי-זמר“, — ענטפֿערט פּיוועל מיט אַ ביטערקייט אין דער שטימע.

אַ פּאָר מאָל רייסט זיך נאָטע און וואַרפֿט זיך, זוכענדיג לופֿט, ווי אַ פֿריש געפֿאַנגען פֿישעל זוכט וואַסער. דערנאָך אַ שטאַרקער און לעצטער חאָרהעל... און נאָטע׳ן איז אויסגעגאַנגען די נשמה. מען האָט אָנגעצונדען אַ ליכט, אַ ברכה געמאַכט און אַראָבגעהויבען דעם טויטען אויף דר׳ערד. די אַריינגעשטויסענע מרים בעוויינט איהם פֿאַר דער טהיר. „לאָזט מיך!“ שרייט זי: לאָזט מיך נאָך איין מאָל אָנקוקען מיין מאַן, רייסט מיך נישט אַוועק פֿון איהם, לאָזט אויך צו מיינע שוועלבעלעך, זאָלען זיי איהם בעוויינען... קלאַגט אויף אייער בראָך! קלאַגט, יונגע יתומים׳לעך, אויף אייער טאַטען!“ — זי האָט זיי געוויזען צום פֿענסטער אין שטוב אַריין: „דאָרט איז אייער געטרייער שפּייזער, אומ-

גליקליכע פֿויגעלעך...“ — חיים׳ל איז געשטאַנען בײַ דער זייט און אַלץ געשלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנד.

„זאָל שוין זיין גענוג“, — האָבען איינינע מאַנסליֵיט געשריִען: „געהמט די אַוועק ווייטער, מען טאָר נישט מצער זיין קיין טויטען“, — מען האָט זי מיט געוואַלט אַוועקגעפֿיהרט צו אַ שכן. פֿייוועל האָט אַ וואונק געטהאָן צו צוויי פֿון זיינע חברים: „קומט צו זעליג׳ען, מען מוז נעהמען עטליכע רובל אויף תּכריכים“, — האָט ער זיי געזאָגט, און אַלע דריי זענען אַרויס פֿון שטוב.

זעליג׳ס ווייב האָט שוין דערפֿון געוואוסט און איז זיי אַנטקעגען געלאָפֿען, קלאָגענדיג און מיט פֿערבראָכענע הענד: „אַנ׳אומגליק, אַזאַ אומגערילטער חורבן, קינדער-קרוין! וואָס זאָל איך אַייך זאָגען! דער פֿינסטערער ונתנה תּוקף! נאָך פֿאַראַיאָהרען אָנגע׳חתמ׳עט געוואָרען!“.

„וואו איז זעליג?“ — האָט פֿייוועל איבערגעריסען די קלאָג. זי ווישט זיך אויס די אויגען און ענטפֿערט טרוקען און בעליידיגט, אַז ער וועט באַלד קומען: „זעצט אַייך!“ זעליג איז אויך באַלד געקומען און האָט, צוגעהענדיג צו זיי, געפֿרעגט: „איהר זענט שוין געווען בײַ דעם גבאי פֿון חברה-קדישא“? — „ניין“, — האָט פֿייוועל געענטפֿערט, — „מען דאַרף געלד אויף תּכריכים, חאָטש אַ רובל זעקס, און איהר מוזט די טובה טהאָן און געבען“. — זעליג האָט פֿייוועלען אַ צייכען געגעבען, ער זאָל נישט ריידען אַזוי הויך פֿאַר׳ן ווייב, עס איז אָבער שוין צו שפּעט געווען. זי גיט איהם אַ ציה בײַם אַרבעל. זי וויל איהם עפּעס זאָגען אָן אַ זייט. ער מאַכט זיך נישט הערענדיג, גיט פֿייוועלען זעקס רובל. פֿייוועל מיט די חברים געהען אַרויס. דעמאָלט ערשט פֿרעגט ער, וואָס זי וויל איהם זאָגען?

— ווער וועט אָבאַרבייטען דאָס געלד?“ — פֿרעגט זי צאָרניג, — „דיר חלומ׳ט זיך, אַז נאָטע לעבט נאָך?...“ — „נישט דיין דאַגה!“ — ענטפֿערט ער און גיט צו:

— „היימ׳ל וועט אָבאַרבייטען: דור הולך ודור בא!“

דור הולך ודור בא — איין דור געהט אַוועק, דער אַנדערער קומט.

מ. ספּעקטאָר.

ראש-השנה.

I.

עס איז געווען אַ שענער פּעטערבורגער טאָג, ווי די, וואָס פֿאַלען אָפּט אויס אין אָנהויב אָסיען. דער ברייטער נעווסקי פּראָספּעקט קאָכט און זידט, אויף די טראָטואַרען — פֿיעל שפּאַציער-געהער.

פֿון אַ גרויס הויז, וואו עס געפֿינט זיך די פֿערוואַלטונג פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון מיליטערישע דאָקטוירים, האָבען זיך אַרויסגעשיט אויף דער גאַס אַ פּאָר צעהנדליג מענשען, אָנגעטהאָן אין פֿאָרמענע קליידער, טייל מיט דיקע גענעראַלסקע שליפּעס און טייל נאָר מיט איינציגע און צווייענדיגע פּאַסקעלעך אויף לאַנגע, ווייסע עפּאָלעטען.

דער עולם איז זיך באַלד צעגאַנגען יעדערער אין זיין וועג, נאָר צוויי מיליטער־דאָקטוירים זענען געבליבען שטעהן אויף דעם טראָטואַר, עפּעס רעדענדיג צווישען זיך.

ווען זיי האָבען זיך שוין געהאַלטען ביי די הענד זיך צו געזעגענען, האָט פּלוצלונג איינער אַרויסגעריסען די האַנד און זיך פריעהליך אָנגערופען:

— דו ווייסט, וואָס פאַר אַ טאָג היינט איז? דו ווייסט, אַז היינט איז נייאָהר ביי יודען — ראש־השנה?...

— נו, איז וואָס?

—ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען? — זאָל אַלעס געהן צום רוח! איך האָב היינט גאָר קיין חשק ניט צו אַרבייטען; זעה נאָר, וואָס פאַר אַ שעֶן וועטער היינט איז, כמעט זומער. טאָמער וואָלטען מיר זיך אַביסעל אַרויסגעפאָהרען הינטער׳ן שטאָדט, אַזוי — פערברענגען...

— וואָס רעדסטו? אינמיטען העלען טאָג? מיר זענען אַזוי ביידע פערנומען!

— איז וואָס? זאָל זיך דאַכטען, אַז מיר זענען יודען... איך האָב שטאַרק חשק היינטיגען טאָג צוזאַמען מיט דיר צו פערברענגען; דערמאָנען זיך אָן די יונגע יאָהרען, ווען אַלעס איז געווען אַזוי שעֶן, אַזוי גוט... זאָל דער רוח האַפּען די גאַנצע אַרבייט: אַ גאַנץ יאָהר אַרבייט מען ווי אַ מאַשינע, חאָטש איין מאָל אין יאָהר פערברענגען אַליין, ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען...

דערהערענדיג „אַמאָליגע יאָהרען“, האָט דער צווייטער זיך ווי אויפגעהאַפּט פון אַ גוטען חלום און פריעהליך זיך אָנגערופען:

— מילא, וואָס וועט זיין, זאָל זיין, וואַליאַי, הינטער דער שטאָדט! נאָר וואו אַהין?

— אַלץ איינס וואו אַהין, אַבי הינטער׳ן שטאָדט, וואָס וויטער פון מענשען.

— נו, וואַליאַי! — עי איזוואָשטשיק!

עס זענען אונטערגעפאָהרען עטליכע דראָזשקעס. זיי האָבען אויסגעקליבען אַ „ריסאַק“ אין אַ רוסישען שפּאַן מיט אַ קוטשער, וועלכער איז ברייט געזעסען און געהאַלטען מיט שטאָלץ די לייצען.

און דער דאָזיגער ריסאַק האָט זיך מיט די צוויי פּאַרשוינען אַ לאָז געטהאָן, ווי אַ גלייכע סטרונע, איבער דעם נעווסקי פּראָספּעקט.

.II

וועניגער ווי אין אַ האַלבע שעה איז שוין דער ריסאַק געווען הינטער פּעטערבורג. נאָך אַ צעהן מינוט, האָט מען שוין געהאַט אַ פעלד פון איין זייט און אַ וואַלד פון דער צווייטער.

— שטעֶה! אָט דאָ נעבען וואַלד שטעל זיך אָב! — האָט איין פּאַסאַזשיר אויסגעשריען.

דער קוטשער האָט האַסטיג אָבגעשטעלט זיין ריסאַק, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט ווייסען שוים.

די צוויי פּאַסאַזשירען זענען אַריין אין וואַלד, און די דראָזשקע איז געבליבען וואַרטען.

— אַך, וואָס פֿאַר אַ שיינער טאָג, וואָס פֿאַר אַ וועטער! — האָט זיך איינער אָנגערופֿן, אָבגעהענדיג עטליכע טריט אין וואַלד אַריין.

— וואָס פֿאַר אַ לופֿט איז דאָ! — אַ לעבען, אַ חיות! — האָט דער אַנדערער געזאָגט.

אַז מען האָט שוין ניט געזעהן ניט דעם וועג און ניט די דראָזשקע, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אונטער אַן אַלטען בוים מיט ברייטע צווייגען, אויסגעטהאָן פֿון זיך די גראָהע מאַנטלען מיט די עפּאָלעטען, אויסגעלעגט זיי אויף דעם גראָז מיט׳ן אונטערשלאָג אַרויף און זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד.

— פּונקט ווי אַמאָל בּיי אונז אין סוועָנציאַן, געדענקסט ל״ג בעומר הינטער דער שטאָדט, ווי מיר פֿלעגען מיט אונזער רבּי׳ן ר׳ קאָפּעל געהן אין וואַלד? עט, ווייסט עס דער רוח, עס איז גוט געווען אַמאָל אין סוועָנציאַן!...

— אוי, נאָך ווי גוט! פֿאַרפֿאַלען, ברודער, מעהר וועלען מיר שוין אַזעלכע גוטע יאָהרען ניט איבּערלעבען...

אַ פּאָר מינוט זענען זיי אַזוי געלעגען שטיל, פֿערטיעפֿט יעדערער אין זיינע געדאַנקען.

פּלוצלונג שטעלט זיך איינער אויף די קניע און פֿרעגט דעם צווייטען:

— זאָג נאָר, ראָמאַן איוואַנאָוויטש, וואָס קומט איצטער פֿאָר בּיי אונז אין סוועָנציאַן?

— רוף מיך איצטער ניט ראָמאַן איוואַנאָוויטש, רוף מיך אַזוי ווי דו פֿלעגסט מיך רופֿען אַמאָליגע יאָהרען....

דער צווייטער צעלאַכט זיך:

— נו, זאָל איצטער ניט זיין ראָמאַן איוואַנאָוויטש, נאָר חיים־הערשעל.

— יאָ, חיים־הערשעל.

— נו, חיים־הערשעל, שטעל זיך פֿאָר, וואָס טהוט זיך איצטער בּיי אונז אין סוועָנציאַן?

— איך דאַרף זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען, יענקעלע, איך זעה עס איצטער מיט מיינע אויגען. גאַניץ סוועָנציאַן איז נאָך אַודאי בּיים דאַווענען.

— מען דאַרף שוין אַודאי האַלטען בּיי מוסף.

ער טהוט אַ קוק אויף דעם זייגער.

— יאָ, אַודאי... דער חזן קעהר איצטער זינגען י־ת־ג־ד־ל!...

און בּיידע חבֿרים פֿון איין שטאָדט, פֿון איין חדר, האָבען אויף איין קול אָנגעהויבען זינגען דעם יתגדל מיט דעם ימים־נוראים־ניגון: ית־ג־דלל! וית־ק־דשש!...

און דער אַלטער נגון האָט געהילכט איבּער דעם וואַלד און זיך צע־גאַנגען צווישען די בּוימער וויט, וויט: ית־גד־לל??! וית־ק־דשש!??!

און יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען אויסגעצויגען דעם נגון פֿון יתגדל ויתקדש, האָט זיך פֿונ׳ם וואַלד געהערט אַן׳ענטפֿער: בּים־בּאָם! אַי, אַ אַי, אוי יאָ אוי!... טאַלאַ בּים־בּאָם!??!...

און דער „בּים־בּאָם“, מיט דעם „אַי אַי“ און מיט דעם גאַנצען יודישען דרעה, איז אויסגעקומען, ווי משוררים העלפֿען אונטער...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ רוח, האָט איין דאָקטאָר געפֿרעגט בּיי׳ם 204

צווייטען מיט דער גרעסטער פערוואונדערונג. — ווער קען דאָס אונטערהעלפען אונזער יתגדל?

— עס ווייזט זיך דיר נאָר אויס.

— עס ווייזט זיך מיר אויס, זאָגסטו? לאָמיר פּרובּען נאָך אַמאָל.

און זיי האָבּען בּיידע ווידער אָנגעהויבּען זינגען.

— ית-ג-ד-לל!?!... וי-תק-דשש!??...

און בּאַלד דערנאָך ענטפערט דער וואַלד:

— בּים-בּאָם, אַי, אוי, יאַי, אוי!?.. טאַלאַ בּים, בּאָם!??!...

— טאַקי! — האָבּען זיי בּיידע זיך אָנגערופען מיט ערשטוינונג.

— שוין-זשע העלפען אונז די בּוימער אונטער ווי משוררים?

— אָדער אפשר איז דאָס אַ ווידער-קול פון סוועגציאָן?

זיי זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער, אָנגעטהאָן די פּאַלטאָס, און איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן:

— ווייסטו וואָס? לאָמיר געהן נאָך דעם קול, אפשר וועלען מיר קענען געפינען.

און ניט אויפהערענדיג זינגען דעם יתגדל, זענען זיי אַזוי געגאַנגען איבּער דעם וואַלד נאָך דעם קול „בּים-בּאָם“, און וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען, האָט זיך דאָס קול אַלץ געהערט דייטליכער און קלאָרער.

און אַזוי זענען זיי צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו דער איזוואָשטשיק איז געשטאַנען מיט זיין דראָזשקע. די צוויי דאָקטורים האָבּען דערזעהן: ער זיצט אויף דער קעלניע, האַלט אונטער די בּאַק מיט דער האַנד ווי אַ חזן און זינגט און דרעהט דעם ימים-נוראים'דיגען ניגון: „בּים-בּאָם, אַי, אַי, טאַלאַ בּים, בּים-בּאָם!!!“

— עי, בּאַרין, — האָט ער געענטפערט לעבּעדיג, — איך בּין אויך אַמאָל אַ ייד געוועזען, אַ קאַנטאָניסט בּין איך געוועזען, און איצטער אַן איזוואָשטשיק.

— וואָס-זשע זינגסטו פּלוצלונג?

— איך האָבּ געהערט זינגען — האָבּ איך זיך ניט געקענט איינהאַלטען: עס האָט זיך אַליין אונטערגעזונגען... עס איז אַן אַלטער ניגון, וואָס פער-געסט זיך ניט...

קעלניע — דאָס פאָדערשטע בּענקעלע אויף אַ דראָזשקע, וואו דער קוטשער זיצט.

אין סאָלדאַטען מוז מען געהן.

(פאָלקס-ליעד).

ניששט קיין שטוב, ניששט קיין בּאַלקען,
נישט קיין מאַמען, נישט קיין טאַטען;
נעהמט מיך אָן אַ געוויין:
אין סאָלדאַטען מוז מען געהן.

ניט קיין דאַך, ניט קיין פענסטער,
ניט קיין בּרודער, ניט קיין שוועסטער;

געהמט מיך אָן אַ געוויין:
אין סאָלדאַטען מוז מען גיֶהן.

גיט קיין טהיר, ניט קיין ברעטער,
ניט קיין מוהמען, ניט קיין פֿעטער;
געהמט מיך אָן אַ געוויין:
אין סאָלדאַטען מוז מען גיֶהן.

א. רייזען.

איז אוועק צום קריעג דער מלך...

(פֿון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ).

איז אַוועק צום קריעג דער מלך —
בלאָזען אַלע שופֿרות פֿריֶהליך;
שופֿרות בלאָזען, רוישען, ברומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען.

איז געגאַנגען סטאַך זיך שלאָגען —
האָט דער טייך געגומען קלאָגען
און די זאַנגען שטיל צו ציטערען
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטערען...

אויפֿ׳ן שלאַכט־פֿעלד אונטען, אויבען
פֿליהען קוילען, מענשען ליעגען, —
מלכים שלאָגען זיך, ווי לייבען,
הלאָפּעס פֿאַלען, ווי די פֿליגען...

פֿאָהנען רוישען, שאָסען קראַכען,
און די מחנות ציהען ווייטער;
ס׳האָט אַ קויל געטראָפֿען סטאַכ׳ען.
ס׳קומט אַהיים דער מלך הייטער.

ווי געקומען איז דער מלך,
עפֿנען זיך די טויערען פֿריֶהליך;
די טראָמפּייטען רוישען, שאַלען,
און די זון — זי שיט מיט שטראַהלען.

ווי מען האָט גענומען גראָבען
פֿאַר דעם סטאַך אַ גרוב, דאַן האָבען
שטיל געוויינט אין פֿעלד די גראָזען,
און אַ ווינד האָט צוגעבלאָזען...

ו. גאַרשין.

אויף דער מלחמה.

.I

איך געדענק, ווי מיר זענען געלאָפען איבער'ן וואַלד, ווי די קוילען האָבען געזשוזשעט, ווי די צווייגלעך האָבען זיך געבראָכען, ווען אַ קויל האָט זיי געטראָפען, ווי מיר האָבען זיך געדרוקט צווישען די קוסטעס. מ'האָט געשאָסען אָפטער און אָפטער. דורך די ביימער, ביי'ם ראַנד פונ'ם וואַלד, האָט עפּעס אַ רויטס זיך געוויזען דאָ און דאָרט. סידאָראָוו, אַ יונגינקער סאָלדאַטיקעל פון דער ערשטער ראָטע („ווי קומט ער אַהער, אין אונזער קייט?“ — איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק) האָט זיך פּלוצים אַ זעץ געטהאָן אויף דער ערד און שווייגענדיג זיך אומגעקוקט צו מיר מיט זיינע גרויסע דערשראָקענע אויגען. פון זיין מויל האָט גערונען אַ פּאַס בלוט. יאָ, איך געדענק דאָס גוט. איך געדענק אויך, ווי איך האָב צווישען די געדיכטע קוסטעס, שוין גאָר ביי'ם עק וואַלד, דערזעהן... איהם. ער איז געווען אַ ריעזיגער דיקער טערק, איך האָב זיך אָבער אַ לאָז געטהאָן גלייך צו איהם, כאָטש איך בין געווען שוואַך און מאָגער. עפּעס האָט אַ קלאַפּ געטהאָן, עפּעס אַ אונגעהויערס איז נעבען מיר דורכגעפלויגען: ס'האָט אָנגעהויבען קלינגען אין די אויערען. „דאָס האָט ער געשאָסען אויף מיר“, — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן. און יענער האָט מיט אַ געשריי פון שרעק זיך צוגעשפּאַרט מיט'ן רוקען צום געדיכטען קוסט. ער וואָלט זיך געקענט בעהאַלטען פון יענער זייט, נאָר פאַר שרעק האָט ער ניט פערשטאַנען גאָר ניט און איז אַליין געקראָכען אויף די שטעכעדיגע צווייגען. מיט איין קלאַפּ האָב איך איהם אַרויסגעשלאָגען די ביקס פון דער האַנד, מיט'ן אַנדערען האָב איך ערגעץ אַריינגעשטעקט מיין שפּיז. עפּעס האָט אָנגעהויבען ברומען, עפּעס האָט געקרעכצט. נאָכדעם האָב איך זיך געלאָזט ווייטער. אונזערע האָבען געשריען „הוראַ“, געפאַלען, געשאָסען. איך געדענק, איך האָב אויך עטליכע מאָל אויסגעשאָסען — דעמאָלט בין איך שוין געווען אויף אַ פרייעם פּלאַץ, הינטער דעם וואַלד. מיט אַ מאָל האָט מען אָנגעהויבען נאָך שטאַרקער שרייען „הוראַ“, און מיר האָבען זיך פּלוצלונג אַלע אַ לאָז געטהאָן ווייטער. דאָס הייסט, ניט מ י ר, נאָר א ו נ ז ע ר ע, וואָרים איך בין געבליבען. איך האָב עפּעס גאָר ניט פערשטאַנען, וואָס איז דאָס. פּלוצלונג איז אַלצדינג געוואָרען שטיל: מ'האָט ניט געהערט קיין שיסעריי, ניט קיין געשרייען. דאָס האָב איך אויך ניט געקענט פערשטעהן. איך האָב ניט געהערט גאָר ניט און נאָר געזעהן עפּעס בלאָהס; מסתמא דעם הימעל. נאָכדעם איז אַלצדינג פערשוואונדען.

.II

איך הייב זיך אונטער און זעץ זיך. דאָס איז זעהר שווער, ווען ביידע פיס זענען איבערגעבראָכען. עטליכע מאָל פּרוב איך זיך — און קען ניט. סוף כל סוף זעץ איך זיך אויף. פאַר וועהטאָג בעווייזען זיך מיר טרעהרען אין די אויגען.

אויבען — אַ שטיקעל בלאָה־שוואַרצער הימעל, וואו עס ברענט איין

גרויסער שטערן און עטלעכע קלײנינקע; אַרום און אַרום — עפּעס הױכּס, טונקעלס. דאָס זענען קוסטעס. איך ליעג צװישן די קוסטעס: מ׳האָט מיך ניט געפֿונען!

איך פֿיהל, װי די װאָרצלען פֿון די האָהר ריהרען זיך אויף מײן קאָפּ.

װי קום איך אָבער צו די קוסטעס, אַז דערשאָסען האָט מען מיך דאָרט, אויפֿ׳ן פֿרײען פּלאַץ? מסתּמא בין איך שוין אַ פֿערװאונדעטער צונױפֿגעקראָכען אַהער, ניט װיסענדיג, װאָס ס׳טהוט זיך מיט מיר. מערקװירדיג! איצט קען איך זיך ניט ריהרען, און דעמאָלט האָב איך זיך נאָך געקענט דערשלעפּען ביז די דאָזיגע קוסטעס. און אפֿשר האָב איך נאָך דעמאָלט געהאַט נאָר אײן װאונד, און די צװײטע קויל האָט מיך שוין געטראָפֿען דאָ.

מאַט־ראָזע פֿלעקען האָבען זיך אָנגעהױבען ריהרען אַרום מיר. דער גרויסער שטערן איז געװאָרען בלאַסער, די עטליכע קלײנינקע זענען פֿערשװאונדען. דאָס געהט אויף די לבנה. װי גוט איז איצט אין דער הײם!...

עפּעס הער איך מאָדנע קולות... עפּעס אַקוראַט װי עמיצער זאָל קרעכצען. יאָ, מען קרעכצט. אפשר ליעגט דאָ עמיצער, אַ פֿערגעסענער װי איך, מיט איבערגעבראָכענע פֿיס אָדער מיט אַ קויל אין בויך? נײן, דאָס קרעכצען הערט זיך אַזוי נאָהענט, און אַרום מיר איז ניטאָ, דאַכט זיך, קײנער... גאָט אין הימעל, דאָס קרעכץ איך דאָך אַלײן! אַזוי שטיל, טרויעריג; טהוט מיר טאַקע אַזוי װעה? מסתּמא יאָ, נאָר איך פֿערשטעה ניט דעם װעהטאָג, װאָרום אין קאָפּ איז מיר אַ טומאַן, אַ בלײ. בעסער זיך װיעדער לעגען און אײנשלאָפֿען װערען, שלאָפֿען... צו װעל איך אָבער אַמאָל אויפֿװאַכען? דאָס איז אַלץ אײנס.

אין דער מינוט, װען איך קלײב זיך לעגען, שפּרײט זיך אויס אַ ברײטער פּאַס לבנה־ליכט אויף דעם אָרט, װאו איך געפֿין זיך, און איך זעה: ניט װײט, אַנ׳ערך פֿינף טריט פֿון מיר, ליעגט עפּעס אַ גרויס׳ס און אַ טונקעלס. ערטערװײז פֿונקעלט אויף איהם דאָס ליכט פֿון דער לבנה. דאָס זענען די קנעפּלעך אָדער דאָס געװעהר. מסתּמא אַ טויטער אָדער אַ פֿערװאונדעטער.

אַלץ אײנס, איך לעג זיך.

נײן, ס׳קען ניט זײן. אונזערע זענען ניט אַװעק. זײ זענען דאָ, זײ האָבען פֿערטריבען די טערקען און זענען געבליבען אויף דער היגער פּאָזיציע. פֿאַר װאָס זשע הערט מען ניט רײדען, פֿאַר װאָס ברענען ניט קײן פֿײערס? מסתּמא הער איך ניט, װײל איך בין צו שװאַך. זײ זענען געװיס דאָ.

„ראַטעװעט!... ראַטעװעט!“

װילדע, װאַהנזיניגע, הײזעריגע געשרײען רײסען זיך אַרויס פֿון מײן ברוסט, און קײן ענטפֿער איז ניטאָ. הילכיג קלינגען זײ אין דער לופֿט פֿון דער נאַכט. אָבער אַלצדינג שװײגט אַרום און אַרום. נאָר די גרילען קלאַפּען װי פֿריהער, אָהן אַנ׳אויפֿהער. די לבנה קוקט אויף מיר רחמנותדיג מיט איהר קײלעכדיגען פּנים.

װען ער װאָלט געװען אַ פֿערװאונדעטער, װאָלט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַזאַ געשרײ. דאָס איז אַ טויטער. אונזערער אָדער אַ טערק? אַך, גאָט! ס׳איז דען ניט אַלץ אײנס?... דער שלאָף לאָזט זיך אַראָב אויף מײנע מיעדע אויגען.

ס׳איז אָבער הײס. די זון באַקט. איך עפֿען די אויגען, זעה די אײגענע

קוסטעס, דעם אייגענעם הימעל. יאָ, ס'איז אַ טערק, אַ טויטער. ווי גרויס ער איז! איך קען איהם, דאָס איז דער זעלביגער...

פֿאַר וואָס האָב איך איהם געטויט?

אָט ליעגט ער אַ טויטער, אַ פֿערבלוטיגטער. צוליעב וואָס האָט איהם זיין מזל געבראַכט אַהער? ווער איז ער? אפֿשר האָט ער ערגעץ, ווי איך, אַנ'אַלטע מוטער. לאַנגע אָבענדס וועט זי זיצען ביי דער טהיר פֿון איהר אָרים שטיבעלע און קוקען צום וויטען צפֿון: אפֿשר געהט איהר טייערער זוהן, איהר טרייסט און איהר שטיצע אויף דער עלטער?...

און איך? אויך, אויך... איך וואָלט זיך אַפֿילו געביטען מיט איהם. ווי גליקליך ער איז: ער הערט ניט קיין זאַך, ער פֿיהלט ניט גוט דעם וועה־טאָג פֿון די וואונדען, ניט די טויטליכע פּיין, ניט די דורשט.. אויף זיין מונדיר זעה איך אַ גרויסען שוואַרצען לאָך; אַרום דעם לאָך — בלוט. דאָס האָב איך געמאַכט.

איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך האָב קיינעם ניט געווינשט קיין בייז, ווען איך בין געגאַנגען אויף דער מלחמה. דער געדאַנק, אַז איך וועל אויך דאַרפֿען טויטען מענשען, איז מיר ניט געקומען אויפֿ'ן מח. איך האָב זיך נאָר אויסגעמאָלט, ווי איך וועל אויסשטעלען מיין ברוסט אַנטקעגען די קוילען. און איך בין געגאַנגען און האָב אויסגעשטעלט.

בין איך דען שולדיג, וואָס איך האָב איהם געטויט? אין וואָס בעשטעהט מיין שולד? פֿאַר וואָס מוטשעט מיך די דורשט? דורשט! ווער פֿערשטעהט דען דאָס וואָרט? ווען מיר האָבען ביי אַ שרעקליכער פֿערציג־גראַדיגער היץ מאַרשירט איבער רומעניען צו פֿופֿציג ווערסט אַ טאָג, האָב איך ניט געפֿיהלט דאָס, וואָס איך פֿיהל איצט. אַך, ווען עמיצער זאָל נאָר קומען!

גאָט מיין גאָט! ביי איהם איז דאָך צוגעבונדען אַ גרויסע פֿלאַש. מסתמא איז אין איהר דאָ וואַסער! ווי קום איך אָבער צו איהר? איך וועל זיך שלעפּען, זאָל זיין, וואָס ס'וויל זיך! איך מוז זיך צורוקען אַהינצו.

איך קריך. די פֿיס שלעפּען זיך נאָך, די אָבגעשוואַכטע הענד קענען קוים אונטערהאַלטען דעם אונבעוועגליכען קערפּער. ביז דעם טויטען איז ניט מעהר ווי אַ פּאָר קלאַפֿטער, נאָר פֿאַר מיר איז דאָס ערגער ווי צעהנדליגע ווערסט. פֿונדעסטוועגען מוז מען קריכען. אין האַלז ברענט, בראָט, ווי מיט פֿייער. אָהן וואַסער וועל איך גיכער שטאַרבען. פֿונדעסטוועגען, אפֿשר...

און איך קריך. די פֿיס טשעפּען זיך פֿאַר דער ערד, יעדער ריהר מאַכט דעם וועהטאָג נאָך שמערצליכער. איך שריי, שריי און געוואַלדעווע, און קריך פֿאָרט. אָט איז ער שוין. אָט איז די פֿלאַש... ס'איז דאָ וואַסער — אַ סך וואַסער! מעהר ווי אַ האַלבע פֿלאַש. אָ! וואַסער וועט קלעקען אויף לאַנג... ביז'ן טויט!

דו ראַטעוועסט מיך, מיין קרבן!... איך האָב גענומען אָבבינדען די פֿלאַש, אָנגעשפּאַרט דעם גוף אויף איין האַנד, פּלוצלונג האָב איך פֿערלויערען דאָס גלייכגעוויכט און געפֿאַלען מיט'ן פּנים אויף דער ברוסט פֿון מיין רעטער. פֿון איהם האָט זיך שוין געטראָגען אַ שטאַרקער ריח פֿון פֿוילקייט.

.III

איך האָב געטרונקען. דאָס וואַסער איז געווען וואַרעם, אָבער ניט פֿערדאָרבען, און געווען איז אַ סך. איך וועל לעבען נאָך עטליכע טעג.

נו, און ווייטער? אויב איך וועל איבערלעבען נאָך פֿינף—זעקס טעג, וואָס וועט זיין דערפֿון? אונזערע זענען אַוועק, די באָלגאַרען זענען זיך צעלאָפֿען. קיין וועג איז אין דער געגענד ניטאָ. אַלץ איינס — שטאַרבען. איך האָב נאָר פֿערלענגערט די גסיסה פֿון דריי טעג אויף זיעבען.

ניין, מען טאָר ניט אָנווערען דעם מוט; איך וועל זיך האַלטען ביז'ן סוף, ביז די לעצטע כחות. אויב מען וועט מיך געפֿינען, בין איך דאָך געראַטעוועט. מעגליך, אַז די ביינער זענען גאַנץ; מ'וועט מיך היילען; איך וועל זעהן די היים, די מאַמע, מאַשע'ן...

גאָט, זאָלען זיי בעסער ניט געוואָהר ווערען דעם אמת! זאָלען זיי מיינען, אַז איך בין געשטאָרבען מיט אַמאָל. וואָס וועלען זיי פֿיהלען, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז איך האָב זיך געמאַטערט צוויי, דריי, פֿיער טעג!

דער קאָפּ דרעהט זיך; מיין וועג צום שכן האָט מיך שטאַרק פֿערמאַטערט. און דאָ נאָך דער שרעקליכער ריח! ווי שאַרף ער איז געוואָרען... וואָס וועט זיין מיט איהם מאָרגען אָדער איבערמאָרגען? איך ליעג דאָ נאָר, ווייל איך האָב ניט קיין כח זיך אָבצורוקען. לאָמיך זיך נאָר אָברוהען, וועל איך אַריבערקריכען צום פֿריהערדיגען אָרט; דער ווינד בלאָזט פֿון דאָרטען, וועט ער אָבטראָגען דאָס שרעקליכע געשטאַנק.

איך ליעג אָהן כחות. די זון בריהט מיר דאָס פנים און די הענד. ס'זאָל שוין האָטש קומען די נאַכט; דאָס וועט, דאַכט זיך, שוין זיין די צווייטע.

די געדאַנקען פּלאָנטערען זיך מיר און איך הער־אויף עפּעס פֿיהלען...

אויפֿגעחאַפּט האָב איך זיך אין מיליטערישען לאַזאַרעט. איבער מיר שטעהען דאָקטוירים, באַרמהערציגע שוועסטער, און אַחוץ דעם זעה איך דעם בעקאַנטען פנים פֿון אַ בעריהמטען פּעטערבורגער פּראָפֿעסאָר, וועלכער שטעהט אַריבערגעבויגען איבער מיינע פֿיס. זיינע הענד זענען פֿערבלוטיגט. ער טהוט עפּעס מיט מיינע פֿיס און נאָכדעם זאָגט ער צו מיר:

— נו, ס'איז נאָך אייער גליק, יונגער מאַן! איהר וועט בלייבען לעבען! איין פֿוס האָבען מיר געמוזט אָבשניידען; נאָר דאָס איז דאָך קלייניגקייטען. קענט איהר ריידען?

איך קען ריידען און דערצעהל זיי אַלצדינג, וואָס דאָ איז אָנגעשריעבען.

ש. פרוג.

דער אמת'ער העלד.

וואָס פֿאַר אַ העלד
פֿליהט דאָרט אין פֿעלד,
קלינגענד מיט אייזען און שטאָהל?
אונטער זיין פֿערד
וויעגט זיך די ערד,
ציטערט דער באַרג און דער טהאָל...

וואָס פֿאַר אַ פֿיינד
איינגעהמען היינט
געהט ער — איהם שלאָגען צו טויט,
וויסט און צו שאַנד
מאַכען זיין לאַנד,
רויבען זיין קלייד און זיין ברויט?...

נאַרישע וועלט!
נאַרישער העלד,
נאַרישע גבורה, נצחון!
גליקליך איז דער,
וואָס אויף געוועהר
לעגט ניט אַריין זיין בטחון.
און אַז שוין יאָ,
איז עפּעס דאָ
בעסערס פֿון ביקסען, קאַנאָנען,
טויזענט מאָל ווערט
מעהר פֿון דעם שווערד,
מעהר פֿון טרומייטען און פֿאָהנען...

נאָך יהואש.

האַרץ און מח.

אויף דעם שלייפֿשטיין פֿון ערפֿאַהרונג
ווערען שאַרפֿער די געדאַנקען:
פֿונ׳ם שלייפֿען שפּריצען פֿונקען
און מחשבות נייע בלאַנקען...

אויף דעם שלייפֿשטיין פֿון ערפֿאַהרונג
ווערען טעמפּער די געפֿיהלען:
ס׳ווערט דאָס האַרץ פֿון שלייפֿען רוהיג
און פֿערזינקט אין שלאָף אין קיהלען.

יהואש.

צווילינג-נאַטורען.

די האַנד פֿונ׳ם גורל — זי קנעט און זי גיסט
נשמות אין אַלערליי פֿורעמס:
טייל האָט ער פֿאַר זיסע מנוחה געמאַכט,
טייל שאַפֿט ער בכיון פֿאַר שטורעמס.

און דער, וועלכער איז פאַר מנוחה געמאַכט,
איז פעסט פונ'ם שטורעם פעררינגעלט,
און דער, וועלכער איז פאַר'ן ווילער געמאַכט,
איז תמיד פון אומרוה בעפליגעלט...

און טרעפען זיך ביידע, בעדויערט מען זיך:
„אַ לעבען פון שטילקייט איז שימעל", —
זאָגט איינער, דער צווייטער איהם ענטפערט: „דאָס גליק —
עס ווייכט פון גערויש און געטימעל".

און צווילינג-נאַטורען געפינען זיך אויך,
מיט רוהע און מיט שטורעם אין זינען,
זיי בייגקען נאָך ביידע און קענען דאָס גליק
אין קיינעם פון זיי ניט געפינען...

ה. ד. נאָמבערג.

אַ וויעג-ליעדעל.

ס'לויפען, ס'יאָגען שוואַרצע וואָלקען,
ס'פייפט און ברומט דער ווינד, —
פון סיביריען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד!

נאָר דער ווינד — ער ברייגגט אונז גרוסען
פון דעם קאַלטען לאַנד:
דאָרטען שטעהט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנד,

און ער גראָבט אַלץ טיעפער, טיעפער,
וואַרפט די ערד אַרויס...
ניט געזאָרגט דאָך! פאַר'ן שקר
גראָבט ער קברים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאַלט ער אויפ'ן פעלד!
זאָרג ניט, קינד מיינס, דיך געבוירען
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסען,
שלאָף-זשע, שלאָף אַצינד;
זאַמעל כחות פאַר דער צוקונפט,
זאַמעל, איינציג קינד!

י. ל. פּרץ.

דער זינדיגער.

אין אַ פֿינסטערער נאַכט, צווישען געדויש, געשריי און געפּילדער אין גיהנום, שניידט זיך דורך אַ בעפֿעהל:

— נחמנ׳קע פֿון זבאָראַש געהט אויס... ער פֿלעגט זיך שניידען די נעגעל נישט איבערגעהיפּערט, אָוועקוואַרפֿען... נישט איין מאָל פֿערגעסען מנחה צו דאַווענען, — ווער געהט נאָך זיין נשמה?

— איך! — רופֿט זיך אָן אַ מלאך־חבלה.

— גרייט דערווייל צו אַ קאָכענדיגען קעסעל סמאָלע.

ער שפּרינגט אונטער און פֿליהט אַרויס פֿון גיהנום...

געשווינד פֿליהען שלעכטע מלאכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זענען אפֿשר ווייטער פֿון אונז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגט זיי...

און אַז דער מלאך־חבלה איז צום קראַנקענ׳ס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּענס אַ ווייסען גוטען מלאך געטראָפֿען. ער איז געזעסען און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרימער מענש, פֿאַר׳ן טויט... עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרענעץ צווישען פֿינסטערקייט און ליכט... פֿון זאָרג און אומרוה אַן׳איבערגאַנג צו רוה און גליק....

נאָר דער קראַנקער, דוכט זיך, הערט נישט; ער איז פֿערטראָגען, און די פֿלאַמענדיגע אויגען בלאָנדזען אַרום אויף די ווענד...

און דער שוואַרצער מלאך בלייבט שטעהן ביי דער טהיר און קוקט פֿערוואונדערט...

— האָסט נישט קיין טעות? — פֿרעגט ער דעם ליכטיגען מלאך.

— ניין! — ענטפֿערט דער גוטער: — איך בין געשיקט געוואָרען נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער בארמהערציגער נשמה; דו קענסט איבער איהר קיין שליטה נישט האָבען!

— ער האָט נישט על פּי דין די נעגעל געשניטען!...

— איך ווייס, — האַקט איהם איבער דער גוטער מלאך, — נאָר דערפֿאַר קיין איינציגע רגע פֿאַר זיך נישט געלעבט, נאָר פֿאַר שוואַכע און קראַנקע, פֿאַר אַלמנות און יתומים, פֿאַר פֿערפֿינסטערטע, פֿערוואָגעלטע, פֿערמאַטערטע...

— ביי אונז אין בוך איז פֿערשריעבען, וויפֿיעל מאָל ער האָט מנחה פֿערפֿעהלט...

— נאָר קיינמאָל נישט פֿערפֿעהלט, ווען מען האָט געדאַרפֿט עמיצען העלפֿען. קיינמאָל נישט פֿערגעסען צו טרייסטען, צי האַרציגען און צו קרעפֿטיגען דאָרט, וואו די פֿליגעל זענען אַראָבגעפֿאַלען מיעד, וואו די גאַל האָט געזאָלט די ריינסטע נשמה פֿערגיסען, וואו די לעצטע האָפֿנונג האָט זיך גע־דאַכט, איז פֿערשוואונדען... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט... דעם דאַך איבער׳ן קאָפּ נישט פֿעררייכט, זיין בעט זיך נישט וויך געבעט, אויך קיין נחת פֿון קינדער נישט געהאָפֿט... נאָר אַלץ פֿאַר אַנדערע... וויל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטען בעסער פֿאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקען ציהען זיך איינדרויסען איבער׳ן הימעל... אויף אַ

רגע שניידט זיי דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פֿערלאָשען, און נאָך פֿעסטער ציהען זיך, נאָך ענגער שליסען זיך צוזאַמען די דיקע, פֿינסטערע וואָלקענס.

דער בליץ האָט צום לעצטען מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ ביי מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּענס? — פֿרעגען די פֿערברענטע ליפּען.

— איך, איך, אַ ליכטיגער מלאך. פֿון זיין ליעבען נאָמענ'ס ליכטיגער פֿמליא... און פֿון זיין ליעבען נאָמען נאָך דיין נשמה געשיקט!... קום מיט מיר!

— וואו אַהין? — פֿרעגט דער קראַנקער.

— צום הימעל אַרויף, אין גן־עדן אַריין!

— הימעל... גן־עדן... — שטאַמעלט נאָך דער גוסס אין היץ: — און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימעל, אין גן־עדן דאָרט?

— גוט... פֿון גאָטס גענאָד בעשטראַהלט, אין גלאַנץ פֿון כסא הכבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... — שטאַמעלט דער גוסס נאָך: — וואָס וועל איך דאָרט טהאָן?

— וועסט נישט דאַרפֿען טהאָן... דאָרט איז אייביג רוה, אייביג ליכטיגער נחת, אָהן אויפֿהער שטראַהלענדיג גליק... קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טהאָן? — דרעהט זיך מיט'ן לעצטען כח דער גוסס אויס צום מלאך: — איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפֿען, געפֿאַלענע אויפֿצוהויבען, קראַנקע צו היילען, הונגעריגע צו זעטיגען, דאָרשטיגע די ליפּען צו נעצען, פֿערלוירענע צו זוכען און געפֿינען? דאָס איז דאָך מיין גליק געווען!...

— ניין, דאָס נישט! — ענטפֿערט מיט אַ נישט זיכער קול דער מלאך: — דאָס איז דאָרט נישט פֿאַראַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפֿען דיין הילף...

— און וואָס וועל איך דאָרט טהאָן, מלאך, — דאָרט וואו קיינער ברויך מיין נשמה נישט, מיין האַרץ נישט, נישט מיין רחמנות'דיגע טרעהר אין אויג, נישט מיין וואָרט צו טרייסטען פֿון מויל, און נישט מיין האַנד, אויפֿגעהויבען צו ווערען פֿון גרוב?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרויס די צונג און בעלעקט זיך... אַ חוזק־שמייכעל לעגט זיך איהם איבער'ן מויל פֿון אויער צו אויער... ער עפֿענט דאָס מויל, און צווי שורות ווייסע ציינער בליצען אויף אין דער פֿינסטערער שטוב...

און צערודערט זיצט דער ליכטיגער מלאך און ווייסט נישט וואָס צו ענטפֿערן דעם גוסס...

— וואָס פֿאַרט, מלאך! וואָס פֿאַרט?

און דער גוטער מלאך דרעהט זיך אויס צום פֿענסטער און קוקט אַרויס צום הימעל און וואַרט פֿון דאָרט אַן עצה און אַ ראַט... נאָר פֿערשלאָסען איז דער הימעל; אָהן אַ וואָרט, אָהן אַ שטראַהל, אָהן אַ פֿונק... און עס יאָגען אָן אַלץ נייע און נייע, אַלץ שווערערע און שווערערע וואָלקענס— אַ שאָטען פֿאַלט איבער'ן ליכטיגען מלאך'ס פּנים, דער הימעל זעהט אויס האַרט און בייז, אָהן רחמנות זעהט ער אויס, ער האָט איהם נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזעהן... ער בלייבט פֿערציטערט.

מיט דער ווילע בענוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גענעהענט זיך צום בעט פון דער צווייטער זייט.

— קום בעסער מיט מיר, — רוימט ער איין דעם גוסס.

— וואו אהין?

— דארט, וואו דיין הארץ געלוסט... צו די אומגליקליכע, הונגעריגע, לעכצענדיג-דורשטיגע... צו די פער׳חלש׳טע און פערמאטערטע, צו די פערלוירענע, פערשאלטענע, צו די פון גאט פערגעסענע... העלפען וועסט דו נישט קענען, אבער צוזאמעןליידען, מיטפיהלען....

— איך געה! איך געה! רופט דער קראנקער אויס מיט קראפט — — —

און דער ווייסער מלאך איז אוועק מיט לעדיגע הענד.

י. ל. פרץ.

דער וועכטער.

עס שלייכט צו א שטאדט ביי-נאכט
די שווערד!
נאר אויפ׳ן טורעם דער וועכטער וואכט:
ער הערט!

און בלאזט טראמפייט
און שמעטערט מיט מאכט.
עס ציטערט די נאכט,
דאס פאלק ערוואכט:
דער שונא געהט, דער שונא געהט!
און ס׳פלאקערט אויף די שלאכט

אין הויף אין גאס,
אויף מויער און וואנד —
פאר וייב און קינד,
פאר פאלק און לאנד!

פאר רעכט און פריי געהט אלץ אין קאהן.
ווער זיגען וועט, דאס ווייסט איין גאט,
דער וועכטער האט
דאך זיינס געטהאן!
ער האט זיין עהרע ניט בעפלעקט,
ער האט געוועקט!
ער האט געדיענט זיין פאלק, זיין לאנד!

נאר העה דעם וועכטער, שפאט און שאנד,
וואס האט ביי-נאכט
איין אויג פערמאכט

און ערוואַכט
ערשט אין דער בראַנד!

פ. הײלפּערן.

אין דער שטאָדט מודיעים.

די אײַנוואוינער פֿון מודיעים האָבען זיך געזאַמעלט צום טויער פֿון שטאָדט הערען אַ טרייסט־וואָרט אָדער אַן עצה פֿון די זקנים. נאָר מיט אָראָבגעלאָזטע קעפּ, ווי פֿער׳משפּט׳ע קרבנות, זענען די זקנים געזעסען. און דאָס פֿאָלק האָט פֿערשטאַנען זיינע פיהרער, האָט גאָרנישט געפֿרעגט, נאָר פֿערלאָרען און דערשראָקען געשוויגען.

דער אַלטער מתתיהו האָט דאָס שטילע שווייגען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, האָט ער זיך אויפֿגעהויבען און איז אַוועק פֿאַרביי דעם פֿאָלק איבער דער גאַס אין פֿאַרביי זיין שטוב, צו די בערג, וואָס אַרום שטאָדט.

גרויסע זענען די בערג געשטאַנען, פֿעסט און זיכער האָבען זיי זיך געלעהנט אויף דער ערד און רוהיג־פֿערטראַכט געקוקט צום הימעל. דעם אַלטענס רוקען האָט מיט זיי קאָנקורירט אין שטאָלץ, זיינע טריט — אין פֿעסטקייט, נאָר ניט רוהיג איז דער בליק פֿון זיין אויג געווען. ער האָט געקוקט אויף די בערג און געטראַכט: צו דען זענען דאָרט אין ירושלים זייערע הערצער ניט אַזוי פֿעסט ווי די פֿעלזען? צו דען איז אַ יודען פֿון ירושלים לייכטער אָבצוווענדען פֿון זיין גאָט, איידער דעם באַרג פֿון זיין אָרט?

מתתיהו האָט מיט זיין אונגעדולדיגען בליק געוואָלט אַרויסבעקומען אַן ענטפֿער ביי די בערג פֿון די הערצער, נאָר די בערג האָבען געשטומט. און פֿאַרנאַכט, ווען מודיעים האָט זיך אָנגעהויבען צו דעקען אין שאָטענס, האָט זיך דער אַלטער צוריקגעקעהרט אין שטאָדט אַריין, און זיין בליק איז פֿערבליבען אַזוי אונרוהיג און אונגעדולדיג, ווי געווען.

די אײַנוואוינער פֿון מודיעים האָבען זיך דעמאָלט געזאַמעלט צום טויער פֿון שטאָדט, וואו אַ דורכגעהער, וועלכער איז געלאָפֿען פֿון שונא און האָט פֿערבלאָנדזשעט אין די בערג, האָט דערצעהלט פֿון די לעצטע פּאַסירונגען, וועלכע זענען זיך פֿערלאָפֿען אין ירושלים.

מתתיהו איז אַוועק נאָכ׳ן פֿאָלק הערען די טרויעריגע ידיעות. דער אַנטרונענער האָט דערצעהלט:

— די הייליגע מגילות פֿערברענט... אויף די גאַסען — מזבחות פֿאַר דעם אָבגאָט פֿון יון געבויט... אין היכל אַ בילד געשטעלט... און יודען לאָזט מען ניט גאָט דיענען... און יודען גיבען זיך אונטער... יודען בוקען זיך צום בילד און ברענגען איהם קרבנות...

דאָס פֿאָלק האָט אָטעמען אויפֿגעהערט... עס האָט וויינען מורא געהאַט... נאָר דער אַלטער מתתיהו האָט דעם דערצעהלער איבערגעריסען און געהייסען שווייגען. ער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישען די געדיכטע ציילען און האָט זיך געשטעלט אינמיטען.

— אַ ליגען! — האָט ער געדונערט איבער דעם פֿאָלק, — אַ ליגען!

יודען ברענגען ניט קיין קרבנות צום אָבגאָט! רכילות איז דאָס! גלויבט איהם ניט, מ'טאָר איהם ניט גלויבען!

און ער האָט זיך אָבגעקעהרט און איז מיט זיין שטאָלץ-געהויבענעם קאָפּ אַוועק. דער עולם האָט פאַר איהם אַ וואַרע געמאַכט, און פֿינף מענשען האָבען זיך אָבגעטיילט פֿון פֿאָלק און אַוועק נאָך מתתיהו, ווי פֿינף שאָטענס זיינע — הויכע, שטאָלצע און שטאַרקע, ווי ער, נאָר פֿיעל יונגער פֿון איהם, — פֿינף יונגע זיהן מתתיהו'ס.

פֿון הינטען זענען זיי איהם נאָכגעגאַנגען, ווי פֿינף שאָטענס, נאָר צו איהם נאָהענט האָבען זיי זיך ניט דערוועגט צוגעהן, ביז דער מורין, דער קנעכט, האָט דעם טויער פֿון זייער הויף פֿערשלאָסען; דעמאָלט האָבען זיי זיך געווענדעט צום אַלטען מיט אַ פֿראַגע:

— וואָס וועט זיין, אַז די שונאים וועלען דעם וועג צו אונז אין מודיעים געפֿינען?

און מתתיהו האָט זיי געענטפֿערט:

— פֿינף מזבחות וועל איך דעמאָלט אויסבויען און פֿינף קרבנות וועל איך אויף זיי ברענגען — מיינע פֿינף זיהן, און אַ זעקסטען קרבן אויך...

די זיהן האָבען אויסגעהערט און אַוועק. מתתיהו איז אויפ'ן דאַך פֿון זיין שטוב אַרויף, איינזאַם און אַליין טראַכטען אין דער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט.

און די שונאים האָבען געפֿונען דעם וועג קיין מודיעים... זיי זענען געקומען אַ גרויסע מחנה מיט אַ שטריק צו בינדען די געפֿאַנגענע און מיט כלי-משחית צו פֿייניגען די ווידערשפעניגע. זיי האָבען אויפֿגעשטעלט נעבען טויער פֿון שטאָדט אַ מזבח צו צעאום זייער אָבגאָט, און צום מזבח האָבען זיי צונויפֿגעטריעבען אַלע איינוואוינער פֿון מודיעים. מתתיהו מיט זיינע פֿינף זיהן זענען דאָ אויך געווען.

— ווער איז דער עלטסטער און דער אָנגעזעהענסטער פֿון די כהנים אין דער שטאָדט? — האָט דער האַר פֿון די גריכען געפֿרעגט.

מ'האָט אויף מתתיהו אָנגעוויזען; און די פֿינף זיהן האָבען זייער פֿאָטער ארומגערינגעלט, ווי פֿינף אַייזערנע שומרים. נאָר מתתיהו האָט זיי אָבגעשטעלט:

— פֿינף קרבנות האָב איך צוגעזאָגט, און אַ זעקסטען — דעם ערשטען, געדענקט!...

און די פֿינף אַייזערנע מענשען האָבען די צייהן פֿערדריקט און פֿון אָרט זיך מעהר ניט גערירט. די שונאים האָבען דעם אַלטען מאַטען זייערען אָהן שטערונג צום מזבח פֿון אָבגאָט גענומען.

דריי מאָל האָט דער שר פֿון די גריכען פֿאָרגעלעגט דעם אַלטען כהן צו טהאָן דעם ווילען פֿון אַנטיוכוס, און דער אַלטער האָט זיך ענטזאָגט. דער שר האָט איהם צוגעזאָגט מתנות און אייביג געגאָד פֿאַר קינדער און פֿאַר קינדס-קינדער, אויב ער וועט דעם ווילען פֿון אַנטיוכוס טהאָן, נאָר מתתיהו

האָט זיך פֿון דעם געגאַד פֿון די געצענדיענער אויסגעלאַכט. דעמאָלט האָט איהם דער שׂר אָנגעהויבען שרעקען מיט'ן טויט. האָט איהם מתתיהו געענטפֿערט:

— יודען קענען שטאַרבען...

— דאָס גאַנצע פֿאָלק? — האָט דער שׂר פֿון די גריכען מיט שפּאָט געפֿרעגט.

מתתיהו האָט מיט אַ אונרוהיגען בליק בעטראַכט דאָס פֿאָלק, נאָר זיין שטים האָט געקלונגען רוהיג און זיכער, ווי ביזהער:

— זיי מוזען קענען!...

דער שׂר האָט איהם אָנגעהויבען שרעקען:

— דו וועסט זיין שולדיג אינ'ם פֿערגאָסענעם בלוט פֿון דיין פֿאָלק!

נאָר מתתיהו איז ביי זיינס פֿערבליבען:

—אַ יוד וועט קיין קרבן צום אָבגאָט ניט ברענגען!...

איז דער שׂר פֿון די גריכען אין גרימצאָרן אַריין... ער האָט אַ וואונק געטהאָן, דער תלין האָט דעם חלף אויפֿגעהויבען... דאָס פֿאָלק האָט זיך אַ בויג געטהאָן פֿון אימה...

נאָר אַ מענש איז פֿון פֿאָלק אַרויסגעלאָפֿען, האָט ביי דעם תלין פֿון האַנד דאָס מעסער אַרויסגעריסען און דעם קרבן אויפֿ'ן מזבח דערשטאָכען... דאָס איז געוועזען אַ יוד!...

און תיכף איז שוין דאָס מעסער געוועזען אין דער ברוסט פֿון דעם מענשען, וואָס האָט דעם קרבן געבראַכט. מענשען־בלוט מיט חזיר־בלוט האָבען זיך צונויפֿגעמישט.

דאָס האָט מתתיהו געטהאָן.

אין ער האָט דאָס מעסער פֿונ'ם זינדיגענ'ס ברוסט אַרויסגענומען און צום פֿאָלק אַ פֿערבלוטיגטעס אויפֿגעהויבען:

— אויב איהר קענט ניט שטאַרבען — מוזט איהר מנצח זיין! — האָט ער אויסגעשריען.

און פֿינף מענשען, ווי פֿינף פֿעלזען, האָבען איהם די ערשטע אַרומגערינגעלט זיינע פֿינף זיהן, און נאָך זיי צעהנדליגער און הונדערטער פֿון פֿאָלק. קיינער איז פֿון וויטען ניט געבליבען.

און דעמאָלט האָט דאָס פֿאָלק מיט די אַרומיגע בערג קאָנקורירט אין שטאָלץ און אין גבורה. מתתיהו'ס אויג האָט זיך אַ קוק געטהאָן דעם טאָג אין פּנים אַריין. די שונאים האָבען אָנגעהויבען לויפֿען...

א. ליעסין.

רבי עקיבא.

דער אויפֿשטאַנד איז דערשטיקט, בר כוכבא איז שוין טויט;
דער לעצטער שטראַהל יהודה'ס דונקעלט און פֿערגעהט;

די לעצטע פֿעסטונג ביתר שטירצט אין בלוט דערטרונקען;
עס ליעגט דאָס הייליג לאַנד צום דעספּאָט'ס פֿיס געזונקען.

עס טראָגט דער אָדלער רוים'ס פֿערוויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פֿאַלט אַרויס דער שווערד ביי'ם מוטיגסטען פֿון האַנד.

דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפֿען זיך באַהאַלטען
אין וועלדער און אין היילען און אין פֿעלזען-שפּאַלטען.

עס בלייבט נאָר רבי עקיבא — איינער אין דעם פֿעלד:
עס לויפֿט ניט פֿאַר דעם פֿיינד דער אַלטער תנא-העלד!

עס קומט צוגעהן דער פֿיינד און נעהמט דעם גרייז געפֿאַנגען;
עס הייסט דער רשע רופֿוס רייסען איהם מיט צוואַנגען.

דאָך רוהיג קוקט דער גרייז ביי'ם תלין אין די הענד,
און ווילד און ווילדער אַליץ דעם זיגער'ס כעס ברענט.

„די ערגסטע שווערסטע מיתה!" — איז דער רשע גוזר —
„יהודה'ס גרעסטען מאַן זאָל זיין דער סוף וואָס בייזער!"

דאָך מונטער קוקט דער גרייז; עס רייסט דער צוואַנג פֿון איהם
קיין איינציג וואָרט אַרויס, קיין קרעכץ, קיין זיפֿץ, קיין קרים.

און ווילד און ווילדער אַליץ, פֿון בלוט און ראַכע שכּור,
דער תלין רייסט זיין לייב און צופּט און פֿליקט אויף שטיקער.

דאָך פֿרעהליך קוקט דער גרייז און שטראַהלט מיט גליק און שיינט,
דער תלין בלייבט ערשטוינט, פֿערוואונדערט בלייבט דער פֿיינד.

און זעלבסט דער רשע רופֿוס קוקט איהם אָן דערשראָקען,
דעם בלוטענד-שטראַהלענדען, דעם גרויסען וואונדער-זקן.

„ווער ביזטו, זאָג, ווער ביזטו, שטאָלצער גרייז-רעבעל?
צי ביזטו אַ מכשף, צו גאָר אַ שד פֿון העל?"

און מיט אַ מילד-ענטציקטער, הימליש-העלער מינע,
געלייטערט אין דעם וועלט-שמערץ, לויכטענד, ווי די שכינה,

דער תנא טהוט אַ בליק, און ווי אַ הייליג-שיין
עס גיסט זיך שטיל זיין וואָרט און דרינגט אין האַרץ אַריין:

„אָה, שוואַרצען כשוף, רופֿוס, שוואַרצע שדים-טומאה,
געפֿינסטו ניט אין מיר, געפֿינסט ניט אין מיין אומה!

„אָה, ניט גיהנום־פֿייער, אַ הימליש־זיסע גלוט
דורכפֿלאַמט מיין לעצטע שעה, מיין לעצטען טראָפּען בלוט!

„עס גליהט אין מיר דער וואונש, עס פֿלאַמט אין מיר דאָס שטרעבען
אין קדושה פֿאַר מיין גאָט מיין נפֿש אָבצוגעבען.

„איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצען לעבען לאַנג,
געטרוימט פֿון דיעזער שעה, פֿון תּלין און פֿון צוואַנג.

„געוואָלט האָט אָבער גאָט בעלאָדען מיך מיט יאָהרען
און מאַכען מיך דעם עדות פֿון זיין גרויסען צאָרען.

„איך האָב געזעהן דעם חורבן אונטער טיטוס'ס האַנד;
„איך האָב געזעהן דעם מקדש קראַכענדיג אין בראַנד.

„איך האָב מיין פֿאָלק געמונטערט, דאָך אין הערצענס־ברומען
גערופֿען צו דעם טויט: דער טויט איז ניט געקומען.

„איך האָב געזעהן אין רוים דעם ווילד־טריאומף און גלאַנץ —
דעם מערדער פֿון מיין פֿאָלק אין פּראַכט פֿון לאָרבער־קראַנץ.

„עס האָבען אַלע זקנים וויסט די הענד פֿערבראָכען;
איך איינער האָב געשמייכעלט שטאַרק אין מיין בטחון.

„איך האָב געזעהן די חורבות אויף דעם הר הבית;
איך האָב געזעהן אין מקדש וואויגען ווילדע חיות.

„עס האָבען אַלע זקנים ביטערליך געקלאָגט;
איך איינער האָב געשמייכעלט, טרייסט־ווערטער געזאָגט.

„דאָך האָב איך טיעף געפֿיהלט אַ קנאה צו די שטיינער,
וואָס ליעגען אויסגעמישטע מיט די קדושים'ס ביינער.

„גאָט'ס ווילען איז געווען — איך האָב געלעבט, געלעבט,
ווען טויזענט טויטען האָבען איבער מיר געשוועבט!

„איך האָב געלעבט צו זעהן דעם בלוט־מאַרשרוט, דעם רויטען,
דעם וועג פֿון גלות־פֿאָלק, וואָס רייסט זיך פֿון די קייטען.

„איך האָב געלעבט צו זעהן בר כּוכבא'ן און זיין קאַמפֿף,
צו זעהן מיין פֿאָלק, געעדט אויס אין לעצטען פֿרייהייטס־קראַמפֿף!

„איך האָב גערעדט צום פֿאָלק, געוועקט זיין גלויבען, האָפֿען,
ווען ענדליך האָט מיך דאָ דער תּלין אָנגעטראָפֿען.

„אָה, זיי געגריסט, דו תּלין, זיי געגריסט, דו לייד,
איך האָב אויף אייך געוואַרט, איך נעהם אייך אויף מיט פֿרייד!

„אָה, זיי געגריסט, דו מיתה, זיי געגריסט בעשערטע,
איך גיב זיך איבער דיר, געווינשטע און בעגעהרטע!

„וואָס הער איך? לויים-קלאַנג! עס זינגט צו מיר און שאַלט!
וואָס זעה איך? לבֿנון-שניי? עס בליצט פֿאַר מיר און שטראַהלט!

„דאָס רופֿט מען מיך, איך געה, ערפֿילט איז מיין פֿערלאַנגען,
געבענשט זיי גאָט, אֶחד!“
דער גרייז איז אויסגעגאַנגען.

מ. טייטש.

דער נבֿיא.

... און עס איז אָנגעשטאַנען אַ טרויעריגע צייט פֿאַר יהודה. איין שלעכטער קיסר האָט איבערגעביטען דעם צווייטען, און עס האָט זיך פֿער־מעהרט די צאָהל פֿון די פֿאַלשע נבֿיאים, און וואו עס איז נאָר געווען אַ פֿונק אמת, אַ פֿונק גערעכטיגקייט, פֿלעגט ער גלייך ווערען אויסגעלאָשען, און דאָס לאַנד יהודה איז פֿול געוואָרען מיט שלעכטס און מיט רויב. און אַלע גרויסע גאָט'ס שלוחים, די אמת'ע נבֿיאים, האָבען געהאַט אויסצושטעהן די גרעסטע רדיפֿות. אַ סך פֿון זיי זענען אומגעקומען על קדוש השם, און אַ סך האָבען זיך אין גריבער און אין פֿינסטערע היילען פֿערבאָרגען. און שטום איז געוואָרען גאָט'ס וואָרט אין יהודה, און יהודה איז געגליכען געוואָרען אָהן גאָט'ס הייליג וואָרט צו אַ מדבר אָהן וואַסער.

נאָר אויף איינעם פֿון די נבֿיאים האָבען די רשעים נאָך אַלץ קיין שליטה נישט געקענט בעקומען: דאָס איז געווען אַ גרייז-גראָהער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט אַ פּאָר פֿייערדיגע אויגען, — דער עלטסטער פֿון אַלע נבֿיאים. אַ באָרוויסער, אין אַ לאַנגען שוואַרצען איבער-קלייד, אַרומגעגאַר־טעלט מיט אַ ברייטען פֿעלענעם גאַרטעל, איז ער מיט זיין שטעקען אין האַנד אומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטען, פֿון שטאָדט צו שטאָדט, און אומעטום האָט ער מיט זיינע ווערטער די הערצער געוועקט...

נישט איינמאָל האָבען זיך די פֿאַלשע נבֿיאים שוין געקליגט צו מאַכען אַ סוף פֿון זייער שונא, אָבער דער בליק פֿון זיינע ליכטיגע הימעל-אויגען פֿלעגט וואַרפֿען אַן אימה אויף זייערע זינדיגע נשמות, און זיי פֿלעגען זיך מוזען באַלד אַהינטער אַוועקרוקען. און אין אַלע טויערען, אויף אַלע מערק און גאַסען-ווינקלען האָט ער זיינע שטראָף-רייד צווישען די מענשען פֿאַנאַנדער־געטראָגען.

האָבּען זיך איינמאָל די פֿאַלשע נבֿיאים צונויפֿגעקליבּען אין אַ פֿערבּאָרגענעם אָרט און האָבּען זיך עצות געהאַלטען, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פֿון דעם אַלטען, וואָס שטערט זיי אין זייערע שענדליכֿע מעשים. און האָבּען בּעשלאָסען אַוועקצורויבּען בּיי איהם זיינע געטליכֿע אויגען, אין וועלכֿע עס איז געווען זיין כּח פֿערבּאָרגען. און זיי האָבּען געדונגען איינעם אַ רשע, און זיי האָבּען איהם בּעצאָהלט דרייסיג זילבּער־שטיק, און אין איינע אַ פֿינסטערע נאַכֿט איז ער פֿון הינטער אַ ווינקעל אָנגעפֿאַלען אויפֿ׳ן אַלטען און האָט איהם אויסגעשטאָכֿען זיינע ליכֿטיגע אויגען. איז בּלינד געוואָרען דער נבֿיא און האָט שוין מעהר די שיין ניט געקענט זעהן, האָט ער דאַמאָלס גענומען בּעטען בּיי גאָט, ער זאָל איהם פֿון די מענשען צונעהמען, ווייל זיינע ליידען זענען גרויס. אָבּער גאָט האָט נישט צוגעהערט זיין געבּעט און האָט איהם אַזוי געזאָגט:

— איך האָבּ געגעבּען מיין וואָרט אין דיין מויל, געה און זאָג נבֿיאות, וואָרום אַזוי איז צו דיר מיין בּעפֿעהל.

האָט דער אַלטער אַ וועג־פֿיהרער געדונגען, און יענער האָט איהם געפֿיהרט איבּער שטעדט און איבּער דערפֿער, און גאָט׳ס געהיימע קראַפֿט האָט נאָך שטאַרקער געקוועלט אין זיין בּרוסט, און זיין וואָרט איז געוואָרען נאָך גליהענדער.

זענען זיך ווייטער צונויפֿגעקומען די פֿאַלשע נבֿיאים און האָבּען אַרומגערינגעלט דעם אַלטען און זענען שוין גרייט געוועזען אַרויפֿצוואַרפֿען זיך אויף איהם, אָבּער ווי זיי האָבּען זיך נאָר צו דעם נבֿיא צוגעריהרט, האָט ער בּאַלד אויפֿגעהויבּען זיין שטימע, אַזוי ווי אַ לייבּ, און עס האָט זיך אַזוי ווי אַ מעכֿטיגער פֿריהלינגס־דונער צעקייקעלט איבּער די קעפּ, און דערשראָקען זענען געוואָרען די פֿאַלשע נבֿיאים און זיי זענען אָבּגעטראָטען מיט שאַנדע.

און דער אַלטער האָט זיך אָבּגערופֿען צו זיין וועג־פֿיהרער:

— פֿיהר מיך אין די רוישענדיגע שטאָדט־גאַסען....

און עס האָבּען געזעהען די פֿאַלשע נבֿיאים, אַז זיין קראַפֿט איז זעהר גרויס, האָבּען זיי בּעשלאָסען אַרויסצושטעלען איהם צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגען פֿון דעם פֿאָלק ישראל. און זיי פֿלעגען לאַכֿען פֿון זיינע אויסגעשטאָכֿענע אויגען, און פֿון זיינע בּאָרוויסע מאָגערע פֿיס פֿלעגען זיי לאַכֿען, און איינמאָל האָבּען זיי אונטערקויפֿט זיין וועג־פֿיהרער, ער זאָל אָבּנאַרען דעם אַלטען נבֿיא און זאָל גרינג מאַכֿען אין די אויגען פֿון פֿאָלק דעם בּלינדען גרייז־גראָהען מאַן.

— קום, אַלטער, — האָט זיך צו איהם אָבּגערופֿען איינמאָל זיין וועג־פֿיהרער: — איך וויים אַן אָרט, וואו עס האָבּען זיך איצט פֿערזאַמעלט די פֿאַלשע נבֿיאים, און אַרום זיי אַן׳עם רבֿ, אַן׳עם כּבֿוד; איך וועל דיך פֿיהרען, וועסטו אויפֿהויבּען מיט שטראָף־רייד דיין שטימע און וועסט די פֿערפֿיהרטע צום אָמת׳ן גאָט אומקעהרען...

האָט דער אַלטער גענומען זיין שטעקען אין האַנד, און ער איז אַוועק מיט׳ן וועג־פֿיהרער הינטער׳ן שטאָדט. און זיי זענען געגאַנגען איבּער בּערג און איבּער טהאָלען, און דער אַלטער האָט זיינע בּאָרוויסע פֿיס אויף די האַרטע שאַרפֿע שטיינער געוואונדעט; און זיי זענען געגאַנגען שעה׳ן לאַנג, בּיז זיי זענען גע-

קומען אויף אַ זאַמדיגען פעלד, וואו אַרום זענען געלעגען נאָר שטיינער, גרויסע פעלזען, און בערג האָבען זיך געזעהען פון דערווייטען, שטיינערנע בערג, וועלכע זענען שטום געשטאַנען מששת ימי בראשית, און ערגעץ האָט זיך קיין ברעקעל גרינס נישט געזעהען, — און דאָ האָט זיך אָבגעשטעלט דער וועג-פיהרער און האָט זיך אָבגערופען צום אַלטען:

— אַלטער, דאָ זענען זיי, די צוהערער. פון ווייטען האָבען זיי דיך דערזעהען, זענען זיי אַנטשוויגען געוואָרען און גאַרען צו הערען דיין וואָרט. אָט שטעהען זיי אַלע אויף די שפיצען פון די פעלזען, און דאָס גאַנצע פעלד איז מיט זיי פול.

און דער אַלטער האָט פלוצלונג אַזוי ווי צוריק זיינע אויגען בעקומען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט זעהט ער אַ פערזאַמלונג פון טויזענטער מענשען, און אַלע שטעהען זיי, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און מיט אָנגעצונדענע אויגען, און אַלע דאַרשטען זיי נאָך גאָט'ס וואָרט. און דער אַלטער האָט אויפגעעפענט מיט כּח זיינע ליפען... דאָ האָט ער צוגעצויגען און האָט אַזוי ווי געגלעט מיט די ליעבליכע קלאַנגען, און דאָ האָט ער אָבגעשטויסען; אַמאָל געבענשט, אַמאָל געשאָלטען, אַמאָל געמורמעלט, אַזוי ווי אַ שטיל ווינטעל צווישען די גראָזען אויפ'ן בּרג פונ'ם דרעמעלדיגען טייכעל, אַמאָל געשטורמט, אַזוי ווי אַ שלעכטער מלאך, וואָס איז פון די ווייטע הימלען מיט אַ שלעכטער בשורה געקומען צופליהען... און פון די פאַלשע נביאים האָט ער גערעדט, און פון זיינע אומגעבראַכטע ברידער, גאָט'ס שלוחים, האָט ער גערעדט, און עס איז געוואָרען אָבענד און עס איז געוואָרען נאַכט, און ער איז אַלץ געשטאַנען, און ער האָט אַלץ גערעדט...

— גענוג, אַלטער, — האָט איהם פלוצלונג איבערגעריסען דער וועג-פיהרער: — שוויג שוין; אַלע זענען זיך שוין צעגאַנגען, און קיינער הערט דיך נישט מעהר...

און אַ שפּאָטישער געלעכטער איז שוין גרייט געווען אַרויסצורייסען זיך פון דעם וועג-פיהרער'ס מויל. אָבער ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט דאָס מויל אויפצועפענען, די ליפען אין אַ שמייכעל צו פערקרימען, ווי עס האָט זיך פלוצלונג מיט אַמאָל דורכגעטראָגען אַ געמורמעל צווישען די פעלזען, און אַ ציטער האָבען אַלע פעלזען געגעבען פון זייערע ערטער, און גלייך נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ דונערענדער קול פון אַלע שטיינער און פעלזען, און אַלע האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין שטיינער-כאָר און האָבען געענטפערט: „אָמן, אָמן, אָמן!“ און וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער... און דער ערשטער „אָמן“ האָט זיך איבער'ן גרויסען טהאָל אָבגערופען, און דער צווייטער האָט די גאַנצע אַרומיגע געגענד פערקלונגען, און דער דריטער האָט זיך ביז דער ווייטער שטאָדט דערטראָגען און האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן די וואַנד פון די הויכע טעמפּלען און רייכע פּאַלאַצען, און האָט זיך אין די גאַסען מיט אַ שטורם צעקייקעלט, און די מענשען האָבען זיך מיט פערוואונדערונג און שרעק איינע מיט די אַנדערע איבערגעקוקט, צו איז דאָס נישט אַ דונער פון הימעל אויף זייערע קעפּ אַראָבגעפאַלען...

י. ל. פּרץ.

בילדער פון פּאַרציטען.

ערשטעס ביל.

אַ דייטשע שטאָדט (פערשטעהט זיך, אַ פּאַרציטישע). אַלערליי אויסגעבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פאַר'ן מאַגיסטראַט, און פול מיט פערשיעדענפאַרביג=געקליידעטע מענשען איז דער פּלאַץ; פול קעפּ אין די פענסטער; מענשען ליעגען אויף די דעכער אַרום, טייל זיצען רייטענדיג אויף די באַלקען, וואָס שטאַרען אַרויס ביי די ווענד אונטער די דעכער; פול געפּראָפּט זענען די באַלקאָנען...

פאַר'ן מאַגיסטראַט שטעהט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פראַנזען און טראָלבען. ביי'ם טיש זיצען די הערען פון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבעלנע היטלען מיט ווייסע פעדערען אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבען=אָן זיצט דער פּרעזידענט אַליין. אַ פּרעסוגער אָדלער וועהט איהם איבער'ן קאָפּ...

אָן אַ זייט שטעהט געבונדען אַ יודיש מיידעל. נישט וויט האַלטען צעהן קנעכט אַ ווילד פערד. און דער פּרעזידענט הייבט זיך אויף און לייענט פאַר'ן יודישען מיידעל אַ פּסק פון אַ פּאַפּיר. און ער ווענדט זיך מיט'ן פּנים צום מאַרק:

„אָט די יודין דאָ, די יודישע! טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד בעגאַנגען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זיין באַרמהערציגקייט זאָל נישט זיין, וואָלט איהר נישט געקענט מוחל זיין...

„זי האָט זיך אַרויסגעגנב'עט פון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונזער הייליגען לעצטען יום=טוב, אויף אונזערע ריינע גאַסען...

„און זי האָט בעפלעקט מיט איהרע אונפערשעמטע אויגען אונזער הייליגע פּראָצעסיע, אונזערע הייליגע בילדער, וואָס מיר האָבען מיט ליעב=געזאַנג און קעסעל=פויקען איבער די גאַסען געטראָגען...

„מיט איהרע פערשאָלטענע אויערען האָט זי איינגעזאַפּט דאָס געזאַנג פון אונזערע ווייס=געקליידעטע, אומשולדיגע קינדער און דאָס קלאַפּען פון די פויקען... און ווער ווייסט, צי האָט דער טייוועל, דער אומריינער טייוועל, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פון דער יודישער טאָכטער, פון פערשאָלטענעם רב'ס טאָכטער, זיך נישט צוגעריהרט און נישט בעפלעקט אונזער אַ ריינקייט?

„וואָס האָט ער געוואָלט, דער טייוועל אין דער שענער געשטאַלט? וואָרום לייקענען קען איך נישט — שען איז זי, שען, ווי נאָר אַ טייוועל קען זיך מאַכען. זעהט די חוצפּה=שטראַהלענדיגע אייגען פון אונטער די צנועה'דיג אַראָפּגעלאָזטע זיידענע ברעמען; זעהט דאָס אַלבאַסטער=פּנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תּפיסה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרען; זעהט איהרע פינגער, איהרע שמאָלע, לאַנגע פינגער ביי די הענד: די זון לויכט דורך זיי אַדורך!...

„און וואָס האָט ער געוואָלט — דער טייוועל? אָבּרייסען אַ נשמה פון דבקות אָן דער פּראָצעסיע! און דאָס איז איהם געראָטען.

„— זעהט דאָס שענע מיידעל! — האָט אויסגערופען אונזער אַ ריטער פון איינער פון אונזערע שענסטע משפחות...

„און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס. די האַלעבאַרדניקעס האָבען זי בעמערקט און געהאַפּט. ער האָט זיך אַפילו ניט געוועהרט — דער טייוועל.

וואָרום ווי אַזוי? רײַן זענען זיי דעמאָלט געווען, אָבגעריינגט פון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט...

„און דאָס איז דעם מיוועל'ס, אין געשטאַלט פון דעם יודיש מיידעל, פּסק:

„צופּינדען זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע מיוולאָנישע צעפּ, צום ווידעל פון אַט דעם ווילדען פערד...

„זאָל עס לויפען און שלעפּען זי ווי אַ הורג איבער די גאַסען, וואָס איהרע פיס האָבען געטראָטען געגען אונזער הייליגען געזעץ...

„זאָל איהר בלוט בעשפּריצען און אָבוואַשען די שטיינער, וואָס זי האָט פעראומריינגט מיט איהרע פיס"! —

אַ ווילד פריי-געשריי האָט זיך אויסגעריסען פון אַלע מיילער אַרום, און אַז די בּוואַליע פון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פרעגט מען די פער-משפּט'ע צום טויט, אויב זי האָט זיך נישט עפּעס וואָס צום לעצטען מאָל צו ווינשען.

— איך האָב, — ענטפערט זי געלאַסען: — עטליכע שפּילקעס בעט איך!

— זי איז ווילד פון שרעק! — מיינען די הערען פון מאַגיסטראַט.

— ניין! — ענטפערט זי רוהיג און קאַלט: — דאָס איז מיין לעצטער ווילען און פערלאַנג.

מען האָט עס איהר צוליעב געטהאָן...

— און אַצונד, — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, — בינדט-צו!

עס געהען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדען צו מיט ציטערדיגע הענד דעם רבּי'ס מאַכטער'ס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווידעל פון ווילדען פערד, וואָס מען קען שוין קוים דערהאַלטען...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווייטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפ'ן פּלאַץ, און עס ווערט אַ געדרודער. דער עולם שטעלט זיך און דריגנט זיך צו די ווענד פון די הייזער, און אַלע הויבען אויף די הענד, ווער מיט אַ בייטש, ווער מיט אַ שפּיץ-רוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנד, און אַלע זענען גרייט צו יאָגען דאָס ווילדע פערד, יעדערענס אָטעם איז געשטיקט, אַלע פּנים'ער פלאַמען, אַלע אויגען בליצען, און אין געדרודער בעמערקט נישט קיינער, ווי די פער'משפּט'ע בויגט זיך שטיל אַראָב און שפּילעט זיך צו דעם זוים פונ'ם קלייד צו די פיס און שטעקט טיעף, טיעף אַריין די שפּילקעס זיך אין לייב, כדי עס זאָל איהר לייב נישט ענטפּלעקט ווערען, ווען דאָס פערד וועט זי שלעפּען אין די גאַסען...

— לאָזט דאָס פערד! — קאָמאַנדירט דערוויל ווייטער דער פּרעזידענט, און די קנעכט זענען דערפון אָבגעשפּרונגען, און מיט אַמאָל האָט עס זיך אויס-געריסען. און אויסגעריסען האָט זיך אויך אַ געשריי פון אַלע מיילער, און עס וועהען און פייפען אין דער לופט אַלע בייטשען, שפּיץ-רוטען און טיכער. און ווילד דערשראָקען יאָגט דאָס פערד איבער'ן מאַרק, איבער גאַסען און הינטער-גאַסען אַרויס, אַרויס פון שטאָדט...

צווייטעס בילד.

אַ פּלאַץ פאַר אַ תּפיסה. אויף די אייזערנע גראַטען אין די קליינע פענס-טערלעך ציהען זיך שפּילענדיג די שטראַהלען פון דער זון; זיי גליטשען זיך

אויף אויף די שטיקען פון צוזאַמענגעשטעלטען געוועהר בּיי דער וואַנד. די סאָלדאַטען האָבּען אין האַנד ריטער בּעקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלען דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: „דורך אַ סטראָי“ וועט מען טרייבּען...

וועמען?

עפּעס אַ יודעל מיט אַ צעריסען העמד אויפ'ן מאָגערען לייבּ, מיט אַ יאַר־מולקע אויפ'ן האַלבּ־געגאָלטען קאָפּ. אָט פיהרט מען איהם צו.

פאַר וואָס קומט עס אידם? ווער ווייסט, אַ פּאַרצייטישע זאַך! אפשר פאַר אַ גנבה, אפשר פאַר אַ גזלה צו אַ רציחה, און אפשר אַ בּלבול... עס איז דאָך געווען פאַרצייטען...

און די זעלנער שמייכלען און טראַכטען: נאָך וואָס האָט מען אונז אַזוי פיעל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטען די העלפט.

נאָר אָט שטופּט מען איהם צווישען די שורות אַריין, אָט געהט ער... און ער געהט גלייך און שטרויכעלט נישט און פאַלט נישט... ער בּעקומט שמייך און האַלט זיי אויס...

אַ גריס־צאָרן האַפּט אָן דעמאָלט די סאָלדאַטען! ער געהט נאָך, ער געהט!

און די ריטער פייפען אין דער לופט ווי די רוחות און האַפען אַרום דאָס לייבּ, ווי די שלאַנגען. און דאָס בּלוט פון מאָגערען גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצען!

הו—האַ! הו—האַ!

אינמיטען טרעפט אַ כאָלדאַט צו הויך און וואַרפט דעם פער'משפט'ן אַראָב די יאַרמולקע פון קאָפּ. נאָך עטליכע טריט בּעמערקט ער עס, דער פער'משפט'ער. ער גיט זיך אַ ריהר, גלייך ער האָט אַ ישוב, און איז זיך מישב און דרעהט זיך אום: ער וועט נישט געהן בּגלוי־הראש, און ער געהט צוריק בּיז צום אָרט, וואו די יאַרמילקע ליגט, ער בּויגט זיך איין און הויבּט זי אויף, און דרעהט זיך צוריק אויס און געהט ווייטער, רוהיג, רויט פערבּלוטיגט, נאָר מיט דער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ. אַזוי געהט ער, בּיז ער פאַלט...

מ. ראזענפעלד.

צום פאָלק.

מיין פאָלק! וואָס נאָך קענסטו פון מיר פערלאַנגען?
וואָס האָבּ איך נאָך, וואָס איך זאָל דיר ניט געבּען?
איך שענק דיר מיינע הערצליכסטע געזאַנגען,
מיין קראַפט און מיין נשמה'ס ריינעם לעבּען.

וואָס אין מיין אויג איז אָפט אַרומגעשוואומען,
וואָס אין מיין האַרץ האָט אָפט געבּרענט ווי גלוטען,
דאָס האָבּ איך אין בּעגייסטערטע מינוטען
צונויפגעוועבּט אין לעבּעדיגע בּלומען,

מיין פאָלק! דיין קאָפּ דיר צו בּעקראַנצען,
דיין מיעדען קאָפּ, וואָס קען קיין רוה געפינען,

און איין געדאנק נאר האט בעהערשט מיין זינען:
פאר דיר צו זיין, פאר דיר אליין אינגאנצען.

וואס קען איך נאך? וואו האב איך נאך קרבנות,
אויב ליעבע איז דיר קארג און קנאפ רחמנות?

י. ל. פרץ.

משיח'ס צייטען.

אזוי ווי אין אלע יודישע שטעדט און שטעדטלעך אין גאליציען, איז אויך געווען אין דער קהלה, וואו מיינע עלטערן האבען געוואוינט, א משוגע'נער.

אויבוואהל דער ארימער משוגע'נער האט קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכט ווארט, קיינעם נישט אנגעריהרט מיט'ן מינדסטען פינגער, האבען אויף איהם אלע געשריגען, מאנכע געשלאגען, און די גאסען-יונגען פלעגען איהם נאכווארפען בלאטע און שטיינער.

איך האב תמיד רחמנות געהאט אויף דעם משוגע'נעם. עס האט מיך עפעס צו איהם געצויגען, איך האב מיט איהם געוואלט רעדען, איהם טרייסטען, א גלעט טהאן, נאר צוגעהן צו איהם איז געווען אונמעגליך: איך וואלט בעקומען א טייל פון דער בלאטע און די שטיינער, מיט וועלכע מען פלעגט איהם באמבארדירען.

דאס שטעדטעל, וואו מיינע עלטערן האבען געוואוינט, איז געווען א פעסטונג, ארומגעצוימט מיט גריבער, וואסער, וואלען און הויכע מויערן. אויף די מויערן זענען געשטאנען הארמאטען, און זעלנער מיט ביקסען האבען זיי געהיט, מארשירענדיג אויף און אב ערנסט און שווייגענדיג. קוים איז נאר צוגעפאלען די נאכט, האט מען אויפגעהויבען די אייזערנע בריק איבער'ן וואסער, פערשלאסען אלע טויערן און אבגעריסען דאס שטעדטעל פון דער רעשט וועלט ביז אינדערפריה. ביי יעדען פערמאכטען טויער איז געשטאנען א וואך, בעוואפענט פון קאפ ביז פוס.

ערשט נישט לאנג, ביי-טאג, זענען מיר אלע פריי געווען, מען האט געמעגט געהן ארויס און אריין, נישט אנגעפרעגט צוערשט ביי'ם פלאץ-מאיאר; מען האט זיך אויך געמעגט באדען אין טייך הינטער דער שטאדט, אפילו זיך אויסציהען אויף דער גרינער לאנקע ביי'ם טייך און קוקען אין הימעל אריין, אדער וויט ערגעץ אין דער וועלט אריין, ווי איינער האט געוואלט. קיינער האט נישט פאר דעם קיין שלעכט ווארט גערעדט. איז עמיץ אפילו נישט צוריקגעקומען, האט מען אויף איהם נישט געפרעגט. נאר ביי-נאכט, האט מען געוואלט, זאל זיין שטיל אין שטעדטעל, מען זאל זיך נישט ארויס און נישט אריין דרעהען. „א גליק", — פלעג איך דעמאלט קלערען ביי מיר, — „וואס מען לאזט אינז האטש אריין די לבנה"...

און אזוי לאנג איך וועל לעבען, וועל איך נישט פערגעסען דעם „בין-השמשות". דאס צופאלען פון דער נאכט. צוזאמען מיט דעם אבענדליכען שאטען פערשפרייט זיך א שוידער איבער דעם גאנצען שטעדטעל. מענשען און הייזער ווערען פלוצלונג ווי איינגעדריקערטער. מען ציהט די בריק; די אייזערנע קייטען

רייבען זיך אָן די אונגעהויערע בלאָקען; דאָס אייזערנע קראַצען, די האַרטע, אָב־געריסענע טענער פֿאָהרען דורך די ביינער. דערנאָך פֿאַלט צו אַ טויער נאָך אַ טויער. יעדען אָהענער געשעהט דאָס זעלבע, און דאָך ציטערען יעדעס מאָל די פּיס אונטער דעם מענשען, אַ שטומפּיגע מיעדקייט לעגט זיך אויף אַלע פּנים׳ער, אַלע אויגען לעשען זיך אויס, ווי ביי טויטע, די ברעמען פֿאַלען אַראָב ווי בלייערנע, דאָס האַרץ בלייבט שטיל, און מען אָטעמט קוים. דערנאָך הויבט־אָן דער פּאַטרול צו קורסירען אין די גאַסען, עס קלאַפּען די נאַבעלאָזטע שווערדען אָן די גרויסע וואַסער־שטיוועל, די באַגנעטען בלישטשען, און מען שרייט: „ווער־דאַ?“ — אויף דעם מוז מען ענטפֿערען: „אַ הימישער, אַנ׳אייגענער!“ אַז נישט — וויים גאָט צו וואָס עס קאָן קומען. מאַנכע פֿלעגען זיך שוין בעסער פֿערמאַכען אונטער שלאָס און ריגעל: זיי האָבען מורא זיך אַפּילו אַרויסצוּווייזען אויף דער גאַס...

איינמאָל האָט זיך מיר געמאַכט אַ צופֿאַל: איך האָב מיך געבאָדען הינטער דער שטאָדט, איך האָב מיך פֿערקוקט צו פֿערטראַכט, צו גלאַט אַזוי פֿערגעסען, אַז נאָך טאָג געהט נאַכט. פּלוצלונג זעה איך, ווי מען הויבט די בריק; עס שניידט אין די אויערען, עס פֿאַלען צו די טויערען, עס קנאַקט און שלאָגט זיך אָב מיר אין האַרץ. פֿערפֿאַלען! איך מוז שוין בלייבען איבער נאַכט הינטער דער שטאָדט... און אַ וואונדערליכע זאַך: ליגענדיג אין דער היים אין וואַרימען בעט, פֿלעגט זיך מיר נאַכט אויף נאַכט חלומ׳ען פֿון דער פֿרייער וועלט אויסער דער פֿעסטונג, און דאָס ערשטע מאָל, אַז מיין חלום איז מקוים געוואָרען, איז מיך בעפֿאַלען אַ שרעק! עס האָט זיך אָנגעהויבען דער בעוואוסטער שטרייט צווישען קאָפּ און האַרץ. דער קאָפּ האָט גערופֿען: רוהיג, גענים אויך אַמאָל די ריינע, פֿרייע לופֿט, דעם אויסגעשטערנטען פֿרייען הימעל. און דאָס האַרץ האָט זיך געטהאָן ווינס, געוואָרפֿען זיך און געצאַפּעלט, צו׳ם אַרויסשפּרינגען. דער־נאָך האָט זיך מיר אויפֿגעהויבען ווי אַ דורשט, ווי אַ נעבעל פֿון שווערען האַרץ און איז מיר געשטיעגען אין קאָפּ אַריין. דער פֿרייער געדאַנק איז געוואָרען טונקעל און טונקעלער און איז באַלד אונטערגעגאַנגען אונטער דעם וואָלקען. עס האָט מיר אָנגעהויבען צו קלינגען אין די אויערען און צו פֿינקלען אין די אויגען. פֿון יעדען לייכטען גערויש, פֿון יעדען לייכטען שאָטען פֿון אַ צווייג, פֿון קלענסטען גרעזעל האָט זיך מיר אַריינגעזאַפּט דורך די אויגען, ווי דורך די אויערען, אַ מין שוידער, אַ שרעק, וואָס האָט מיך געוואָרפֿען אויף דער ערד!

איך האָב בעהאַלטען דאָס פּנים אין זאַמד...

צו בין איך געשלאָפֿען, צו ניין, און ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגען—אַסור אויב איך ווייס! נאָר פּלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז מען אָטעמט נאָהנט נעבען מיר. איך שפּרינג אויף. איך בין נישט אַליין. צוויי גוט בעקאַנטע, טיעפֿע, שוואַרצע אויגען קוקען אויף מיר האַרציג און געטריי.

עס איז געווען דער משוגע׳נער.

— וואָס טהוסט דו דאָ? — פֿרעג איך מיט אַ דומפּיגער שטימע.

— איך שלאָף קיינמאָל נישט אין שטאָדט! — ענטפֿערט ער מיר טרייעריג, און דער בליק זיינער איז אַזוי ווייך, די שטימע אַזוי ברידערליך, אַז איך קום צו מיר אינגאַנצען און פֿערגעס מיין שרעק.

אַמאָל, דערמאָן איך מיך פּלוצלונג, פֿלעגט מען האַלטען משוגעים פֿאַר נביאים — אין די מאָרגענלענדער איז דאָס נאָך ביז היינט — און איך פֿרעג מיך: צי איז ער נישט ווירקליך איינער פֿון זיי? צי יאָגט מען איהם נישט ווי אַ נביא? צי וואַרפֿט מען איהם נישט נאָך קיין שטיינער ווי אַ נביא? צי לייכטען איהם נישט די אויגען, ווי די שטערען? צי קלינגט נישט זיין שטימע, ווי די פֿיינסטע האַרפֿע? צי ליעגט נישט אין איהם דער שמערץ פֿאַר אַלע, דאָס ליידען פֿאַר'ן גאַנצען דור? אפֿשר ווייסט ער טאַקי אויך, וואָס שפּעטער וועט זיין?...

איך פּרוב און הייב אָן צו פֿרעגען, און ער ענטפֿערט מיר אַזוי שטיל, אַזוי זיס, אַז עס דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז עס איז נאָר אַ חלום, אַ זיסער חלום פֿון אַ זומער-נאַכט אויף יענער זייט פֿעסטונג.

— דו גלויבסט אין משיח'ס צייטען? — פֿרעג איך איהם.

— געווים! — ענטפֿערט ער שטיל און זיכער. — משיח מוז קומען!

— ער מוז?!

— גאַנץ זיכער! אַלע וואַרטען אויף איהם. אפֿילו הימעל און ערד וואַרטען! ווען נישט, וואָלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבען, צו טהאָן די האַנד אין קאַלט וואַסער.... און, אויב מען לעבט און מען טהוט, גלייך מען וויל לעבען, איז אַ סימן, אַז אַלע פֿיהלען, אַז משיח קומט, אַז ער מוז קומען, אַז ער איז שוין אין וועג...

— צי איז אמת, — פֿרעג איך ווייטער, — אַז פֿריהער וועלען זיין שרעקליכע מלחמות איבער פֿאַלשע משיח'ען, די מענשען וועלען זיך אַרומרייסען ווי ווילדע חיות, די ערד וועט אָנגעזאַפּט ווערען מיט בלוט; טייכען בלוט וועלען פֿליסען פֿון מזרח קיין מערב און פֿון דרום קיין צפון; אַלע חיות, בהמות וועלען טרינקען מענשען-בלוט. אַלע פֿעלדער, אַלע גרטנער, אַלע טראַקטען און אַלע וועגען וועלען פֿערגאָסען ווערען מיט מענשען-בלוט.... און אינמיטען דער צייט פֿון בלוטיגען מבול וועט זיך ערשט באַווייזען דער אמת'ער משיח, דער ריכטער... איז דאָס אמת?

— אמת!

— און מען וועט איהם דערקענען?

— יעדער וועט איהם דערקענען, עס וועט קיינער נישט האָבען קיין טעות. ער וועט זיין משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדען וואָרט, מיט יעדען בליק. ער וועט נישט האָבען קיין תולות. ער וועט נישט רייטען אויף קיין פֿערד, און אַ שווערד וועט איהם נישט הענגען אויף די לענדען....

— וואָס דען?

— פֿליגעל וועט ער האָבען.... משיח וועט האָבען פֿליגעל, און אַלע וועלען דערנאָך בעקומען פֿליגעל. עס וועט זיין אַזוי: פּלוצלונג וועט געבוירען ווערען אַ קינד מיט פֿליגעל, דערנאָך — אַ צווייטס, אַ דריטס, און אַזוי וועט עס שוין געהן כסדר... פֿריהער וועלען זיך די מענשען דערשרעקען, דערנאָך וועט מען זיך צוגעוועהנען, ביז עס וועט אַרויסקומען אַ גאַנצער דור מיט פֿליגעל,— אַ דור, וואָס וועט זיך נישט מעהר וועלען וואַלגערען אין דער בלאָטע און וועט זיך נישט מעהר רייסען איבער אַ פּרנסה-ווערימעל....

לאַנג נאָך האָט ער אַזוי גערעדט, נאָר איך האָב איהם אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהן. זיין שטימע איז דאָך געווען אַזוי אומעטיג-זיס, אַז איך האָב זי איינ-

געזאַפּט אין מיר ווי אַ שוואָם. אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו רעדען, האָט שוין געטאָגט, מען האָט שוין די טויערען געעפֿענט און די בריק אַראָבגעלאָזט...

זייט יענער נאַכט איז מיר דאָס לעבען אין איהר' פֿעסטונג אויסער דער גאָך שווערער, גאָך אונערטרעגליכער געוואָרען. די אַלטע מויערען, די קראַצענ־דיגע אויפֿגעצויגענע בריק, די אַייזערנע טויערען, די וואַכטען און פּאַטרולען, דער הייזעריג־צאָרניגער: „ווער־דאַ?“, דער אונטערטהעניג־פֿאַלשער: „אַ הייטי־שער, אַנ'איינענער!“, דאָס אייביגע ציטערען פֿון די לייטיגע פּנים'ער, די איבער־געשראָקענע האַלב־פֿערלאָשענע אויגען, דער מאַרק מיט די פֿערבלאָנקעטע, ציטעריג־פֿוילע שאָטען, — דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלעגט ווי אַ בליי אויף דער נשמה, נישט אָבצוטעמען, נישט פֿריי צו ווערען... עס האָט מיך אָנגעחאַפּט אַ האַרץ־ווערטאָג, עס האָט מיך דורכגענומען אַ שרעקליכע בענקשאַפֿט. און איך האָב בעשלאָסען, משה'ן אַנטקעגען צו פֿאָהרען...

בין־השמשות — צווישען טאָג און נאַכט. קורסירען — געהן הין און צוריק. באַגנעטען — שטיקעז, שפּיזען פֿון ביקסען. מאַרגענלענדער — מזרח־לענדער.

א. רייזען.

דער פֿרייער ים.

שטעל דעם לעבען נים קיין כּללים,
נים פֿערצאָם!
זאָל עס פֿריי און האַסטיג פֿליסען,
ווי דער ים!

דו וועסט זאָגען: „ס'איז געפֿעהרליך“ —
כ'ווייס אַליין;
אָבער זעה: דאָס בילד ווי הערליך
און ווי שיין!...

י. ל. פּרץ.

שלום.

פֿאַר שלום האָב איך מורא! פֿאַר שטילקייט ציטער איך אימת־מות!

שלום איז צווישען גנבים, ווען זיי גרייטען זיך אָן צו דער פֿינגער־מלאָכה. זיי מאַכען שלום מיט דער פֿינסטערער נאַכט און צינדען קיין שוועבעלע נישט אָן.

שלום מאַכען זיי מיט יעדען וואָלקען, וואָס ציהט זיך איבער דער לבֿנה.

שלום מאַכען זיי אַפֿילו מיט'ן בריטאַן אויפֿ'ן הויף און וואַרפֿען איהם אַ שטיק „לא יחרץ“־פֿלייש, צו פֿערשטאָפּען דאָס מויל...

נאָר פֿריב און וויל שטילערהייט אין בשלום פֿעריאָגען די אונגעבעטענע געסט? מוזסט דו ליכט אָנצינדען, הויז־לייט וועקען, קולות מאַכען.

שלום און שטיל איז אויפֿ'ן בית־הקבֿרות... אָהן געוויש פֿרעסען זיך די ווערים אַריין אין די מתים'ס לייבער; שטיל האַלט אַרום דער מאָך די אַלטע

מצבה און ציהט זי אין דער ערד אַריין; שטיל ווישט דאָס אָרימע ביימעל, וואָס ציהט אַריין אין זיך דעם קבֿרים־זאַפט... נאָר פּרוב גיב תחית־המתים!... מוזסט דו פריהער בלאָזען אויפ'ן שופר של משיח!

שטיל איז נאַכט און טויט...

שלום איז טיילמאָל אַ שטאַרקער יצר הרע. דאָס איז אַ וואַרעמע שטוב, אַ ווייכער פאָטעל. גרויסע פאַנטאָפעל און אַ זיידענע שלאָף־מיץ. נאָר דאָס אַליין צו בעקומען טאָר מען נישט געהן מיט'ן גלייכען וועג. און עס דאַכט זיך – גאָר נישט. צו בין איך דען מחויב צו זאָגען דעם אמת? דערנאָך: וואָס שאַדט אַ שקר'ל מפּני דרכי שלום? און אויב אַ גרעסערס, נאָר אַזאַ געלאַסענס, אַ חנ'עוו־דיג'ס? מענשען האָבען עס אַזוי ליעב, די אָרימע אומגליקליכע מענשען... און אַזוי פאַלט מען אַלץ נידעריגער און נידעריגער, ביז מען דריקט די פערדאָרבענסטע האַנד, מען קושט דאָס גרעסטע לעסטער־מויל און מען מאַכט שותפות מיט'ן ערגסטען באַנדיט...

אָ, ניין! שלום איז אַ שרעקליכע זאַך... שלום איז דער שקר אַליין.

ניין, איך וויל אויף שלום נישט בעטען!

מפני דרכי שלום — צוליעב פריעדען.

אָקטאַוו מירבאָ.

צוויי וועלטען.

פּערזאָנען:

אָרגאָן—א גרויסער פאבריקאנט

ראָבערט—זיין זוהן.

מענגרע—פערוואלטער פון ארגאנ'ס פאבריק.

זשאַן רול—פיהרער פון די ארבייטער.

לואי טיע—אַן'אַלטער ארבייטער.

דריי אַרבייטער—דעלעגאַטען.

אַ דיענער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ גרויסער פאַבריק־שטאָדט אין פראַנקרייך, היינטיגע צייטען.

ביי אָרגאָנ'ען אין קאַבינעט. רייכע, שווערע מעבעל. ביכער־שראַנק. אַ שרייב־טיש מיט אַ סך פּאַפּירען. גלעזערנע שאַפעס מיט מוסטערען פון מינעראַלען.

אין קאַבינעט געפינט זיך אָרגאָן און ראָבערט.

עס עפענט זיך די טהיר און ס'קומען אַריין זשאַן רול, לואי טיע און די דריי אַנדערע דעלעגאַטען. זיי געהען אַריין לאַנגזאַם, האַלטענדיג די היטלען אין די הענד. דער ערשטער ערשיינט זשאַן רול. ער זעהט אויס פינסטער, אָבער זעהר רוהיג; נאָך איהם לואי טיע—אַן'אַייגעבויגענער, אַ גראָהער, קענטיג ער פיהלט זיך אונרוהיג, ווי פערשעמט. אַלע שטעלען זיך אויס אין איין שורה פאַר אָרגאָנ'ס שרייב־טיש. מען זעהט, ווי זענען אַביסעל אָראָבגעפאַלען ביי זיך — דער

שטרענגער לוקכוס פון דעם קאַבינעט האָט אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. לואי טיע האַלט די אויגען כּסדר אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן טעפּיך, די איבעריגע דרעהען די היטלען אין די הענד, נאָר איין זשאַן רול האַלט זיך רוהיג, פריי און מיט ווירדע, אָבער אָהן עזות. אַרגאַן איז געבליבען אונבעוועגליך. אַביסעל אָנגעלעהנט דעם קערפּער אויף הינטען, איין האַנד אויף דער פּאָרענטשע פון דעם פאָטעל, מיט דער אַנדערער האַנד אונטערגעשפּאַרט דעם פּנים, זיצט ער און זעהט אויס גלייכגילטיג, קאַלט, ווי אַייז. ראָבערט האָט געוואָרפען אַ שנעלען קוק אויף זשאַן רול׳ען, בעת די דעלעגאַטען זענען אַריינגעקומען. יענער האָט איהם אָבגעענטפערט פּונקט מיט דעמזעלביגען קוק. ראָבערט האָט זיך אָבגערוקט אין אַ ווינקעל צימער. אַלע שווייגען געשפּאַנט.

אַרגאַן (טרוקען). ני, וואָס זשע!... רעדט...

זשאַן רול (אַביסעל פייערליך): מיר זענען געקומען אַהער צו בערוהיגען אונזער געוויסען... (פּויזע). אויב איהר וועט ניט אָננעהמען די פאָרשלאָגען, וואָס מיר ברייננען אייך אינ׳ם נאָמען פון פינף טויזענד אַרבייטער... איז איבעריג צו דערמאָנען, אַז אַלע ווי איין מענש זענען מיר גרייט צו פאָרטזעצען אונזער ווידערשטאַנד ביז׳ן סוף. ניט דאָס מיליטער, וואָס איהר רופט אַרויס אייך צו הילף, ניט דער הונגער, וואָס איהר ניצט אויס אַלס געוועהר נעגען אונז — וועלען אונז ניט דערשרעקען... די פאָרשלאָגען אונזערע זענען לאָגישע און גערעכטע... אָן אייך ווענדט זיך — פאָרטזעצען דעם קאַמפּף אָדער ניט... (פּויזע). איך בעט אייך, אויסער דעם, צו בעמערקען, אַז אויב מיר האָבען אויסגעשלאָסען פון אונזער פּראָגראַם איינינע פאָדערונגען, איז ניט דעריבער, ווייל מיר זאָגען זיך פון זיי אָב... מיר לעגען זיי נאָר אָב אויף אַ צווייטען מאָל... (מיט גרויס ווירדע) אַזוי איז אונזער פרייער בעשליס!... (פּויזע. אַרגאַן בלייבט אונבעוועגליך, ווי אַ סטאַטוע; קיין איינציגער מוסקול ציטערט ניט אויף זיין פּנים. זשאַן נעהמט אַרויס פון דער קעשענע פון זיין רעקעל אַ פּאַפּיר און קוקט אין איהם אַריין פון צייט צו צייט). ערשטענס. בראש פון אונזערע פאָדערונגען שטעלען מיר אַרויס — אַנ׳אַכט=שעה׳דיגען אַרבייטס=טאָג. די שכירות האַרפען דערביי ניט פערקלענערט ווערען אויף איין גראָשען... איך האָב אייך שוין ערקלעהרט. פאַר וואָס... און ערקלעהרען נאָך אַמאָל איז איבעריג (אַרגאַן שווייגט) אויסערדעם זעה איך, אַז איהר האָט היינט איבערהויפּט וועניג השק צו פיהרען געשפּרעכען... צווייטענס. אויסבעסערען דעם סאַניטאַרען=צושטאַנד פון דער פאַבריק... אויב איהר האָט באמת אַזאַ מענשעןפריינדליכע זעלע, ווי איהר הייסט וועגען זיך שרייבען אין אַלע אַייערע צייטונגען, קענט איהר ניט פערלאַנגען, אַז מענשען זאָלען אַרבייטען אין דער פערפעסטעטער לופט פון אַייערע פאַבריק=בנינים, צווישען געצייגען און מאַשינען, וואָס דראָהען די אַרבייטער מיט׳ן טויט... אויב איהר וועט אין פּרינציפּ מוסכּם זיין אויף אָט דער פאָדערונג, וואָס מיר האַלטען זי פאַר אונגעהויער וויכטיג, וועלען מיר פיהרען מיט אייך ווייטערע אונטערהאַנדלונגען וועגען דעם כאַראַקטער און דער גרויס פון די אויסבעסערונגען, ווי אויך וועגען דעם, אַז זיי זאָלען געמאַכט ווערען אונטער אונזער אונמיטעלבאַרען קאָנטראָל. (אַרגאַן זיצט ווי פריהער טויטשטיל. זשאַן רול קוקט זיך אײַן איהם אַיין אויף איין רגע מיט אַ שאַרפען

בליק, נאכדעם מאכט ער א אונבעשטימטע בעוועגונג מיט דער האנד און רעדט ווייטער) ניש'קשה! מיר'ן דערגעהן ביז'ן סוף, ווארום מיר זענען געקומען אהער צו בערוהיגען אונזער געוויסען. (פויזע). דריטענס. דאס פודלינג־סיסטעם זאל פערביטען ווערען אויף מעכאנישע בעארבייטונג. דאס פודלינג־סיסטעם איז א קאטארגע, ניט קיין ארבייט... עס איז שוין פערשוואונדען געווארען פון פיעלע פאבריקען, וועלכע זענען א סך ארימער, איידער אייערע. דאס איז דאך אנ־אמת'ער מארד — צווינגען מענשען צו שטעהען דריי שעה נאקעט, צוגעשמידט מיט די אויגען צום פלאמענדיגען לאך פון די אויווענס, שטעהן מיט פערברענטע פנים'ער, מיט א אנגעגליהטער הויט, מיט א שרעקליכער ברענענדיגער דורשט, שטעהן און ארבייטען, מישען דאס צעגליהטע גוס־אייזען ביז ס'ווערט אויס־געקנעטען א פייערדיג־פלאמענדיגער קלומפ... איהר ווייסט דערביי זעהר גוט, אז דער אומגליקליכער, וואס איהר האט איהם פעראורטיילט אויף אזא שרעקליכע פלאג... אז אין צעהן יאהר ארום... וועט ער אומקומען צוליעב אייך!... (ארגאן בלייבט אונבעוועגליך, זשאן טהוט א מאך מיט דער האנד. פויזע) פיערטענס. געגוי אכטונג געבען, אז דער ווין און דער אלקאהאל, וואס מען פערקויפט אונז, זאלען ניט זיין געפעלשט. (פויזע). אונטער דעם פאלשען נאמען פון קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס האט איהר פערכאפט אין אייערע הענד דעם גאנצען ארטיגען האנדעל... און איהר רעכענט זיך פאר אונזער קצב... אונזער בעקער... אונזער קרעמער... און שיינקער — עס וואלט אפשר געווען בעסער, אז איהר זאלט וועניגער פערדיענען אויף אונזער געזונד, איהר זאלט אונז, אנשטאט פער־גיפטעטע משקה, פערקויפען עפעס רעכטס... אלצדינג, וואס מיר אטעמען דא איין, ברענגט אונז דעם טויט! אלצדינג, וואס מיר טרינקען דא, ברענגט אונז דעם טויט!... גענוג!... מיר ווילען, אז אלצדינג, וואס מיר אטעמען און וואס מיר טרינקען, זאל ברענגען לעבען!... (ארגאן שווייגט). פינפטענס. די דאזיגע פאדערונג איז א מאראלע און בילדעט די נאטירליכע פאלגע פון דער פאדערונג וועגען אנ'8־שעה'דיגען ארבייטס־טאג.... גרינדען א ביבליאטעק, וואו עס זאלען זיך געפינען אלע ווערק איבער פילאזאפיע, געשיכטע, וויסענשאפטען, ליטעראטור, פאעזיע, קונסט, לויט דעם רייסטער, וואס איך וועל אייך איבערגעבען אויף א בעזונדערען בויגען.... ווארום ניט מיט ברויט אליין קען לעבען א מענש, ווי אריים ער זאל ניט זיין... (פויזע). ווי איהר, רייכע לייט, האט ער דאס רעכט צו געניסען די שענקייט. (א קאלט שווייגען). ענדליך... צונעהמען אויף דער אר־בייט אלע שטרייקער, וואס איהר האט ארויסגעטריבען פון דער פאבריק, און בעצאהלען זיי די גאנצע שכירות פאר דער צייט פון זייער געצוואונגענער אר־בייטסלאזיגקייט... בנוגע צו מיר פערזענליך, בעפריי איך אייך פון דער פליכט... ווי נאר דער אפמאך וועט זיין אונטערגעשריבען — פאהר איך פון דאנען אוועק.. (ער לעגט דעם פאפיר אויף ארגאנ'ס שרייב־טיש).

ארגאן (שווייגט א ווילע, ריהרט זיך ניט פון ארט. נאכדעם רעדט ער ארויס מיט א שארפער שטים): אלעס?

זשאן רול: אלעס.

ארגאן (צו לואי טיע): נו, וואס זשע!... וואס טראכסטו וועגען דעם, טיע?... דו דארפסט איצט האבען ביבליאטעקען, דא?... אדרבא, גיב איך מיר א קוק!...

ל ו א י ט י ע (די אויגען כּסדר אַראָבגעלאָזען צום טעפּיך): הער אַרגאַן! הער אַרגאַן! הער אַרגאַן!

אַ ר ג אַ ן: גיב זשע אַ קוק אויף מיר! צו דיר רייד איך, צו ניין?...

ז ש אַ ן ר ו ל: בעליידיגט ניט דעם אומגליקליכען זקן! בעטראַכט בעסער, וואָס ס'האָבען פון איהם געמאַכט די זיבען און צוואַנציג יאָהר... אַרבייט, זעהט וואָס ער איז געוואָרען, דיענענדיג אייך! דאָס האָט איהר פון איהם געמאַכט!

אַ ר ג אַ ן: נעבעך, אָרימער טיע! ווען דו וואָלסט ניט געווען אונטער דער ווירקונג פון אָט דעם מענשען... ווען דו וואָלסט געווען פריי צו אויסדריקען די געפיהלען פון דיין האַרצען.... איך קען דיך... דו וואָלסט שוין לאַנג געלעגען ביי מיינע פיס... געבעטען פערצייהונג....

ל ו א י ט י ע (עס זעהט אויס, ווי ער וואָלט גרייט געווען צוצוגעהן צו אַרגאַנ'ען): הער אַרגאַן! הער אַרגאַן!

ז ש אַ ן ר ו ל (ענערגיש): טאָ גייה זשע, פרעג איהם, אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי, וואָס האָט ער געמאַכט פון דיין ווייב... פון דיינע צוויי זיהן!

ל ו א י ט י ע (מיט גרויס מיה): הער אַרגאַן! דאָס איז אמת! ניטאָ שוין קיין כּח... ניט מעגליך צו לעבען... דאָס איז אומגערעכט....

אַ ר ג אַ ן: דו זאָגסט נאָך אַנ'איינגע'חזר'טען אוראָק, אַלטער עלבּראַש. האָסט איהם דערצו נאָך שלעכט איינגע'חזר'ט אויך...

ז ש אַ ן ר ו ל (צוגעהענדיג נעהנטער צום שרייב-טיש): לאָז נעהמען אַנ'עק!... אייער ענטפער!...

אַ ר ג אַ ן (מיט אַ טאָן פון אָפענער בעליידיגונג, אָבער דערווייל נאָך איינגעהאַלטען): אַ'ענטפער?.. אָט איז ער... איהר קענט דאָך ניט רעכענען באמת, אַז איך וועל געהן אַרומריידען מיט אייך די אַלע אומגעלומפּערטע זאַכען... אָט האָט איהר — אַ בעריכט וועגען אייער פּערזאָן... איך האָב איהם בעקומען, צום אומגליק, אַביסעל שפּעטליך, אָבער ווי די מעשה איז, איצט האָב איך איהם אין די הענד... איך רופט מען זשאַן רול?

ז ש אַ ן ר ו ל: וואָס געהט דאָס אייך אָן, צי דאָס איז מיין נאָמען, צו ניט?

אַ ר ג אַ ן: דאָס וועל איך אייך טאַקי באַלד זאָגען... איהר האָט זיך פערקליעבען אַהער, אין די מקומות, מיט אַ פאַלשען פּאַס...

ז ש אַ ן ר ו ל: איהר וואָלט מיך דען צוגענומען אָהן אַ פּאַס? נו, און ווייטער?...

אַ ר ג אַ ן (ווערט אַלע מאָל מעהר אויפגערענט): איהר זענט אין פראַנקרייך — ניט ריידענדיג פון אַנדערע לענדער — פער'משפּט געוואָרען צוויי מאָל דורך דעם געריכט... דאָס ערשטע מאָל פאַר גנבה, דאָס צווייטע מאָל פאַר אַ געוואַלד-טהאַט בשעת אַ שטרייק... איהר זענט געווען פערשיקט און אַנטלאָפען....

ז ש אַ ן ר ו ל: נו, און ווייטער?

אַ ר ג אַ ן: איהר האָט זיך בעטייליגט אין אַנאַרכיסטישע פערשווערונגען.... איהר... זענט... אַ גנב... און אַ מערדער!...

ז ש אַ ן ר ו ל: נו, ווייטער?

אַ ר ג אַ ן (הויבט זיך אויף אין שטאַרקען צאָרען): און וואָס וועט איהר זאָגען, אויב איך וועל אייך איבערגעבען אין די הענד פון דער יוסטיץ?...

זשאַן רול (מיט אַ שטאָלצער, שראַהענדער שטים): פּרופּט אָקאָרשט!...

ראָבערט (מישט זיך אַריין): פאַטער! ווער דער מענש זאָל ניט זיין — נאָר אויב ער איז געקומען אַהער, געפינט ער זיך אונטער׳ן שוץ פֿון אייער עהרע... און מיינער...

אַרגאַן (צו ראָבערט׳ן, אין ווילדען צאָרען): דו!... (האַקט זיך אָב. ער איז צעמישט. צו די דעלעגאַטען) וואָס טהוט איהר דאָ, איהר!... אַרויס׳ט פֿון דאַנען, וואָן!... איך טרייב אייך אַרויס... איך טרייב אייך אַרויס... וואָן פֿון דאַנען!..

זשאַן רול: דאָס אַלעס האָבען מיר פאָראויסגעזעהן... קומט אַוועק פֿון דאַנען!...

אַרגאַן: יאָ... אָ!... איך טרייב אייך אַרויס... וואָן!... אַרויס פֿון דאַנען!... אַרויס פֿון דאַנען!... (די דעלעגאַטען געהען צו דער טהיר. זשאַן רול לאָזט זיי אַלע דורך געבען זיך).

זשאַן רול (ווענדעט זיך צו אַרגאַנ׳ען): אַלזאָ... איהר ערקלעהרט אונז קריעג... אָהן רחמנות... אָהן דערבאַרעמונג... פערגעסט ניט, אַז מיר זענען פֿינף טויזענט... און אויב מיר קענען ניט אַרויסשטעלען גאָר ניט, אַחוץ נאַקעטע ברוסטען, אַנטקעגען די האַרמאַטען און די ביקסען פון אייערע סאָלדאַטען... וועלען מיר יעדענפאַלס שטאַרבען מיט עהרע, אַלע ווי איינער... דאָס זאָלט איהר וויסען (געהט אַרויס).

אַרגאַן (שפּאַנט אַרום איבער׳ן צימער. כמעט אומגעריכט) דיך אויך... אַרויס פון דאַנען... איך זאָל דיך מעהר דאָ ניט זעהן... דיין פֿוס זאָל דאָ מעהר ניט זיין... וואָן פֿון דאַנען!... וואָן!....

ראָבערט: אָ, פאַטער! איהר האָט אַליין געבראַכט אויף זיך דעם דאָזיגען אומגליק... (געהט אַרויס).

אַרגאַן געהט אַ לאַנגע צייט אַרום איבער׳ן צימער. אָן דער פערענדערונג, וואָס ס׳איז אין איהם פאָרגעקומען, אָן זיינע אַלע בעוועגונגען זעהט מען, אַז ס׳קומט אין איהם פֿאָר אַ שטאַרקער קאַמפף צווישען צאָרען און חרטה. אַ שטומע סצענע. ער קלינגט. ס׳קומט אַריין אַ דיענער.

אַרגאַן: רופט דעם הערען מעגרע!... אָבער תיכף!...

דער דיענער: די מינוט, הער!... (ער געהט שנעל אַרויס. אַרגאַן שפּאַנט ווידער איבער׳ן צימער, שרעקליך אויפגערעגט. ענדליך לאָזט ער זיך אַראָב אָהן כחות אויף אַ שטוהל און שלוכצט, אַנגעאַפּענדיג זיך ביים קאָפּ. עס קומט מעגרע).

מעגרע (דערזעהענדיג אַרגאַנ׳ען, בלייבט ער שטעהן צעטומעלט אויפ׳ן שוועל, נאָכדעם לויפט ער צו צו איהם): הער אַרגאַן... וואָס איז געשעהען?... איהר וויינט... איהר! דאָס איז דאָך אונמעגליך, הער אַרגאַן... (אַרגאַן ענטפערט ניט און שלוכצט) וואָס איז פאָרט?.. איך בעט אייך, זאָגט מיר דאָך...

אַרגאַן: דאָס בין איך שולדיג... דאָס בין איך שולדיג...

מעגרע: אין וואָס?

אַרגאַן: איך האָב פערלוירען מיין קאַלטבלוטיגקייט... יאָ... איך בין זיי פון זינען אַראָב... איך האָב אַרויסגעטריעבען זיי אַלע!...

מעגרע: וואָס רעדט איהר... וואָס רעדט איהר...

אַרגאַן: אַך, איך ווייס שוין גאָרניט... צוליעב וואָס

האָב איך דאָס אַלעס געטאָן?... מעגרע!... (נעמט איהם פאַר דער האַנד)

מ ע ג ר ע: הער אַרגאַן!

אַ ר ג אַ ן: איך האָב איצט אָנגעוואָרען אַלע מיינע קרעפטען... איך האָב ניט די זיכערהייט, וואָס פריהער... אַ וואונד ברענט אין מיר אָט דאָ (לעגט מעגרע'ס האַנד זיך אויף דער ברוסט), אָט דאָ... זיי האָבען ביי מיר צוגענומען מיין זוהן, איהר פערשטעהט, מיין זוהן? און איך אַליין... איך אַליין בין דערין שולדיג... איך האָב ניט געוואוסט, ווי צו ריהרען זיין האַרצען... איך האָב איהם געלאָזט אויסשטעהן צו שטאַרקע נסיונות... וואָס זשע טהוט מען איצט!... מיין זוהן האָבען זיי צוגענומען, זאָלען זיי צונעהמען איצט די פאַבריק אויך. זאָלען זיי נעהמען אַלץ... אַלץ... איך לאָז זיי אַלץ...

מ ע ג ר ע: אין דאָס רעדט א י ה ר, הער אַרגאַן?... ניין, ס'איז ניט מעגליך, אַז איהר זאָלט אַזוי ריידען...

אַ ר ג אַ ן: יאָ, יאָ... מעגרע!... יאָ... איך רייד דאָס אַזוי... איך...

מ ע ג ר ע: וואָס זשע טהוט זיך דאָס אויף דער וועלט!...

אַ ר ג אַ ן: און ווייטער... (מיט קראַפט) איך האָב זיך געהאַלטען פאַר אַ עהרליכען מענשען... גערעכענט, אַז איך זייה גוטס אַרום און אַרום... אַז מיין גאַנץ לעבען, מיין גאַנצען פלייס האָב איך געווידמעט אַ נוצליכער, כשר'ער אַרבייט... אָט דער רייכטהום, וואָס איז מיין שטאָלץ געווען... ווייל ער האָט בעפריע־דיגט מיין חשק צו שאַפען, שאַפען אָהן אַנ'עק, און ווייל איך האָב גערעכענט, אַז איך גיב פון איהם אַנדערע אויך דעם חלק, וואָס ס'קומט זיי... אָט דער רייכטהום, וואָס איך האָב איהם, דאַכט זיך, קיינמאָל צו שלעכטען ניט געברויכט... וואָס איך האָב איהם ערוואָרבען... פערדיענט... וואָס האָט געהערט מיר — אַלס אַ פרוכט פון מיין גייסט... אַלס טייל פון מיין פערזענליכקייט... אַלס שעפּפונג פון מיין ווילען...

מ ע ג ר ע: נו, וואָס זשע?... איז דאָס דען איצט שוין ניט אַזוי?...

אַ ר ג אַ ן: ס'ווייזט אויס, אַז ניין!

מ ע ג ר ע: זעה איך דאָס ניט אין חלום?... די מענשען זאָלען אייך אַזוי פערדרעהען דעם מח? אָ, דאָס וואָלט דאָך געווען שרעקליך!...

אַ ר ג אַ ן: די פאָדערונגען, וואָס זיי האָבען מיר אַרויסגעשטעלט, זענען פאָלקאָם גערעכטע נאָך אַלע זאַכען...

מ ע ג ר ע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): פאָלקאָם גערעכטע! זשאַן רול!... דאָס וואָלט דאָך געווען מערקווירדיג!...

אַ ר ג אַ ן: עס ווילט זיך זיי לעבען... דאָס איז דאָך פאָרט ניט קיין פערברעכען!

מ ע ג ר ע: אַ!... ווידער צווייפלען!... איצט, אין אַזאַ צייט... הער אַרגאַן! זייט זשע בעסט, זייט זשע קאַלטבלוטיג... רופט צו הילף אייער ענערגיע!... מיר דאַרפען זי איצט האָבען מעהר ווי אַלע מאָל, כדי ס'זאָלען זיך ניט טרעפען נאָך קיין גרעסערע אומגליקען... אויב איהר וועט לאָזען אַלערליי פוסטע חלומות געוועלטיגען איבער אייך, טאָ וואָס זשע זאָלען מיר טהאָן? אַנ'אומגליק, אַנ'אומ־גליק! אַז איהר ווילט מיך ניט פאָלגען... שוין די דריטע נאַכט אַז איהר שלאָפט ניט... מאַטערט זיך מיט אַרבייט איבער די כחות!... ווי שטאַרק אַ מענש זאָל ניט זיין, אַלצדינג האָט דאָך אַ גרעניץ... ווען דער קערפער איז אויסגעמוטשעט

ביז דער לעצטער מדרגה... ווערט איך שוואַך די נשמה... ווען איהר וואָלט זיך אָפּגעריהט צו דער צייט, ווי עס געהער צו זיין... וואָלט זיך דאָס ניט געטראָפען... קוקט אויף מיר: איך שלאָף... רוה מיך אויס יעדע נאַכט!... ווען ניט דאָס, אָ!... וואָלט איך שוין לאַנג ניט געהאַט קיין שליטה איבער זיך... און וואָלט געבליבען און געיאָמערט, ווי אַנ'אַלטע פרוי...

אַרגאַן: אָבער מיין זוהן, מענרע!... מיין זוהן... (אין דער מינוט לאָזען זיך הערען אונטערן פענסטער סיגנאַלען פון טרומייטען. מענרע און אַרגאַן קוקען איינער אויפ'ן אַנדערען און הערען זיך איין... די סיגנאַלען ווערען העכער און העכער.)

מענרע: דאָס איז מיליטער געקומען!... ענדליך... (געהט צום פענסטער).

אַרגאַן: (מיט פערצווייפלונג). א סוף! (עס הערען זיך סיגנאַלען פון טרומייטען.)

א. רייזען.

דאָס נייע ליעד.

אין זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליעבע און פון שלום,

דאָך קומען וועט,
צו פריה, צו שפעט,
די צייט, — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליעד
פון ליעבע, פריעד,
די מעכטיגע געזאַנגען, —

און יעדער טאָן
פון ליעד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס ענדט די נאַכט,
די וועלט ערוואַכט —
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבען.

די הערצט — און לופט
א שטימע רופט:
צו מוט, און קראַפט, און לעבען!...

ש. אנ—סקי.

מיין מוטער.

(פריי נאָך יאַקובאָוויטש)

מיר האָט זיך מיין מוטער געחלומ'ט די נאַכט.
געווען איז איהר פנים פערצאָגט און פערטראַכט.
זי האָט מיך דערזעהען און האָט זיך צעקלאָגט,
און האָט מיר דורך טרעהרען די ווערטער געזאָגט:

———

„אָ, זוהנעניו, זוהנעניו, וועה מיר און ווינד!
„איך האָב דיך פערלאָרען, מיין איינציגעס קינד!
„מען האָט מיר נאָר איין מאָל דיין פנים בעוויזען
„דורך טונקעלע גראַטעס און וועכטער און שפּיזען.

———

„איך בין שוין אָהן כח, דאָס האַרץ טהוט מיר וועה,
„די האָר פון מיין קאָפּ זענען ווייס ווי דער שניי,
„פון ביטערע טרעהרען די אויגען שוין בלינד.
„איך פיהל דיינע צרות, פערוואָגלטעס קינד!

———

„אָ, זוהנעלע, זוהנעלע! איך בין שוין אַלט...
„חאָטש איין מאָל נאָך זעהען דיין ליעבע געשטאַלט.
„האָטש איין מאָל אַקוק טהאָן נאָך דיר אין די אויגען, —
„און נאָכדעם שוין רוהיג אין קבר זיך לעגען!..."

———

מיין אָרימע מאַמע, איך הער דיין געוויין,
עס פאַלט יעדע טרעהר אויף מיין האַרץ ווי אַ שטיין,
און ווען איך וואָלט האָבען דריי לעבענס צו לעבען,
וואָלט איך זיי מיט פרייד אַלע דריי אָבגעגעבען
און וואָלט ווי אַ פויגעל אַ פרייער געפלויגען
צו קושען מיין מוטער די הענד און די אויגען....

———

נאָר אָבער די קייטען — זיי לאָזען נישט לויפען!...
עס בלייבט נאָר איין מיטעל — דעם נפש פערקויפען...
און וואָלט איך, געטרייע, פערפלעקט מיין נשמה, —
וואָלסטו דען געפונען דורך דעם אַ נחמה?...
ווען איך וואָלט די שרעקליכע עולה געטהון,
וואָלט איך דען פערבלייבען, ווי פריהער דיין זוהן?

———

איך זעה, ווי מיין מוטער צעגעהט פון געוויין,
איך הער אָבער דייטליך — זי ענטפערט מיר:

ניין!!

מ. ווינטשעווסקי.

דער גייסט.

און דער גייסט האָט בעלויכטען מיין וואוינונג מיט די שטראַהלען פֿון זיין הימלישען אַנטליץ און האָט זיך צו מיר אָבגערופֿען אַזוי צו זאָגען:

„מענש, געה און קינדיג אָן דיינע ברידער, אַז דער גרויסער טאָג איז נאָהענט“.

און ווי ער האָט אויסגערעדט דיזע ווערטער, האָט מיין האַרץ גענומען קלאַפּען שנעלער און העפֿטיגער, ווי אימער, פֿאַר גרויס שמחה, און אַנ'אינבעשרייבליכע רעגונג איז דורכגעגאַנגען דורך מיינע גליעדער. און איך האָב אויפֿגעטהאָן מיינע לעפֿצען און האָב אַרויסגעשטאַמעלט דיזע ווערטער:

„איך בין בערייט צו ערפֿילען דיין בעפֿעהל, און דאָס, וואָס דו הייסט מיר, וועל איך טהאָן. אָבער פֿערצייה, וואָס איך וויל דיר זאָגען, דען איך בין ניט מעהר ווי פֿלייש און בלוט. זאָג מיר, גרויסער גייסט, מיט וואָס זאָל איך זיי איבערציינגען, אַז דער הערליכער טאָג איז נאָהענט? דו ווייסט, אַז די שרעקליכע נויט פֿון הונדערטער יאָהרען האָט זייערע אויגען פֿערקלעבט און זייערע אויערען פֿערשטאָפּט. און פֿערדינקעלט זייער זינען. ווי אַזוי זאָל איך אַריינברענגען די גליקליכע בשורה אין זייערע הערצער, בכדי אַז זיי זאָלען הערען, וואָס איך קינדיג זיי אָן, און אַז זיי זאָלען גלויבען, וואָס זיי הערען, און אַז זיי זאָלען זיך בערייט מאַכען צו דער נייער צייט, גלויבענדיג אין מיין בשורה?“

און אַ זאַנפֿטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען, ווי ער האָט מיר געענטפֿערט. און האָט אַזוי געזאָגט:

„אָה, איהר זענט אַ וואונדערבאַרע ראַסע און אייערע מענשליכע וועגען זענען זעלטזאַם און מערקווירדיג. דען איהר גלויבט אין אַלץ, חוץ אין זיך אַליין, און איהר האָפֿט אויף אַלץ, חוץ אויף אייער קראַפֿט! און איהר גלויבט אין אַ לעבען נאָכ'ן טויט, אָבער ניט אין אַ לעבען ביים לעבען, און איהר קוקט אַזוי לאַנג אויפֿ'ן הימעל, ביז איהר ווערט געשטרויכעלט אויף דער ערד. ווייל איהר האָט אַזוי לאַנג געטראָגען אַ יאָך, מיינט איהר, אַז דאָס איז אַ טייל פֿון אייער קערפּער; און ווייל אייך איז געווען אַזוי פֿינסטער און ביטער נעכטען און אייערנעכטען, גלויבט איהר ניט אין דעם ליכט פֿונ'ם מאָרגענדיגען טאָג און צווייפֿעלט אין דער מעגליכקייט פֿון אַ זיסען לעבען אין דער צוקונפֿט. און איהר קוקט אויף אייערע צוויי הענד און איהר זאָגט: מיר זענען שוואַך, און דאָך ווייסט איהר, אַז איהר בעדאַרפֿט נאָר צונויפֿלעגען אייערע הענד מיט די מיליאָנען אַנדערע הענד, אום צו געבען דער וועלט אַ נייע געשטאַלט. אָה, איך קען אייך, מענשען־קינדער! אַלטינקער, דו ביזט גערעכט: דיינע ברידער וועלען דיר ניט גלויבען“.

ער האָט געענדיגט. איצט האָב איך צו איהם געזאָגט, ריידענדיג מיט דיזע ווערטער:

„אויב יאָ אַזוי, טאָ וואָס וועט העלפֿען מיין געהן זיי אָנזאָגען, אַז דער גרויסער טאָג איז נאָהענט? וואָס טויג דער רעגען, ווען ער פֿאַלט אויף אַ פֿעלזיגען גרונד. און וואָס איז דער נוץ פֿון זריעה, ווען מען זייהט זי אין אַ זומפּ? און דאָך זאָגסטו: געה?“

און דער גייסט האָט מיר געענטפֿערט אַזוי צו זאָגען:

„יאָ, אַלטער! און דאָך זאָג איך: געה! געה און זאָג אָן דיינע ברידער, אַז דער טאָג פֿון בעפֿרייאונג איז נאָהענט. פֿיעלע וועלען דיך גאָר ניט אויסהערען,

און פֿיעלע פֿון די, וואָס וועלען דיך יאָ איסהערען, וועלען דיך ניט פֿערשטעהן; און פֿיעלע פֿון די, וואָס וועלען דיך יאָ פֿערשטעהן, וועלען דיר ניט גלויבען; און פֿיעלע פֿון די, וואָס וועלען דיר יאָ גלויבען, וועלען דיר ניט פֿאָלגען, ווען דו וועסט זיי זאָגען: מאַכט זיך בערייט צום גרויסען טאָג. דאָס וויים איך, מענשענ־קינד, איך ווייס דאָס זעהר גוט. און פֿונדעסטוועגען הייס איך דיר טראָגען צו זיי מיין בשׂורה, און דאָך הייס איך דיר זיי זאָגען, אַז זיי זאָלען זיך פֿאָרבערייטען. ווארים אונטער' זיי וועלען זיך געפֿינען איניגע, וואָס וועלען דיר אי געהאָרכען, אי פֿערשטעהן, אי גלויבען, אי פֿאָלגען און זיי וועלען פֿיהרען דאָס פֿאָלק, ווען דער טאָג וועט קומען, ווען די שטורדע וועט שלאָגען, ווען דורך די פֿינסטערע וואָלקענס וועט זיך דורכ־ברעכען די מאָרגענ־רויטקייט. און אַלע וועלען דאַן דאָס דערזעהן, און וואָס נאָר וועניגע גלויבען היינט. צוליעב דיזע וועניגע הויב אויף דיין שטימע און זאָג אָן דיין בשׂורה, ניט קליינבענדיג און ניט וועהלענדיג, מחמת דו קענסט ניט וויסען, ווער און וואו דיזע וועניגע זענען".

אנטליץ — פּנים. אנקינדיגען — אנזאגען, מודיע זיין. העפטיג — שטארק. רעגונג — בעוועגונג. זעלטזאם — מאדנע, אונגעוועהנליך. אונטער זיי — צווישען זיי.

מ. ווינטשעווסקי.

מיין איינציגער פערלאנג.

(צו יעקב גארדין).

מיין טאָג שטאַרבט אָב, מיין זון געהט אונטער,
דער אָבענד קומט און האַלט זיך אויך ניט לאַנג;
די נאַכט — זי וואַלט איך טרעפֿען מונטער,
זי טרעפֿען גייסטיג אַ געזונטער,
זאָל מיר דער טאָג נאָר געבען איין פֿערלאַנג:
אַ שעהנעם, קלאָרען זונענ־אונטערגאַנג.

אַ זונענ־אונטערגאַנג מיט פֿאַרבען
אַזי העל, אזי רויט: פֿון פֿלאַמען און פֿון בלוט;
אַנ'אונטערגאַנג, וואָס לעבט אין שטאַרבען,
קען טויטען, אָבער ניט פֿערדאַרבען,
און נעהמט אַוועק. און איהר געהט אַוועק, און רוהט,
און קומט צוריק מיט פֿרישע בלוט און גלוט.

מיט בלוט — די מענשהייט צו בענייען,
די אַלטע מענשהייט הורך אַ נייעם דור;
מיט גלוט, — צו שמיעדען די כלי־זיין,
דעם גייסט, דעם ווילען צו בעפֿרייען,
און מיר אין טרוים צו ווייזען די וועלט קלאָר,
וואָס יענער דור וועט האָבען אויפ'ן וואָהר.

אָט, דאַן וואָלט איך געבליבן מונטער,
מיר וואָלט ניט פֿאַר דעם לעצטען טאָג זיין באַנג;
אַ נייסטיג-פֿרישער, אַ געזונטער
וואָלט איך אַרויפֿגעהן, ניט אַרונטער, —
וואָלט איך נאָר קענען האָבען דעם פֿערלאַנג:
אַ שענעם, העלען זונען-אונטערגאַנג.

אַ זונען-אונטערגאַנג אַ קלאָרען,
אַ שטערען-רייכען אָבענד אין זיין פּראַכט;
מיט פֿויגעלעך, וואָס צווימשערען אין כאָרען,
בעגריסענדיג דעם טאָג, וואָס ווערט געבאָרען,
בעזינגענדיג די מענשהייט וואָס ערוואַכט...
און דאַן — דו, ליעבע, זיסע וועלט, גוט נאַכט!

באַנג זיין — שפּירען פּחד, אימה; זיך שרעקען.

אנדערסען.

דאָס ליעד פֿון בויגערע.

I.

אין אַ גרויסער שטאָדט אין אונגאַרן איז אין אַן ענגער און שטאַרקער תּפֿיסה געזעסען אַ פֿער'משפּט'ער. שלעכטע מענשען האָבען איהם אין קייטען פֿערשמיעדט און אין תּפֿיסה אַריינגעוואָרפֿען.

אין דער תּפֿיסה איז געווען פֿינסטער, פייכט און קאַלט. אַנשטאָט אַ בעט האָט מען איהם אַריינגעוואָרפֿען נאַסע שטרוי. מען האָט איהם נאָר געגעבען ברויט מיט וואַסער. ער איז דאָרט געזעסען פֿיעלע יאָהרען — אָרים, קראַנק און אומעטיג. זעלטען פֿלעגט די זון שיינען אין זיין פֿענסטער. די פֿרישע לופֿט פֿלעגט ניט אַריינדרינגען צו איהם אין תּפֿיסה. מיט טרויער האָט ער געקלעהרט וועגען זיינע ליעבע קרובים, וועגען זיינע קליינע קינדערלעך; ער האָט געטראַכט: ווער ווייסט, אפֿשר האָבען זיי שוין אַלע איהם פֿערגעסען, אפֿשר מיינען זיי, אַז ער איז טויט. וואָס טהוט זיך איצט אויף דער פֿרייער וועלט, וואָס הערט זיך אין דער-היים?

ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. עס איז געווען אַ זעלטענער זומער-אָבענד. די זון איז פֿערגאַנגען הינטער'ן וואַלד און האָט בעלויכטען מיט אַ רויט-ליכען שיין די שפּיצען פֿון די בוימער. מענשען זענען זיך אומגעפֿאָהרען אין אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער די גאַסען. די תּפֿיסה האָט זיך געפֿונען אין דער הויך, און די מענשען האָבען אויסגעזעהען קליינינקע. ער האָט צו זיי הויך אויפֿ'ן קול געשריען, אָבער קיינער פֿון זיי האָט זיין קול ניט געהערט.

II.

אויפֿ'ן בלאָהען הימעל זענען אומגעפֿלויגען פֿויגלען. פֿאַרביי זיין פֿענסטער איז דורכגעפֿלויגען אַן אָדלער.

— אָדלער, אָדלער! — האָט צו איהם גערופֿען דער פֿער'משפּט'ער: —

זעץ זיך צו מיר אויפֿ'ן פֿענסטער, דערצעהל מיר, וואָס ס'טהוט זיך דאָרט אויף דער ערד, זינג מיר עפּעס אַ ליעד.

— ניין, — האָט דער אָדלער געענטפֿערט: — דיין פֿענסטער איז קליין, און איך קען זיך ניט זעצען אויף איהם. איך וועל דיר ניט דערצעהלען, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, ווייל זעלטען לאָז איך זיך אַהין אַראָב. מיינע נעסטען בוי איך אויף די העכסטע פֿעלזען אָדער אויף די עלטסטע דעמבעס, ווייט פֿון די שלעכטע מענשען, כּדי זיי זאָלען ניט צעשטערען מיין נעסט. איך וועל דיר קיין ליעדער ניט זינגען, ווייל איך זינג קיינמאָל אויף דער ערד ניט. איך הויב זיך אויף הויך-הויך און מיינע ליעדער הערט נאָר די אייגענע זון.

און מעכטיג פֿאָכענדיג מיט זיינע ברייטע פֿליגעל, האָט זיך דער אָדלער שטאָלץ אויפֿגעהויבען צום הימעל און איז גיך פֿערשוואונדען פֿון די אויגען.

— שוואַן, שוואַן! דערצעהל, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, זינג מיר אַ ליעד!

— ניין, — האָט געענטפֿערט דער שוואַן: — איך וועל דיר ניט דערצעהלען, וואָס עס טהוט זיך אויף דער ערד. איך שווים שטענדיג אין וואַסער אַרום. אין זיינע קאַלטע וואַסער צווישען אַייער. ווען דאָס וואַסער איינגעפֿריר, איידער די זון געהט אויף, הויבט זיך אָן צו רויטלען, שריי איך דעם זונען-אויפֿגאַנג: „גוט מאָרגען!“ איך וועל דיר ניט זינגען קיין ליעדער; ליעדער זינג איך נאָר ווען איך הויב אָן אָוועקצושטאַרבען...

און דער שוואַן איז וויטער געשוואומען אין דער לופֿט און האָט געבלאַנקט מיט זיינע ווייסע פֿליגעל.

— וואָראָבייטשיקלעך! וואָראָבייטשיקלעך! זעצט זיך אויפֿ'ן פֿענסטער צו מיר, דערצעהלט מיר, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד! זינגט מיר אַ ליעדעלע!

— טשיליק! טשיליק! מיר האָבען קיין צייט ניט! מיר דאַרפֿען נאָך פּיקען די קערנדלעך, וואָס דער מילנער האָט אומגערן פֿערשאָטען...

III.

גאָר פֿלוצלונג האָט אַ שוועב געטהאָן אַ גראָהינק פֿויגעלע, עס האָט זיך אַ ווילע געדרעהט הין און צוריק פֿאַרביי דעם פֿענסטער און זיך געזעצט אויף דער אייזערנער גראַטע.

— גוט מאָרגען, סאָלאָווייטשיקעל! אַ דאַנק דיר, ליעב פֿויגעלע, וואָס דו ביזט צו מיר אין געסט געקומען! דערצעהל מיר, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, זינג מיר עפּעס אַ ליעדעלע!

— יאָ, איך וועל דיר דערצעהלען, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, איך וועל דיר זינגען אַ ליעדעלע, — האָט אָנגעפֿאַנגען דער סאָלאָווייטשיק.

און עס האָבען זיך אַ גאָס געטהאָן אַזוינע וואונדער-שענע טענער, אַז דער אָרימער פֿער'מישפּט'ער האָט פֿאַר פֿרייד זיך צעוויינט, אומגעפֿאַלען אויפֿ'ן שטרוי און אַלץ געהערט און אַלץ געוויינט....

„געכטען פֿריה-מאָרגענס, בשעת דער הימעל האָט זיך פֿון דער אויפֿגעהענדער זון גערויטעלט, — האָט געזונגען דער סאָלאָווייטשיק, — איז געווען אַזוי פֿריש און קיהל. איך בין צוגעפֿלויגען צו דיין שטיבעלע, זיך געזעצט אויף דעם גרינעם נוסען-בוים נעבען פֿענסטער און אַלץ געזונגען. דאָס קינד דיינס איז געלעגען אויפֿ'ן

בעטעלע; עס האָט געעפענט זיינע ברייטע ליכטיגע אויגעלעך און געפרעגט:
„וואו איז דער טאַטע?“ און צוגעהערט מיינע לידער.

„דיינע קרובים וויינען, ווען זיי דערמאָנען זיך אָן דיר. זיי האָבען דיך ליעב, זעהר ליעב, זיי וואָלטען דיך זעהר וועלען זעהען. פאַל ניט אַראָב! גאָט זעהט דאָך, ווי דו ביזט אומשולדיג! די שלעכטע מענשען וועלען דיך צוריק אָבלאָזען און דו וועסט ווערען פריי און וועסט ווידער אַרויס אויף דער ליכטיגער פרייער וועלט!

„עס וועלען דיך האַלזען און קושען דיינע קינדערלעך. אַ שטילער זומער-אָבענד וועט זיין, לאַנגע שאָטענס וועלען זיך ציהען פון די בוימער, די זון וועט אָבגלאַנצען אין די שויבען פון די פענסטער; דו וועסט זיצען אויפ'ן גאַניק און וועסט די קינדערלעך דערצעהלען, ווי דו האָסט געליטען דאָ.

„די וועסט זיי לערנען, קיינעם מיט שלעכטס פאַר שלעכטס ניט צו צאָהלען, ווען זיי וועלען גרויסע ווערען; דו וועסט זיי לערנען, זיי זאָלען ניט זיין אין כעס אויף די שלעכטע מענשען און זאָלען גאָט בעטען, אַז אַלע מענשען זאָלען איינע די צווייטע ליעב האָבען, ווי ברידער....

„און די קינדערלעך וועלען צו דיינע רייד זיך צוהערען. ווען זיי וועלען ווערען גרויסע, וועסטו זיי זעהען גוטע, אָרענטליכע, וועסט זעהען זיי העלפענדיג אָרימע.

„דו וועסט לעבען לאַנג, לאַנג! דיינע האָר וועלען גראָה ווערען, אָבער דיין האַרץ וועט אַלץ פרעהליך שלאָגען.

„און ווען דו וועסט אַוועקשטאַרבען, וועלען דיך אַלע בעוויינען און תפלה טהאָן, און מען וועט דיך אַוועקטראָגען אין אַ ליכטיגען זונענדיגען טאָג אויפ'ן גרינעם בית-עולם. איבער דיין קבר וועט מען פערפלאַנצען אַ רויזען-קוסט, און פאַר'ן זונען-אויפגאַנג וועל איך אויף איהם זינגען“.

ש. אנ—סקי.

ליעד פון קאטארזשניקעס.

(פריי פון פּ. יאַקובאָוויטש).

דאָרטען, דאָרטען אין עק וועלט,
וואו עס ברענט די שאַרפע קעלט,
אין די גריבער, טיעף אין דר'ערד,
אונטער וואַך פון בלויזען שווערד,
וועלכער קען אונז רוהיג טויטען,
שטעדען מיר געשמידעט אין קייטען
מיט די האַלב-געגאָלטע קעפּ.
און עס הערען זיך די קלעפ
פון די האַמערס אָן די ווענד....
נישט געשוינט די מידע הענד,
נישט די קרעפטען, נישט די ביינער,
האַקען מיר די קאַלטע שטיינער,
און מיר האַקען טאָג און נאַכט.
ווער האָט אונז אַהער געבראַכט?
וועמעס זינד און וועמעס מאַכט?...

מנחם.

א ליעד פֿון א מיידעל.

קומט דער אָבֿענד נאָר אויף דער וועלט אַראָב, —
געהען מיידעלעך פֿון פֿאַבריק אַרויס,
און זיי לאָזען זיך מיט'ן ברייטען וועג
אויפֿ'ן פֿרייען פֿעלד צו'ם שפּאַציער אַוועק.

מיט'ן אָבֿענד גלייך אויפֿ'ן ברייטען וועג
קומען אויך אַרויס יונגע בחורים,
מען בעגעגענט זיך, און מען רעדט, מען לאַכֿט,
און מען ליעבט זיך דאָרט ביז אין טיעפֿער נאַכֿט.

קומט דער אָבֿענד נאָר אויף דער וועלט אַראָב, —
געהען מיידעלעך פֿון פֿאַבריק אַרויס,
אַלע לאָזען זיך אויפֿ'ן ברייטען וועג.
אויף דער הינטער־גאַס געה נאָר איך אַוועק.

קוקט נישט, חבֿר'טעס, וואָס איך בלייב אַליין —
נישט בעשערט פֿאַר מיר איז דער ברייטער וועג.
פֿרעגט נישט, חבֿר'טעס, וואוהין פֿיהרט מיין וועג —
נישט פֿאַר אייך געדאַכֿט אין דעם וועג צו געהן.

אויף דער הינטער־גאַס, נעבען פֿרייען פֿעלד,
שטעהט אַ מויער־שלאָס, אַ פֿערפֿאַרקענטער,
און אַ וועכֿטער געהט, און ער קוקט און הערט,
און עס קלאַפּט די ביקס אָן דער קאַלטער ערד.

דאָרט אין מויער־שלאָס, פֿון אַ פֿענסטערעל
ציהען בליקען זיך אין דער נאַכֿט אַריין,
דאָרטען וואַרט אויף מיר מיין געליעבטער־קרוין,
און די שוואַרצע שויב שלינגט מיין נאָמען איין.

נאָר דאָס ווייס איך נישט, וואָסער פֿענסטערעל
האָט זיין בלייך געזיכֿט איינגעהילט פֿון מיר.
און ס'איז שטיל די נאַכֿט, נאָר אין וואָלקען־גראָה
די לבֿנה שווימט, — און איך בעט ביי איהר:

— מיין געליעבטער בענקט פֿון דער איינזאַמקייט,
כ'וויל איהם שיקען האָטש פֿון דער ווייט אַ קוש:
געה אַרויס פֿון וואָלקען, לבֿנה־ליעב,
צו זיין פֿענסטערעל מיר אַ סמן גיב.

קומט דער וועכטער אָן מיט זיין בייזען קול:
— וועמען זוכסטו דאָ, וועמען דארפסטו דאָ?
מיט זיין בייזען קול טרייבט ער ווילדען שפאס,
און ער יאָגט מיר נאָך אין דער הינטער-גאס.

און איך קום אהיים — שטעהט די מאמע אויף
פון איהר אלטען בעט, שרייט זי אָן אויף מיר:
—ס'פאלט מיר נעבעך דאָ ס'הארץ ארויס פאר שרעק
און זי לאָזט זיך דאָרט ביז אויף טאָג אוועק.

מאמע טייערע, ליעבע מאמעניו,
מיין צובראָכען הארץ פאר וואָס זעהסטו נישט,
פאר וואָס ווייסטו נישט פון דיין אייגען קינד,
אז אי נאכט אי טאָג איז איהר וועה און ווינד...

פ. הירשביין.

אנ'אלט ביילד.

עס געוועלטיגט די גרויסע נאכט. פון אלע זייטען הייבען אָן ארויסצושווימען פעך-שווארצע וואָלקען. און איין וואָלקען קריכט אנטקעגען דעם אנדערען... איינער איבער דעם אנדערען.... און זיי לאָזען זיך אראָב אלץ נידעריגער און נידעריגער... איינער שווארצער פונ'ם אנדערען... דער גאנצער ים אליין האלט א ווילע איין דעם אָטעם פאר אויפרעגונג.... ער ווארט אויף דער רגע, ווען צו בעפאלען דעם שווארצען שונא, וואָס רוקט זיך פון אלע זייטען.... דאָס געדולד פלאצט. דער פנים פון ים ווערט א ווילע גערונצעלט פאר צאָרען... און פון דער טיעפעניש רייסט זיך ארויס דער שטורם אליין... זיילען וואסער הייבען אָן שיסען אין וואָלקען אריין און פאלען צוריק, צעגיסען זיך אין ווייסען שוים... איין שווארצער וואסער-בארג יאָגט דעם אנדערען; זיי קייקלען זיך ביז צום אָרט, וואו דער הימעל לאָזט זיך צוריק אראָב. און מיט א משוגעה'דיגער ווילדקייט לאָזען זיי זיך צוריק לויפען....

א שווארצע נאכט וויל עס שווארצע נעצען אויסבריימען און אין זיי דעם גאנצען ים פערלאפען.... און דער ים — ער שפירט דעם שונא, ער אמפערט זיך מיט אלע כחות. ער וויל די נעצען צערייסען.... און פלוצלונג — פון דעם גאנצען ווילדען וואסער-פלאָנטער הויבט זיך אָן צו הערען א ליעד קלינגענדיג.... עס קייקעלט זיך, דאָס ליעד, צוזאמען מיט די וועלען און טראָגט זיך אלץ נעהנטער און נעהנטער....

כ'זוך מיין מזל אין ווילדען שטורעם,
ס'ציהט מיין הארץ צום וואסער-טורעם —
כ'האָט דער ים איהם דאָרט פערריגעלט....
כ'האָט די נאכט איהם דאָרט פערזיגעלט....

נעהנטער, נעהנטער ווערט די שטימע, און צוזאַמען מיט׳ן געזאַנג שווימט אַרויס פֿון צווישען וואָלקען און וואַסער אַנ׳איינזאַם עלענד שיפֿעל... בלייך איז די לייוועגד פֿונ׳ם זעגעל און בלייך איז דער פּנים פֿון דעם, וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אָן זעגעל־בוים און קוקט מיט אָנגעשטרענגטע און בענקעניש־פֿולע אויגען אין דער פֿינסטערניש... ער זוכט זיין מזל אין דעם גרויסען וואַסער־שטורעם, וואָס שפּאַרט אונטער די וואָלקען... דאָס געזיכט ווערט נאָך שמערצענהאַפֿטער, און פֿון האַרצען רייסט זיך אַלץ דאָס טרויער־ליעד:

„כ׳זוך מיין מזל אין ווילדען שטורעם,
ס׳ציהט מיין האַרץ צום וואַסער־שטורעם"....

ש. אש.

שיף־ברידער און שיף־שוועסטער.

די משפּחה האָט זיך שוין געפֿונען אויפֿ׳ן שיף, וואָס איז געלעגען אין די וואַסערען פֿון גרויסען ים. דאָס שיף איז נאָך נישט געהאַט אַרויסגעפֿאָהרען, עס איז נאָך געלעגען אין האַפֿען און די פּאַסאַזשירען פֿון צווישען־דעק האָט מען אַ גאַנצען טאָג צופֿיהער אויף דעם שיף אויפֿגעפּאַקט. אַ גאַנצען טאָג איז אַ גרויס גערודער געווען, פֿערשיעדענע פֿעלקער זענען אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם שיף, מעהרסטענס קליין־רוסישע גוים, — און חנה־לאה מיט די קינדער זענען ווי דערטרונקען געוואָרען אין דעם גערודער. מענשען האָבען געשריען אין פֿערשיעדענע שפּראַכען, זי איז געגאַנגען, וואוהין אַלע זענען געגאַנגען. אַ קליין שיפֿעל האָט זי מיט די איהריגע צוגעפֿיהרט צו דעם גרויסען שיף. זי האָט נישט געזעהן דעם ים, זי האָט מורא געהאַט צו קוקען, זי האָט זיך פֿערלאָזט אויף גאָט...

אַ גאַנצען טאָג האָט זיך איינס דאָס אַנדערע געזוכט, פֿעקלעך זענען געלעגען פֿאַר די פֿיס, קיינער האָט נישט געקאָנט געפֿינען דאָס זייניגע, און אַלעס האָט געשריען. מען האָט זי דורך קעלערס געפֿיהרט, אין די טיעפֿענישען אַראָב, זי האָט געהאַלטען יוסעלע׳ן ביי דער האַנד און נאָכגעגאַנגען, זי האָט נישט מורא געהאַט, זי האָט זיך פֿערלאָזט אויף גאָט... צום סוף האָט מען איהר אָנגעוויזען אַ סעניק אין אַ ווינקעלע צווישען אַ סך אַ סך סעניקעס, איז זי אַרויפֿגעקראָכען מיט איהרע קינדער, האָט זיך איינגענורעט אין איהר ווינקעל מיט די איהריגע און האָט זיך מורא געהאַט צו ריהרען. ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבען מורא צו קריעגען פֿאַר׳ן גרויסען, שרעקליכען ים, חאָטש זי האָט איהם נישט געזעהן, חאָטש זי האָט איהם נישט געפֿיהלט, וואָרום דאָס שיף איז נאָך געלעגען אין האַפֿען.

דערווייל איז אין דער קאַמער, וואו זי איז געלעגען, געוואָרען גאַנץ הימליך. אַרום זיך האָט זי געהערט יודיש רעדען, און אַז חנה־לאה האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי דערזעהן, אַז זי געפֿינט זיך צווישען בלויז אייגענע. דאָס איז געווען די אָבטיילונג פֿאַר „יודישע פֿאַמיליעס מיט קינדער".

— נאַ, זי איז דאָך אויך דאָ! וואו זענט איהר געווען דורך דעם גאַנצען וועג?

חנה־לאה האָט זיך אומגעקוקט, ווער עס רעדט די ווערטער, — עס איז געווען די יודענע, מיט וועלכער זי האָט זיך בּעגעגענט ביי דער גרענעץ און וועלכע פֿאָהרט צו איהר אַנטלאָפֿענעם מאַן.

חנה־לאה האָט זיך מיט איהר דערפֿרעהט, ווי מיט אַן אַלטען פֿריינד.

— וואו זענט איהר געווען? איך האָב דאָך אייך געזוכט.

און די ביידע שכנות אויף די צוויי סעניקעס האָבען צוזאַמענגענומען זייערע קינדער און האָבען אָנגעהויבען צו ריידען צווישען זיך דורך די גראַטעס, ווי אַלטע צוריקגעפֿונענע פֿריינד.

דערוויל האָט זיך הינטען איין יוד בעקענט מיט'ן צווייטען, אַלע האָבען גערעדט אינאיינעם, האָבען אויסגעפֿרעגט אויף בעקאַנטע פֿון זייערע שטעדט, און איין יוד האָט אַזוי לאַנג געפֿרעגט דעם צווייטען, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איינער איז מיט'ן צווייטען משפּחה. אַזוי איז אַרומגעגאַנגען דער „ספר היוחסין“, ביז עס האָט זיך געפֿונען, אַז אַ האַלב שיף איז משפּחה און איין יוד איז מיט'ן צווייטען אַ שני־בשלישי.

— אויב אַזוי, טאָ מעגען מיר דאָך טאַקע מנחה דאַווענען, — האָט זיך אָנגערופֿען אַ פֿרעהליך קול.

— נו, אַדרבא, אַדרבא, — האָבען זיך געהערט אַרום קולות.

— יודען, איהר ווייסט, אַז מען צינדט היינט דאָס ערשטע ליכטעל? — האָט ווער אין אַ ווינקעל דערמאָנט.

— אַ גוטער סימן, אין ערשטען טאָג חנוכּה אויף דעם שיף אַרויפֿגעגאַנגען.

— ווער איז דאָ פֿון אונז אַ בעל־מנגן? — פֿרעגט ווער פֿון עולם.

— ווי הייסט, מיר האָבען דאָך דעם קעלצער חזן דאָ! — האָט אַ יוד געוויזען אויף אַ געלען יונגען־מאַן מיט אַ געל בערדעל, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אַביסעל אָבגעזונדערט פֿונ'ם גאַנצען עולם.

— פֿון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס איז דער קעלצער חזן? — פֿרעגט מען דעם יוד.

— מיר דאַרף מען נישט קיין פֿינגער אין מויל אַריינלעגען, איך ווייס שוין,— טענה'ט דאָס יודעל פֿלינק, און גיט אַ וואונק צום געלען יונגען־מאַן, — איך דערקען איהם שוין! איך האָב דאָך איהם אַליין דאַווענען געהערט.

עס האָט אַביסעל געדויערט, ביז דער געלער יונגער־מאַן האָט זיך געלאָזט „צו וויסען געבען“ פֿאַר זיינע ברידער, אַז ער איז טאַקע דער קעלצער חזן. דערנאָך האָט עס אַביסעל געדויערט, ביז ער האָט זיך געלאָזט איינריידען, אַז ער זאָל געהן „פֿאַר'ן ברעטעל“. נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין טאַקי געשטאַנען פֿאַר צוויי ליכטלעך, וועלכע האָבען זיך געבּרענט אויף אַ קעסטעל, און דער יונגער־מאַן האָט געגאָרגעלט פֿאַר'ן עמוד, און אַלע ווייבער און אַלע קינדער פֿון שיף האָבען מיטגעזאָגט קדישה.

אַ מנחה־דאַווענען איז געווען אַ שענס און אַ חזנ'ישס. נאָך מנחה דאַווענען האָט מען געפֿרעגט, ווער האָט חנוכּה־ליכטלעך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַלע האָבען זיך געריכט אויף חניכּה און האָבען אָנגעגרייט חנוכּה־ליכטלעך. האָט יעדע משפּחה אָנגעצונדען די ליכטלעך אויף איהר קעסטעל, און דער קעלצער חזן האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר'ן עמוד, וואָס איז בעשטאַנען פֿון איין קעסטעל אויף אַ צווייטען, דער עולם האָט באַלד געפֿונען אַ פּאָר קוויטשערלעך פֿאַר איהם, וואָ סאָפּראַנדעל האָט ער אַליין מיטגעפֿיהרט מיט זיך, זיינס אַ יונגעל, אַ קינד אַ וואונדער אין דער וועלט — אַמעריקאַ וועט אויפֿ'ן קאָפּ שטעהן, — און עס איז געוואָרען אָבגעזונגען אַ חנוכּה־בענשען מיט אַ מזמור, וואָס אַזעלכעס האָבען נאָך די לייט

נישט געהערט. חנה־לאה האָט זיך פֿערגעסען, אַז זי געפֿינט זיך אויף דעם שיף. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז בײַ זיי אין שטעדטעל אין דער שוהל, עס איז איהר נאָר וועה געווען, וואָס מאיר איז נישט דאָ. דאָס געזאַנג איז געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער. דאָס יונגעל, דאָס סאָפּראַנדעל, האָט וואונדער געוויזען, און דאָס גאַנצע שיף יודען האָבען אונטערגעהאָלפֿען (עס איז אַריינגעקומען דער שומר, און האָט געשריגען — האָט מען איהם דאָס מויל פֿערשטופּט מיט אַ לא־יחרצ׳ל). און דאָס קול איז געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער און פֿרעהליכער. און אַז דער חזן האָט געענדיגט צו זינגען, האָט זיך אָנגערופֿען דאָס פֿרעהליכע יודעל, הויך אויפ׳ן קול, רייבענדיג זיך די הענד:

— איצט פּאַסט די גוטע לאַטקע און די פֿעטע גריוועז לכּבוד חנוכּה.

— און אפשר דאָס פֿיינע קערטעל? — רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— און טאַקי דאָס פֿיינע קערטעל אויך! — ענטפֿערט אָב דאָס יודעל, רייבענדיג זיך די הענד.

— גריוועז זענען דאָ, — רופט זיך אָב אַ ווייבעריש קול פֿון אַ סעניק אַראָב, און דערלאַנגט פֿון אַ גרויסען פּאַק אַרויס אַ איינגעפּאַקטען טאָפּ קאַלטע גריוועז.

— פֿון וואַנען האָט איהר גענומען גריוועז? — פֿרעגט אַ יודענע.

— מיין טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבען אין וועג אַריין — דאָס האַרץ צו דערחאַפּען, — ענטפֿערט די יודענע גאַנץ גלייכגילטיג.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען שוין געזעסען די יודען פֿון פֿערשיעדענע געגענדען און לענדער, וועלכע האָבען זיך נאָך נעכטען נישט געקענט, מיט זייערע קינדער אַרום איין טיש, האָבען געגעסען פֿון איין טעלער, האָבען זיך געטיילט מיט די ביסענס און האָבען זיך געפֿיהלט צווישען זיך ווי מיטגליעדער פֿון איין משפּחה, ווי אַלטע, אַלטע פֿריינד פֿון אַמאָליגע, אַמאָליגע צייטען.

ספר היוחסין — דאָס בוך וואו עס ווערען אויסגעעכענט פאַר אַ סך דורות אַלע גליעדער פון איינער אָדער פון עטליכע משפחות. בעל־מנגן — אַ זינגער. לא־יחרצ׳ל (לא יחרץ גלד) — בוכשטעבליך: געלד, וואָס ווערט געצאָהלט, אַז יענער זאָל ניט בילען. שוחד, חאַבאַר.

ש. פרוג.

דאס לעדיגע נעסט.

(ווינטער־ליעדער).

I.

די באָבעניו זיצט מיט׳ן זאָק אין דער האַנד.
דאָס לעמפּעלע צאַנקט. פֿון די שפּיזען,
צעוויגען זיך, לויפֿען אַרום אויף דער וואַנד
אי היות, אי פֿויגעל, אי ריזען...

די באָבעניו שווייגט... אַלע מעשיות שוין לאַנג
אונז איבערדערציעהלט פֿאַר׳ן זומער...
אין האַרצען בײַ איהר ליעגט אַ גיפֿטיגע שלאַנג, —
אַ טיעפֿער, אַ גליהענדער קומער...

אינדרויסען איז פינסטער, אינדרויסען איז קאַלט,
דער שניי האָט די סטעזשקעס פערשאָטען...
אַנ'אומעטיג בילד, אַ פערטרויערט געשטאַלט
שוועבט לאַנגזאַם און שטיל ווי אַ שאָטען...

די אַלטיטשקע זיצט ביי דעם לעמפעלע, שווער
און טיעף איז איהר רוקען געבויגען...
זי ויפצט און זי שעפטשעט... אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר
בעלייכטען די דונקעלע אויגען...

.II

„—אוי, נעסטעלעך, נעסטעלעך פוסטע! מיט שניי
פערשאָטען, פערגליווערט געוואָרען...
עס פליהען די ווינטען און קלאָגען אויף זיי
און רוישען און גרימען מיט צאָרען...

„אוי, פייגעלעך ליעבע! וואו זענען זיי איצט?
אַוועק איבער בערג, איבער מעערען,
אַהין, וואו דער מאָרגען-שיין פונקעלט און בליצט
און ס'שמייכלען די גאָלדענע שטערען,

„אַהין, וואו די לופט איז געזונד, ריין און פריי,
וואו שניי-ווייסע וואָלקענס נאָר שוועבען,
צו אָנהייבען דאָרט פון דאָס ניי, פון דאָס ניי
אַ פרייען, אַ גליקליכעס לעבען.

„דער ווינטער איז לאַנג, נאָר דער שניי וועט צעגעהן,
דער גאָלדענער פריהלינג וועט קומען,
דער הימעל וועט ווערען אַ ליכטיג, אַ ריין,
די גערטנער בעשאָטען מיט בלומען,

„די ערד און איהר אַלטען, געוועזענעם גליק
וועט ווידער אַ שיינען, אַ בליהען —
און פרעהליך אַהער וועלען קומען צוריק
די פויגעלעך ווידער צו פליהען....

.III

„אוי, קינדערלעך מיינע, פון ווינטען און קעלט
פערגליווערטע, קראַנקע נשמות!...
זיי זענען אַוועק ערגעץ דאָרט אויף דער וועלט
צו זוכען הצלחות, נחמות;

„זיי זענען אַוועק אין אַ פֿינסטערער צייט,
אין שווערע, אין ביטערע יאָהרען,
און זייער געבורטס-אָרט איז פֿרעמד שוין און ווייט
פֿון זייערע אויגען געוואָרען.

„צי האָבען זיי דאָרטען שוין נעסטען געבויט
צו פֿיהרען אַ פֿרייעם, אַ זיסען,
אַ ליכטיגען לעבען, פֿון שרעק און פֿון נויט,
פֿון קעלט און פֿון ווינטען ניט וויסען?

„און אפֿשר אויך דאָרט איז ניטאָ וואו פֿאַר זיי
צו צוטוליען זיך מיט'ן אַלטען
פֿערמאַטערטען קאָפּ, און פֿון קעלט אין פֿון שניי
די עלענדע ברוסט צו בּעהאַלטען,

„קיין איינציגער טראָפּען אין לייד און אין פּיין
ניטאָ צו בעפֿרישען דעם גומען?...
איינס וויים איך: ווי שלעכט עס זאָל דאָרטען נישט זיין —
צוריק וועלען זיי שוין ניט קומען...

* *
*

„דער פֿראָסט ווערט אַלץ גרעסער; זיין אייז-קאַלטער פֿלוס
צעגיסט זיך פֿון אַלע פֿיער זייטען...
פֿערוואָגעלטע פֿויגעלעך מיינע! אַ גרוס,
אַ הייס-ליעבען גרוס אייך פֿון ווייטען"...

יהואש.

אויפ'ן עמיגראַנטען-שיף.

עס רוישען די וועלען פֿערערגערט,
אַרום הענגט אַ נעבעל געדיכט,
דאָס שיף שפּאַלט דאָס פֿינסטערע וואַסער,
ס'בעוועגט אויפ'ן דעק זיך אַ ליכט...

אַ הויפֿען בעטריבטע געשטאַלטען,
אין איינינע אויגען אַ טרעהר,
אין מיטען אַ אָרון פֿון ברעטער,
אין אָרון — איין בּורא ווייסט, ווער.

אַ יוד, דאַכט זיך, איז ער געוועזען,
מען ווייסט ניט, פֿון וואַנען ער קומט....

ס'איז איינער אַ קדיש מנדב,
און ווי נאָר זיין קול ווערט פֿערשטומט.

זינקט לאַנגזאַם דער אָרון אַרונטער...
שוין האָט איהם פֿערשלונגען דאָס מעער.
דאָס שטומע געזעמעל צעגעהט זיך
און דענקט פֿונ'ם טויטען ניט מעהר...

אַליין נאָר דער יוד, וואָס האָט קדיש
געזאָגט נאָכ'ן בר-מנן, שווערט,
אַז טיעף פֿון די רוישענדע כוואַליען
ער האָט ווי אַן „אָמן" געהערט...

ל. שאַפּירא.

איבער'ן ים.

איבער'ן ים האָט געברענט דער טאָג אין זיין גאַנצער הערליכקייט. די מעכטיגע בלאָהע ברוסט האָט זיך נאָך געוויעגט אַרויף און אַראָב נאָך דער שווערער, אונרוהיג פֿערבראַכטער נאַכט, אָבער מיט יעדען מערקליכען טריט, וואָס די זון האָט געמאַכט איבער'ן הימעל, האָט זיך דאָס וואַסער געשטילט אַלץ מעהר און מעהר. אַ ברייטער שניי-ווייסער שוים-וועג, געפֿלעקט מיט גרין און בלאָה, האָט זיך געצויגען פֿון הינטער אונזער שיף און איז פֿערלוירען געגאַנגען אין דער העלער גאָלדענער ווייטקייט. און פֿון פֿאָרענט איז געלעגען פּונקט אַזאַ העלע גאָלדענע ווייטקייט, און פֿון אַלע זייטען האָט זי אויף אונז געקוקט. און אונזער שיף איז געוועזען דער מיטעלפּונקט פֿון דער וועלט.

צווישען די פּאַסאַזשירען האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועבט אַ נעץ פֿון בעשטימטע פֿערבינדונגען און פֿערהעלטענישען. מענשען, וואָס דאָס צוזאַמענלעבען אויפֿ'ן שיף האָט זיי צונויפֿגעפֿיהרט צום ערשטען און, אפשר, צום לעצטען מאָל, האָבען געשלאָסען פֿריינדשאַפֿט, זיך געזאָגט נאָך כבוד און געפֿיהרט רכילות. די וועלט-געשיכטע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אויפֿ'ס ניי פֿון סאַמע אָנהייב.

דער טאָג דערוויילע איז געוואָרען עלטער. פֿון אַ פֿערשייטען יונגלינג האָט ער זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ דערוואַקסענעם, ערנסטען מאַן, וואָס ווייסט, וואָס ער וויל, דערנאָך אין אַ בעיאָהרטען מענשען, וועלכער פֿערשטעהט, וואָס איהם ערוואַרטעט, און איז גרייט רוהיג צו בעגעגענען דאָס אונפֿערמיידליכע... די זון האָט דורכגעמאַכט דריי פֿיערטעל פֿון איהר טעגליכען וועג, און איהר פּנים איז געוואָרען עטוואָס רויטער און מיעדער. די וואַסערען האָבען זיך כמעט אינגאַנצען בערוהיגט.

און דאַן איז עפּעס געשעהן.

אַ פּאַסאַזשיר האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער'ן באָרד, איז געשטאַנען אַ ווייליע אין דער דאָזיגער פּאָזע און נאָכדעם איז ער לאַנגזאַם אַרונטערגעפֿאַלען אין וואַסער אַריין, אָהן ווערטער, אָהן דעם מינדעסטען געשריי. געשעהען איז עס אַזוי אינגעאיילט, אַזוי נאַטירליך, אַז אין ערשטען מאָמענט האָבען די אַרומיגע ניט פֿערשטאַנען, וואָס, איינענטליך, איז דאָ פֿאָרגעקומען.

אַ גאַנצע שעה האָבן די מאַטראָזן אויף אַ שיפֿל אַרומגעזוכט דעם דערטרונקענעם. אומגעקערט האָבן זיי זיך מיט גאָרנישט, מידע און פֿאַרצאָרנטע.

ווער איז ער?... אַלע האָבן בעמערקט, נאָר קיינער — געזעהן. די פּאַסאַזשירען זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן אויפ׳ן דעק אין אַ געדיכטע, שווייגענדע מאַסע, ווי דערשראָקענע שאָף. דער שיפֿס־אינטענדאַנט, אַ הויכער, שלאַנקער יונגערמאַן מיט גרויסע, פּייכט־שוואַרצע אויגען, איז געשטאַנען פֿאַר זיי אַ צעטראָגענער, מיט דער ליסטע פֿון די פּאַסאַזשירען אין דער האַנד, און האָט אויפ׳ן קול אויסגערופֿען פֿערשיעדענע נעמען, אויף וועלכע מען האָט געענטפֿערט פֿון דער מאַסע נערוועז און אייליגדיג. „דזשאָן קליפֿפֿאָרד!“... „פּאַאָלאָ בערנאַרדיני!“... „משה ווײַנשטיין!“... — מיט יעדען נייעם בעענטפֿערטען נאָמען איז די אַלגעמיינע אָנשטרענגונג געוואַקסען און געוואַקסען.

— יאַנקאָ ראַוויטש!...

שטיל.

— יאַנקאָ ראַוויטש!...

קיין ענטפֿער. דער אינטענדאַנט איז בלאַס געוואָרען. אַ פּאָר קאַלטע פֿליגעל האָבן אַ פֿאָך געטהאָן איבער׳ן דעק פֿון שיף...

— יאַנ־קאָ ראַ־אַ־וויטש!... — האָט דער אינטענדאַנט נאָך אַמאָל אויסגערופֿען הייזעריג און פֿערשטיקט. מיר האָבן אונטערגעחאַפּט דעם נאָמען, און די צוויי ווערטער „יאַנקאָ ראַוויטש“ האָבן זיך געטראָגען איבער אונזערע קעפּ, זענען אַריינגעדרונגען אין אַלע קאָרידאָרען, אין אַלע קאַיוטעס, האָבן אַ היבשע צייט אַרומגעשוועבט איבער׳ן גאַנצען שיף, אָבער אַלץ פֿערדומפּענער, שוואַכער און האָפֿנונגסלאָזער... און לאַנג האָבן מיר געקוקט אַרונטער, אויף דעם בערוהיגטען ים.

אַלזאָ, פֿון דער וועלט איז אַוועקגעגאַנגען „יאַנקאָ ראַוויטש“... און מעהר גאָרנישט. פֿון די שיפֿס־ביכער האָט מען זיך נאָך דערוואוסט, אַז אַלט איז ער געווען זיעבען און פֿערציג יאָהר און קומט פֿון בעלגראַד, סערביען.

וואָס פֿאַר אַ מענש איז ער געווען? ווי אַזוי האָט ער אויסגעזעהען? קיינער ווייסט נישט. זיינע שכנים אין קאַיוטע האָבן זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, ווייל ער האָט שטענדיג געשוויגען. קיינער האָט אַפֿילו רעכט זיין פּנים נישט געזעהען. דוכט זיך — אַ מאָגערער, אַ ברייטביינערדיגער, און אפֿשר נישט.... אַלע האָבן געמערקט — קיינער האָט נישט געזעהען. איצט איז ער געשטאַנען פֿאַר אונז, ווי אַ שרעקליכער סוד, ווי אַ פּייַנליכע רעטעניש, יאַנקאָ ראַוויטש... יאַנקאָ ראַוויטש... וואָס איז געווען יאַנקאָ ראַוויטש?...

ליסטע — רײַסטער, צײַטל.

ש. אש.

צום אמעריקאנער ברעג.

נאָך אַ טאָג פֿריהער האָבן די מאַטראָזען דאָס גאַנצע גרויסע שיף געוואַשען;
נאָך אַ טאָג פֿריהער האָבן זיך די וואַסער־פֿויגלען פֿון דער אַמעריקאַנער זייט געוויזען
און האָבן מיט זייער שרעקענדיג געשריי בעגלייט דאָס שיף אַ גאַנצע נאַכט;
נאָך אַ טאָג פֿריהער האָבן זיך אונענדליך־פֿיעל קליינע שיפֿלעך געוויזען איבער׳ן

ים. נאָך אַ טאָג פֿריהער האָט מען איבער׳ן גאַנצען שיף אויסגערופֿען: מאַכט אייך גרייט.

די אַמעריקאַנער פֿאָהן אויפ׳ן מאַסט־בוים פֿלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברייטען ים. און די פּאַסאַזשירען פֿון פֿערשיעדענע פֿעלקער זענען אַרויס פֿון זייערע געצעלטען אויף דעם אויבער־דעק מקבל פּנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדען. יעדער איינער האָט דאָס בעסטע אַרויסגענומען פֿון זיין קאַסטען און דערמיט זיך אויסגעצייכענט. אויסגעפּוצט אין יום־טובֿ־קליידער שטעהען דאָ די פֿעלקער פֿון דער וועלט אויף דעם אויבער־דעק פֿון שיף און זייערע בליקען זענען געווענדט מיט בענקשאַפֿט צו דעם אַמעריקאַנער ברעג. דאָ און דאָרט זעהט מען: אַ קליין־רוסישער פּויער מיט זיין רויט העמדעל און שוואַרצען הוט שטעהט און קוקט תּמיע־וואַטע אויף דעם וואַסער. נעבען איהם זיין ווייב דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פֿון איהר האַרץ צו איהרע ליפּען; אַ פּוילישע פּאַרטיע אין איהר רויטען נאַציאָנאַל־קאָסטיום גרופּירט די קינדער אַרום זיך; אַ הויכער ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטען האַלז־טוך און צעקנייטשטען קאַפּעליוש האַלט זיין מאַנדאָלינע אין דער האַנד; ער האָט גאָר נישט צו ברענגען פֿון זיין רייך לאַנד, נאָר זיין געזאַנג מיט זיין גיטאַרע; עס וואַרפֿט זיך דאָס קאָלירטע טוך אויף אַ שפּאַניש שוואַרץ־מיידעלשען קאָפּ אין דעם ים פֿון פֿאַרבען; עס בלייכט זיך אַרויס צווישען דעם ים מענשען־קעפּ אַ בלייך קריסטוס־פּנים מיט אַ שוואַרצער באָרד פֿון אַ פּוילישען יודען; דאָ און דאָרט נעהמען זיך צונויף די רומענישע פּויערים אַרום אַ צלם, וואָס ווייזט זיך איבער זייערע קעפּ, זיי קניען צו דער ערד און לאָזען שאַלען איבער דעם ברייטען ים אַ רעליגיעזעס לויב־ליעד. די קאַטוילישע בעפֿעלקערונג טהוט זיי שוין נאָך: אין צווייטען ווינקעל האָבען זיך די פּוילישע פּאַרטיעס צוזאַמענגעקליבען אַרום אַ צלם אין אַ קירך־פֿאָהן, און עס דערהערט זיך דאָס מוראדיגע קאַטוילישע קירכען־ליעד, וועלכעס איז מעהר ענליך צו האַרץ־רייסענדע געשרייען, ווי צו אַ ליעד. און די זון בעשימערט דאָס וואַסער, בעגיסט מיט ליכט דאָס שיף, ברענגט צונויף די פֿאַרבען פֿון די פֿערשיעדענע פֿעלקער אין איין גרויסע קאָלירטע פֿאָהן; די געזאַנגען ווערען אויסגעמישט, די ליעדער ברומען איבער׳ן ים, די וועלען קלאַפּען הינטער די רעדער פֿון שיף, און עס ווערט איין גרויסעס, גרויסעס לויב־ליעד צו דעם ברעג, וועלכען אַלע ערוואַרטען מיט בענקענדיגע בליקען און קלאַפּענדיגע הערצער.

אַמעריקאַ מקבל־פּנים זיין איז אויך אונזער חנה־לאה אַרויס מיט איהרע קינדער פֿון דעם שיף־לאָך, אין וועלכען זי האָט זיך אויפֿגעהאַלטען צוועלף טעג. אָנגעטהאָן אין איהר שענסטער שבת־הויב מיט דעם נייעם טוך, שטעהט זי דאָ צווישען די פֿעלקער פֿון דער וועלט מיט יאָסעלען ביי דער האַנד, מיט דער „קאָמאַנדע" און מיט רחל׳ען. אָנגעטהאָן יאָסעלען דאָס שבת׳דיגע סאַמעטענע היטעל, אָבגעוואַשען איהם דאָס פּנים און פֿערקרייזעלט איהם די פּאות׳לעך, אַז ער זאָל אין די אַמעריקאַנער אויגען חן געפֿינען; דער „קאָמאַנדע" אויך אויסגעפּוצט די קאָפּאָטקעלעך, אויסגעשמירט זיי די שטיוועלעך און רחל׳ען פֿערקעמט די צוויי צעפּעלעך און אָנגעטהאָן איהר ניי שבת־קליידעל. — אָט אַזוי שטעהען זיי דאָ, אונזערע, אונזער בלוט און פֿלייש, צווישען די פֿעלקער פֿון דער וועלט און ערוואַרטען דאָ אויך דעם אַמעריקאַנער ברעג, אויף וועלכען עס געפֿינט זיך זייער פֿאָטער, וואו ער איז אַהינגעפֿאָהרען זוכען פֿאַר זיי אַנ׳אָבוה און אַ אויפֿהאַלט.

קיין ליעד זינגט זי נישט, קיין וואָרט זאָגט זי נישט. וואָס זאָל זי ריידען, וואָס זאָל זי זאָגען? וואָס זי וויל, וואָס זי ווינשט אין איהר האַרץ—ווייסט גאָט גאַנץ גוט.

אַזוי שטעהט זי, חנה־לאה מיט איהרע קינדער, און ערוואַרט אַמעריקע מיט איהר מאַן מאירין. די הויב גלייך זיך געמאַכט אויף איהר קאָפּ, אַז זי זאָל ביי מאירין אין די אויגען חן געפינען, ווי אַ יודישע טאָכטער די האָר פֿעסט אונטער דער הויב אַרונטערגעשטופּט — גיט זי אַ וואָרף אַ בליק אויף די קינדער: וואָס וועט ער זאָגען צו זיי? גיט זי אַרוק צוריק אַ יונג פֿון דער „קאָמאַנדע“. וועלכער האָט זיך אַרויסגערוקט, מאַכט גלייך דאָס היטעלע אויף יוסעלעס קעפּעלע און גלעט איהם דאָס פּנים׳ל.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גרויסער אויסגעשריי אויף דעם שיף, און די מאַסע, ווי איין מענש, האָט זיך געגעבען אַ לאָז אַראָב אויף די קניע און זיך געצלמ׳ט. חנה־לאה האָט זיך מיט שרעק געגעבען אַ קוק אום, זי האָט דערזעהען פֿאַר זיך אַ לייכטענדען דיקען טומאַן, און פֿון טומאַן האָבען זיך אַרויסגעשניטען הויכע פֿיערעקענדיגע בערג, — עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען. די מענשען אויפ׳ן שיף זענען געבליבען שטעהן און מיט גרויסע אויגען און אויפגעעפּענטע מיילער האָבען זיי געהאַלטען אין איין קוקען אַהין, צו די בערג, צו דעם, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען. נאָר וואָס אַמאָל איז דער נעבעל שיטערער געוואָרען, דורכזיכטיגער און לייכטענדער, און פֿון דעם נעבעל האָבען זיך שוין שאַרף אויסגעשניטען פֿינף הויכע פֿיערעקענדיגע אַייזערנע קאַסטענס, וועלכע זענען געשטאַנען איינס האַרט נעבען אַנדערן אויפ׳ן ברעג פֿונ׳ם ים און האָבען געבילדעט ווי אַ אַייזערנע הויכע וואַנד, וועלכע פֿערשטעלט אַלץ, וואָס איז הינטער איהר.

דאָס זענען געווען די ערשטע וואָלקען־קראַצערס, וואָס שטעהען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען.

ווען דאָס שיף איז געבליבען שטעהן, איז אַ קליין שיפעל צוגעפאָהרען, אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען צוויי נייע מענשען אַרויף, אַמעריקאַנער, מיט אַמעריקאַנער פֿעהנדלעך און שטערענדלעך אויף די היט, האָבען געגעבען אַ זאָג — און דאָס גאַנצע שיף מענשען האָט זיך געשטעלט אין אַ רייה איינער נאָכ׳ן אַנדערן. די צוויי האָבען געמאַכט אַ צוים, געשטעלט זיך, און אַלע מענשען פֿון שיף האָבען אָנגעהויבען דורכגעהן פֿאַר זיי.

עס זענען געווען דער אינספּעקטאָר מיט דעם דאָקטאָר פֿון דעם אַמעריקאַנער ברעג.

די הערצער האָבען אָנגעהויבען צו שלאָגען פֿאַר שרעק, אַלע האָבען זיך גלייך געשטעלט, גלייך געמאַכט די היט און די רעק אויף זיך, שטאַרק געמאַכט די אָרעמס, און מיט פֿעסטע טריט האָבען די פֿעלקער אָנגעהויבען פֿאַרבייגעהן פֿאַר זיי.

עס זענען געגאַנגען רומענער, פּאָליאַקען, רוסען, יודען, איטאַליענער, שפּאַניער. יעדער, איינער אין איינער, יעדע פֿרוי מיט איהרע קינדער, האָבען געמאַכט שטאַרק זייערע אָרעמס און פֿעסט זייערע טריט, אַז זיי זאָלען געזונד אויסזעהען. גוט האָבען די אַמעריקאַנער בעקוקט די אָנגעקומענע, האָבען געקלאַפּט אויף זייערע בריסט, געקוקט אין די אויגען אַריין, געטאַפּט די הענד, אויב געזונד

איז דאָס מענשען-מאַטעריאַל, וואָס ברייַנגט צו זיי ווייערע הענד אַראָב, זיי צו בע־דיענען, אויב געזונד און שטאַרק וועט זייַן דער דור, וואָס וועט פון די געבוירען ווערען, צו בעזעצען זייער לאַנד...

און אַז עס איז אָנגעקומען די רייה צו חנה-לאה'ן, אַז זי זאָל זיך און די אירע פאַר די אַמעריקאַנער ווייזען, האָט זי, ווי יעקב פאַר עשו'ן, איהר מתנה צוטיילט: פאָראויס האָט זי געשיקט פאַר זיך רחל'ען מיט אירע צוויי שוואַרציג שבת'דיגע צעפּלעך; רחל'ע האָט חן געפונען — דורכגעלאָזט. נאָך איהר איז געגאַנגען די „קאָמאַנדע"; אָנגענומען זיך ביידע ביי די הענט, האָבען זיי מיט זייערע שבת'דיגע שטיוועלעך הויך געטראָמפּעלט אויפ'ן פּאָל, אַז זיי זאָלען געזונד אויסזעהן... בעקוקט די אויגען, דעם האַלז, אַ קלאַפּ געטהאָן זיי אויפ'ן רוקען און מיט אַ צופריעדענער מינע זיי דורכגעלאָזט. דערנאָך איז געגאַנגען חנה-לאה מיט יוסעל'ען ביי דער האַנד (אַ מינוט פריהער איהם געגרייזעלט די פּאות'לעך, אַז ער זאָל חן געפינען). דער דאָקטאָר האָט גענומען יוסעל'ען פאַר דער האַנד, איהם געקוקט אין די אויגען אַריין — יוסעל'ע האָט געציטערט. האָט אָנגעחאַפּט די מוטער ביים קאַפּטען — דער דאָקטאָר האָט איהם אויפגעדעקט דאָס קאַשקעטעל, געגעבען אַ קוק אויפ'ן קעפּעל, און האָט אַ וואונק געטהאָן צום אינספּעקטאָר.

חנה-לאה'ס האַרץ האָט עפּעס שלעכטס אָנגעזאָגט. אירע הענד האָבען אַ ציטער געטהאָן.

— גאָרנישט, פון לעצטען טיפוס אַ קרעץ אין קאָפּ, — פערענטפערט חנה-לאה.

דער אינספּעקטאָר האָט געגעבען אַ וואונק צו נאָך איינעם. קיין איין וואָרט איז נישט געוואָרען געזאָגט. און יענער האָט שוין אָנגענומען יוסעל'ען ביי דער האַנד און אַוועקגעפירט איהם אָן אַ זייט.

יוסעל'ע האָט אָבער פעסט געהאַלטען דער מאַמע'ס קאַפּטען, זיינע יודישע אויגען האָבען אַ ציטערדיגען בלאַסק געגעבען, די פּאות'לעך האָבען געציטערט.

— פון לעצטען טיפוס אַ קרעץ אין קאָפּ געבליבען, — טענה'ט נאָך חנה-לאה פאַר'ן אינספּעקטאָר אויף יודיש, אָנהאַלטענדיג יוסעל'ען ביי דער האַנד.

קיינער האָט זי נישט געהערט, מען האָט זי באַלד אַוועקגעשטופּט — אויף איהר אָרט האָבען פעלקער געוואַרט.

— אוי, מאַמעלע קרוין! — האָט די יודענע געגעבען אַ שריי-אויף און איז שוין געווען אין דעם ווינקעל, וואו מען האָט יוסעל'ען אַוועקגעפירט.

— און וואו זענען מיינע שוואַלבען? — האָט זי געזוכט מיט אירע בליקען אויף יענער זייט צוים די אירדיגע.

נאָר אויף יענער זייט צוים איז שוין געשטאַנען רחל'ע, די „קאָמאַנדע" האָט זי געהאַט נעבען זיך. און האָט די מוטער בערוהיגט מיט אַ מאַך מיט דער האַנד, אַז זי קאָן זיך פערלאָזען אויף זיי.

וואָלקען-קראַצערס — הויכע פיעל-שטאָקיגע הייזער.

ש. אש.

די אינזעל פֿון טרעהרען.

יאָסעלע איז דערווייל געזעסן אין אַ גרויס צימער צווישען אַ סך מענשען און האָט געוואַרט אויף דער מוטער. ער האָט נישט געוויינט. ער האָט נישט די מאַמע צוריקגעהאַלטען, אַז מען האָט זי גערופֿען, — ער האָט געשוויגען. פֿון דער ערשטער מינוט אָן, ווען עס האָט זיך מיט איהם דאָס אומגליק געטראָפֿען, האָט ער גאַנץ גוט פֿערשטאַנען, וואָס איז געשעהן מיט איהם, און האָט זיך געפֿונען שולדיג אין עפּעס אַ פֿערבּאָרגענער זינד. עס האָט זיך דערוועקט אין דעם קליינעם יוד די גאַנצע הכנעה און געדולדיגקייט, מיט וועלכע זיין פֿאָלק טראָגט איבּער זיינע צרות, — און ער האָט זיך געפֿונען מוכן ומזומן צו די צרות, אַזוי ווי זיינע עלטערן און אור-עלטערן פֿון אַלע דורות וואָלטען פֿאַר איהם אַ וועג אויסגעטרעטען. שווייגענדיג און בּעהאַלטען אין זיך איז ער געזעסן בּיי זיין מוטער, ווי אַ דערוואַקסענער, דענקענדער מענש, גלייך ווי ער וואָלט די אַלע זאַכען פֿילאָזאָפֿיש גענומען, און האָט נאָר אייגענטליך פֿערדרוס געהאַט דערפֿון, וואָס מ'האָט די מאַמע אַוועקגעריסען פֿון זיינע בּרידער, און די שמחה פֿון זעהן-זיך מיט'ן טאַטען איז צוליעב איהם פֿערשטערט געוואָרען.

די שטוב, אין וועלכער ער האָט זיך געפֿונען, האָט געהייסען אויפֿ'ן לשון פֿון פֿאָלק „די אינזעל פֿון טרעהרען". און עס איז ווירקליך דאָרט געווען די טרעהרען-אינזעל. אין דעם צימער האָבּען זיך אויפֿגעהאַלטען די אַלע, וועלכע זענען געווען פֿעראורטיילט צוריקגעשיקט צו ווערען מיט די שיפֿען, וועלכע האָבּען זיי געבּראַכט, אָדער איבּער וועלכע מען האָט נאָך געפֿיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט וואַשינגטאָן. מערהסטען זענען דאָרט געווען עלענדע, פֿעריתומ'טע מענשען, וועלכע האָבּען נישט געפֿונען קיין גואל, קיין קרובֿ, וועלכער זאָל זיי פֿון שיף אַראָבּנעהמען: אָדער גאָר עלטערע מענשען שוין, אָדער גאָר יונגע נאָך, וואָס האָבּען מיט זייערע אייגענע קערפּערס, מיט זייערע אייגענע הענד, מיט זייער אייגענעם כּח נישט געקאָנט גוט-זאָגען פֿאַר זיך אַליין, און האָבּען בּעדאַרפֿט האָבּען אַנ'אייגענעם מענשען, וועלכער זאָל זאָגען, אַז ער וועט זיי נעהמען צו זיך — און זיי האָבּען אַזעלכע נישט געפֿונען, ווייל פֿרעמד זענען זיי געווען אין דעם לאַנד. און זיי האָבּען אויסגעזעהן, ווי „רעשטלעך", ווי עס וואָלט פֿאָרגעקומען אַ גרויסע תליקה פֿון מענשען צווישען אייראָפּע און אַמעריקע, און אַ „רעשטעל" איז איבּערגעבּליבּען צווישען די שיפֿען, ווי קערענדלעך גערשטען, וועלכע וואַלגערען זיך בּיי די בּרעגען פֿון די פּאָרטען אַרום, ווען מען טראָגט איבּער תּבֿואה פֿון איין שיף אויף דעם צווייטען...

עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבּען נאָך געהאַט אַ האָפֿנונג, אַז מען וועט זיי אַריינלאָזען אין לאַנד. זיי האָבּען געהאַט די אייגענע ווייט אין דער מדינה, און מען האָט געשריבּען נאָך זיי. זיי זענען געווען גליקליכער, רייכער פֿאַר די אַנדערע, און האָבּען שוין יענע צוגעזאָגט הילף: אַז גאָט וועט העלפֿען, מען וועט זיי אַרויסלאָזען, וועלען זיי זיך זעהען סטאַרען, אַז די איבּעריגע זאָל מען אויך אַריינלאָזען. דערהויפּט איז דאָרט געווען אַנ'עלטערע מומע, וואָס האָט געהאַט אַ פּלימעניק אין טשיקאַגאָ. דער פּלימעניק האָט געזאָלט זיין גאָר אַ גאַנצער מאַכער און אַ גאַנצער אַמעריקאַנער. „זאָל ער נאָר קומען — האָט זי געזאָגט — וועט ער שוין אַלע אַרויסנעהמען". און יעדען מענשען, וואָס זי האָט

בעגעגענט אין קאָרידאָר. ווען מען האָט זי עסען געפֿירט אין גרויסען שפּייז־זאַל, האָט זי געפֿרעגט אויף אידר פּלימעניק, צו ער פֿאָהרט שוין — גלייך ווי יעדער איינער וואָלט בעדאַרפֿט קענען אידר פּלימעניק פֿון טשיקאַגאָ, וואָס איז אַ גאַנצער מאַלער און אַן אַמעריקאַנער. די אַנדערע זענען געזעסען שטיל. די אַלטע יודען, וואָס האָבען נישט געקאָנט געפֿינען זייערע קינדער, זענען געזעסען און האָבען תהלים געזאָגט, די ווייבער האָבען געוויינט, און די קינדער, וואָס האָבען זיך דאָרט געפֿינען, האָבען זיך שטיל אין די ווינקעלעך בעהאַלטען. אויף אַלע איז געלעגען די פֿלוך פֿון אַן׳אַרויסגעשטויסענעם. און עס האָט איבער זיי געשוועבט די פֿורכט פֿאַר דעם ים, וואָס זיי שטעהט פֿאָר צוריק אַריבערצופֿאָהרען, און די היימאַט־לאָזיגקייט.

— מיר איז קיין חלוק ניט, זאָלען זיי מיך אַפֿילו שיקען קיין גושן, איז מיר שוין אייך אַלץ איינס! צו וועמען וועל איך פֿאָהרען, וועמען האָב איך אין דערהיים? — האָט אַ יודענע געדרש׳ענט פֿאַר די אַנדערע.

— אוי, אַהיים — האָט זיך אַ צווייטע געקלאָגט, — אַז דו האָסט, מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס ביסעלע בעטגעוואַנד גענומען און פֿערקויפֿט און אין דער וויטער וועלט זיך געלאָזט!

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט פֿאָהרען. שרה, פֿאָהר נישט! דער יונג איז ערגיץ־וואו פֿערפֿאַלען געוואָרען. ער האָט פֿאָטאָגראַפֿיעס געשיקט. ווייס איך, ווער גלויבט זיי? — האָט דער יוד פֿון תהלים מפֿסיק געווען און געזאָגט אין טאָן, ווי ער וואָלט אינגאַנצען אין אַמעריקאַ מסופּק געווען, אויב עס איז גאָר דאָ אַזעלכעס אויף דער וועלט.

— און בעטגעוואַנד איז שוין אַלץ? — מישט זיך אַ דריטע אַריין.

— וואָס בעטגעוואַנד! און אַ שטוב האָט ער יאָ? און וואו דעם קאָפּ אַוועקצולעגען האָט ער יאָ? און צו וועמען וועט ער געהן? — ווייזט זי אויף דעם מאַן — ווי פֿאַר זיך וואָלט זי געווען פֿערזאָרגט.

ווי די ווייבער ריידען אַזוי צווישען זיך, האָט זיך דערווייל יוסעלע געפֿינען אַ חבר. דאָס איז געווען אַ יונגעל אין זיינע יאָהרען, וועלכער האָט זיך אויך דאָרט אין דער שטוב אַרומגעדרעהט. ער האָט שוין איינינע מאָל געוואָלט צוגעהן צו יענעם און יענער צו איהם, און האָבען זיך ביידע אַרומגעדרעהט מיט אַ געוויסער שעמעוודיגקייט און געשוויגען. צום סוף זענען זיי דאָך באַקענט געוואָרען, האָבען זיך ביידע ביי די הענד אָנגענומען אין אַ ווינקעל זיך געזעצט און ווי די גרויסע אָנגעהויבען צו ריידען.

— מען שיקט דיך אויך צוריק?

— יאָ, און דיך?

— אויך.

— פֿאַרוואָס?

— מען זאָגט, אַז איך האָב שלעכטע אויגען.

— און מיר איז פֿון לעצטען טיפֿוס אַ קראַץ אין קאָפּ געבליבען, — און יוסעלע נעהמט אַראָב דאָס היטעל און ווייזט דאָס קעפּעל.

— דו האָסט אַ טאַטען דאָ?

— יאָ, און דו?

 — איך בין אַ יתום, איך בין צו אַ פֿעטער אַראָב, — ענטפֿערט דער צווייטער.

יוסעלע האָט גרייכ דרך־ארץ געקראָגען פֿאַר'ן צווייטען יונגעל, ווייל ער איז אַ יתום, און דאָס זיך געהאַלטען נידעריגער פֿאַר איהם. זיי האָבען זיך באַלד אַוועקגעזעצט און, אַזוי ווי צוויי געטרייע קינדער פֿון זייער פֿאָלק, האָבען זיי קיין שמייכעל אויף זייערע ליפּען נישט געהאַט, און די יוגענד איז פֿון זייערע געזיכטער אויסגעשטאָרבען, נאָר ווי קלוגע, אַלטע דערוואַקסענע מענשען זענען זיי געזעסען און איינער פֿאַר'ן צווייטען דאָס האַרץ אויסגעגאָסען.

באַלד איז אַריינגעגאַנגען יוסעלע'ס מאַמע. איהרע טרעהרען זענען נאָך געווען פֿריש, און זי האָט מיט נאַסע אויגען אַ צערטליכען רחמנות־בליק געוואָרפֿען אויף יוסעלען. יוסעלע האָט פֿערשטאַנען זיין עלענד, זיין אומגליק און זיין שלים־שלים־מזל — אַלץ איבער איהם... אַלץ איבער איהם... און האָט זיך געפֿונען שולדיג, גלייך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ אָנגעמאַכט...

מוכן ומזומן — גרייט, פֿאַרטיג.

א. רייזען.

אַלע טאָג אויף פּאָסט.

אייגענטליך האָט די „פּאָסט“ אין דעם קליינעם שטעדטעלע געקענט זיך באַגעהן גאָר אָהן אַ בריעף־טרעגער, און דאָס געלד וואָלט בעסער צו ניץ געקומען אויף אַ גרעסערע שטוב פֿאַר דער קאָנטאָר. די זאַך איז גאָר פּראָסט. די איינוואוינער פֿון שטעדטעל, וואָס האָבען געפֿיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ, פֿלעגען זיך ניט קענען דערוואַרטען ביז דער בריעף־טרעגער וועט זיי דעם בריעף ברענגען אין שטוב אַריין, און אַלע אינדערפֿריה, ווען די פּאָסט פֿלעגט נאָר אָנקומען, פֿלעגט שוין דער בריעף־טרעגער געפֿינען אין קאָנטאָר אַ פּאָר מנינים יודען, ווייבער און קינדער אַפֿילו, וואָס האָבען מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט, ביז וואַנען ער וועט עפֿענען דעם זאַק, וואו עס ליגען די בריעף.

און חיענע, אַ יונג ווייבעל מיט אַ בלאַס, דערשראָקען פּנים, פֿלעגט קומען נאָך מיט אַ האַלבע שעה פֿריהער, איידער די פּאָסט פֿלעגט אָנקומען. זי פֿלעגט מורא האָבען, טאָמער וועט זי פֿערשפּעטיגען, און איהר זאָל ניט איסקומען צו וואַרטען ביז צוויי אַ זייגער ביי־טאָג, ווען דער בריעף־טרעגער, סטעפּקע, טראָגט ערשט די בריעף פֿאַנאַנדער.

אויסער דער מורא צו פֿערשפּעטיגען, האָט זי גלאַט אַ ווילדען חשק געהאַט צו בעקומען דעם בריעף פֿאַר אַלעמען אין די אויגען. — זאָלען אַלע הערען, ווי דער בריעף־טרעגער רופֿט הויך אויס: חיענע עווענציק! — און זאָל מען ניט מיינען, אַז איהר מאַן, חיים, האָט שוין טאַקי אין אַמעריקע אַ דייטשקע געקראָגען און האָט זי, חיענע'ן, שוין גאָר אַוועקגעוואָרפֿען.

וואָס איז? זי האָט דאָך אַמאָל שוין בעקומען פֿון איהם צוויי בריעף, איינעם מיט געלד און דעם צווייטען מיט גוטע ווערטער — נישקשה, עס וועט נאָך איהר אָנקומען אַ בריעף, און שונאים וועלען נאָך צעפּוקעט ווערען...

ווי אויף צו להכעיס אָבער וויל איהר דער בריעף־טרעגער קיין בריעף ניט אָבגעבען, און אַ פֿערביטערטע, אַ צעקלעמטע געהט זי אַוועק אַלע טאָג פֿון פּאָסט.

— רבונו של עולם! — טראַכט זי מיט אַ פֿערבלוטיגט האַרץ — אַזויפֿיעל

בריעף איז היינט אָנגעקומען, אפשר פֿיערציג! — ניט שוין דען איז פֿאַר מיר דאָרטען קיין בריעף ניט געלעגען?...

און איהר דאַכט זיך, אַז דער סטעפּקע איז אַ טרפֿה'נער ערל, אַז ער האָט מיט אַ כּיון איהר בריעף, פֿאַהרענדיג, אַרויסגעוואָרפֿען אויפ'ן פֿעלד. וואָס אַרט עס איהם? אורזאַכען צו חושד זיין איהם זענען דאָ גענוג:

אָפֿט, אַז זי פֿרעגט איהם: „יעסט פּיסמאָ“? ענטפֿערט ער איהר מיט אַ שמייכעל: „פּישעטסיאַ“ — און דאָס שמייכעלע איז חיענע'ן גאָר ניט געפֿעלען. אויסערדעם, וואָס דער אַרומיגער עולם לאַכט צופֿריעדען און זי ווערט רויט פֿאַר חרפּה, ווערט נאָך אָבער גרעסער איהר שרעק, אַז סטעפּקע וויל איהרע בריעף ניט אָבגעבען.

און דאָך גערט זי אַלע טאָג אויף פּאָסט און האָט נאָך די האָפֿנונג ניט פֿערלאָרען.

אמת טאַקי, ניט גרינג קומט עס איהר אָן. יעדעס מאָל אַריינגעהן אין פּאָסט האָט זי שפיכות־דמים. די איבעריגע ווייבער, וואָס האָבען מאַנען אין אַמעריקע, קוקען אויף איהר מיט פֿעראַכטונג: אויך מיר אַ „אַמעריקאַנקע“! — ניט געהן אָבער קען זי ניט — זי האָט קיין כּח ניט צו וואַרטען ביז צוויי אַ זייגער. דאָ אין פּאָסט האָט זי חאַטש אַ'ענטפֿער: „ניעט“ אָדער „פּישעטסיאַ“, שפּעטער, ביי־טאָג, וועט זי דאָס אויך ניט הערען, דעם בריעף־טרעגער וועט זי אַפֿילו ניט אָנזעהען.

אָט הייבט אויס דער בריעף־טרעגער: ראַשע רובענציק! — חיענע'ן גיט אַ קלאַפּ אין האַרצען, און עס רייסט זיך ווי אינעווייניג עפּעס אָב — איהר קלינגט אָב, אַז דאָס האָט מען אויסגערופֿען חיענע עווענציק — „יאַ זדיעס!“ — הייבט זי אָן צו שרייען, ווי משוגע. דער עולם לאַכט, דער בריעף־טרעגער שמייכעלט און זאָגט:

— ניע טיעביע, גאָלובושקאַ; טיעביע יעשטשאָ פּישעטסיאַ....

און דעם בריעף גיט ער אָב ראַשע רובענציק — אַ יונג ווייבעל מיט בליהענדע באַקען, וואָס דער מאַן שיקט איהר אַלע וואָך אַ בריעף פֿון אַמעריקע און אַלע חודש אַ 25־ער...

חיענע ווערט אין אַזעלכע מינוטען ווי צעטומעלט און קוקט מיט זשעדנע בליקען אויף ראַשע'ן, וועלכע עפֿענט אויף דעם בריעף אויף פּאָסט טאַקי און הייבט איהם אָן שוין צו לייענען. חיענע רוקט אַריין אין בריעף איהרע אויגען, ווי אַ הונגעריגער אין אַ שיסעל געקעכטס, ווען אַ צווייטער עסט... ראַשע רוקט זיך אָב מיט פֿעראַכטונג און פֿערשטעלט דעם בריעף. חיענע זוכט עפּעס אַ בעהאַלטענע טהיר, וואו זי זאָל קענען אַרויס, אַז קיינער זאָל זי ניט בעמערקען, און פֿאַר צעטומלונג ווענדט זי זיך צו ראַשע'ן און פֿרעגט מיט הכנעה:

— וואָס שרייבט אייך אייערער?...

ראַשע ענטפֿערט ניט און לייענט ווייטער, און חיענעס האַרץ בלוטיגט זיך...

און דאָך גערט זי אַלע טאָג אויף פּאָסט... אַלע טאָג...

שפיכת־דמים — יסורים, האַרץ־ווייעהטאָג, קלעמעניש (בוכשטעבליך: „בלוט־גיסונג“)

א בריוועלע דער מאמען.

(פאָלקס-ליעד).

I.

„מיין קינד, מיין טרייסט,
דו פאָהרסט אוועק, — זיי אַ זהן אַ גוטער,
דיך בעט מיט טרעדרען און מיט שרעק
דיין טרייע ליעבע מוטער.
דו פאָהרסט, מיין קינד,
מיין איינציג קינד,
אַריבער ווייטע ימ'ען, —
אַך קום אַהין נאָר פריש, געזונד
און נישט פערגעס דיין מאַמען.
פאָהר געזונד און קום מיט גליק,
זעה יעדע וואָך אַ בריוועלע שיק,
דער מאַמעס הערץ, מיין קינד, דערקוויק:
אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו נישט פערזאַמען!
שרייב געשווינד, ליעבעס קינד,
שענק איהר די נחמה,
די מאַמע וועט דיין בריוועלע לעזען
און זי וועט גענעזען.
הייל איהר הערץ, איהר ביטער שמערץ,
ערקוויק איהר די נשמה.

II.

דאָס אַכטע יאָהר איך בין אַליין,
מיין קינד איז וויט פערשוואומען;
מיין קינדס הערץ איז האַרט ווי שטיין,
קיין איינציג בריוועלע בעקומען.
ווי קען מיין קינד גאָר האָבען מוט,
ווי געהט איהם איין דאָס לעבען?
עס מוז איהם געהן דאָרט זעהר גוט,
וויל ער קיין נאַכריכט געבען.
איך האָב איהם געשיקט הונדערט בריעף
און ער האָט קיין שום בענריף,
אַז מיינע וואונדען זענען טיעף.

III.

אין שטאָדט ניו-יאָרק אַ רייכע הויז,
מיט הערצער, מיט געפיהלע,
דאָרטען וואוינט איהר קינד גאָר גרויס,
אַ גליקליכע פאַמיליע.
אַ שענע פרוי און קינדער צוויי

מיט ליכטיגע געשטאַלטען.
און ווי ער זיצט און קוועלט פֿון זיי,
האָט ער אַ בריעף ערהאַלטען:
די מוטער טויט, עס איז געשעהען,
איהר לעבען האָסטו איהר פֿערזעהען.
איהר לעצטער וואונש איז געווען:
אַ קדיש דער מאַמען
זאָלסטו נישט פֿערזאַמען.
זאָג געשווינד, ליעבעס קינד,
שענק איהר די נחמה.
די מאַמע וועט איהר קדיש הערען
און איהר קבֿר געהן.
זאָג געשווינד, ליעבעס קינד,
ברענגסט איהר די נחמה.

ש. אש.

מאיר אין אמעריקע.

אַזוי ווי אַ איינזאַמער אין אַ מדבר, איז מאיר געזעסען אויף דעם דריטען שטאָק אין איינעם פֿון די הייזער אויף דער עסיג-סטריט, אין גרייט-ניו-יאָרק, וואָס איז ביים ברעג אויף יענער זייט אוקינוס — צווישען אַ פֿינף-מיליאָניגער בעפֿעלקערונג און צווישען ניין הונדערט טויזענד זיינע אייגענע ברידער. צו קיין חבֿרה, צו קיין סאָסייטע, סיי געזעלשאַפֿטליכע, סיי רעליגיעזע, האָט ער נישט אָנגעהערט און האָט זיך בכלל מיט קיינעם נישט געמישט. די לאַנדס-לייט פֿון דער דריטער סטריט, צו וועלכע ער האָט אַנ'אַדרעס געהאַט און וועלכע האָבען איהם פֿון שיף אָראָבגענומען, האָבען איהם געשאַפֿט אַ יידיש „פּליים" — אַ שאָפּ, אין וועלכער מען אַרבייט נישט שבת. שוין העכער פֿון זיעבען חדשים זיצט מאיר ביי אַ פֿענסטער, וואָס געהט אַרויס געגענאיבער אַ הויכער וואַנד, און נייהט אויף דער מאַשין קאָנטען פֿון העמדער. ווי אַזוי ער איז אַהין געקומען, ווייסט ער נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט, האָטש ער פֿאָהרט יעדען טאָג צו דער אַרבייט און יעדען טאָג פֿון דער אַרבייט. דער לאַנדס-מאַן, דער קרובֿ, דער מוהמע מלכה'לעס אַ זוהן, האָט איהם אַריינגעפֿיהרט אין אַ טיעפֿען קעלער, און ער איז מיט אַ באַהן אַהין געפֿאָהרען. פֿון דעמאָלט אָן פֿאָהרט ער יעדען טאָג צו דער אַרבייט און יעדען טאָג פֿון דער אַרבייט. ער האָט זיך גאָר נישט געוואונדערט אויף דער באַהן, וואָס לויפֿט ווי אַ שרעקליכע חיה אונטער דער ערד; ער האָט איבער זיין וועג קיין אַמעריקאַ אַזוי פֿיעל זאַכען געזעהן און דער קאָפּ איז איהם הערפֿון אַזוי בערוישט געווען, אַז ער וואָלט זיך שוין אויף גאָר נישט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך נישט געוואונדערט, ווען דער קרובֿ האָט איהם פֿאָרגעלעגט, אַז ער זאָל העמדער נייהען, און ווען מען האָט איהם ביי אַ מאַשין אַוועקגעזעצט. ער, מאיר ר' יוסעלע סאָטאַטשאָווער'ס, וואָס די שטאָדט האָט געקלונגען מיט זיין לערנען, אַ גערער חסיד, און איז עפּיס פֿון דער היים אויס אַ סוחר געווען, — זאָל ווערען אַ העמדער-

ניהער, ווי סענדערעל דער ווײַבער־שנײַדער בײַ זײ אין שטעדטעל. אָבער דאָ איז אַלץ מעגליך; דערפֿאַר איז עס דאָך אַמעריקאַ; דאָ איז עס קײן חרפּה נישט, און צו דעם איז ער דאָך אַהער געקומען. און דער עיקר — פּרנסה; דערמיט וועט ער דאָך קאָנען מפֿרנס זײַן זײַן ווײַב און קינדער אין דערהײם, וועלכע וואַרטען אויף אַ בריוועל מיט אַ רובל. איז ער באַלד צוגעוועהנט געוואָרען — האָט צוגעלעגט דעם קאָפּ און זיך געזאָגט: דאָס איז מײַן פּרנסה! איז ער טאַקי געזעסען אַ גאַנ־צען טאָג, — אַלע אָהן הוט, ער אין קאַפּעל, עס זענען דאָרט מוידלעך אויך געווען, ער האָט זײ נישט געזעהן, — און האָט געאַרבײַט מיט פֿלײַס. מיט קײנעם קײן וואָרט נישט אויסגערעדט, פֿאַר זיך אַלײן — האָט ער געדענקט, האָט ער איבערגעחזר׳ט אַ משנה, אַ הלכה פֿון גמרא אַרויס, אָבער מעהרסטען איז זײַן געדאַנק געווען פֿערנומען מיט דער הײם: וואָס מאַכען די קינדער? און יוסעלע? יוסעלע — ער האָט׳ן געזעהן בעשײַנפּערליך, ווי ער זיצט אין חדר און לערנט די פּרשה חומש און טײַטשט אויס דעם „ואני״, און האָט אַ גוט קעפּעל, און פֿער־געהמט, און געהט צווישען מנחה און מעריבֿ אין בית־המדרש אַרײַן און דאַוונט פֿרום. אַ גוט יונגעל. האָט ער בײַ זיך געטראַכט, און דאָס האַרץ איז איהם אויס־געגאַנגען פֿאַר בענקעניש נאָך איהם.

און אַז עס איז טאַקי געקומען און ער האָט אַהײם געשיקט חנה־לאה׳ן די ערשטע צעהן רובל (דאָ איז עס נאָר פֿינף דאָלאַר), איז „מי ידמה ימי ישוה לו — טאַקי דאָס האַרץ איז איהם פֿול געוואָרען מיט פֿרײד, ער איז געווען מיט זײ אין דער הײם, ער האָט געזעהן, ווי דער בריעף־טרעגער טראָגט אַרײַן דעם בריעף, און זײַן שוואָגער לײבּיש לײענט איהם. און חנה־לאה — זי איז דאָך אַ צדקת, אַ צדקת ממש: מילא, וואָס די יודענע שטעהט אויס? צער גדול בנים, אַלץ אויף איהר, אַפֿילו שכר־למוד פֿאַר די קינדער. און הײַנט שטעהט יוסעלע בײַ דער מאַמע און רײַסט זי בײַ׳ם שירץ: „ווײַז מיר דעם טאַטענ׳ס בריעף״...

און אָן יודישקײט האָט ער זיך מיט׳ן גאַנצען האַרץ געהאַלטען, אויף אײן האָר נישט אָבגעטרעטען פֿון זײַן „חק״ פֿון דער הײם. ווען עס איז נאָך טונקעל געווען, האָט ער זיך אויפֿגעהויבען, כּדי ער זאָל נאָך קאָנען פֿאַר׳ן דאַוונען אָב־לערנען זײַן פּרק משניות, ווי ער איז געוועהנט געווען פֿון קינדהײט אָן (אַ משניות האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון דער־הײם). צוערשט האָט דער „באָרדער״ (דער שכן), דער יונגער־מאַן, וואָס איז געשלאָפֿען מיט איהם אין אײן שטוב, תּרעומות געהאַט — ער לאָזט איהם נישט שלאָפֿען. שפּעטער האָט ער זיך צוגעוועהנט צו איהם. האָט זיך מאיר פֿערקליבען אין זײַן ווינקעל שטוב, וואו זײַן בעט אין זײַן קעסטעל זענען געשטאַנען, און דאָרט איז זײַן הײם געווען. דאָרט, בײַ׳ם טישעל, האָט ער אינדערפֿריה געלערנט, געדאַוונט, אײדער ער איז צו דער אַרבײַט געגאַנגען. דאָרט, אין זײַן ווינקעל, האָט ער זיך פֿרײַטאָג־צו־נאַכט דײנע צוויי שבת־ליכט אָנגעצונדען און בײַ זײ שלום עליכם געזאָגט. איהם האָט נישט געאַרט, וואָס ס׳טהוט זיך אַרום איהם — ער האָט׳ס נישט געזעהן. טײלמאָל, ווי ער פֿלעגט פֿרײַטאָג־צו־נאַכט זיצען בײַ זײַן טישעל און מקבל שבת זײַן, איז פּונקט זײַן שכן געזעסען און האָט געטהאָן אַ וואָכעדיגע אַרבײַט, אָדער מיט זײַנס אַ חבר אין קאָרטען געשפּיעלט, — ער האָט זײ קײן מוסר נישט געזאָגט. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט נישט העלפֿען. ער איז זיך נישט געגאַנגען זוכען קײן אַנדער וואוינונג. ער האָט געוואוסט, אַז אַנדערש־וואו וועט אויך אַזוי זײַן,

נאָר ער האָט נישט געקוקט און נישט געזעהן, וואָס ס'טוט זיך אין צווייטען ווינקעל — אין ז י י ן ווינקעל איז שבת־קודש געווען.

אין קיין חבֿרה האָט ער נישט געדאַווענט. דעם ערשטען פֿרייטאָג־צו־נאַכֿט האָבען איהם די לאַנדס־לייט פֿון דער דריטער סטריט מיטגענומען אין דער חבֿרה פֿון זייער שטאָדט. די חבֿרה איז געווען אויף דערזעלבער גאַס, וואו ער וואוינט, אויף דער עלעווייטער־סטריט. אַז ער איז געגאַנגען אין חבֿרה אַריין, פֿרייטאָג פֿאַר נאַכֿט, איז די גאַס געווען פֿול געפּאַקט מיט מענשען. און, ווי עפּיס לְהַכְעִיס דעם שבת, איז דער געקטער מאַרק געווען פֿרייטאָג־צו־נאַכֿט. מיט דער נאַכֿט האָבען זיך גע־מעהרט די טישלעך אינמיטען דער גאַס און האָבען פֿערשטעלט דעם גאַנצען דורכגאַנג פֿון דער גאַס. און בּיי יעדען טישעל זענען געשטאַנען רעדלעך מענשען — דאָס זענען געווען יודישע אַרבּייטער, וואָס זענען פֿון די שאַפּס אַהיים געגאַנגען און האָבען זיך איינגעהאַרכֿט צו די גוואַלדיגע אויסרופֿען פֿון די סוחרים וועלכֿע האָבען מיט קולי־קולות גערימט זייער סחורה. יודישע יונגלעך — ער האָט זיי דערקענט אָן די פּנימ'ער — האָבען אין שבת אַריין געשפּיעלט אין בּאַלען אינמיטען גאַס, האָבען פֿייער אונטערגעצונדען פֿון דעם ליגענדען מיסט און פּאַפּירען — און קיינער האָט זיי נישט דערמאָנט, אַז עס איז שבת. דער האַנדעל פֿון דער־וואָכֿען האָט אידם נאָכגעיאָגט בּיז צו דער טהיר פֿון דער חבֿרה. און אַפֿילו אויף די טרעפּלעך, וואָס פֿיהרען אַרויף צו דער חבֿרה, זענען געזעסען יודישע ווייבּער און האָבען געפֿיהרט אַ האַנדעל מיט די, וואָס געהען אין חבֿרה אַריין דאַווענען. ער איז אַנט־לאָפֿען פֿון דער־וואָכֿען, וואָס איז אויף דער גאַס, אין חבֿרה אַריין, נור דער שבת אין דער חבֿרה איז געווען אַנ'אָרימער, אַ שניידערשער און האָט געמאַכֿט אַנ'איינ־דרוק, ווי ער וואָלט פֿערטרונקען געוואָרען אין דעם גרויסען וואָכֿענדיגען טאָג, אין וועלכֿען ער איז געשטאַנען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און האָט געזעהן אַנ'אַלמעמער, וועלכֿע; אַ יוד האָט אַרייסגערוקט פֿון אַ ווינקעל אינמיטען שטוב אַריין; אַ צווייטער יוד האָט אָנגעהויבּען ליכֿטלעך אָנצינדען, האָטש עס איז שוין געווען אַ שטיק אין שבת אַריין. די „חבֿרה" האָט זיך אָנגעהויבּען איינציגווייז צוזאַמענקומען — דאָס זענען ס'רובֿ געווען בּעלי־מלאכֿות פֿון זיין שטעדטעל. וועלכֿע ער האָט נאָך געקענט פֿון דער היים. טייל האָט ער דערקענט פֿון גאַנץ אַלטע יאָהרען: ער האָט זיי געזעהן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, און איצט האָבען זיי געמאַכֿט אויף איהם דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען איהם ערשיינען אין אַ חלום; אַנדערע האָט ער גוט געקענט פֿון דער היים! — דער גבּאי איז געווען אַ טאַנדעטנער שניידער, „קאָזעק" פֿלעגט מען איהם רופֿען, אַ יודעל מיט אַ געל בּערדעל, מען האָט איהם אַמאָל פֿאַר אַ גנבֿה פֿערשיקט קיין בּריסק — און פֿון דעמאָלט אָן איז ער פֿערשוואונדען געוואָרען. דאָ איז ער געווען דער גאַנצער בּעל־הבּית פֿון שוהל און האָט איהם מיט אַ בּרייטקייט שלום־עליכֿם אָבּגעגעבּען און געקוקט אויף איהם איצט ווי מיט אַ רחמנות־פּנים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכֿט אַ בּע־קאַנטען פֿון דער היים, מיט וועלכֿען ער זאָל אַ וואָרט קענען ריידען — ער האָט געזעהען אַרום זיך נאָר בּעלי־מלאכֿות, נישט פֿון זיינע מענשען. מען האָט איהם „שלום־עליכֿם" געגעבּען און איהם אויסגעפֿרעגט פֿון דער היים. בּאַלד איז צוגע־גאַנגען אַ יוד צום אַלמעמער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען. ער האָט איהם געקענט: עפּיס אַ געוועזענער שמיד אין זייער שטעדטעל...

מאיר האָט זיך דערמאָהנט דעם שבת אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעד־

טעל, ווי אַלע גענוועלבער ווערן פֿאַרמאַכט, די גאַנצע שטאָדט איז פֿאַרשלאָפֿן, און ר׳ ליבל, דעם רבינ׳ס חזן, איז מקבל שבת, — אין אַ בענקשאַפֿט האָט איהם אַרומגענומען נאָך דער היים, נאָך זיין ווייב, זיין הויז־געזינד, זיינע קינדער... שבת. זיין יוסעלע שטעהט איצט אין זיידען קאַשקעטעל, וואָס ער האָט איהם געקויפֿט איפֿ׳ן לעצטען שמחת־תורה (מאיר האָט יוסעל׳ן אַלץ געזעהען אין דעם קאַשקעטעל), און שאָקעלט זיך איבער׳ן סדור; אין דער היים איז געגרייט צום טיש. די לייכטערלעך ברענען. און חנה־לאה, אַ אשת חיל — איז אָנגעטהאָן אין דער נייער הויב. — און ער איז אַזוי ווייט... אָבער קיין עגמת־נפֿש האָט ער זיך נישט צוגעלאָזט: עס איז שבת, און דאָך קבלת שבת בצבור, האָט ער מיטגעזונגען דעם „שניידערשען" לכה־דודי. נאָכ׳ן דאַוונען האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, ווי ער איז געוועהנט געווען פֿון דער־היים, נישט גלייך נאָכ׳ן דאַוונען אַהיים צו געהן, נאָר צו לערנען פֿרייטאָג־צו־נאַכט נאָכ׳ן דאַוונען. און צו וועמען זיך אַהיים אַיילען? און שבת׳דיג האָט ער זיך דאָך געפֿיהלט — האָטש אין די בגדים... נאָר אַזוי ווי ער זיצט און שאָקעלט זיך איבער׳ן סדור, זעהט ער, ווי מען הויבט ווידער אָב דעם אָרון־קודש מיט׳ן אַלמעמער אין אַ ווינקעל אַריין, און מען פֿערהענגט עס מיט אַ לייליך. מען בעהאַלט עס, און עס הויבט זיך אָן צו ווייזען נאָר אַנ׳אַנדער עולם — עפּיס כלי־זמרים מיט בתולות און בחורים. מאיר הערט־אויף צו זאָגען, קוקט זיך אום פֿערוואונדערט, — עס געהט צו איהם צו דערזעלבער יוד, וואָס האָט די ליכטלעך אָנגעצונדען, אין דעם גאַליציאַנער קאַשקעטעל, און מיט׳ן גאַליציאַנער לשון זאָגט ער איהם:

— ר׳ פּעטער, איהר וועט דאָס אָרט פֿערלאָזען, מען דאַרף די טישען צעשטעלען. וואָרום דער טאַנץ־מייסטער קומט באַלד צוגעהן.

— וואָס? אין אַ מקום־קדוש, און פֿרייטאָג־צו־נאַכט? — שרייט־אויף מאיר.

— די קאָנגרעיישען אַנשי לעשנע „מיטהען" אָב יעדען פֿרייטאָג פֿון 6 ביז 8 דעם זייגער דאָב צימער. עס איז שוין נאָך אַכט — פֿון אַכט קומט דער פּאַריזער טאַנץ־מייסטער.

— דאָ? אין מקום־קדוש? — וואונדערט זיך נאָך מאיר.

— איצט איז עס שוין נישט קיין מקום קדוש, איצט איז עס אַטאַנץ־האָל...

מאיר האָט געחאַפּט דעם סדור און איז אַנטלאָפֿען. פֿון דעמאָלט אָן דאַוונט ער נישט אין קיין חברה, עסט נישט קיין פֿלייש פֿון זייער שחיטה, — נאָר אַליין פֿאַר זיך, ביי זיך אין ווינקעל, צווישען זיין בעט און קעסטעל, איז מאיר מקבל שבת, זינגט מאיר אַלע זמירות פֿון רבי׳ן, בענקט מאיר אויך נאָכ׳ן יודישקייט, נאָך זיין ווייב און קינדער. און דער עיקר — נאָך זיין יונגסטען, נאָך זיין יוסעל׳ען.

סאָסייטי — חברה, פֿעראיין, געזעלשאַפֿט. סטריט — שטראַסע, גאַס. שאָפּ — ווערקשטוב, מאַסטערסקאַיאַ. מי ידמה ומי ישוה לו — ווער קען זיך גלייכען צו איהם. צער גדול בנים — די ליידען פֿון קינדער־ערציהען. חק — געזעץ, רעגעל. אַפּרק משניות — אַ קאַפּיטעל משניות (מ־ניות איז אַ טייל פֿון תלמוד). תרעומות — אונצופֿריעדענהייט, טענות. בצבור — אין אַ געזעלשאַפֿט, צוזאַמען מיט אַנדערע. מיטהען־אָב — האַלטען אָב זייער פֿערזאַמלונג. האָל — זאַל.

שלום-עליכם.

שלאָף, מיין קינד!

(א וויעג-ליעד).

שלאָף, מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שענער,
שלאָף, מיין זוהנעניו!
שלאָף, מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע ליו-ליו.

בּיי דיין וויעגעל זיצט דיין מאַמע,
זינגט אַ ליעד און וויינט;
וועסט אַמאָל פערשטעהן מסתמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

אין אַמעריקא דער טאַטע
דיינער, זוהנעניו!
ביזט אַ קינד נאָך, שלאָף לעת-עתה,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

דאָס אַמעריקא פאַר יעדען,
זאָגט מען, איז אַ גליק
און פאַר יודען אַ גן-עדן, —
עפּעס אַן'אַנטיק.

דאָרטען ווייסט מען פון קיין גלות,
גזרות, זוהנעניו,
פון קיין צרות, קיין יללות,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

דאָרטען, זאָגט מען, זענען יידען,
קיין עין-הרע, רייך,
יאַבּלעך וועל איך די דאָרט קאָבען,
אַלע זענען גלייך.

דאָרטען עסט מען אין דער וואָכען
חלה, זוהנעניו!
יאַבּלעך וועל איך דיר דאָרט קאָכען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

נאָר דערווייל לאָמיר האָפען,
אוי, וואָס קען מען טהון?
ב'וואָלט שוין לאַנג צו'איהם געטראָפען,
ווייס איך ניט וואוהין...

גאָט וועט הייסן, וועט ער שיקן
פּריוועלעך, זוהנעניו!
גאָר אין גיכן אונז בעגליקן,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

ער וועט שיקן צוואַנציג דאָלער,
זיין פּאָרטרעט הערצו
און וועט נעהמען, לעבן זאָל ער.
אונז אַהינצו.

ער וועט אַלץ פון אונזערטוועגן
שאַפן, זוהנעניו,
און וועט פאָהרען אונז אַקעגן,
שלאָף זשע, שלאָף ליו-ליו.

און וועט האַפן דיך צום קושן,
שווייגען אַזש פאַר פרייד;
איך וועל קוואַלען טרעהרען גיסן,
וויינען שטילערהייט.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטעל,
דאַרף מען, זוהנעניו,
שלאָפן; ס׳איז אַ טייער מיטעל, —
ליולינקע, ליו-ליו.

דריטער טייל

מוסטערן פון די בעדייטענדסטע
ליטעראַרישע פאָרמען.

I. פראזא.

מענדעלע מוכר ספרים.

פארצייטיגע בעלי־מלאכות.

(פראזאאישע בעשרייבונג).

קהל האט געהאלטען בעלי־מלאכות אין דער מורא, אבגעזונדערט פון בעלי־בתים. א בעל־מלאכה האט נישט געטארט שבת אנטהאן א זיידענע קאפאטע, טראגען אויפ'ן קאפ א שטריימעל. אין בית־המדרש, אין קלויז איז זיין ארט געווען אויף דער לעצטער באנק, הינטער דער בימה. צו דער תורה פלעגט מען אידם אויפרופען „החבר“, נישט קיין „מורנו“, אי דאס זעהר זעלטען. אויף אסיפות מיט די פיינע בריות וועגען שטאדט־זאכען איז זיין פוס נישט געווען. זיין דעה האט מען ניט געפרעגט. פאר עזות וכדומה עפעס א פערברעכען האט מען אידם אויסגעשייגעצט, אויך אויסגעפאטשט, און אמאל טאקי מקיים פסק געווען אין קהל־שטיבעל. זיינע קינדער פלעגט מען „חאפען“, „אבגעבען“ אין דער דיענסט, א כפרה פאר בית־מדרש'ניקעס, טאטענס־קינדער.

אליין פאר זיך זענען די יודישע בעלי־מלאכות אין יענער צייט געווען ניט היינט געדאכט, געפאלען. דאס אויסלערנען זיך עפעס א מלאכה איז פון אנהויב אן זעהר שלעכט געווען אוועקגעשטעלט. א לערען־יונגעל ביי א ליארע בעל־מלאכה'לע האט בעדארפט יאהרען־לאנג אוועקגעטראגען פאמויניצעס, העלפען אין בעלי־בת'ישקייט דער בעל־הבית'טע און חאפען פעטש און קלעפ ווי האלץ. אז געלערנט די מלאכה האט ער מכות, האט ער זי מכות טאקי געקענט. ער איז געווען דערנאך א פארטאטש, א פערביטערטער, אומגליקליכער מענש. פאר צרות ליעב געהאט דעם טרונק, די האנד זיינע איז געווען פריי אויף א קלאפ, מכבד געווען אמאל אפילו דאס אייגענע ווייב אויך, אז אך און וועה די לערען־יונגלעך. נעבעך, וואס זענען צו אידם, אין זיין צייט, אין די הענד אריין! און ווער, מ'שטיינס געזאגט, זענען עס געווען די יונגלעך, וואס זענען אריין צו אזעלכען לערנען די מלאכה? יתומים, ארעמינקע, פערוואהרלאזטע, ניט געלערנט אין קיין חדר, ניט געקענט קיין עברי — עם־הארצים. דאך ווי שלעכט די לאגע פון די בעלי־מלאכות איז געווען, האט זיך צווישען זיי געפינען זעהר פיעל גוטע, פערשטענדיגע מענשען, אויך אזעלכע מיט הארץ, געפיהל, און לעבעדיגע פרעהליכע קבצנים.

ווי ארים, פערזאומערט דעם בעל־מלאכה'ס דירה האט אויסגעזעהען פון דרויסען, אזוי לעבעדיג־פרעהליך איז דארט צייטענווייז געווען פון די פועלים בשעת דער ארבייט. עס שטעהט זיך, א שטייגער, איציק דאס שניידערעל מיט א

פּרעסעל אין דער האַנט איבער אַ שטיקעל אַרבייט, הויבט אָן אויף אַ קוויטש אַ מאַרש צוקלאַפּענדיג צום טאַקט מיט'ן פּרעסעל, און חברה פּועלים, בחורים, אַרום טיש, אַרבייטענדיג געשווינד מיט דער נאָדעל, העלפֿען אונטער, דער אויפֿ'ן געלענקעל, יענער אויפֿ'ן בייקוליכעל, איטליכער מיט וואָס ער קען, און עס שפּיעלט זיך אָפּ אַ „מלך=עליון" טשאַקענדיג, לעבעדיג, אַזש מלאכים מעגען זיך פֿרעהען. און טאַקי באַלד דערנאָך פֿערקרימט זיך איינער, נאָכמאַכענדיג אויף אַ אומעטיג קול דעם בדחן, ווי ער זאָגט גראַמען צו אַ בעדעקענס. אַ טייל בחורים שפּיעלען צו, ווי די כלי=זמר, אַ שטיל טרויעריג ניגונ'דעל, די איבעריגע פֿערגעהען זיך, ווי ווייבער, אין אַ געוויין. ס'איז אַ יאָמער, אַ קלאָג — און פֿון דער קאַצען=מוזיק לאָזט זיך אויס אַ פֿרעהליכער טאַנץ! די בעל=הבית'טע, די שניידערקע, שטעלט אַנידער אויפֿ'ן טיש אַ גרויסע פֿולע שיסעל אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿעל, הייסע=זודיגע מיט דער שאָלעכטס, און מען מעג געהן אָנקוקען אויף בילעטען, מיט וואָס פֿאַר אַ גיכקייט די קאַרטאָפֿעל ווערען אָפּגעשיילט, און מויל אַריינגעהאַפּט און אַראָפּגעשלונגען. מייסטערהאַפֿט! אַזעלכע בריה'ס אויף קאַר=טאָפֿלעס=עסען, ווי שניידער=יונגען יכדומה זענען, איז שווער אויף דער וועלט צו געפֿינען. זיי האָבען דרינען זיך אויסגעאַרבייט, בעקומען אַ ידיעה, ווייל דאָס, קאַרטאָפֿעל הייסט עס, איז זייער שפּייז, מ'שטיינס געזאָגט, טאָג=טעגליך.

דאָרט, ביי די פּועלים, ווערען אָפֿט געזונגען ליעדלעך, אייגענע אַרבייט טאַקי, וואָס געהען דערנאָך אַרויס אויף דער וועלט, צווישען עולם, פֿאַלען אַריין אין מויל צו מיידלעך, דיענסט=מיידלעך און בעקומען דעם נאָמען „פֿאָלקס=ליעדלעך". פּועלים, וואָס פֿלעגען וואַנדערווען, אַרבייטען ביי גוים אין די דערפֿער, האָבען אין זייערע ליעדלעך אַריינגעמישט גוי'אישע ווערטער, אַזוי אַז ס'איז אויסגעקומען האַלב יודיש, האַלב רוסיש. דער „תוך" פֿון די ליעדלעך איז געווען זעהר פֿערשיעדען. ס'איז געווען אַזוינע איבער ליעבעס: אַ דיענסט=מיידעל, אַ שטייגער, פֿערבענקט זיך אין דער פֿרעמד נאָך איהר געליעבטען, דערמאָנט זיך וויינענדיג אָן די גוטע, זיסע מינוטען, ווי זיי פֿלעגען פֿערברענגען צוזאַמען, ווי אַ פּאָר טויבען, אויפֿ'ן שפּאַציר, אַמאָל אין גערטנער וועלדער און אַמאָל צווישען ווייץ און קאָרן; אָדער כתם אַ מיידעל גיסט אויס איהר האַרץ, ציהט זיך מיט דער נשמה צו עפּעס אַ חתן, ווי אַ קליין קינד מיט די הענדטלעך צו דער שיינענדיגער לבנה. אויך ליעדלעך פֿון אַ שניר איבער אַ בייזע שוויגער, פֿון אַ יתומה איבער אַ שטיפֿמוטער, ליעדלעך פֿון יודישע רעקרוטען, ווי זיי געזעגענען זיך מיט אַלע זייערע ליעבע פֿאַר'ן אַוועקגאַנג אין דיענסט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען. צווישען די ליעדלעך איז דאָ פֿיעלע איבער נגידים, קהל'ס לייט און כלי=קודש, און וועלכע די בעלי=מלאכות רעכענען זיך אָפּ מיט די אַלע פֿיינע=בריות פֿאַר די צרות און לייד, וואָס זיי שטעהען פֿון די לייט אויס, און לאָזען אויס צו זייער קאָפּ אַל=דאָס בייז מיט שאַרפֿע, שפּי=ציגע שטעכווערטלעך. מען קען מיט רעכט זאָגען, אַז ביי די בעלי=מלאכות האָט געטליעט אַ פּאָעטישער פֿונק, זיך געלאָזט פֿיהלען אַ יונגע, פֿרישע נשמה, און דערמיט טאַקי לאָזט זיך דערקלעהרען זייער אומגאַנג ווי חברים מיט קינדער. זייער ליעבשאַפֿט עד היום צו שרייבער, פּאָעטען.

קינדער זענען פֿון דער נאַטור אויך שטיקלעך בעלי=מלאכות: זיי האָבען ליעב צו מייסטערען, שניצען בריען, מאָלען וכדומה. דאָס יודישע חדר=יונגעל, אַ שטייגער, נעהמט זיך מיט חשק שניצען פֿאָרמעס און גיסען דריידלעך אויף

חנוכה, מאַכען המן-קלעפּלעך אויף פּורים, מאָלען רייזלעך און קלעפּען אויף די פענסטער שבועות. נאָר אַנשטאָט אונטערצוהאַלטען דעם חשק ביי קינדער צו מייסטערן, דערשטיקט מען איהם נאָך באַלד אין אָנהויב מיט שטרענגע מיטעל — לאָזען זיי בעסער לערנען, זאָגט מען, נישט פאַרנעהמען זיך מיט נאַרישקייטען. טרעפט זיך אָבער אַמאָל, אַז קינדער קומען צו בעלי-מלאכות, זענען זיי זיך פּשוט מחיה פאַר גרויס פאַרגעניגען צו זיצען און צוקוקען זיך, צוהערען זיך, ווי יענע אַרבייטען, ווי יענע ריידען, זינגען, זאָגען גלייכווערטלעך. נאָך דעם אומעט, פינסטערע צורות, בייזע פּנים'ער און פאַרקלאָגטע נשמות, וואָס זיי זעהען פאַר זיך שטענדיג אין חדר, אין בית-מדרש און אין דער היים, איז אַ פרייע מינע, אַ פרעהליך פּנים, אַ גוט וואָרט פאַר זיי גאָר אַ דערקוויקעניש. די אייגעלעך קוקען, די אויערלעך האָרכען און דאָס הערצעלע קוועלט, איז זיך מחיה!

החבר — דער פריינד, דער גוטער ברודער. מורנו — אונזער האַר, אונזער לעהרער (אַ אויסדרוק פון הויכאַכטונג).

ש. אייזענשטאַדט.

פון אלעקסאנדריען קיין ביירות.

(רייזע-בילדער)

1. אשקלון:

אונזער שיף געהט ווייטער און האַלט זיך אַלץ נאָהענט צום פּאַלעסטינישען ברעג. דער ים איז אין דעם אָרט ניט איבעריג ברייט, און עס איז פון ווייטען גאַנץ לייכט צו בעמערקען זיין אייראָפּעאישען ברעג; זיין אַפריקאַנישער ברעג ליעגט שוין איניגע מיילען פון הינטען.

די בילדער אויפ'ן ברעג ים פון פּאַלעסטינא בייטען זיך, פּלוצלינג וואַקסען זיי אויס פון דעם נעבעל, וואָס פאַרדעקט דעם האָריזאָנט, און פּלוצלונג פאַרשווינדען זיי, פאַרבייטען זיך אויף אַנדערע. אָט זעהסטו אַ ווילדעס, פּוסטעס שטיק לאַנד, פאַרוואָרפען מיט שטיינער, בעוואַקסען מיט ווילדען מיסט-גראָז און וואו ניט וואו מיט הויכע דאַרע ביימער, וואָס זענען ניט בכח צו לאָזען טיעפע וואָרצלען אין דער שטייניגער ערד און שטרעקען אויס מיט אַ שטילער בקשה זייערע צווייגען צום ים, גלייך ווי זיי בעטען זיך: טראָג אונז, וואוהין דו ווייסט אונז טראָגען, נאָר נעהם אונז צו פון דעם איינזאַמען ווינקעל. אַ פאַלשטענדיגער חורבן! נאָר באַלד בעהאַלט זיך דאָס טויטע, איינזאַמע בילד, פאַרדעקט זיך מיט נעבעל. אַ פּאָר ווייסע אַראַבישע הייזלעך האָבען זיך געוויזען אין טהאָל, און עס האָט זיך פאַר די אויגען געעפענט אַ ברייטע לאַנקע מיט שעפּסען און ציעגען. נאָך אַ ווייל — און אויפ'ן פעטען גלאַטען טהאָל בעווייזען זיך איינציגע ביימער. באַלד שטעהען זיי גריפּעס-וויז אַרום איינציגע הייזלעך, באַלד ציהען זיי זיך שורות-וויז, פריהער שיטער, פאַנאַנדערגעוואָרפען, ווייטער אַלץ געדיכטער און ענגער, ביז זיי געהען לאַנגזאַם איבער אין אַ געדיכטן וועלדעל, וואָס פאַרדעקט דעם גאַנצען ברעג און פאַרשטעלט די פרייע אויסזיכט. דער ברעג הויבט אָן צו ווערען אַלץ העכער און העכער, ביז עס טרעט אַרויס פאַר אונזערע אויגען אַ גאַנצע קייט פון בערג איבער'ן ים.

מיר זענען ניט מעהר ווי צוועלף מייל פון גת, און עס איז שוין נאָהענט די

פֿאַרצײַטיגע שטאָדט פֿון די פּלשתּים — אַ ש ק ל ו ן. פֿון ים קען מען די שטאָדט ניט זעהען, אַזוי הויך און שפּיציג זענען דאָ די בערג אויפֿ'ן ברעג, וועלכע לאָזען זיך אַראָב צום ים ווי אַ גלײַכע וואַנד. אויפֿ'ן ברעג קען מען בעמערקען די סימנים פֿון דעם פֿאַרצײַטיגען פּאָרט, וועלכען דער ים און די ווינטען האָבען צערשטערט — דאָס איז דער בערימטער פּאָרט פֿון אַשקלון. צווישען די פֿעלזען בײַם ים זענען אויף וויאָרסטען לאַנג אָנגעוואָרפֿען שטיינער, פֿון פֿערשיידענער גרויס און פֿערשיידענע פֿאַרבען, און מען קען גלײַך נאָך זיי דערקענען, אַז זיי האָבען אַמאָל געבילדעט גרויסע, פּרעכטיגע געביידען און זענען אַכזריות'דיג אויסגעריסען געוואָרען פֿון זייערע ערטער. אַזוי לאַנג איז דאָס געשעהן, און זייער רושם איז נאָך אַזוי פֿריש, אַזוי לעבעדיג, אַזוי קענטיג זענען נאָך אויף אַ סך שטיינער די סימנים פֿון מענשליכער האַנד, אָפֿט אַפֿילו נאָך ערהאַלטען געבליבען די שני־צעריי און פֿערשיידענע פֿיגורען. פֿון אָט דעם גרויסען היסטאָרישען בית־עולם קוקען אַרויס וואו ניט וואו אײַנציגע פֿייגען־און טייטעל־בוימער און פֿערלאָזענע וואַסער־קוואַלען. קיין לעבעדיגען נפֿש זעהט מען ניט...

מיר געהען ניט אין שטאָדט, ווײַל די שטאָדט איז אַ געוועהנליכעס אַראַבישעס דערפֿעל. מיר רינגלען זי אַרום, האַלטענדיג זיך בײַ די רעשטען פֿון דעם היסטאָרישען מויער. אין אַ סך ערטער שטעהט ער נאָך גאַנץ פֿעסט, כאָטש זײַנע שטיינער זענען פֿון אַלטקייט בעדעקט מיט שימעל. נאָר דאָרטען, וואו ער איז צעבראָכען, זעהט מען נאָך דייטליך די סימנים פֿון פֿיינדליכער מאַכט, ווי ניט לאַנג וואָלט אַ מעכטיג חיל מיט שטורעם אין האַרמאַטען אײַנגענומען און צעריסען די שטיינערנע וואַנד.

שרעקליך גרויס זענען די רואינען, הונדערטער טויזענטער שטיינער — אַ קאָלאָסאַלע מצבֿה!

2. י פֿ ו.

פֿון אַשקלון ביז יפֿו איז ניט מעהר ווי דרייסיג מייל, און אויפֿ'ן גאַנצען וועג כמעט זעהט מען פֿון שיף נאָר שטיינער און זאַמדיגע בערג, וואָס הינטער זיי קוקען אַרויס, האַלב בעהאַלטען, ווי פֿערשעמט, שעגע גרינע טהאָלען — ווי דער ריינער הימעל פֿון הינטער אַ שוואַרצער, פֿינסטערער כמאַרע.

פֿון יפֿו ווייטער קיין צפֿון ציהט זיך אַ גאַנצע שורה פּאָרטען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען פֿון די אַמאָליגע כנענים, די אײַנוואוינער פֿון צור און צידון — דעם ערשטען ים־פֿאָלק אין די אַלטע צייטען.

יפֿו מאַכט שוין פֿון ווייטען דעם אײַנדרוק פֿון אַ אייראָפּעאישער שטאָדט, וועלכע בעקומט דורך די שענקייט פֿון דער נאַטור אַן אָריגינעלעס אויסזעהען. זי שווימט אַרויס פֿלוצלונג פֿון הינטער די בערג און בעווייזט זיך פֿון די ים־כוואַליעס אין איהר גאַנצער פּראַכט.

ווען מיר פֿאָהרען צו נעהנטער, זעהען מיר, אַז עס הויבט זיך אויף איבער'ן ים אַ משופּע'דיגער, קײַלעכדיגער באַרג. אויף זיין שפּיץ שטעהען, ווי סטאַדעס שעפּסען, ווייס־קלאָרע הײַזלעך, אַרומגערינגעלט מיט אײלבירט־בוימער. אויפֿ'ן האָריזאָנט פֿון ריינעם הימעל זעהען זיך די „הרי־יהודה"; איבער זיי שײַנט אַרויס די זון פֿאַר די אײַנוואוינער פֿון יפֿו, און הינטער זיי בעהאַלט זיך ירושלים צווישען די פֿעלזען־שפּיצען.

עס איז ניט קיין גרינגע זאַך אַראָבצוגעהן פֿון שיף. דאָס שיף מוז זיך אָבשטעלען אויף אַ גרויסער שטרעקע ווייט פֿון ברעג, מחמת דאָס וואַסער איז דאָ ניט טיעף. מען זעצט זיך איבער אויף קליינע שיפֿלעך, וועלכע וואַרטען אויף אַ גוטע מינוט, ווען די רוישענדע כוואַליעס ווערען שטילער, כדי זיך צו פֿאָהרען צום ברעג. ווען די שיפֿלעך קומען אָן צו דער שטיינערנער בריק אויפ'ן ברעג, לויפֿט אָן אַ עולם אַראַבער, טראָגען אייך אַרויס ווי אַ פעקעל סחורה פֿון שיפֿעל און לאָזען אייך אַראָב אויף די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פֿיהרען אין שטאָדט אַריין. אַ קאָמפּאַניע טרעגער, יודישע און אַראַבישע, כאַפּען אונטער אייערע פעקלעך און לויפֿען נאָך אייך אין שטאָדט.

מיר געהען אַראָב פֿון שיף, און אַ געשמאַקער ריח דערגעהט צו אונז און פֿילט אָן די גאַנצע לופֿט פֿון שטאָדט. דאָס איז דער ריח פֿון די בליהענדע אַפּעלסינען, וואָס איז אויסגעגאָסען איבער גאַנץ יפו, ווייל די אַפּעלסינען-פּלאַנטאַציעס פֿערנעהמען אַ גרויסען פּלאַץ הינטער'ן שטאָדט און נעהמען די אַרום פֿון דריי זייטען.

די גאַסען פֿון יפו זענען פֿול מיט ליאַרעם און טומעל; אומעטום קעמלען, אָנגעלאָדענע מיט סחורות, וועלכע מען פֿיהרט פֿון און צום פּאָרט. די סחורות ליגען אָנגעוואָרפֿען אָהן אַ סדר אין די גאַסען, וועלכע זענען נאָהענט צום פּאָרט, און אַרום זיי דרעהט זיך שטענדיג אַ גרויסער עולם אַראַבער. דער האַנדעל איז גרויס, ווייל דאָ איז דער איינציגער גוטער פּאָרט אין גאַנצען לאַנד, און אַלע סחורות געהען אַריין און אַרויס דורך איהם.

דער האַנדעל מיט אייראָפּא מאַכט יפו אַלעמאָל מעהר אייראָפּעאיש. די הייזער ווערען שוין אין אַ סך ערטער געבויט אויפ'ן אייראָפּעאישען שטייגער. און עס לעבען אין שטאָדט אַ גרויסע צאָהל אייראָפּייאישע איינוואַנדערער.

יפו בעניט זיך און וואַקסט, און דאָס איז די סבה, פֿאַר וואָס עס זעהען זיך ניט אין יפו די סמנים פֿון דער אַלטער צייט, אויסער די רעשטען פֿון איהרע אַלטען שטאָדטיגען מויער.

די געגענד אַרום יפו איז ניט ווילד און פֿערלאָזען, ווי אין אַנדערע ערטער פֿון ארץ-ישראל. וואו עס געפֿינען זיך נאָר יודישע אָדער אייראָפּעאישע קאָלאָניעס, איז דאָ בליהענדע תבואה-פֿעלדער, גרויסע גערטנער מיט פֿערשיידענע קולטור-פּלאַנטאַציעס, בעזונדערס מיט ווייַנטרויבען, אַפּעלסינען און איילבירט-ביימער.

פֿון יפו געהט קיין ירושלים אַ'אייזענבאַהן, וועלכע שניידט דורך די הרי-יהודה.

3. הר הכרמל.

אָט איז דער כרמל, דער ריעזיגער זכרון פֿון דער אַלטער צייט. ער שטעהט פֿאַר אונז ווי אַ הויכע פֿעלזען-וואַנד. פֿעסט און הויך הויבט ער זיך אויף פֿון ים און קוקט און שפּיגעלט זיך אין דעם בלאָהען רוישענדען תהום. הויך איז דער כרמל 18 הונדערט פֿוס און איז נאָך זיין הויך דער צווייטער באַרג אין גאַנץ פּאַלעסטינא. זיין העכסטער פּונקט איז אין מזרח-זייט, און פֿון דאָרטען ציהט ער זיך און לאָזט זיך אַראָב ביסלעכווייז צו מערב, וואו ער גיסט זיך צונויף מיט דעם צענטראַלען טייל פֿון יהודה. די איינוואוינער האָבען שטענדיג מיט דער שענקייט פֿון כרמל שטאָלצירט און אין זיין פֿאַרבענרייכען בילד האָבען זיי

געזעהען די כּהוּת פֿון דער מורח'דיגער נאַטור. די פּאָעטען, די נביאים האָבען
איהם בעזונגען, דאָבען איהם געמאַכט פֿאַר אַ בעליעבטע פֿאָרשטעלונג פֿון זייערע
אידילישע בילדער; יונגע מיידלעך האָבען דאָרט זייערע קרענץ פֿון פֿעלד-בלומען
געפֿלאָכטען, פֿערהילכענדיג די גרויסע פֿרייע נאַטור, דעם ים און די טהאָלען
מיט פֿלאַמענדיגע ליעדער פֿון ליעבע. ווען מען שטעהט אויפֿ'ן שפּיץ פֿון כּרמל
אין דעם אָרט, וואו עס געפֿינט זיך דער לייכט-טורעם צו ווייזען די שיפֿען דעם
וועג אין ים, זעהט מען פֿון דרום-זייט אונטען אין טהאָל די הרוב געוואָרענע קסריה
און פֿון צפֿון דעם ים. וועלכער שניידט זיך אריין אין דער יבשה מיט אַ לאַנ=
גען שאַרפֿען שפּיץ. ווייט, ווייט, אויפֿ'ן האָריזאָנט, מערציגען מיט אַ שלייער פֿון
נעבעל. שטעהט אין אַלטען לאַנגיאָהריגען דרעמעל דער ברודער פֿון כּרמל —
דער באַרג לבנון. אין מזרח זעהט זיך נאָר אַ לאַנגער דונקעלער שטריך, דאָ=
מען הויבט זיך אָן אַ צווייטע שורה בערג — די בערג פֿון גליל, וואָס ציהען
זיך אין איין ליניע מיט דעם ברעג פֿון ירדן און בעהאַלטען צווישען זיך דעם
גרויסען היסטאָרישען טהאָל „עמק יזרעאל“. אויפֿ'ן העכסטען אָרט פֿון כּרמל,
אין אַ קענטיגען אָרט, וועלכער איז גוט בעאַרבייט און קולטיווירט, שטעהט אַ
קריסטליכער קלויסטער, געבויעט שוין אין'ם נייעם סטיל. נאָר די מנהגים אין
איהם דערמאָהנען די צייט פֿון דעם שטרענגען מיטעלאַלטער, ווען די הייליגע
האָבען פֿערבראַכט זייער גאַנץ לעבען הינטער שטיינערנע ווענד, פֿערוואָרפֿען
און אָבגעריסען פֿון דער וועלט. דער קלויסטער דיענט אַלס מקום-מקלט פֿאַר
אַ סך וואַנדערער, וועלכע דער גורל פֿערפֿיהרט אַהער. זיי ווערען דאָ אויפֿגענומען
מיט אַזאַ ליעבע און פֿערגעניגען, וועלכע זענען זעהר זעלטען אין דער היינטיגער
צייט. מיט הונדערט יאָהר צוריק איז אויף דעמזעלבען אָרט געוועזען אַנ'אַלטע=
בנין, אין וועלכען, ווי מען דערצעהלט, עס האָט יאָהרענלאַנג געלעבט דער גרוי=
סער גריכישער פֿילאָזאָף פּיטאַגאָראַס, וועלכער האָט פֿון שפּיץ באַרג געמאַכט
זיינע טיעפֿע בעטראַכטונגען איבער דעם מענשליכען לעבען.

ווען מיר שטעהען אויפֿ'ן העכסטען אָרט פֿון כּרמל, ליעגט דער גאַנצער ים
און דאָס גאַנצע לאַנד פֿאַר אונזערע אויגען; בעזונדערס דער ים, וועלכער ציהט
זיך, ווי אַ קלאָרער שפּיעגעל און בעהאַלט זיך פֿון אונזערע אויגען ביי די
ברעגען פֿון ציפּערען, וואו זיין קלאָר וואַסער ווערט צוזאַמענגעגאָסען מיט'ן ריינעם
האָריזאָנט. עס זעהען זיך די בערג פֿון יהודה מיט זייערע היסטאָרישע טהאָלען.
אין צענטער פֿון יהודה זעהט זיך אויסגעשפּרייט דאָס ברייטע, אָפֿענע און גלייכע
„ארץ המישור“ ביז צום ירדן, — דאָס איז די הויפּט-אַרענע פֿון דעם אַמאָליגען
יודישען לעבען.

מיר פֿאָהרען אָב פֿון כּרמל, און ער שטעהט נאָך אַ צייט הינטער אונז,
ווינקט צו אונז און שפּיגעלט זיך אין דעם ריינעם, קלאָרען וואַסער. מיר זענען ניט
ווייט פֿון אַנ'אַנדער היסטאָרישער שטאָדט — עס ערשיינט פֿאַר אונז עכּו.

דער מלך רחבעם.

(הראָניק).

און שלמה האָט געקעניגט אין ירושלים איבער גאַנץ ישראל פֿערציג יאָהר.
און שלמה האָט זיך געלעגט מיט זיינע עלטערן, און מען האָט איהם בעגראָבען

אין דער שטאָדט פֿון זיין פֿאָטער דוד. און ס'האָט געקיניגט רחבֿעם זיין זוהן אויף זיין אָרט.

און רחבֿעם איז געגאַנגען קיין שכם. וואָרום אין שכם זענען געקומען גאַנץ ישׂראל צו מאַכֿען איהם פֿאַר אַ מלך. און עס איז געווען, אַז ירבֿעם בן נבֿט האָט דאָס דערהערט, — ער איז דעמאָלט געווען אין מצרים, וואָרום ער איז אַנטלאָפֿען פֿאַר דעם מלך שלמה. — און ירבֿעם איז צוריקגעקומען פֿון מצרים, האָבען זיי געשיקט און איהם גערופֿען, און ס'איז געקומען ירבֿעם און גאַנץ ישׂראל און זיי האָבען גערעדט צו רחבֿעם אַזוי צו זאָגען: „דיין פֿאָטער האָט שווער געמאַכֿט אונזער יאָך, און איצט מאַך לייכֿטער די האַרטע דיענסט פֿון דיין פֿאָטער און זיין שווערען יאָך, וואָס ער האָט געגעבען אויף אונז, וועלען מיר דיך דיענען". און ער האָט געזאָגט צו זיי: „און דריי טעג אַרום זאָלט איהר זיך אומקעהרען צו מיר", און דאָס פֿאָלק איז אַוועקגעגאַנגען. און דער מלך רחבֿעם האָט זיך אַנ'עצה געהאַלטען מיט די אַלטע לייט, וועלכֿע זענען נאָך געשטאַנען פֿאַר זיין פֿאָטער שלמה, ווען יענער האָט געלעבט, אַזוי צו זאָגען: „ווי ראָט איהר מיך איך זאָל ענטפֿערען דעם דאָזיגען פֿאָלק?" און זיי האָבען צו איהם גערעדט אַזוי צו זאָגען: „אויב דו וועסט זיין גוט צו דעם דאָזיגען פֿאָלק און וועסט זיי בעווילינען און וועסט צו זיי רעדען גוטע רייד, וועלען זיי דיר זיין קנעכֿט אַלע טאָג". און ער האָט פֿערלאָזען די עצה פֿון די אַלטע לייט, וואָס זיי האָבען איהם געראָטען, און ער האָט זיך אַנ'עצה געהאַלטען מיט די יונגע לייט, וואָס זענען אויפֿגעוואַקסען מיט איהם און וואָס זענען געשטאַנען פֿאַר איהם. און ער האָט צו זיי געזאָגט: „וואָס ראָט איהר מיר זאָלען מיר ענטפֿערען דעם דאָזיגען פֿאָלק, וואָס האָבען צו מיר גערעדט אַזוי צו זאָגען: מאַך לייכֿטער דעם יאָך, וואָס דיין פֿאָטער האָט געגעבען אויף אונז?" און עס האָבען גערעדט מיט איהם די יונגע לייט, וואָס זענען אויפֿ-געוואַקסען מיט איהם, אַזוי צו זאָגען: „אַזוי זאָלסטו זאָגען צו דעם פֿאָלק, וואָס האָבען צו דיר גערעדט אַזוי צו זאָגען: דיין פֿאָטער האָט שווער געמאַכֿט אונזער יאָך און דו מאַך איהם אונז לייכֿטער, — אַזוי זאָלסטו זאָגען צו זיי: מיין מינד-סטער פֿינגער איז דיקער פֿון מיין פֿאָטערס לענדען; מיין פֿאָטער האָט אויף אייך געלאָדען אַ שווערען יאָך, און איך וועל נאָך פֿערמעהרען דעם יאָך אויף אייך; מיין פֿאָטער האָט אייך געשטראָפֿט מיט ריטער, און איך וועל אייך שטראָ-פֿען מיט דערנער". און ס'איז געקומען ירבֿעם און דאָס גאַנצע פֿאָלק צו רחבֿעם אויפֿ'ן דריטען טאָג, ווי עס האָט גערעדט צו זיי דער מלך אַזוי צו זאָגען: קעהרט זיך אום צו מיר אויפֿ'ן דריטען טאָג. און דער מלך האָט זיי האַרט געענטפֿערט, און דער מלך רחבֿעם האָט פֿערלאָזען די עצה פֿון די אַלטע לייט, און ער האָט גערעדט צו זיי נאָך דער עצה פֿון די יונגע אַזוי צו זאָגען: „מיין פֿאָטער האָט שווער געמאַכֿט אייער יאָך, און איך וועל איהם נאָך פֿערמעהרען אויף אייך; מיין פֿאָטער האָט אייך געשטראָפֿט מיט ריטער, און איך וועל אייך שטראָפֿען מיט דערנער". און דער מלך האָט ניט געהאָרכֿט צו דעם פֿאָלק, וואָרום די סבה איז געווען פֿון גאָט, כּדי גאָט זאָל ערפֿילען זיין וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט דורך אַחיה השלוני צו ירבֿעם בן נבֿט. און גאַנץ ישׂראל האָבען געזעהען, אַז דער מלך האָט ניט געהאָרכֿט צו זיי, האָט דאָס פֿאָלק געענטפֿערט דעם מלך אַזוי צו זאָגען: „וואָס האָבען מיר פֿאַר אַ חלק אין דוד'ן? און מיר האָבען ניט קיין נחלה אין דעם זוהן פֿון ישי; צו דיינע געצעלטען, ישׂראל! אַצונד זעה דיין הויז, דוד!" און גאַנץ

ישׂראל איז געגאַנגען איטליכער צו זיין געצעלט. אָבער די קינדער פֿון ישׂראל, וואָס וואוינען אין די שטעדט פֿון יהודה, — איבער זיי האָט געקיניגט רחבעם. און דער מלך רחבעם האָט געשיקט הדורם'ן, וועלכער איז איבער דעם מס, האָבען איהם די קינדער פֿון ישׂראל געשטייניגט מיט שטיינער, און ער איז געשטאָרבען, און דער מלך רחבעם האָט זיך געשטאַרקט אַרויפֿצוגעהן אויף זיין רייטוואָגען צו אַנטלויפֿען קיין ירושלים. און ישׂראל האָבען מורד געווען אין דעם הויז פֿון דוד'ן ביז היינטיגען טאָג.

און רחבעם איז געקומען קיין ירושלים, און ער האָט פֿערזאַמעלט דאָס הויז פֿון יהודה און בנימין, הונדערט אַכציג טויזענט אויסדערוועהלטע קריעגס-לייט, צו מלחמה האַלטען מיט ישׂראל, כּדי אומצוקעהרען די מלוכה צו רחבעם'ן. און עס איז געווען דאָס וואָרט פֿון גאָט צו שמעיהו, דעם געטליכען מאַן, אַזוי צוזאָגען: „זאָג צו רחבעם, דעם זוהן פֿון שלמה, דעם מלך פֿון יהודה, און צו גאַנץ ישׂראל און יהודה און בנימין: אַזוי זאָגט גאָט! איהר זאָלט ניט אַרויפֿגעהן און זאָלט ניט מלחמה האַלטען מיט אייערע ברידער, קעהרט זיך אום איטליכער צו זיך אַהיים, וואָרום פֿון מיר איז געשעהען די דאָזיגע זאַך“. און זיי האָבען געהערט די רייד פֿון גאָט און האָבען זיך אומגעקעהרט פֿון צו געהן קעגען ירבעם'ן.

און רחבעם האָט געוואוינט אין ירושלים און האָט געבויט פֿעסטע שטעדט אין יהודה: ער האָט אויפֿגעבויט בית-לחם און עיטם און תקוע און בית-צור און שוכו און עדלם און גת און מרשה און זיף און אדורים און לכיש און עזקה און צרעה און אילון און חברון, וואָס אין יהודה און בנימין — אַלץ פֿעסטע שטעדט. און ער האָט פֿערשטאַרקט די פֿעסטונגען, און ער האָט אין זיי בעזעצט האַרינגען און געגעבען אוצרות אין עסענוואַרג און בוימעל און וויין, און אין יעדער שטאָדט פֿאַנצערען און שפּיזען, און ער האָט זיי פֿערשטאַרקט זעהר און זעהר — און יהודה און בנימין זענען געווען זיינע. און די כּהנים און די לויים פֿון גאַנץ ישׂראל זענען צוגעשטאַנען צו איהם פֿון אַלע זייערע גרעניצען. וואָרום די לויים האָבען פֿערלאָזען זייערע פֿריי-פּלעצער און זייער בעזיץ און זענען געגאַנגען קיין יהודה און ירושלים, וואָרום ירבעם און זיינע זיהן האָבען זיי ניט דערלאָזען צו זיין כּהנים פֿון גאָט. און ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט כּהנים צו די במות און צו די שׂעירים און צו די קעלבער, וואָס ער האָט געמאַכט. און פֿון אַלע שבטים פֿון ישׂראל, די וואָס האָבען געגעבען זייער האַרץ צו זוכען גאָט דעם גאָט פֿון ישׂראל, זענען זיי געקומען נאָך זיי צו שעכטען צו גאָט דעם גאָט פֿון זייערע עלטערן. און זיי האָבען פֿערשטאַרקט דאָס קעניגרייך פֿון יהודה און זיי האָבען געפֿעסטיגט רחבעם דעם זוהן פֿון שלמה צו דריי יאָהר, וואָרום זיי זענען געגאַנגען אין דעם וועג פֿון דוד און שלמה צו דריי יאָהר. און רחבעם האָט זיך גענומען פֿאַר אַ ווייב מחלת, די טאָכטער פֿון ירימות דער זוהן פֿון דוד, און אביהיל, די טאָכטער פֿון אליאב דער זוהן פֿון ישי. און זי האָט איהם געבוירען זיהן: יעוש און שמריה און זהם. און נאָך איהר האָט ער גענומען מעכה, די טאָכטער פֿון אבשלום, און זי האָט איהם געבוירען אביה און עתי און זיזא און שלומית. און רחבעם האָט ליעב געהאַט מעכה, די טאָכטער פֿון אבשלום, מעהר פֿון אַלע זיינע ווייבער און קעבס-ווייבער (וואָרום ער האָט גענומען אַכטצעהן ווייבער און זעכציג קעבסווייבער און האָט געבוירען אַכט און צוואַנציג זיהן און זעכציג טעכטער). און רחבעם האָט אָנגעשטעלט פֿאַר אַנעלטסטען אביה'ן, דעם זוהן פֿון מעכה, ער זאָל זיין

אַ האַר איבער זיינע ברידער, וואָרום ער האָט געזאָלט ווערען קעניג. און ער האָט קלוג געטהאָן און האָט פערשפּרייט זיינע זיהן צווישען אַלע לענדער פון יהודה און בנימין אין די פעסטע שטעדט, און האָט זיי געגעבען אַ סך שפּייז און האָט בעגעהרט (פאַר זיי) אַ מענגע ווייבער.

(דברי הימים ב' 11—9)

ש. דובנאָוו.

די בעלעגערונג און די צעשטערונג פון ירושלים.

(געשיכטע)

אַרום פּסח-צייט פון יאָהר 70 איז די רוימישע אַרמעע שוין געשטאַנען אונטער די מויערען פון ירושלים. פאַר איהר האָט זיך דערהויבען אויף הויכע בערג אַ שטאַרק בעפעסטיגטע, ערטערווייז לדהליטין אונצוגענגליכע שטאָדט. אויפ'ן מערב'דיגען בארג, וואָס זיין שפּיץ איז געווען פלאַך אויף אַ גאַנץ בעדייטענדען שטח, איז געלעגען די אויבערשטע שטאָדט. איהר קעגענאיבער, אויף יענער זייט אַ טיעפען טהאָל, האָט זיך געצויגען דער מזרח'דיגער בארג, וואָס לויט זיין שטח איז ער געווען קלענער, נאָר זיינע זייטען זענען געווען גלייך כמעט ווי אַ וואַנד. דאָ האָט זיך געפונען די אונטערשטע שטאָדט (די געוועזענע אַקראַ) און דער פּלאַץ פאַר'ן בית-המקדש, וואָס איז געלעגען אויף אַ בעזונדערען בארג (הר-המוריה). מיט'ן קוואַרטאַל פון בית-המקדש האָט זיך געגרענעצט דער שלאָס אַנטאָניא. דער דאָזיגער גרויסער קוואַרטאַל, חוץ דעם, וואָס ער איז געלעגען אויף אַ בארג, איז נאָך געווען אַרומגערינגעלט מיט דריי רייהען מויערען, וואָס האָבען זיך דערהויבען ווי טעראַסעס, און האָט געבילדעט אַ זעלבסטשטענדיגע פעסטונג. די אויבערשטע און אונטערשטע שטאָדט זענען געווען אַרומגערינגעלט מיט איין פעסטונגס-מויער; מעהר נית פון צפון-זייט, וואו די אויסווענינגסטע זייטען פון די בערג האָבען זיך אַראָבגעלאָזט און האָבען געעפענט אַ צוטריט צו דער אונטערשטער שטאָדט, האָט מען אויסגעבויט נאָך צוויי מויערן מיט אַ סך טורעמס. און טאַקי פון צפון-זייט האָט טיטוס, פּונקט אַזוי ווי פּומפּיוס און די אַנדערע עראָבערער, אָנגעהויבען דעם שטורם פון ירושלים.

הינטער די דאָזיגע שטאַרקע מויערען האָבען זיך געפונען צעהנדליגער טויזענדער אונערשראָקענע פּאַטריאָטען פון יוחנן'ס און שמעון'ס אָבטיילונגען, וואָס האָבען מיט גרויס אונגעדולד זיך געריסען צום קאַמפף; און הונדערטער טויזענדער בירגער, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפען אין הויפּט-שטאָדט פון אַלע קאַנטען פון יהודה (די בעפעלקערונג פון ירושלים איז דעמאָלט געווען העכער אַ האַלב מיליאָן), האָבען מיט ציטערניש געוואַרט דערויף, ווי ס'וועט בעשטימט ווערען זייער גורל, דער גורל פון'ם גאַנצען פאָלק.

די בעלעגערונג און דער שטורם פון די אויסווענינגסטע מויערען.

נאָכדעם ווי טיטוס האָט פערלאָזען דעם לאַגער אַרום ירושלים, האָט ער קודם כל פאָרגעלעגט די איינוואוינער, זיי זאָלען מיט'ן גוטען ווילען איהם איבערגעבען די שטאָדט און ווערען אונטערטעניג דער רוימישער אויבערהערשאַפט, פּונקט ווי דאָס איז געווען פאַר'ן אויפשטאַנד. עס פערשטעהט זיך, אַז דעם דאָ-

זיגען פֿאַרשלאָג האָבען מיט פֿעראַכטונג אָבגעוואָרפֿען די קנאים, וואָס האָבען געשוואוירען צו קעמפֿפֿען פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון פֿאָטערלאַנד ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט. די רוימער האָבען נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגען דעם קאַמפֿפֿס=פֿייער און וועגען דעם העלדישען מוט פֿון די פֿערטיידיגער פֿון ירושלים, נאָר אין גיכען האָבען זיי דערזעהען, מיט וועמען זיי האָבען דאָ צו טהאָן.

טיטוס איז איינמאָל אַרומגעריטען מיט אַן אָבטיילונג רייטער אין דער סביבה פֿון ירושלים, כדי אויסצופֿאָרשען די געגענד, און איז צו נאָהענט צוגעריטען צו די מויערען. מיט אַמאָל האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן פֿון טויער יודישע קריעגס=לייט. האָבען איהם אָבגעטיילט פֿון זיינע סאָלדאַטען און האָבען איהם שיער ניט געכאַפּט. נאָר ער האָט בעוויזען צו אַנטלויפֿען אין לאַגער אויף זיין געשווינדען פֿערד.

דערנאָך האָט אַן אָבטיילונג יודישע קעמפֿפֿער געמאַכט אַן אויספֿאַל פֿון שטאָדט, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ן רוימישען צעהנטען לעגיאָן, וואָס איז געווען פֿערנומען מיט בעפֿעסטיגען זיין לאַגער אויפ׳ן הר=הזיתים*), און האָט ביי איהם אָנגעמאַכט אַ מהומה. די סאָלדאַטען האָבען געוואָרפֿען די אַרבייט און זענען אַנטלאָפֿען, איבערלאָזענדיג הינטער זיך אַ סך געהרג׳עטע און פֿערוואונדעטע חברים. מעהר ניט דאָס, וואָס טיטוס האָט זיך געשווינד אַריינגעמישט, האָט אָבגעהאַלטען דאָס דאָזיגע שענדליכע לויפֿען און האָט געראַטעוועט דעם לעגיאָן פֿון אונטערגאַנג.

קעגען העלדישען מוט פֿון די יודישע פּאַטריאָטען איז די רוימער אויסגעקומען אַנטקעגענצושטעלען זייער גאַנצע סטראַטעגישע קונסט. אַרום ירושלים האָט געקאָכט די אַרבייט: די רוימישע אַרמעע האָט זיך געגרייט צום שטורם. אויף אַ גרויסען שטח אַרום און אַרום זענען אויסגעהאַקט געוואָרען די וועלדער און סעדער; מען האָט אויפֿגעשאָטען דאַמבעס און אויסגעבויט בעלעגערונגס=מאַשינעס. קעגען דעם דרייפֿאַכיגען שטאָדטישען מויער אין צפֿון=זייט האָט מען אַוועקגעשטעלט מורא׳דיג גרויסע שליידער=מאַשינעס; יענע האָבען געוואָרפֿען אין שטאָדט אַריין שטיינער, וועלכע האָבען אָפּטמאָלס געוואויגען אַ פּוד איטליכער. מען האָט צוגערוקט ברעך=מאַשינעס אָדער שטורם=בעק (אַזעלכע קלעצער, וואָס זייער שפּיץ איז געווען פֿון אייזען און האָט אויסגעזעהען ווי אַ קאָפּ פֿון אַ באַראַן).

די שטאַרקע מויערען פֿון ירושלים האָבען אַ ציטער געטהאָן אונטער די מעכטיגע קלעפּ פֿון די שטורם=בעק, נאָר ניט געציטערט האָבען די הערצער פֿון איהרע פֿערטיידיגער. די לעצטע האָבען פֿון זייער זייט אַוועקגעשטעלט אויף די שטאָדטישע מויערען קריעגס=מאַשינעס, דערהאַפּט פֿון די, וואָס מען האָט פֿערכאַפּט, נאָכיאָגענדיג זיך נאָך צעסטיוס גאַללוס. די קריעגער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם שטאָדטישען מויער, האָבען געוואָרפֿען אויף די רוימער שטיינער, פֿיילען און ברענענדיגע שייטען האָלץ; די דרייסטערע האָבען געמאַכט פֿערצווייפֿעלטע אויספֿאַלען. אַ פֿעראייניגטע אָבטיילונג קעמפֿפֿער פֿון יוחנן׳ס און שמעון׳ס פּאַרטיי איז אונבעמערקטערהייט אַרויס פֿון שטאָדט, האָט אונטערגעצונדען די נאָהענטסטע בע-

*) דער הר הזיתים האָט זיך געפֿונען קעגענאיבער שטאָדט און איז פֿון מזרח=זייט געווען אָבגעטיילט פֿון איהר דורכ׳ן טאָל קדרון.

לעגערונגס־מאַשינעס פֿון די רוימער און איז שוין געווען גרייט אַריינצודרינגען אינ'ם לאַגער פֿון די פֿיינד. אַרום די ברענענדיגע מאַשינעס האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ שרעקליכער קאַמף. מיט גרויס מיה האָט זיך טיטוס'ן איינגעגעבן צו ראַטעווען די מאַשינעס און צו צווינגען די יודען אָפּצוטרעטן אין שטאָדט.

נאָך די רוימישע בעלעגערונגס־קונסט האָט געטהאָן דאָס איהריגע. די אונאויפֿהערליכע קלעפּ פֿון די שטורם־בעק האָבען דורכגעקלאַפּט איין לאָך נאָך דעם אַנדערען אין דעם אויסווענינגסטען מויער. נאָך אַ שטורם פֿון צוויי וואָכען האָבען די רוימער פֿערכאַפּט דעם ערשטען מויער, אין צפֿון־זייט פֿון ירושלים (אַפּריל־מאַי פֿון יאָהר 70). הינטער איהם האָט זיך פֿאַר די אויגען פֿון די בעלעגערער אַנטפּלעקט אַ צווייטער מויער, און טיטוס האָט איהם תכף געהייסען שטורמען.

די מוטיגע פֿערטיידיגונג פֿון די יודען איז ניט אָבגעשטאַנען קעגען דער קונציגער אַטאַקע פֿון די רוימער. „בּידע צדדים — דערצעהלט יוסף, וועלכער האָט דאָס אַלץ געזעהן מיט זיינע אויגען — האָבען ניט געוואוסט פֿון מיעדיגקייט. גאַנצע טעג פֿלעגען פֿאָרקומען אָנפֿאַלען, געשלעגען אַרום די מויערען און אויספֿאַלען פֿון פֿערשיידענע אָבטיילונגען. קיין איין אופֿן פֿון קאַמף איז ניט געבליבען ניט אויסגעפּרובּט. מיט'ן זונען־אויפֿגאַנג האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַמף, אָבער אויך בּיי־נאַכט איז קיין רוה ניט געקומען: די נאַכט פֿלעגט פֿאַרבּייגעהן אָהן שלאָף פֿאַר בּידע צדדים און איז געווען נאָך שווערער, איידער דער טאָג, וואָרום איינע האָבען איטליכע רגע ערוואַרטעט אַ שטורם אויף די מויערען און די אַנדערע — אַן אָנפֿאַל אויפֿ'ן לאַגער. אַלע פֿלעגען פֿערברענגען די נאַכט אונטער געוועהר, און די נאָר בּעגינען איז מען שוין געשטאַנען גרייט צום קאַמף. די יודען, וואָס האָבען געוואָלט זיך אויסצייכענען פֿאַר זייערע אָנפֿיהרער, האָבען זיך געריסען איינער פֿאַר'ן אַנדערן אין די געפֿעהרליכסטע ערטער. אַ בּעזונדער געפֿיהל פֿון אַכטונג, צוזאַמען געמישט מיט שרעק, האָבען די יודען געהאַט צו שמעון'ען (בּר־גיורא)".

די פֿערטיידיגער פֿונ'ם צווייטען מויער האָבען אויפֿגעטהאָן וואונדערליכע גבורות, וואָס די רוימער גופֿא זענען פֿון זיי נשתומם געוואָרען. בּשעת דער שונא האָט אין פֿינף טעג אַרום נאָכ'ן ערשטען מויער איינגענומען אויך דעם צווייטען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פֿערצווייפֿעלטער קאַמף אינ'ם פֿאָרשטאָדט בּיציתא, וואָס איז שוין געווען איינגענומען דורך די רוימער. די יודען זענען מיט גרימצאָרן אָנגעפֿאַלען אויף די אַריינקומענדיגע רוימער און האָבען זיי צוריקגעטריבען דורכ'ן שמאָלען דורכגאַנג, וואָס דער שטורם־בּאָק האָט דורכגעבראָכען אין דעם מויער; דערבּיי האָבען זיי אַ סך געהרג'עט און פֿערוואונדעט. ערשט אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך טיטוס'ן ווידער איינגעגעבען צו פֿערכאַפּען דעם צווייטען מויער און צו פֿערנעהמען דאָרט אַ פֿעסטע פּאָזיציע.

דער המשך פֿון דער בּעלעגערונג, הונגער און דער פֿאַל פֿונ'ם שלאָס אַנטאָניא.

די שווערסטע אַרבּייט איז נאָך געווען פֿאָראויס. מען האָט בּעדאַרפֿט איינגעהמען די שטאַרק בּעפֿעסטיגטע אויבערשטע שטאָדט און די שוץ־פֿעסטונג פֿונ'ם בּית־המקדש — דעם שלאָס אַנטאָניא. קעגען די דאָזיגע צוויי פּונקטען האָט טיטוס געהייסען אויפֿבויען פֿיער וואַלען און אָוועקשטעלען אויף זיי בּעלעגע־

רונגס־מאַשינעס. פֿיער לעגיאָנען האָבן אָהן אױפֿהער געאַרבײט בײ די װאַלען. נאָר אױך די בעלעגערטע זענען ניט געזעסען צונױפֿגעלעגט די הענד. די פֿערטײדיגונג פֿון דער אױבערשטער שטאָדט האָט אָנגעפֿיהרט שמעון בן־גיורא, און די פֿעסטונג אַנטאָניאַ האָט פֿערטײדיגט יוחנן פֿון גוש־חלב. בײדע האָבן זײ געשאָסען אױף די רױמער פֿון זײערע שלײדער־מאַשינעס און האָבן ניט דערלאָזען זײ צו בױען די װאַלען.

טיטוס האָט װידער אַמאָל געפּרובט בעװעגען די העלדען פֿון דער פֿערטײדיגונג, זײ זאָלען איבערגעבען די שטאָדט, און האָט געשיקט צו זײ יוסיפֿוס פֿלאַװיוס'ן, אַלס אַ שליח אױף צו פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען. יוסף האָט זיך געשטעלט אױף אַ הױכען אָרט קעגענאיבער דעם מױער און האָט צוגערעדט די בעלעגערטע, זײ זאָלען זיך אָבזאָגען פֿון דער אומנוציגער פֿערטײדיגונג, װאָס שלינגט אײן אַזױפֿיעל קרבנות. אין זײן בעשרײבונג פֿון דער יודישער מלחמה האָט יוסף איבערגעגעבען די דאָזיגע רעדע אין זעהר אַ גלאַטער רעטאָרישער פֿאָרם; דאָס לאָזט זיך אָבער קױם גלױבען בײ אַזאַ מעמד. ער גופֿא בעהױפּטעט, אַז די יודען, װאָס זענען געשטאַנען אױפֿ'ן מױער, האָבן כּסדר איבערגעריסען דעם רעדנער דורך כּעס'דיגע געשרײען און האָבן אַפֿילו געשאָסען אױף איהם. װי מען האָט געקאָנט זיך ריכטען לכתּחילה, האָט די דאָזיגע פּריף זיך אױסגעלאָזט מיט גאָרנישט. ניט דער אינהאַלט פֿון יוסף'ס רעדע, — אַז מען מוז בהכנעה זיך אונטערגעבען דעם שיקזאַל און דער רױמישער ממשלה, װאָס „איז אײנגעשטעלט דורך גאָט", — ניט די פּערזענליכקײט פֿונ'ם שליח, װאָס די פּאַטריאָטען האָבן איהם פֿײנט געהאַט אַלס פֿאַרן און בוגד, האָבן ניט געקענט װירקען אױף די בעלעגערטע אין דעם זין, װי טיטוס האָט געװאָלט.

די ירושלמ'ער דיקטאַטאָרען, װאָס האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַ בגידה מצד די צופֿעליגע איבערלױפֿער, האָבן פֿערזאָגט אונטער טױט־שטראָף, אַז קײנער זאָל ניט אַרױסגעהן פֿון שטאָדט. שמעון בר־גיורא האָט געהײסען טײטען אַ גרופּע בכּבֿוד'ע בירגער, װאָס מען האָט געװאָרפֿען אױף זײ אַ חשד, אַז זײ האָבן ברעה צו פֿערלאָזען די שטאָדט. צװישען אַנדערע איז אױך דעמאָלט געטײט געװאָרען דער געװעזענער כּהן־גדול מתתיה בן תּיאופֿיל.

נאָר ס'איז געװען אַנ'אַנדער קראַפֿט, װאָס האָט געשטערט אַ בעדײטענדען טײל פֿון דער בעפֿעלקערונג צו פֿערטײדיגען ענערגיש די בעלעגערטע שטאָדט. דאָס איז געװען יענע שרעקליכע סטיכישע קראַפֿט, װאָס איז מסוגל צו דערשטיקען אַלע העכערע געפֿיהלען אין דער מענשליכער נשמה. איהר נאָמען איז: הונגער. אין דער הױפּט־שטאָדט, װאָס איז געװען איבערפֿילט מיט מענשען, האָט זיך אַרױסגעװיזען אַנ'אױסערסטער דוחק אין שפּײז־פּראָדוקטען. די קריעגס־לײט, װאָס האָבן פֿערטײדיגט די מױערען, פֿלעגט מען נאָך פֿערזאָרגען מיט שפּײז, די גבירים װײטער פֿלעגען קױפֿען איטליכען מעסטעל װײץ פֿאַר אַ שלל מיט געלד, אָבער די אָרימע לײט האָבן להלוטין ניט געהאַט װאָס צו עסען.

די אומגליקליכע, פֿון הונגער אױסגעמאַטערטע מענשען האָבן אָנגעהױבען שטילערהײט אַרױסצוגעהן פֿון שטאָדט, בכּדי צו זוכען שפּײז אין די נאָהענטסטע ערטער. אַ סך פֿון זײ פֿלעגען אַרײנפֿאַלען אין די הענד פֿון די רױמער, װאָס האָבן בעלעגערט די שטאָדט, און פֿלעגען װערען אַכזריות'דיג געפּײניגט און געטײט. טיטוס האָט געהײסען אױפֿהענגען אױף קרײצען אַ גרױסע גרופּע פֿון

אַזעלכע אַנטלאָפֿענע. די קרייצען זענען געוואָרן אויפֿגעשטעלט קעגן דעם שטאָטישן מויער, בכדי איינצושרעקן די בעלאַגערטע און צו באַוועגן זיי זיך אונטערצוגעבן. די דערצאָרנטע רוימישע סאָלדאַטן פֿלעגן אַלע טאָג כאַפּן ייִדישע אַנטלאָפֿענע און קרייציגען זיי אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס. „די צאָהל פֿון די געקרייציגטע איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט ניט געקלעקט קיין אָרט פֿאַר קרייצען און קיין קרייצען פֿאַר די גופֿים". בײַ אַ סך פּליטים (אַנטלאָפֿענע) האָט טיטוס געהייסן אָפּהאַקן די הענד און צוריקטרייבן זיי אין שטאָט אַרײַן, בכדי זיי זאָלן דורך זייער אויסזעהן אַרויפֿוואַרפֿן אַ שרעק אויף די איינוואוינער.

אָבער די אַכזריות'דיגע מעשים פֿון די רוימער האָבן ניט איינגעשראָקן די ייִדישע קעמפֿער, פֿאַרקערט, זיי האָבן נאָך שטאַרקער געמאַכט זייער חשק צום קאַמף. ווען די רוימישע לעגיאָנען האָבן, נאָך שרעקליכע אָנשטרענגונגען, פֿאַרענדיגט בויען די בעלאַגערונגס-וואַלן קעגן דער אויבערשטער שטאָט און קעגן שלאָס אַנטאָניאַ און האָבן אויפֿגעשטעלט אויף זיי זייערע מאַשינען, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די קעגן-אַטאַקע פֿון די ייִדען. יוחנן פֿון גוש-חלב האָט דורכגעפֿיהרט אַן אונטערערדישען גאַנג פֿונ'ם שלאָס אַנטאָניאַ ביז צו די רוימישע באַפֿעסטיגונגען, וואָס זענען געשטאַנען קעגנאיבער, האָט אונטערגעשטיצט דעם דאָזיגען טונעל מיט באַלקענס און האָט געהייסן דערנאָך אַלצדינג אונטערצינדען. די שטיץ-באַלקענס זענען פֿאַרברענט געוואָרען, דער טונעל איז איינגעפֿאַלען און אינאיינעם מיט איהם זענען איינגעפֿאַלען מיט אַ מורא'דיגען רעש אויך די רוימישע באַפֿעסטיגונגען פֿון אויבען. אין דער זעלביגער צייט האָט שמעון בר-גיורא'ס אַן אָפּטיילונג געמאַכט אַ פֿערצווייפֿעלטען אויספֿאַל אונטער אַ האָגעל פֿון פֿיילען און האָט פֿערברענט די שליי-דער-און ברעך-מאַשינען, וואָס זענען געווען אויפֿגעשטעלט קעגען דער אויבערשטער שטאָדט.

דער ווילדער מוט פֿון די יודען האָט געמאַכט שטוינען די רוימער און זיי אַריינגעבראַכט אין יאוש. די באַפֿעסטיגונגען, וואָס פֿיער לעגיאָנען האָבען איבער זיי געאַרבייט מיט גרויס אָנשטרענגונג אַ שטיק צייט, זענען צו-נישט געוואָרען אין עטליכע שעה. די רוימישע קריגס-פֿיהרער האָבען זיך אַלץ מעהר באַפֿעסטיגט אין דער דעה, אַז דורך אַ שטורם וועט מען ניט קאָנען איינגעמען אַ שטאָדט, וועלכע ווערט פֿערטיידיגט דורך אַזעלכע גבורים. בכן האָט מען אויפֿ'ן קריגס-ראַט באַשלאָסען אָנצוווענדען אַן אַנדער סיסטעם, דאָס הייסט, אַרומרינגלען די שטאָדט דורך אַ שטיינערנעם מויער מיט וואַך-פּאָסטענס און ניט צולאָזען אין דער הויפּט-שטאָדט קיין שום שפּייז-פּראָדוקטען, כדי אויסצוהונגערן די באַפֿעלקערונג, אָפּשוואַכען איהרע מיליטערישע קרעפֿטען און זי צווינגען זיך אונטערצוגעבען.

מיט גרויס חשק האָבען די רוימער זיך גענומען פֿאַר דער דאָזיגער אַרבייט — און אין משך פֿון עטליכע טעג איז דער מויער געווען פֿאַרטיג. אין דרייצעהן פּונקטען האָט מען אויף איהם אויסגעבויט טורעמס, וואו עס זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרען רוימישע וועכטער.

די בעלאַגערונג האָט געטהאָן דאָס איהריגע. דער הונגער האָט געווילדעוועט אין דער איינגעשלאָסענער שטאָדט מיט אַ שרעקליכער קראַפֿט. איצטער האָט ער זיך שוין אַריינגעקליבען אין די פּאַלאַצען פֿון די גבירים און אין די רייכע

פֿונ'ם היכל. איבער די גאַסען האָבען אַרומגעבלאָנקעט בלאַסע, פֿון הונגער געשוואָלענע מענשען, פֿאַלענדיג אָפֿטמאָל פֿון אויסצעהרונג. שטיל און פֿאַמעליך זענען אויסגעגאַנגען פֿון די כּחות און געשטאָרבען מאַנסבילען, ווייבער און קינדער; ס'איז ניט געווען קיין כּח צו בעוויינען די געשטאָרבענע. דער טויט האָט אַלעמען געקוקט אין די אויגען — מען האָט זיך צו איהם צוגעוועהנט. אַ שטילקייט פֿון בית-עלמין האָט געהערשט אין שטאָדט. די קריעגס-לייט זענען געשטאַנען אויף די מויערן, אָנגעברוגז'טע, טרויעריגע, גרייט צו שטאַרבען, אָבער ניט זיך אונטערצוגעבען. די רוימער האָבען מיט גרויס רשעות זיך געריצט מיט זיי, בעווייזענדיג זיי פֿון דערווייטענס שפּייז-פּראָדוקטען, פֿון די יעניגע, וואָס זענען געווען צונויפֿגעקליבען לרוב ביי זיי אין לאַגער.

אַז טיטוס האָט דערזעהן, וואָס פֿאַר חורבנות דער הונגער האָט אָנגעמאַכט צווישען די בעלעגערטע, האָט ער סוף-כּל-סוף בעשלאָסען ביי זיך צו מאַכען אַ שטורם אויפֿ'ן שלאָס אַנטאָניאַ. דער נייער אויספֿאַל, וואָס יוחנן'ס אָפּטיילונג האָט געמאַכט פֿון דאָרט, בכדי צו פֿערניכטען די בעלעגערונגס-מאַשינעס, האָט צו גאָרנישט ניט געפֿיהרט. צעטרייסעלט דורך די מעכטיגע קלעפּ פֿונ'ם שטורם-באָק, איז דער מויער אַרום שלאָס איינגעפֿאַלען. נאָר הינטער איהם האָבען די רוימער צו זייער גרויסען ערשטוינען דערזעהען נאָך אַ מויער, וואָס יוחנן האָט אויף גיך אויפֿגעבויט. נאָך אַ האַרטען קאַמפּף האָט זיך די רוימער איינגעגעבען ביי-נאַכט אַריינצודרינגען אין שלאָס, אויסצוהרג'ען די שומרים און צו פֿערכאַפּען די דאָזיגע פֿעסטונג פֿונ'ם הר-הבית (5 טעג אין תמוז). יוחנן און זיינע קנאים האָבען זיך בעפֿעסטיגט אינ'ם קוואַרטאַל פֿון בית-המקדש, הינטער זיי האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן די רוימער, נאָר זיי זענען צוריקגעטריבען געוואָרען, פֿערלירענדיג אַ סך מענשען. טיטוס האָט געמוזט דערווייל זיך בעגנוגען דערמיט, וואָס ער האָט פֿערכאַפּט דעם שלאָס אַנטאָניאַ. ער האָט געהייסען אָבגראָבען דעם פֿונדאַמענט פֿונ'ם שלאָס (געבליבען זענען מעהר ניט די זייטיגע טורעמס), בכדי אָבצורייניגען אַ פּלאַץ פֿאַר די מיליטערישע אַרבייטען קעגען דעם בעפֿעסטיגטען קוואַרטאַל פֿון בית-המקדש.

פֿערברענט דעם בית-המקדש.

דער שונא איז דערגאַנגען ביז צום הייליגען שטיין-פּונקט פֿון דער נאַציע — ביז צום בית-המקדש אין ירושלים. דער גרויסער קוואַרטאַל פֿון בית-המקדש, אַרומגערינגעלט מיט דיקע מויערן, איז אַליין געווען אַ שטאַרקע פֿעסטונג. אין דער לענג פֿון די מויערן אינעווייניג האָבען זיך געצויגען שורות זיילען אָדער גאַלעריעס. אינמיטען דעם דאָזיגען איינגעשלאָסענעם פּלאַץ האָט זיך געפֿונען נאָך אַן אינעווייניגסטער הויף, וואָס איז אויך געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ פֿעסטען פּאַרקאַן.

דאָ האָבען זיך קאָנצענטרירט די בעסטע מיליטערישע קרעפֿטען פֿון פֿאָלק אונטער יוחנן'ס אָנפֿיהרונג. דער בית-המקדש איז געוואָרען אַ קריעגס-לאַגער. דעם קרבן-תמיד, וואָס מען האָט געמוזט ברענגען אַלע טאָג, האָט מען איצט אויפֿגעהערט צו ברענגען, מחמת עס האָבען געפֿעהלט כּהנים און ס'איז ניט געווען קיין פֿיה פֿאַר די קרבנות (שבעה עשר בתמוז). אַ נייער פֿאָרשלאָג פֿון יוסיפֿוס פֿלאַוויוס, וועלכער האָט געבעטען יוחנן, ער זאָל פֿערשוינען דעם בית-המקדש און זיך אונ-

טערגעבן — איז אָבגעוואָרפֿען געוואָרן. מעהר ניט אַ קליינע גרופּע מענשען, דער עיקר פֿון מיוחסדיגע משפּחות כּהנים, איז שטילערהייט אַריבער אין לאַגער פֿון די רוימער, און טיטוס האָט זיי אַריבערגעשיקט אין קליינעם שטעדטיל גופֿנית. די פּאַטריאָטען האָבן בעשלאָסען צו פֿערטיידיגען זיך ביזן לעצטען טראָפּען בלוט.

די שליידער־מאַשינעס, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף די פֿעסטונגס־מויערן פֿון בית־המקדש, און דאָס קריגערישע אויסזעהן פֿון די יודישע שומרים האָבן איבערצייגט טיטוס'ן, אַז די בעלעגערטע טראַכטען גאָרניט וועגען אונטערגעבן זיך. איינע פֿון די בעסטע רוימישע אָבטיילונגען האָט געפּרופֿט אַריינדרינגען אין פֿעסטונג דורך אַן אָנפֿאַל ביי־נאַכט, דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. מען האָט ווידער אַמאָל געמוזט איבערחזר'ן די בעלעגערונג: ברענגען געהילץ פֿון ווייטע געגענדען (מחמת אַרום ירושלים זענען אַלע ביימער שוין געווען אויסגעהאַקט) און אויסבויען וואַלען. די יודען האָבן געקוקט אויף דער דאָזיגער אַרבייט פֿון די דעכער פֿון די גאַלערייעס, וואָס האָבן אַרומגערינגעלט דעם הויף פֿון בית־המקדש.

אין מאָל האָבן זיי אַריינגענאַרט די רוימער אין אַ פּאַסטקע. זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי פֿערלאָזען כּלומר'שט די מערבֿ'דיגע גאַלעריי און געהען אַוועק אין די אינעווייניגסטע טיילען פֿונ'ם קוואַרטאַל, נאָר אונבעמערקטערהייט האָבן זיי אונטען אונטערגעלעגט האָלץ מיט אַספֿאַלט און סמאָלע. אַ סך דרייסטע מענשען פֿון צווישען די רוימער האָבן תּיכּף אַרויפֿגעקלעטערט אויף לייטערס אויפֿ'ן דאַך פֿון דער פֿערלאָזטער גאַלעריי, נאָר אין יענעם מאָמענט האָבן די יודען אונטערגעצונדען דעם אונטערגעלעגטען ברען־מאַטעריאַל, — און די רוימער זענען אומגעקומען אין פֿייער אָדער זיך צעקלאַפּט, פֿאַלענדיג אינאיינעם מיט די איינגעבראָכענע ווילען.

אַז די וואַלען זענען פֿאַרטיג געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבען די צעשטערונגס־אַרבייט. ס'האָבן זיך דערהערט די דונער־קלעפּ פֿון די שטורם־בעק, נאָר די פֿעסטע מויערן, וואָס זענען געווען געבויט פֿון גרויסע שטיינער, האָבן ניט נאָכגעגעבן. דעמאָלט איז מען פֿון שטורם איבערגעגאַנגען צו אַ וועניגער העלדישען מיטעל — צום אונטערצינדען. לויט טיטוס'עס בעפֿעהל, האָבן די סאָלדאַטען אונטערגעצונדען אין די פֿעסטונגס־מויערן דעם הילצערנעם טויער, וואָס איז געווען בעדעקט מיט זילבער. דער מעטאַל איז צעשמאָלצען געוואָרן, די בעלקעס האָבן זיך אָנגעצונדען, און דאָס פֿייער איז אַריבער אויף די שכנ'ישע גאַלערייעס און אויף אַנדערע בנינים. דער אַריינגאַנג אינ'ם אינעווייניגסטען הויף פֿון בית־המקדש איז אַלזאָ שוין געשטאַנען אָפֿען פֿאַר די רוימער. די יודען האָבן געמוזט אָבטרעטען אינ'ם אינעווייניגסטען הויף (8 טעג אין אָב).

אויפֿ'ן אַנדערן טאָג האָט טיטוס צונויפֿגערופֿען אַ קריעגס־ראַט. מען האָט אַרומגעקלערט די פֿראַגע, וואָס זאָל מען טהאָן מיט'ן בית־המקדש. איינינע זענען געשטאַנען דערפֿאַר, מען זאָל פֿערטיליגען דאָס דאָזיגע ווילטיגסטע „נעסט פֿון די מורדים": אַנדערע האָבן געראַטען, מען זאָל פֿערשוינען דעם גרויסאַרטיגען בנין, וואָס איז בערימט איבער דער גאַנצער וועלט. די צווייטע מיינונג האָט בעקומען די איבערהאַנד, און אין דעם זין איז אָנגענומען געוואָרן אַ בעשלוס. נאָר אין דעם ברען פֿונ'ם קאַמפֿ האָט מען די דאָזיגע החלטה ניט געקאָנט אָבהיטען.

די יודען, וואָס זענען אָפּגעשטופּט געוואָרען אינ'ם אינעווייניגסטען הויף פֿון בית־המקדש, האָבען זיך ניט בעגנוגענט מיט אַ פּאַסיווען ווידערשטאַנד, נאָר זיי האָבען מיט אַ ענערגיע פֿון פֿערצווייפֿלונג געמאַכט אויספֿאַלען און זענען מיט גרויס צאָרן אָנגעפֿאַלען אויף די רוימישע וועכטער, וועלכע זענען אויסגעשטעלט געוואָרען אַרום הויף. בשעת איינעם פֿון אַזעלכע געשלעגען, ווען אינ'ם אויסווייניגסטען הויף האָבען נאָך גערייכערט די מפּולת'ען פֿון די גאַלעריעס נאָך דער שׂריפֿה, וואָס איז אָקאָרשט פֿאָרגעקומען, האָבען די רוימישע סאָלדאַטען אָנגעהויבען וואַרפֿען ברענענדיגע שייטען האָלץ אינ'ם אינעווייניגסטען הויף. איין שייט איז דורכ'ן פֿענסטער אַריינגעפֿליגען אין איינעם פֿון די אינעווייניגסטע חדרים פֿון בית־המקדש — און דער גראַנדיעזער בנין האָט זיך אָנגעצונדען (10 טעג אין אָב).

אויף די פֿערטיידיגער פֿון בית־המקדש און אויף די בירגער, וואָס האָבען זיך דאָרט בעהאַלטען, איז אָנגעפֿאַלען אַ שרעקליכער פּחד. געשווינד איז אָנגעקומען טיטוס מיט זיין הויפּט־אַרמעע. ער האָט צייט געהאַט נאָר אויף גיך אַרומצוקוקען די אינעווייניגסטע חדרים פֿון בית־המקדש, נאָכדעם איז ער געשווינד אַרויס פֿון דאָרטען. די צעווילדעוועטע רוימישע סאָלדאַטען האָבען ניט אויפֿגעהערט צינדען די בנינים פֿון בית־המקדש אין פֿערשיידענע ערטער, און דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען איין פֿלאַמען־ים.

דער בלוטיגער קאַמפּף האָט דערגרייכט ביז צו זיין העכסטען פּונקט. צווישען די ברענענדיגע און איינפֿאַלענדע הייזער האָבען זיך געוואָרפֿען אין אַלע זייטען די איינוואוינער, משוגע פֿאַר שרעק. די רוימער האָבען דערהרג'עט אַלעמען, ווער עס איז זיי געקומען אין וועג, בעוואָפֿענטע און אונבעוואָפֿענטע, אַזוינע וואָס האָבען זיך אַנטקעגענגעשטעלט און אַזוינע וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען, דערוואַקסענע און קינדער. אַ סך יודען האָבען זיך אַליין אַריינגעוואָרפֿען אין פֿייער, בעגייסטערט דורכ'ן געדאַנק, אַז זיי וועלען ווערען פֿערברענט אינאיינעם מיט זייער נאַציאָנאַלען הייליגטום. עטליכע כהנים האָבען אָפּגעבראָכען די מעטאַלענע שפּיצען אויפֿ'ן דאַך פֿון בית־המקדש און האָבען זיך פֿערטיידיגט דערמיט קעגען די רוימער, און אַז די כּחות זענען זיי אויסגעגאַנגען, זענען זיי אומגעקומען אין פֿייער (מאיר בן־בלגה, יוסף בן־דלאי).

דער רעש פֿון די ברענענדיגע און פֿאַלענדע הייזער, די קרעכצען פֿון די דערהרג'עטע, די זיעגעס־געשרייען פֿון די רוימישע סאָלדאַטען — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפֿגעמישט אין איין טייוועלישען קאָנצערט. „ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס ברענט דער גאַנצער הר־הבית, פֿון אונטען ביז אַרויף, נאָר די שטראָמען בלוט זענען געווען ברייטער פֿאַר די שטראָמען פֿייער. מחמת די פֿיעל הרוגים האָט מען די ערד ניט געקאָנט זעהן, און בשעת די סאָלדאַטען האָבען נאָכגעיאָגט די אַנטלאָפֿענע, זענען זיי געשפּרונגען איבער הויפֿענס טויטע קערפּערס".

אַ מאַסע ווייבער און קינדער האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין איינער פֿון די לשכות פֿון בית־המקדש, נאָר די רוימער האָבען אונטערגעצונדען די לשכה, און אַלע זענען זיי אומגעקומען. פֿערשוינט האָט מען קיינעם ניט. אַז מען האָט געבראַכט עטליכע געפֿאַנגענע כהנים פֿאַר טיטוס'ן, און זיי האָבען זיך געבעטען ביי איהם, ער זאָל זיי לאָזען לעבען, האָט ער מיט אַ טויטענדער איראָניע געענטפֿערט: „פֿאַר כהנים פּאַסט עס אומצוקומען אינאיינעם מיט זייער הייליגטום" — און ער האָט געהייסען זיי טויטען.

עטליכע מוטיגע מענשען האָט זיך איינגעגעבען דורכצושלאָגען זיך דורך די רייהען פֿון די רוימער און אַנטלויפֿען פֿון די ברענענדיגע חורבות. צווישען זיי איז געוועזען דער אָנפֿיהרער פֿון די קנאים יוחנן פֿון גוש-חלב מיט אַ הייפֿעל איבערגעבליבענע קריעגס-לייט. זיי זענען אַריבער אין דער אויבערשטער שטאָדט, וואָס די רוימער האָבען נאָך ניט געהאַט איינגענומען און וואָס שמעון בר-גיורא'ס אָבטיילונגען האָבען זי פֿערטיידיגט.

נאָכדעם ווי די קנאים זענען אַוועק, האָבען די רוימישע לעגיאָנען אַוועקגעשטעלט זייערע פֿאָהנען צווישען די מפּולת'ן פֿונ'ם בית-המקדש, וואָס האָבען נאָך גערויכערט קעגענאיבער דעם מזרח'דיגען טויער. דאָ האָבען זיי, לויט אַן אַלטען רוימישען מנהג, אויסגערופֿען טיטוס'ן פֿאַר אַן „אימפּעראַטאָר“ (דאָס איז געוועזען דער עהרען-טיטעל פֿאַר אַ קריעגס-פֿיהרער, וואָס האָט מנצח געוועזען). באַלד האָט טיטוס אָבגעגעבען זיינע סאָלדאַטען אויף אויסצורויבען אַלע איינגענומענע טיילען פֿון דער שטאָדט. ס'זענען געוואָרען פֿערברענט און אויסגערויבט אַקרא, עופֿל, די געביי פֿונ'ם שטאָדטישען ראַט און דער אַרכיוו. און דערנאָך איז פֿערניכטעט געוואָרען די גאַנצע אונטערשטע שטאָדט ביז'ן קוואַל שלח.

נאָך ש. דובנאָוו.

ר' ישראל בעל-שם-טוב (בעש"ט).

(ביאָגראַפֿיע)

I.

ר' ישראל בע"שט איז געבוירען געוואָרען אין שטעדטעל אָקופּ, איפּ'ן גרעניץ צווישען פּוילען און רומעניען, אין יאָהר 1698 בערך. זיין פֿאָטער איז געשטאָרבען, ווען ישראל איז נאָך געוועזען אַ קליין קינד. שפּעטער איז געשטאָרבען אויך זיין מוטער, און דעם קליינעם יתום האָט מען אָבגעגעבען אין חדר אויף קהל'שען חשבון. אין חדר האָט דאָס יונגעלע זיך געפֿיהלט זעהר שלעכט. אַ קינד מיט אַ לעבעדיגער פֿאַנטאַזיע, מיט אַ נייגונג צו שטילע טרוימערייען, מיט אַ צאַרטער, פֿיהלבאַרער נשמה, האָט דער קליינער ישראל ניט געקענט איבערטראָגען ניט די שטרענגע אָרדנונג פֿון דעם חדר מיט זיינע שמיץ און געשרייען, ניט די טרוקענע, האַרטע תורה, וואָס מ'האָט איהם מיט געוואַלד אַריינגעקלאַפּט אין מוח. זיין נשמה האָט געבענקט נאָך שטילע טרייסט, נאָך ליעבע, נאָך פֿריעדען. ער האָט אָנגעהויבען אַנטלויפֿען פֿון חדר אין וואַלד אַריין און דאָרט פֿערבלייבען גאַנצע טעג. די משגיחים און דער מלמד האָבען פֿון אָנהייב פֿערשטאַרקט איבער איהם זייער אויפֿזיכט, געסטראַשעט מיט אַלערליי שטראָף, אַז זיי האָבען אָבער געזעהן, עס העלפֿט ניט, האָבען זיי איהם גאָר אינגאַנצען אַרויסגעטריעבען פֿונ'ם חדר. איצט האָט שוין ישראל געקענט בלייבען אין וואַלד, וויפֿיעל דאָס האַרץ האָט איהם געגלוסט. איהם האָט געצויגען אַהינצו די ליעבע צו דער נאַטור, די בעדערפֿעניש צו פֿערטיעפֿען זיך אין די אייגענע געדאַנקען. עס איז ניטאָ קיין ספֿק, אַז די איינזאַמקייט פֿון וואַלד, וואו דער יונגער ישראל האָט געקענט בעפֿריעדיגען די דאָזיגע בעדערפֿעניש, האָט געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פֿון זיין גאַנצער פּערזענליכקייט.

ווען ער איז אַלט געוועזען 10—11 יאָהר, איז ער געוואָרען אַ בעהעלפֿער. אין

דער געזעלשאַפֿט פֿון קינדער האָט ער געפֿונען דאָס, וואָס ס'האָט איהם אַזוי געפֿעהלט צווישען ערוואַקסענע מענשען: איבערגעגעבענקייט און ריהרענדע ליעבע. ער איז געווען זעהר געטריי די תּלמידים און פֿלעגט מיט בעזונדערער ליעבשאַפֿט ערפֿילען די פֿליכט פֿון אַ בעהעלפֿער. ער האָט אַפֿילו אַליין אויסגעטראַכט שעהנע ניגונים צו פֿערשיעדענע תּפֿלות, און פֿיהרענדיג די קינדער אין חדר אַריין, פֿלעגט ער מיט זיי זינגען די דאָזיגע תּפֿלות. אַליין פֿלעגט ער דאַווענען מיט גרויס היץ, אַריינלעגענדיג אין דאַווענען זיין גאַנצע נשמה, און ער פֿלעגט לערנען די קינדער, ווי זאָלען אויך אַזוי דאַווענען.

שפּעטער, אַז ער איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר דרייצעהן, איז ער געוואָרען אַ אונטער־שמש אין בית־מדרש. ביי־טאָג, ווען דער בית־מדרש איז געווען פֿול מיט מענשען פֿלעגט ער שלאָפֿען, אָדער זיך מאַכען, אַז ער שלאָפֿט. ביי־נאַכט, ווען די בעלי־בתּים פֿלעגען זיך פֿאַנאַנדערגעהן, פֿלעגט ער דאַווענען מיט שטאַרקער התלהבֿות אָדער לייענען ספֿרים. ווי נאָר ס'פֿלעגט ווערען טאָג, פֿלעגט ער זיך ווידער לעגען שלאָפֿען, כּדי די מענשען זאָלען זיך ניט דערוויסען, אַז ער איז אויף געווען. אין שטאָדט האָט מען געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ משוגע'נע בּרואה, אָבער דאָס האָט איהם ניט געקימערט.

שוין אין יענער צייט האָט דער יונגער ישׂראל שוין געלערנט קבלה, דער־הויפּט פּראַקטישע, און ניט נאָר פֿון ביכער, נאָר אויך פֿון אַלטע זעלטענע מאַנוסקריפּטען.

די לעגענדע דערצעהלט, אַז איינער אַ געטליכער מאַן מיט'ן נאָמען אָדם, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ וויטער מדינה און פֿערמאָגט זעלטענע כּתבֿים איבער קבלה, האָט פֿאַר זיין טויט אָנגעזאָגט זיין זוהן בצוואה, אַז ער זאָל נעהמען די געהיימע כּתבֿים און זיי איבערגעבען דעם פֿערצעניאָהריגען יונגעל ישׂראל בן אליעזר, וועלכער וואוינט אין דער שטאָדט אָקופּ. נאָך אָדם'ס טויט האָט זיין זוהן זיך אַוועקגעלאָזט קיין אָקופּ, דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט דעם אָקופּער גבֿיר'ס אַ טאָכטער און האָט גענומען זוכען דעם למדן, וואָס הייסט ישׂראל בן אליעזר. גרויס איז געווען זיין פֿערוואונדערונג, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז אין שטעדטעל איז דאָ נאָר איין מענש מיט אַזאַ נאָמען — און דאָס איז דער אונטער־שמש פֿונ'ם בית־מדרש. ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבען צוקוקען צו איהם און האָט אין גיכען דערזעהען, אַז ישׂראל בן אליעזר איז אַ בעהאַלטענער צדיק. ער האָט איהם בסוד־סודות איבערגעגעבען די כּתבֿים און אָנגעהויבען לערנען מיט איהם בחבֿרותא.

דאָס שטעדטעל האָט געזעהן, אַז ישׂראל דער דולער איז אַ חבֿר מיט דעם גבֿיר'ס איידעם און זיצט איבער הייליגע ספֿרים, האָט מען אָנגעהויבען קוקען אויף איהם בעסער ווי פֿריהער, הגם קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז ער פֿערנעהמט זיך מיט די סודות פֿון קבלה. ווען ער איז אַלט געווען זיעבצעהן יאָהר, האָט מען איהם חתונה געמאַכט. דאָס ווייב האָט אָבער געלעבט נאָר אַ קורצע צייט. זיין חבֿר, דעם גבֿיר'ס איידעם, איז אויך געשטאָרבען. ישׂראל בן אליעזר האָט מעהר ניט געוואָלט בלייבען אין אָקופּ און האָט זיך אַריבערגעצויגען אין אַ שטעדטעל ניט וויט פֿון בראָד, וואו ער איז געוואָרען אַ מלמד. אין שטעדטעל איז ער באַלד געוואָרען בעקאַנט דורך זיין שטילען כאַראַקטער, זיין עהרליכקייט און זיין שׂכל הישר. און מ'האָט צו איהם אָנגעהויבען צו קומען מיט דין־תּורות. איינמאָל, בשעת אַזאַ דין־תּורה, האָט זיך מיט ישׂראל'ן בעקאַנט ר' אבֿרהם, דער פֿאָטער פֿון דעם בע־

ריהמטען בראָדער רבֿ ר׳ גרשון קוטאָווער. ישׂראל איז ר׳ אַבֿרהמ׳ען אַזוי געפֿעלן, אַז יענער האָט אים אָנגעבאָטן נעמען פֿאַר אַ ווייב זיין טאָכטער, אַ גרושה. ישׂראל איז מסכּים געוואָרן, נאָר מיט דעם תּנאַי, אַז קיינער זאָל פֿון דעם שידוך ניט וויסן ביז אַ צייט. אַזוי איז געווען. מ׳האָט אָנגעשריבן אַ כּתבֿ, און ר׳ אַבֿרהם איז אַוועקגעפֿאָרן צוריק קיין בראָד. אויפֿן וועג איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דעם כּתבֿ האָט דער בראָדער רבֿ ר׳ גרשון נאָכדעם געפֿונען אין די פּאַפּירן פֿון זיין געשטאָרבענעם פֿאָטער און האָט וועגן דעם איבערגעגעבן זיין שוועסטער. ביידע האָבן בעשלאָסן וואַרטן, ביז דער אומבאַקאַנטער ר׳ ישׂראל וועט זיך באַווייזן. שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט קומט אַריין צום בראָדער רבֿ אין שטוב אַ ייִדל מיט אַ קורץ פּעלצל, מיט זייער אַנ׳עם־האַרצ׳ישן פּנים — אַנ׳אמת׳ער ישובֿ׳ניק — און זאָגט, אַז דאָס איז ער ישׂראל בן אליעזר, מיט וועלכן ר׳ אַבֿרהם קוטאָווער האָט אַ שידוך געטאָן. דערביי באַווייזט ער דעם כּתבֿ, וואָס איז אונטערגעשריבן מיט ר׳ אַבֿרהמ׳ס האַנט. ר׳ גרשון קוטאָווער האָט זיך זייער מצער געווען, וואָס זיין פֿאָטער האָט אויסגעקליבן אַזאַ פּראָסטאַק (ישׂראל האָט זיך מיט אַ כּיוון פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ אומוויסנדיקן ישובֿ׳ניק), נאָר די שוועסטער האָט געענטפֿערט, אַז אויב אַזוי איז געווען דער ווילן פֿון איר פֿאָטער, טאָר זי זיך ניט אָפּזאָגן. דער בראָדער רבֿ האָט ניט געהאַט קיין אַנדער בּרירה און האָט בעשטימט דעם זמן החתונה. פֿאַר דער חתונה האָט ישׂראל מגלה געווען דער כּלה זיינע פּלענער, נאָר בתּנאַי, זי זאָל קיינעם ניט אויסזאָגן. ער האָט זי געפֿרעגט, צי וויל זי מיט אים חתונה האָבן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זי וועט מוזן לעבן אין דחקות. זי איז מרוצה געוואָרן און דאָס פּאָר פֿאָלק האָט חתונה געהאַט.

ר׳ גרשון קוטאָווער האָט אָבער ניט געקענט פֿאַרטראָגן, וואָס זיין שוואָגער איז אַ בור און אַנ׳עם־האָרץ און מ׳האָט אים צו לייטיש געלעכטער. ער האָט געפּרוּווט מיט אים לערנען, נאָר ישׂראל האָט בעשלאָסן צו זיין אַ „נסתּר“ און האָט דעריבער ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער קען לערנען. אַ חוץ דעם איז אים דער טריקענער תּלמוד׳ישער פּלפּול טאַקי געווען ניט צום האַרצן. האָט ער בשום אופֿן ניט געוואָלט פֿאַרשטיין, וואָס זיין שוואָגער לערנט מיט אים. אַז יענער האָט דערזעהן, זיין שוואָגער איז אַזאַ גראָבע קאָפּ, האָט ער פֿאַרלאַנגט פֿון זיין שוועסטער איינס פֿון די צוויי: אָדער זי זאָל זיך גט׳ן, אָדער אַרויספֿאָרן מיט׳ן מאַן פֿון בראָד. זי האָט אויסדערוועהלט דאָס צווייטע. ר׳ גרשון האָט געקויפֿט דעם פּאָר פֿאָלק אַ פֿערד און אַ וועגעלע און זיי אויסגע׳משלח׳ט פֿון דער שטאָדט.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען האָט זיך דאָס פּאָר פֿאָלק בעזעצט אין אַ דאָרף צווישן קוטאָוו און קאַסאָוו. אייגנטליך האָט אין האָרף געלעבט נאָר דאָס ווייב, ישׂראל גופֿא פֿלעגט וואָכן און חדשים פֿאַרבלייבן אַליין צווישן די אַרומיגע בערג. פּרנסה האָבן זיי געהאַט פֿון גראָבן ליים. דריי מאָל אין וואָך פֿלעגט דאָס ווייבעל איינשפּאַנען דאָס פֿערד אין וועגעלע און פֿאָהרן צום מאַן אין די בערג. דאָרט פֿלעגט ער אָנגראָבן אַ וועגעלע ליים, און זי פֿלעגט דאָס נאָכדעם פֿאַנאַנדערפֿיהרן איבער די דייזער און פֿאַרקויפֿן. הערפֿון האָבן זיי געלעבט. דער מאַן איהרער האָט געבריבט זעהר ווייניג, וואָרום ער האָט מעהרסטענטיילס געפֿאַסט. און ווען ער פֿלעגט שוין יאָ עסן, איז זיין שפּייז געווען טריקען ברויט.

די בערג (קאַרפּאַטען), צווישן וועלכע דער בעש״ט האָט זיך אויפֿגע=

האַלטען, בילדען אין יענע ערטער הערליכע פּאַנאָראַמעס: הויכע בערלוען־וועגר, מונקעלע וועלדער, טיעפע טהאָלען, שנעלע שטראָמען און וואַסער־פאַלען, ווייכע, מיט גראָז בעדעקטע פעלדער. דאָ, אין די איינזאַמע ערטער, פנים אל פנים מיט דער נאַטור, האָט דער בע״שט פערבראַכט זיין צייט אין התבודדות, אין שטילע און טיעפע געדאַנקען. דאָ האָט ער צוגעגרייט זיין גייסט צו זיין שפּעטערדיגער ראָלע.

איינזאַם האָט ער זיך דאָ ניט געפיהלט, וואָרום אומעטום האָט ער געזעהען גאָט, אומעטום האָט ער איהם געשפּירט. דער וואַלד אָטעמט און רוישט, די גראָזען וואַקסען, דער שטראָם מורמעלט — אין די אַלע ערשיינונגען לעבט גאָט. די גאַנצע נאַטור איז פול מיט גאָט. „מלא כל הארץ כבודו“. אַלצדינג איז בעלעבט דורך גאָט, גאָט איז אין אַלצדינג... דאָ, אין די בערג, האָבען זיך אויסגעבילדעט אין בע״שט׳ס זעעלע די עלעמענטען פון זיין שפּעטערדיגען פּ אַ נ ט ע א י ז ם, — איינער פון די יסודות, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט זיין גאַנצע וועלטאָנשויאונג.

אַזוי האָט דער בע״שט און זיין ווייב אָבגעלעבט זיעבען יאָהר. די גרויסע אָרימקייט האָט זיי סוף כל סוף געצוואונגען זיך אומקעהרען קיין בראָד. דער שטרענגער רב ר׳ גרשון האָט געפרופט מאַכען דעם בע״שט פאַר אַ שמש ביי זיך. יענער האָט אָבער דערצו אויך ניט געטויגט. כדי פטור צו ווערען פון דעם שוואָגער, האָט ר׳ גרשון איהם געדונגען אַ קרעטשמע ניט וויט פון קוטאָוו, ביי׳ם טייך פּרוט. דאָ האָט דאָס ווייב געבעל־הבית׳עוועט, און דער בע״שט האָט געלעבט איינזאַם אין וואַלד, אין אַ שטיבעל, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעבויעט ביי׳ם ברעג פון׳ם טייך. דאָ פלעגט ער גאַנצע נעכט אויף־זיין, דאַווענען מיט גרויס דבקות און לערנען קבלה. ווען ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט ער העלפען אין בעל־הבית׳ישקייט, בעדיענען די אורחים, אַקוראַט ווי אַ פּראָסטער ישוב׳ניק.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דעם בע״שט איז אין יענער צייט געווען ניט שלעכט. אָבער ער אַליין האָט זיך בעגנוגענט מיט וועניג: אין זיין וואַלד־שטיבעלע פלעגט ער מיטנעדמען אין ברויט אויף אַ גאַנצע וואָך. נאָר שבת פלעגט ער זיך ערלויבען אַ געוויסע רחבות: ער פלעגט זיך אָנטהאָן אין ווייסען און פּראַווען דעם שבת מיט שמחה, עסען און טרינקען און זיך וואויל טהאָן.

אין יענער צייט האָט ער זיך שוין געפיהלט מעהר צוגעגרייט צו זיין צוקינפטיגער ראָלע. נאָר איידער ער איז נתגלה געוואָרען, איז איהם אויסגעקומען איבערצולעבען נאָך אַ שווערע צייט. ער האָט אָנגעוואָרען די קרעטשמע און האָט זיך געמוזט פערדינגען אין שטעדטעל טלוסט פאַר אַ מלמד. געווען איז ער דעמאָלט אַזוי אָרים, אַז ווי מען דערצעהלט, האָבען די פינגער פון זיינע פיס אַרויסגעקוקט דורך די צעריסענע שטיוועל.

דער בע״שט איז אַלט געווען 36 יאָהר, ווען ער האָט בעשלאָסען אַרויס־טרעטען אָפען אַלס בעל־שם און רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר.

.II

אַ בעל־שם האָט אין יענע צייטען געהייסען אַ מענש, וועלכער טהוט מיט גאָט׳ס נאָמען וואונדער: היילט קראַנקע, משוגעים, טרייבט אַרויס אַ דבוק, פער־היט פון אַל דאָס בייז דורך קמיעות און אַז. וו. צווישען דער פינסטערער, דער־שלאָגענער יודישער מאַסע פון יענער צייט האָבען אַזוינע בעלי־מופת געשפּילט

אַ בּאַדייטענדע ראָלע. אין אַזאַ ראָלע איז אויך אַרויסגעטרעטן ר׳ ישׂראל בּעל־שם־טוב און — מען מוז אונטערשטרייכן דעם דאָזיגן טרויעריגן פאַקט — זיין ערפאָלג צווישן די מאַסן ערקלערט זיך מער דורך זיין טעטיגקייט אַלס בּעל־מופת, איידער דורך די בּעסטע זייטן פון זיין לערע.

דער בּע״שט גופא איז לויט זיינע אָנשויאונגען געשטאַנען נאָהענט צו דער מאַסע. מען דאַרף ניט מיינען, אַז ער האָט עמיצן בּעוואוסטזיניג אָפּגענאַרט מיט זיינע מופתים, ניין, ער איז אַליין געווען פעסט איבּערציינט, אַז ער קען טהאָן וואונדער. אין זיין וועלטאַנשויאונג איז ניט געווען קיין גרעניץ צווישן דעם נאַטירליכען און איבּערנאַטירליכען: פאַר איהם איז אַלצדינג געווען נאַטירליך, אָדער, ריכטיגער, איבּערנאַטירליך. ער איז צ. בּ., געווען איבּערגעציינט, אַז אויבּ מען טראַכט וועגען אַ זאַך זעהר אָנגעשטרענגט, איז די זאַך, פון וועלכער מען טראַכט, פאַרהאַן דאָ אויפ׳ן אָרט. דעריבּער זענען אַלערליי זעהונגען, געשפּרעכען מיט די הימלישע קרעפטען, פערשיעדענע וואונדערבּאַרע ערשיינונגען גאַנץ נאַטירליך. דער בּע״שט, וואָס האָט געגלויבּט, אַז גאָט געפינט זיך אין יעדער איינציגער זאַך, איז ווירקליך געווען איבּערציינט, אַז מענשען, וואָס האָבּען געמאַכט אַלע נויטיגע הכנות, קענען זיין זעהר נאָהענט צו גאָט און אָפטמאָל ווירקען אויף זיין ווילען, ד. ה. בּעווייזען נסים.

עס איז פאַרהאַן אַ גרויסע צאָהל לעגענדען וועגען דעם בּע״שט׳ס מופתים. מען דערצעהלט, אַז ער האָט אַזוי גוט געהיילט קראַנקע, אַז מען פלעגט איהם אַפילו רופען צו פּריצים; ער פלעגט זאָגען נבואות, טרעפען די געדאַנקען פון אַ מענשען דורך די שטריכען פון זיין פּנים, האָבּען קפיצת הדרך, זיין אַ רואה ואינו נראה, הערען אַ בּת־קול פון הימעל און אַז. וו. אַנ׳ערך צעהן יאָהר האָט ער זיך פערנומען נאָר מיט אַזוינע מופתים. אין דער צייט איז ער אַרומגעפאָהרען איבּער אַ סך שטעדט; מיר בּעגעגענען איהם אין זאַסלאַוו, נעמיראָוו, בּאַר, פּאָלאָננא, טולטשין, המעלניק, שוואַרץ־טומאַד, שאַרגאָראָד, ד. ה. דערהויפּט אין פּאָדאָליען און וואָלין. שפּעטער האָט ער זיך בּעזעצט אין אַ שטעדטעל מעזשיבּאָזש, ניט ווייט פון דער גאַליציאַנער גרעניץ און פון בּראָד. דאָרט האָט ער געוואוינט די לעצטע צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבּען — פון 1740 בּיז 1760 בּערך און דאָרט האָט ער ענטוויקעלט זיין נייע רעליגיעזע לעהרע.

מעזשיבּאָזש איז געוואָרען אַ צענטר, וואוהין עס פלעגען זיך צוזאַמענקומען מאַסען נויטבּעדערפטיגע, קראַנקע, ווי אויך אַלערליי פרומע יידען, וואָס האָבּען געוואָלט זוכה זיין ריידען מיט׳ן בּע״שט און הערען זיין תּורה. דאָ האָט זיך אויך געבּילדעט אַן ענגער קרייז פון דעם בּע״שט׳ס תּלמידים און אָנהענגער, וועלכע האָבּען אויפגענומען זיין נייע לעהרע און נאָך זיין טויט זי פערשפּרייט צווישען די מאַסען.

די דאָזיגע לעהרע איז געווען געגרינדעט אויף פאָלגענדע פּרינציפּען:

א. פּאָלשטענדיגער פּאַנטעאיזם. גאָט פילט אָן אַלע זאַכען, וואָס מיר זעהען: גאָט איז פאַרהאַן אין אַלצדינג; ניטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל זיין פריי פון איהם; די גאַנצע וועלט איז נאָר ווי אַ מין קלייד (לבוש) פון גאָט.

בּ. צווישען דער הימלישער און דער ערדישער וועלט איז פאַרהאַן אַ שטענדיגע ווירקונג און געגענווירקונג. ניט נאָר גאָט ווירקט אויף די מענשען,

נאָר אויך די מענשען קאָנען ווירקען אויף די החלטות פון גאָט. אַלע מענשליכע האַנדלונגען, אַלע מענשליכע געדאַנקען און געפיהלען רופען אַרויס געוויסע פערענדערונגען אין די הימלישע ספערען. איינס פון די וויכטיגסטע מיטלען צו ווירקען אויף די דאָזיגע ספערען איז ת פ ל ה.

ג. די אויפגאַבע פון יעדען רעליגיעזען מענשען איז ד ב ק ו ת, דאָס הייסט זיך בעהעפטען מיט גאָט, לעבען מיט איהם, פערבינדען מיט איהם אַלע האַנדלונגען און אַלע געדאַנקען, פיהלען איהם שטענדיג אַרום זיך. אין אַלע מאַטעריעלע זאַכען דאַרף דער מענש ענטדעקען די געטליכע קראַפט; פון אַלע צופעליגע, אונפאָלקאָמענע אירדישע זאַכען דאַרף ער זיך דערהויבען מיט זיין געדאַנק צום שורש, צום אַלגעמיינעם קוואַל פון אַלצדינג — צו דער גאָטהייט. דערפון שטאַמט דעם בע״שט׳ס אָ פ ט י מ י ז ם: ניטאָ קיין שלעכטס אויף דער וועלט, וואָרום אַלצדינג איז פון גאָט. דאָס וואָס מיר האַלטען פאַר שלעכטס, איז נאָר אַ קלענערע מדרגה פון גוטס. און דערפון איז ווידער געדרונגען, אַז אַ מענש דאַרף זיין פרעהליך. אַ מענש דאַרף ניט פייניגען זיין לייב מיט תענתים, מיט סגופים. „אין כלל דאַרף מען האָבען, דיענענדיג גאָט — ניט זיין ט ר ו י ע ר י ג. געוויין איז אַ שלעכטע מדה, וואָרום דער מענש דאַרף דיענען גאָט מיט שמחה. נאָר די טרעהרען זענען גוט, וועלכע פליסען פון אַן איבערפילט האַרץ״.

דאָס איז געווען אַ פראָטעסט געגען דער פאַרצייטיגער קבלה מיט איהרע תענתים און געגען דעם גייסט פון עצבות, וואָס האָט געשוועבט איבער דער דעמאָלדיגער יודישער פרומקייט.

ד. ניט דאָס לערנען תורה איז דער עיקר. נאָר די אינעווייניגסטע בעהעפטונג מיט גאָט. ניט די טויזענטער קליינליכע דינים און מנהגים, וואָס האָבען ווי אַ געדיכטע נעץ אַרומגעוויקעלט דעם יודען אויף יעדען טריט, זענען געפעליג פאַר גאָט, נאָר די אינעווייניגסטע הייסע געפיהלען. לערנען תורה איז נאָר דעמאָלט נוצליך, ווען דאָס איז אַ מיטעל צו ערוועקען די רעליגיעזע געפיהלען. אָבער תורה לשם תורה, לשם פלפול, לשם שאַרפען דעם מח — דאָס איז טרוקען און קאַלט און שטאַמט פון דער סטרא-אַחרא, וועלכע וויל אויף אַזאַ אופן אַריינהאַפען יודישע נשמות.

דאָס איז געווען אַן עכטע רעוואָלוציע געגען די יסודות פון דער דעמאָלדיגער רבנ׳ישער תורה, געגען דעם גאַנצען אויסגעטריקענטען, פערשטיינערטען רעליגיעזען דאָגמאַטיזם. די רבנים האָבען באַלד דערפיהלט די קראַפט פון דער נייער בעוועגונג און האָבען אָנגעהויבען געגען איהר אַ האַרטען קאַמפף.

ה. ת פ ל ה איז דאָס מיטעל צו בעהעפטען זיך מיט גאָט. גאָט דאַרף מען ניט נאָר קענען, ניט נאָר פאַר איהם מורא האָבען — מען דאַרף איהם ליעב האָבען מיט אַ הייסער, ליידענשאַפטליכער ליעבע. כדי דער מענש זאָל אין זיין תפלה זיך פעראייניגען מיט גאָט, דאַרף די תפלה זיין הייס, פלאַמענדיג, ליידענשאַפטליך: דער מענש דאַרף פערגעסען אַלצדינג, וואָס ס׳טהוט זיך אַרום איהם, ער דאַרף אָפטרייסלען פון זיך דעם חומר, כדי זיין עקסטאַז זאָל קענען דערגרייכען די העכסטע מדרגות. אַ מענש דאַרף דיענען גאָט מ י ט ד ע ר נ ש מ ה.

ו. ניט דער איז געפעליג פאַר גאָט, ווער עס קען אַ סך ל ע ר נ ע ן, נאָר דער, וואָס קען ג ו ט פ י ה ל ע ן. דעריבער קען דער פראָסטער מענש, דער ניט-גע-

לערענטער, ווען ער פֿערשטעהט אַפילו ניט גוט דעם פּירוש המלות פֿונ׳ם דאַווענען, זיך געפֿינען אויף אַ העכערער מדרגה, איידער דער געלערנטער. „דער בע״שט האָט דערגרייכט צו הויכע נביאות ניט דערפֿאַר, וואָס ער האָט געלערנט אַ סך תּלמוד און פּוסקים, נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט געדאַוונט הייס און מיט כּוונה, וואָרום אַזאַ תּפֿלה דערהויבט דעם מענשען אויף אַ הויכען מצב״.

די דאָזיגע לעהרע האָט זיך אונטערגעגראָבען אונטער׳ן אויטאָריטעט פֿון די אַמאָליגע לומדים, כּלי־קודש, געגען דער אַריסטאָקראַטיע פֿון לערנער.

ז. דערפֿאַר האָט דער בע״שט אַיינגעפֿיהרט אַ נייע אַריסטאָקראַטיע — צ ד י ק י ם. די אויסדערוועהלטע, וואָס קענען ענטוויקלען אין זיך די טיעפֿסטע רעליגיעזע שטימונגען און שטעהען זעהר נאָהענט צו גאָט, זענען לויט דעם בע״שט׳ס לעהרע, ווי פֿערמיטלער צווישען גאָט און צווישען דעם פּראָסטען המון. אַזוינע רופֿען זיך צדיקים. זיי זענען ווי היטער פֿון די הימלישע טויערען, און אָהן זיי קען זיך דער מענש ניט דערנעהענטערען צו גאָט. דעריבער מוזען די פֿרומע, די ח ס י ד י ם, אָבגעבען כּבוד זייער צדיק און איהם אַכטען, ווי אַ געטליכען מענשען.

די דאָזיגע אַלע אידעען האָט דער בע״שט ענטוויקעלט ניט אין געשריעבענע ספֿרים, נאָר אין זיינע דרשות און אין די שמיעסען מיט תּלמידים און מקורבים.

אין יאָהר 1747 האָט דער בע״שט געשריעבען אַ בריעף צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קוטאָווער, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעצויגען קיין ארץ־ישראל. אויף דעם בריעף קוקען די חסידים ווי אויף דעם ערשטען מאַניפֿעסט פֿונ׳ם בע״שט. דאָס איז געווען ווי אַ מין עפֿענטליכער דאָקומענט, אין וועלכען דער בע״שט האָט צום ערשטען מאָל קלאָר און דייטליך אויסגעדריקט זיינע פּרינציפּען.

אָבער דערהויפּט איז די ווירקונג פֿון בע״שט געווען אַ פּ ע ר ז ע נ ל י כ ע. די מאַסע האָט איהם געגלויבט, ווייל זי האָט ליעב געהאַט זיין פּערזאָן און וויל ער איז געווען בעקאַנט ווי אַ בעל־מופֿת. די לעהרע זיינע איז געווען זעהר אָנגע־מאָסטען צו דעם מיטעלמעסיגען ניט געלערנטען יודען, צום המון, און דער המון האָט זיך אָבגערופֿען.

דער בע״שט גופֿא האָט זיך געהאַלטען שטענדיג ווי אַ פּראָסטער מענש און האָט ליעב געהאַט אָרימע, פּראָסטע מענשען, וועלכע דיענען גאָט ניט מיט׳ן מוח, נאָר מיט׳ן האַרצען. ער האָט ניט ליעב געהאַט די מגידים, וועלכע האַלטען אין איין מוסר׳ן דעם עולם. ער איז זיך שטענדיג בעגאַנגען מיט ווייכקייט און ליעבע, און דער זינדיגער מענש איז אויך ביי איהם ניט געווען טריף.

נאָך ביי זיין לעבען האָט זיין לעהרע זיך שטאַרק פֿערשפּרייט, און זיין ווירקונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער פֿלעגט אין פֿערשיעדענע קהלות בעשטימען רבנים, שוחטים, חזנים. נאָך זיין טויט האָבען די אינטעליגענטעסטע תּלמידים זיינע פֿערשפּרייט זיין לעהרע נאָך ווייטער און האָבען אויסגעבילדעט ד אָ ס ס י ס ט ע ם פֿון ח ס י ד ו ת, וואָס האָט אַריינגעטראָגען אַ נייעם גייסט אינ׳ם רעליגיעזען לעבען פֿון די יודען. דער קאַמפּף צווישען די ח ס י ד י ם און מ ת נ ג ד י ם (אָנהענגער פֿון דער אַלטער רבנ׳ישער מעטאָדע) איז געווען די וויכטיגסטע גייסטיגע ערשיינונג צווי־שען די יודען פֿון רוסלאַנד און פּוילען אין סוף פֿון דעם 18־טען און אין אָנהייב פֿונ׳ם 19־טען יאָהרהונדערט.

געשטאָרבען איז דער בע״שט דעם ערשטען טאָג שבֿועות — אַרומגערינגעלט

מיט זייגע פֿריינד און חסידים. פֿאַר'ן טויט האָט ער געזאָגט צו די אָרומיגע: „זאָרגט זיך ניט פֿאַר מיר: איך געה אַרויס פֿון איין טהיר און קום אַריין אין דער צווייטער. אָבער אויף אייך איז אַ רחמנות: איהר פֿערליערט אַ גרויסע אבידה".

די פֿאַנטאַזיע פֿונ'ם פֿאָלק האָט אַרומגעשפּונען דעם נאָמען פֿונ'ם בע"שט מיט זעהר פֿיעלע לעגענדען.

משניה — אויפֿזעהער. שכל הישר — לאָגישער פֿערשטאַנד. מגלה זיין — אויפֿדעקען, ענטפּלעקען. בור — גראָבער יונג. נסתר — פֿערבאָרגענער, בעהאַלטענער. התבודדות — איינזאַמקייט. מלא כל הארץ כבודו — די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט זיין כבוד (מיט דעם כבוד, דער פּראַכט פֿון גאָט). נתגלה ווערען — בעקאַנט ווערען, זיך בעווייזען, ענטפּלעקען. רואה ואיננו נראה — אַזוינער וואָס זעהט און אַליין ווערט ער ניט געזעהען. בת־קול — אַ איבערנאַטירליכע, געטליכע שטים. ההלטות — בעשלוסען, בעשטימונגען. שורש — וואָרצעל. סגופים — קערפּערליכע ליידען, פּיזישע שמערצען, וואָס אַ מענש טהוט זיך אַליין אָן. עצבות — טרויער, אומעט. סטרא אחרא — (בוכשטעבליך: „הינטערשטע זייט") די קראַפֿט פֿון דעם שטן, דער טייוועל. חומר — שטאָף, מאַטעריע. פּירוש המלות — זין פֿון די ווערטער.

אחד העם.

משה בן עמרם.

(חאַראַקטעריסטיק)

איך געה דורך ביי מיר אין געדאַנק די גאַנצע טראַדיציע וועגען משה'ן און פֿרעג קודם כל זיך אַליין: וואָס איז געווען משה? ד. ה. פֿון וועלכער אַרט איז דער נאַציאָנאַלער אידעאַל, וואָס איז פֿערקערפּערט אין משה'ן? וואָרום ס'איז דאָך ניט גלייך דאָס בילד פֿון אַ קריעגס־העלד צו דעם בילד פֿון אַ גייסטיגען העלד אַ. ז. וו., און ווען מיר ווילען בעטראַכטען דאָס בילד, דאַרפֿען מיר זיך אַליין קלאָר מאַכען, וואָס פֿאַר אַ אידעאַל דער מאַלער האָט געזעהן אין זיין גייסט און געוואָלט אויסדריקען אין זיין שעפּפֿונג.

און אַזוי קוק איך זיך גוט איין אין משה'ס בילד און פֿרעג ווייטער: איז ער אַ קריעגס־העלד?

ניין! וואָרום אינ'ם גאַנצען בילד איז דאָך קיין שום רמז נישטאָ אויף קריעגערישע העלדישקייטען און מיר זעהען נישט משה'ן אַפֿילו איין מאָל שטעהן בראש פֿון אַן אַרמעע און ווייזען וואונדער אינ'ם קאַמפּף מיט'ן שונא. נאָר אין דער מלחמה מיט עמלק'ן זעהען מיר איהם אויפֿ'ן שלאַכטפֿעלד; ער שטעהט אָבער גאָר אָן אַ זייט, קוקט זיך צו צום גאַנג פֿון דער מלחמה און ווירקט אויף די יודישע העלדען מיט זיין גייסטיגער קראַפֿט, נישט נעהמענדיג קיין אָנטייל אין דער שלאַכט גופא.

איז ער אפֿשר אַ פּאָליטיקער?

ניין! וואָרום ווען ער האָט געדאַרפֿט שטעהן פֿאַר פּרעה'ן און אונטערהאַנדלען מיט איהם וועגען פּאָליטישע ענינים, האָט ער נישט געוואוסט, ווי זיך אַקעהר צו טהאָן אָהן דער הילף פֿון זיין ברודער אַהרן, וועלכער האָט איהם געדיענט פֿאַר אַ „מויל".

אַלזאָ — איז ער אַ „געזעצגעבער"?

דאָס אויך נישט! וואָרום יעדער געזעצגעבער גיט זיין תורה די מענשען

פֿון זײַן דור, אין אײַנשטימונג מיט זײערע בעדערפֿנישען אין דער צײַט און אין דעם אָרט, אין װעלכען ער און זײ לעבען. משה אָבער פֿערפֿאַסט געזעצען פֿאַר דער צוקונפֿט — פֿאַר אַ דור, װאָס איז נאָך גאָר ניטאָ, און פֿאַר אַ לאַנד, װאָס איז נאָך נישט אײַנגענומען; און די טראַדיציע (מסורה) האָט נישט בעהאַלטען פֿון אונז, אַז צװישען די געזעצען, װעלכע װערען צוגעשריבען משה'ן, זענען דאָ אַזעלכע, װאָס מ'האָט זײ אָנגעדריבען אויסאיבען ערשט מיט אַ סך דורות שפּעטער, און אַזעלכע, װאָס זענען קײנמאָל נישט פֿערװירקליכט געװאָרען אין לעבען.

װאָס דען אַלזאָ איז משה?

דאָס האָט געװאוסט די טראַדיציע און האָט עס אונז איבערגעגעבען אין קלאָרע װערטער: „און עס איז בײַ ידען נישט געװען נאָך אַזאַ נ ב י א, װי משה". הײסט עס, אַז משה איז אַ נבֿיא. און נישט קײן נבֿיא װי אַלע נבֿיאים, װאָס זײער קערפּערליכע עקזיסטענץ איז ענטפּלעקט געװאָרען אין איהר אמת'ער געשטאַלט ערשט אין דער צײַט פֿון די מלכים, נאָר, װי מ'האָט משה'ן אָנגערופֿען אין די שפּעטערדיגע דורות — „דער גרעסטער פֿון די נבֿיאים" (אַדון הנבֿיאים), ד. ה. דער א י ד ע אַ ל ע ר טיפּ פֿון דער ידישער נבֿואה אין איהר עדעלסטען און העכסטען זין.

און איך בעטראַכט נאָך אַמאָל בײַ מיר אין געדאַנק דאָס אַלץ, װאָס איך בין שױן דערגאַנגען, לעזענדיג אין קלערענדיג װעגען דעם מהות פֿון דער ידישער נבֿואה, און איך געפֿין פֿאָלגענדע פּרינציפּען:

1) דער נבֿיא איז אַ מענש פֿון א מ ת. ער זעהט דאָס לעבען, װ י ע ס א י ז, און נעהמט אַרײַן אין זיך די אײַנדריקען פֿון לעבען אָהן פּערזענליכע נטיות, און װאָס ער זעהט, גיט ער איבער, װי ער זעהט, אָהן זײַטיגע חשבונות. ער זאָגט דעם אמת נישט װײַל ער װיל עס, װײַל ער האָט נאָכגעזוכט און געפֿינען, אַז ער איז מ ח י י ב אַזױ צו האַנדלען, נאָר װײַל אַנדערש קען ער ניט, װײַל דאָס איז זײַן אײַגענטימליכע אײַגענשאַפֿט, װאָס ער קען זיך פֿון איהר נישט בעפֿרײַען, אַפֿילו װען ער װיל דאָס. ריכטיג האָט געזאָגט קאַרלײַל: יעדער מענש קען ערגרײכען די מעלה פֿון אַ נבֿיא אין זוכען דעם אמת; דער אונטערשיד איז נאָר, װאָס יעדער מענש קען אַזױ װערען דורך אַ שטאַרקען װילען און אַ סך אָנשטרענגונג, בשעת דער נבֿיא ק ע ן נ י ש ט זײַן אַנדערש, װײַל דאָס איז זײַן נאַטור.

2) דער נבֿיא איז אַ מענש פֿון ע ק ס ט ר ע מ ע ן. ער קאָנצענטרירט זײַן גאַנץ װיסען און פֿיהלען אין זײַן אידעאַל: אין איהם געפֿינט ער דאָס ציעל פֿון זײַן לעבען און איהם װיל ער אונטערטעניג מאַכען דאָס גאַנצע לעבען ביז'ן סוף, אָהן אַ שום אויסשלוס. טיעף בײַ זיך אין דער נשמה טראָגט ער אַ גאַנצע װעלט, אַ אידעאַלע װעלט, און לױט איהר מיהט ער זיך מתקן צו זײַן אויך די אויסערליכע, קערפּערליכע װעלט. ער איז פֿעסט איבערצײַגט, אַז אַזױ ד אַ ר ף זײַן, און דאָס איז פֿאַר איהם גענוג אום צו פֿאָדערען מיט דער גאַנצער קראַפֿט, אַז אַזױ זאָל ז י י ן; ער קען נישט אָננעהמען קײן שום פֿערענטפֿערונג, ער קען ניט מסכּים זײַן אויף קײן פּשרה. אין בערוהיגט זיך נישט פֿון זײַן צאָרן און הערט נישט אויף צו שטראָפֿען, אַפֿילו װען די גאַנצע װעלט שטעלט זיך איהם אַנטקעגען.

און פֿון די בײדע גרונד־אײַגענשאַפֿטען װאַקסט אויס אַ דריטע, װאָס בילדעט

זיך אויס פֿון די בײדע צוזאַמען: די הערשאַפֿט פֿון דער אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט אין דער נשמה פֿון דעם נביא, און זיין רעדען און זיינע מעשׂים. זייענדיג אַ מענש פֿון אמת, מוז ער זיין אויך אַ מענש פֿון גערעכטיגקייט, וואָרום וואָס איז די גערעכטיגקייט, אויב נישט דער אמת אין פּראַקסיס (טהאַט)? און זייענדיג אַ מענש פֿון עקסטרעמען, קען ער נישט אונטערטעניג מאַכען די גערעכטיגקייט — אַזוי ווי ער קען נישט אונטערטעניג מאַכען דעם אֶמת — אונטער וועלכען ס'איז זייטיגען ציעל, ער קען ניט נאָכגעבען, ווען די צייט פֿאָדערט עס, אָדער אַפֿילו, ווען דאָס געפֿיהל פֿון ליעבע אָדער מיטלייד פּראָטעסטירען געגען זיין גערעכטיגקייט. די גערעכטיגקייט פֿון דעם נביא איז דעריבער אַ נ אַ ב ס אָ ל ו ט ע, זי איז נישט בעגרענעצט פֿון קיין זייט, נישט פֿון די געזעלשאַפֿטליכע בעדערפֿענישען און נישט פֿון די פּערזענליכע נייגונגען.

און ווייל די לאַגע פֿון דעם נביא איז אַזאַ, אַז פֿון איין זייט קען ער דאָס לעבען נישט רעפֿאָרמירען אַבסאָלוט נאָך זיין גייסט, און פֿון דער צווייטער זייט קען ער זיך ניט נאַרען און פֿערמאַכען די אויגען אויף די פֿעהלערן פֿון לעבען, — קען ער דעריבער קיינמאָל ניט שלום מאַכען מיט דער געגענוואַרטס-וועלט, אין וועלכער ער לעבט. און ס'איז דאָ אַ קערנדעל אמת אין דער פֿאָרשטעלונג פֿון׳ם המון, וואָס זעהט אין דעם נביא קודם-כל אַ „וואָהרזאָגער פֿון דער צוקונפֿט“. וואָרום דער נביא האָט טאַקי נישט אין זיין וועלט מעהר ווי זיין אידעאַל פֿון דער צוקונפֿט, פֿון די „לעצטע טעג“, און אין דעם אידעאַל געפֿינט ער פֿון צייט צו צייט אַ טרייסט, ווען דער „טרויער-בעכער“ ווערט שוין פֿול און ער האָט שוין נישט מעהר קיין כּח צו שרייען און צו פּראָטעסטירען געגען דעם שלעכטס, וואָס ער זעהט אַרום זיך.

אַזוי גוט אָבער ווי דער נביא רעכענט זיך נישט מיט דעם געגענוואַרטס-לעבען, אַזוי רעכענט זיך דאָס לעבען אויך נישט מיט איהם, און ווערט נישט בעאיינפֿלוסט פֿון איהם דירעקט, אונמיטעלבאַר, נאָר דורך געוויסע „רעדערן“, אין וועלכע דער דאָזיגער איינפֿלוס ווערט צוגעפּאַסט צו די אויסערליכע לעבענס-בעדינגונגען. אָט די „רעדערן“ זענען אויך מענשען, וועלכע גרייכען אַפֿילו נישט צו דער מעלה פֿון נביא און וויסען נישט פֿון זיינע עקסטרעמען, וועלכע זענען אָבער נעהנטער צו איהם אין גייסט מעהר פֿון המון און זענען מסוגל בעאיינפֿליסט צו ווערען פֿון איהם ביז אַ געוויסען גרעניץ: זיי זענען עס די „פּרנים“ פֿון דעם נביא׳ישען אידעאַל, זיי שטעהען צווישען דעם נביא און צווישען לעבען און פֿערשפּרייטען זיין השפּעה דורך פֿערשיידענע צעדרעהטע וועגען, און יעדער צייט ווי עס פּאַסט, נישט רעכענענדיג זיך מיט דער ריינקייט פֿון דער נבואה און נישט זאָרגענדיג דערפֿאַר, זי זאָל נישט פֿערליערען איהר אייגענטימליכע נאַטור, ווען זי וועט זיך אַראָבלאָזען צום פּראַקטישען לעבען.

אַזוי שטעל איך זיך פֿאָר דעם נביא אין זיין ריינער געשטאַלט. די גרונד-שטריכען פֿון דעם בילד געפֿינען מיר ביי די אַלע אמת׳ע נביאים, וואָס זענען געווען ביי יודען פֿון הושע און עמוס ביז ירמיה און יחזקאל; מעהר ווי ביי אַלע זענען אָבער די שטריכען בולט אין זייער גאַנצען גלאַנץ אין דעם אידעאַל-בילד פֿון דעם „אדון הנביאים“, דעם גרעסטען פֿון אַלע נביאים — משה בן עמרם.

ראובן ברייניז.

מענדעלע מוכר ספרים.

(האראקטעריסטיק אויפ'ן גרונד פון פערזענליכע איינדריקען).

אין אנ'ארימער וואוינונג, אין אנ'ארים, זעהר ארים, זעהר קנאפ געמעבלירטען צימער, האב איך געפונען דעם זיידען.

איך האב געפונען דעם זיידען ביי א גרויסען איינפאכען טיש, אויף וועלכען עס איז געלעגען אנ'אנגעדריבענער מאנוסקריפט — דער מינט נאך ניט אויסגעטריקענט — און א פאר אלטע מדרשים.

רבי מענדעלע האט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאנגען צו מיר. איך האב דערזעהן פאר זיך א במעט הויכען, שלאנקען אלטען מאן, וועלכער טראגט זיינע זיעבציג יאהר אויף די פלייצעס שפיעלענדיג. איך וואלט זאגען — מיט א בעזונדערע עלעגאנץ און מיט א בעזונדערער גאוה. דען ווי ער איז גראד און גלייך, בעמיהט זיך דער אלטער צו ערשיינען נאך גראדער, נאך לייכטער און האלט נאך מעהר אויפגעהויבען דעם קאפ, ווי ער וואלט וועלען זאגען: „עה, שקצים, איינקלעך, וואס מאכט איהר דארטען מלאכות, וואס קרימט איהר זיך, וואס זיפצט איהר דארטען בלומר'שט אונטער דער שווערער לאסט און יאך פונ'ם לעבען. שקצים, קוקט אויף מיר און וואונדערט זיך: וואס לאסט, וועז יאך, וואס מיר מיעדיגקייט, ווען מיר אלטקייט, איך דענק ערשט אנצוהייבען שאפען, ארבייטען, ווען איהר, יונגע שקצים, דענקט שוין אויפצוהערען, וייל איהר זענט מיעד און מאט!“

דער זיידע, איידער נאך ער האט א ווארט גערעדט, האט אויף מיר אויפגעהויבען זיינע קליינע אויגען, און האט מיך א פאר סעקונדען בעטראכט. זיין בליק איז שטעכיג, דורכדרינגענד, פארשענד און במעט אונאנגענעהם. הארא(ק)טעריסטיש זענען זיינע ליפען. אין די ווינקלען פון זיי ליעגט בעהאלטענע איראניע, פיעל ביטערקייט און שפאט.

דאך מאכט זיין גאנצער פנים דעם איינדרוק פון קאנצענטראציאן, פון ערנסטען דענקען. זיין הויכער, בעוועגליכער, צעקנייטשטער שטערן זאגט אייך גלייך, אז דער געדאנקען־אפאראט הינטער איהם האט פיעל און שווער געארבייט.

איהר זעהט פאר זיך קיין שטימונגס־קינסטלער, קיין ווערטער־ווירטואז, קיין גלאט־אזוי־זיך־ א שרייבער. פאר אייך שטעהט א קינסטלער, א דענקער — א דענקער אויף זיין ארט — א ווילענס־מענש, א הארא(ק)טער.

איך האב גלייך בעמערקט, אז דער בעוועגליכסטער, לעבעדיגסטער און הארא(ק)טעריסטישסטער אבר אין דעם זיידענס געזיכט איז זיין נאז. ווען איך האב נעהענטער דערקענט רבי מענדעלע'ן, האב איך זיך איבערצייגט, וואס פאר א גרויסע ראלע עס שפיעלט אויך אין זיין גייסטיגען וועזען די נאז, זיין שטארקער, שארפער חוש־הריח. אלע בעוועגונגען פון זיין נשמה שפיעגלען זיך אב אויף זיין נאז. ווען דער זיידע לייענט וואס א נייע זאך, קען מען גלייך מערקען נאך די בעוועגונגען פון זיין נאז, וואס פאר אנ'איינדרוק דאס מאכט אויף איהם. ווען זיין נאז פערקרימט זיך שטארק — און זי קרימט זיך אויף א גאנץ בעזונדערען אופן — ווייסט איהר שוין, אז עס איז טאקי פע, פאסקודסטווע און עס טויג אויף כפרות.

ווען איהר זענט א יונגער שרייבער, אנ'אנפאנגער, און איהר ווייזט דעם זיידען אייער שרייבעכטס, און דעם זיידענס נאז פערקרימט זיך אזוי שטארק, קענט

איהר שוין וויסען, איער גזר איז אָבגעחתמ'עט. נאָך איידער דער אַלטער האָט זיין מויל אויפֿגעמאַכט. זיין נאָז האָט אַייך שוין אַלעס געזאָגט. זייט זיכער, אַז פֿון אַייער שרייבעכטס טראָגט אַ שלעכטער, מיאוס'ער ריח. דעם זיידענ'ס נאָז האָט דאָס גלייך געשפּירט און האָט זיך שטאַרק פֿערקרימט. עס איז ניטאָ וואָס אַייך צו מקנא זיין. דעם זיידען וועט איהר ניט נאַרען, זיין שטאַרקער ליטעראַרישער חוש-הריח זאָגט אידם שוין, פֿון וועלכע כעמישע יסודות אַייער שרייבעכטס איז צוזאַמענגעזעצט.

ווען איהר בעטראַכט גוט און רוהיג דאָס וועזען פֿון רבי מענדעלע, ווען איהר קוקט זיך צו צו זיינע בעוועגונגען, מינעס און איהר הערט זיך צו צו זיינע רעד' און צו זיין אויסטייטשען יעדע זאַך, דערקענט איהר גלייך, אַז אונזער אַלטער בעקאַנטער, געשריעבענער מענדעלע מוכר ספֿרים איז פֿלייש פֿון זיין — אַבראַמאָוויטש'עס — פֿלייש, און ביין פֿון זיין ביין. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז אַג'הרפֿה, אַ כינטעז, פֿון דעם בעקאַנטען מענדעלע און פֿון דעם מיושב'דיגען פּקח רבי שלמה (דער העלד פֿון זיין לעצט ווערק, וועלכעס איז נאָך ניט געענדיגט).

דער זיידע האָט אויך אין רעדען אַ רייכע, אַנ'איינענע און אַ האַראַקטעריסטישע שפּראַך. דאָס מאַמע-לשון פֿון אַ יודישען תלמיד-חכם, פֿון אַ וואָרט-קינסטלער. רעדענדיג שאַפֿט ער עכט-יודישע אויסדריקען, ווענדונגען, און אַלעס, וואָס דער זיידע רעדט, איז ווי אָבגעטאָקט. אויסגעשניצט, פּלאַסטיש: די נגינה, דער טראָפּ, דער ריטמוס פֿין זיינע ווערטער, פֿון זיינע פּסוקים זענען עכט יודיש און איינגנאַרטיג.

און דער זיידע האָט ליעב צו רעדען. ער רעדט מיט חשק, מיט טעם. און ווען דער זיידע רעדט, איז פֿאַרהאַן וואָס צו הערען, און איהר מוזט זיך צוהערען.

זיינע מעשיות, זיינע ווערטלעך, זיינע משלים, זיינע לאַנגע חקירות, זיינע איינפֿאַלען און דרך-אַגב'דיגע בעמערקונגען זענען אַ שטיק קולטור-געשיכטע פֿונ'ם יודישען פֿאָלק. איהר זעהט פֿאַר זיך אַ לעבעדיגען אוצר פֿון אונזער אַלטער, אָבשטאַרבענדער קולטור. קוקענדיג אויף דעם זיידען, צוהערענדיג זיך צו זיינע זעהר זיסע, און אָפֿטמאָל זעהר ביטערע, דבורים, זעהט איהר פֿאַר זיך דעם אמת'ן „יוד שבּיודען". איהר זעהט פֿאַר זיך אַנ'אָבגעשלאָסענעם, אַנ'אָבגעזונדערטען, פֿעסטען, אויסגעפּרעגטען האַראַקטער, אַ גייסטיגען ריעז פֿון די פֿריהערדיגע דורות.

קוקענדיג אויפֿ'ן זיידען, צוהערענדיג זיך צו זיינע ווערטער, זעהט איהר פֿאַר זיך אַנ'אַלטען יודישען, עכטען און רעכטען תלמיד-חכם, וואָס האָט נאָך אין זיך אַ קוואַל לעבען, אַנ'אוצר פֿון ענערגיע און שטאַרקע, קלאָרע, שאַרפֿע חושים. איהר זעהט פֿאַר זיך אַ פֿול-מענש, אַ גאַנצען-יוד.

* * *

און דער זיידע האָט ליעב צו זאַלצען, צו פֿעפֿערן זיינע רייד מיט אַ שטיקעל מדרש, מיט אַ שטיקעל אַגדתא, וועלכע ער פֿערטייטשט אויף זיין אופֿן; ער האָט ליעב צו ממתיק זיין זיינע דבורים מיט אַ משל, מיט אַ וויץ און צו דערקלעהרען דאָס, וואָס ער וויל זאָגען, מיט אַ חקירה'לע, מיט אַ מעשה'לע און ד. ג. קורץ: עס רעדען פֿון זיין מויל אַלטע דורות און לעבענס-ערפֿאַהרונגען.

און דער זיידע רעדט נאָר וועגען זאַכען, וואָס ער ווייסט, וואָס ער בעגרייפֿט און וואָס ער האָט דורכגעלעבט.

* * *

און וואָס איך האָב זיך נעהענטער פּערזענליך בעקענט מיט דעם זיידען, האָב

איך מעהר געקנייעט פֿאַר זיין אַרבייטס־לוסט, פֿאַר זיין אַרבייטס־קראַפֿט, פֿאַר זיין ליעבע צו דער אַרבייט, פֿאַר זיין בעגייסטערונג מיט דער אַרבייט. דאָס איז אַריכּ־טיגע „עבֿודת־הקודש“ (אַ הייליגע דיענסט). ער וועגט, ער שמעקט, קען מען זאָגען, ער טאַפּט יעדעס וואָרט, וואָס ער שרייבט אויף. ער צעהלט די אותיות, עס זאָל ניט זיין אַן איבעריגער „ווו“, אַן איבעריגער „יוד“, מיט מעהר גייציגקייט, מיט מעהר פֿאָרזיכט, ווי דער קאַרגסטער מענש צעהלט גאָלדענע רענדלעך.

דער יידע האָט קיינמאָל ניט געשריעבען אויף דער בעשטעלונג. ער האָט זיך קיינמאָל אין לעבען ניט אָנגענומען צו פֿאַרטיג מאַכען אַ ליטעראַרישע „אַרבייט“ צו אַ געוויסע, בעשטימטע צייט. ער שרייבט, וואָס ער וויל, ווי ער וויל און ווען ער וויל. ער שרייבט און לאָזט ליעגען, און אין אַ צייט אַרום נעהמט ער דאָס ווידער אַרויס פֿון שרייב־טיש, און בעסערט דאָס, ענדערט דאָס און בעלעבט דאָס.

און וואָס רבי מענדעלי איז געוואָרען עלטער, איז זיין ליטעראַרישער פֿלייס געוואָרען שטאַרקער, זיין ערנסט גרעסער און זיין געשמאַק רייפֿער.

* * *

דורך מיינע פֿיעלע און פֿערשיידענע געשפּרעכען מיט דעם ליעבען יידען האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער געהערט ניט צו קיין פּאַרטיי, צו קיין ריכטונג אין יודענטום. ער בילדעט פֿאַר זיך אַליין אַ בעזונדערע, אַ גאַנצע וועלט. ער איז סתם אַ ייד, אַ גרויסער, מיט אַ טיעפֿער נשמה, און שטעהט ווי אַ פֿעלז צווישען אַלע מאָדערנע שטרעמונגען. זיין יודענטום איז איינגעוואָרצעלט אין טויזענטער יאָהרען פֿון יודישען לעבען, פֿון יודישער ענטוויקלונג. ווי אַ פּקח, ווי דער שאַרפֿסטער קריטיקער, זעהט ער דורך און דורך אַלע פֿעהלער, אַלע מומים, אַלע פּגימות און קרומקייטען פֿון די פֿערשיידענע פּאַרטייען. ער זוכט אין אַלעס דעם קערן, דעם תּוך און דעם תּמצית. ער פֿיהלט די פּוסטקייט פֿון אַלע קלינגענדיגע פֿראַזען, די נאַרישקייט פֿון יעדען פֿאַנאַטיזם און די בלינדקייט פֿון יעדער עקשנות.

אָך, ווי ער קען דעם יודען, ווי ער קען די יודישע וועלט, ווי ער ווייסט דעם אמת'ן ווערט פֿון די אַלע ניי־אויסגעבאַקענע שלאַג־ווערטער, פּראָגראַמען, פּלאַטפֿאָרמען, און כּלומרשטע טעאָריעס. אין זיינע ליפּען־ווינקלען צוקט אַ מעפֿיסטאָפֿעל־שמייכעל, ווען ער רעדט וועגען דעם.

זיינע יודישע אינסטינקטען זענען געזונד און פֿריש, זיין אויפֿפֿאַסונג פֿונ'ם יודישען לעבען איז קלאָר און לאָגיש. מיט מליצות, מיט וואָרט־שפּיעלערייען און מיט געדאַנקען־קונצמאַכעריי קען מען איהם פֿון דרך הישר, וועלכען ער האָט זיך, ניט אַראָפּפֿיהרען.

* * *

אויך אַלס קינסטלער איז דער יידע געטריי זיך אַליין. ער האַלט זיך ניט אָן קיין קונסט־טעאָריע, אָן קיין קונסט־ריכטונג און ער מאַכט ניט מיט קיין ליטעראַרישע מאָדע. וואָס ער שאַפֿט אין דער ליטעראַטור, שאַפֿט ער אָרגאַניש, ניט צופֿעליג, נאָר דורך אַ אינערע נויטווענדיגקייט. ער קען ניט, ער וויל ניט אַנדערש שרייבען, ווי ער שרייבט. די געשמאַקען בייטען זיך אין דער ליטעראַטור. געוויסע שרייבער זוכען צו חנפֿ'ענען יעדעס מאָל דעם נייעם, דעם נייעסטען געשמאַק, אום צו געפֿינען חן ביי דעם נייעם סאָרט לעזער. רבי מענדעלע אָבער האָט זיין געשמאַק, זיין סטיל, זיין אַרט צו זעהן זאַכען און זיין אייגענעם אופֿן צו שילדערן דאָס וואָס ער זעהט. ער וויל ניט און קען ניט חנפֿ'ענען דעם אָדער יענעם געשמאַק,

ער קען ניט פֿאַלש זיין. ער איז ווי ער איז. און דערפֿאַר האָבן מיר איהם אַלע ליעב.

זיינע ליטעראַרישע אינסטינקטען זענען געזונד און לאָזען זיך ניט פֿער־פֿיהרען פֿון פֿאַלשע טעאָריעס.

* * *

איך האָב פֿיעל מאָל געשפּאַציערט מיט'ן זיידען אין דער שטאָדט גענף און אויסער דער שטאָדט, אין דער פֿרייער, שעֶנער שווייצער נאַטור.

דער אַלטער שטעלט זיך אָב ביי יעדער נייער ערשיינונג און בעטראַכט דאָס. ער ווערט נתפּעל ווי אַ קליין קינד. דער זיידע האָט זעהר וועניג, פֿערהעלטניסמעסיג, איינדריקען איינגענומען אין לעבען. זיין לעבענס־קרייז, זיין אינטערעסען־שטח און זיינע גייסטיגע בעציהונגען זענען ניט ווייט, ניט ברייט, כמעט ענג. אָבער דאָס האָב איך אָן איהם בעמערקט: די איינדריקען, וואָס ער נעהמט שוין אויף, די לעבענס־און נאַטור־ערשיינונגען, וועלכע האָבען אויף זיך געצויגען זיין אויפֿמערקזאַמקייט, פֿעראַרבייט ער טיעף און גרינדליך אין זיין נשמה. דאָס וואָס דער אַלטער זעהט, זעהט ער מיט אַלע פּרטים, זעהט ער דורך און לעגט דערויף זיין איגענעם שטעמפּעל.

רבי מענדעלע ליעבט די נאַטור און פֿיהלט זי, ווי אַ ווירקליכער פּאָעט: ער בעלעבט זי אין זיין פֿאַנטאַזיע. קיין טויטע פּונקטען גיט פֿאַר איהם ניט אין דער נאַטור. דער זיידע ליעבט ניט בעזונדערס די מענשען, אָבער ער פֿערשטעהט זיי, ער קען אַלע זייערע שוואַכען און פֿעהלערען. ער זוכט ניט די מענשען און אַנטלויפֿט פֿון זיי ניט. ער איז זיי ניט צו פֿיעל מקרב און ניט צו פֿיעל מרחיק. די מייסטע מענשען האַלט ער פֿון זיך אויף אַ געוויסען מרחק, דיסטאַנץ, און אַפֿילו מיט זיינע וועניגע נעהנטערע פֿריינד האַלט ער זיך אַביסעל צוגעשפּיליעט.

רבי מענדעלע האָט ליעב דאָס לעבען, אָבער ער געניסט דאָס מיט מאָס, אויסגערעכענט און אַלעס אָבגעוואויגען. ער האָט זעהר ליעב צו בעטאָנען, אַז ער איז נאָך יונג, נאָך פֿריש און קערפּערליך שטאַרק. ער איז שטאָלץ אויף זיין עלטער, וואָס איז פֿול יונגקייט און פֿרישקייט.

ער ווייסט, ער קען די „עקאָנאָמיע פֿון די קרעפֿטען“. ער וויל לאַנג לעבען, אום נאָך פֿיעלעס צו שאַפֿען.

לאַנג לעבען זאָל ער.

ש. ניגער.

דער נביא פון דער ערד — שלום אש.

(ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיק)

(פ ר אַ ג מ ע נ ט)

„... דיך זאָלב איך פאַר אַ נביא צום גאָט פון דער ערד"

„... נישט דער צייכען פון אונגעוועהנליכעס איז דער צייכען פון גאָט, דיין גאָט: דער צייכען פון דיין גאָט איז דאָס געוועהנליכע..."

ש. אַש: „פון בוך: ערד".

„... און בכלל זעהט אויס גאָט'ס וועלטעל, ווי אַ ליעבליך הויזגעזינד, וואָס לעבט זיך אין שלום, יעדער טהוט זיך דאָס זייניגע".

„ש. אַש: איבער דער גרעניץ".

I.

די ע ר ד, די ווירקליכקייט, דאָס געוועהנליכע האָט ניט קיין נביאים: דער נביא וועבט אַ טרוים און לעבט אין טרוים... אַש'ס ערד אַליין איז אַ געטרוימטע, זי איז מעהר לעגענדע, ווי ווירקליכקייט. אַ נייע זון האָט אַש אויפ'ן הימעל, וואָס ער האָט אויף דער ערד אַראָפגעצויגען, — אָנגעצונדען, און אַ נייע ערד האָט ער בעשאַפען. אַ ערד, וואָס אַש, איהר נביא, פערהערליכט זי, קניעט פאַר איהר און רופט צו איהר. אַ ערד, וואָס ליכט און פראַכט און שענקייט איז איהר קלייד, שבת איז איהר טאָג, און די רוהט אין איביגער רוה, אין איביגען גלאַנץ, אַ שטילער, שטייפעלדיגער חן איז אויף איהר אויסגעגאָסען... ווי אַ כלה, ווען מען פיהרט זי צו דער חופה: אויפ'ן קאָפ אַ בלומען-קראַנץ, און דאָס פנים איז בעדעקט מיט אַ ליכטען דורכזיכטיגען שלייער פון שטילער פרייד און זיסער אומרוהיגער בענקשאַפט...

אַש'ס ערד איז געבענשט, נאָר זי ווייסט פון אומרוה און בענקשאַפט, אפילו פון שרעק. וואָרום די מנוחה, וואָס הערשט אויף איהר, אין איהר, איז די מנוחה ניט פון טויט, פון פערגליווערטקייט און זאַטקייט, נאָר פון דאָרשטיגען, שטאָלצען און אין זיך פערליעבטען לעבען, און מיט דעם לעבען טרעפט, אַז ס'איז פערהילט אין אַ ווייכען מאַנטעל פון בענקשאַפטליכען טרויער; נאָר ניט די אונצופריע-דענהייט אָדער די פערצווייפלונג איז דער מקור פון דעם טרויער, פון דער בענקשאַפט; ס'איז דער שטילער, זיסער אומעט, וואָס קומט אַמאָל צו דיר פאַרנאַכט. דו שטעהסט אַליין אין פעלד, אַרום איז שטיל, דו ביזט פערליעבט, אין וואָס, אין וועמען — ווייסטו ניט, נאָר עס בענקט זיך דיר נאָך עפעס, דו ביזט איינזאַם, און דיר איז אַזוי היימליך, אומעטיג און היימליך...

און אַש'ס שרעק? — ס'איז דער שרעק פון קינד, ווען עס כאַפט זיך אויף ביי-נאַכט. אַרום איז פינסטער... נאָר דערפיהלט עס נעבען זיך דער מאַמע'ס אָטעם, הויבט עס ווידער אָן צו שמייכלען... אַש, ווען ער איז אַ פּאָעט און ניט בלויז אַ „שרייבער", — איז ער דער פּאָעט פון קינדערשען שמייכעל, קינדערשען שרעק און קינדערשער היימליכקייט. ביי אַש'ן פיהלט איהר היימליכקייט, מילדע צערט-ליכקייט צו זיך און, צו דער וועלט אַרום אפילו דאַן, ווען איהם און אייך איז או-מעטיג... דאָס בענקען נאָך אַ היים, אַ „רשות היחיד", נאָך אַ מאַמע'ס שויס (אין וואָכעדיגען און אויך ניט אין וואָכעדיגען זין פון דעם וואָרט) — דאָס איז, דוכט מיר, די גרונד-בענקשאַפט פון אַש'ס נשמה. אפילו דער „גנב", וועלכען אַש האָט

בעשריבען מיט אַזאַ ליבענדער וואַרעמקייט, און אַזעלכע ווייכע ריין־אַש׳ישע טענער, — אַש האָט בכלל ליב צו שילדערן דאָס מענשליכע אין די, וואָס די וועלט האַלט זיי פֿאַר אונמענשען, — אַפֿילו דער „גנב“ בענקט נאָך אַ „מוטער׳ס האַרץ“, נאָך אַנ׳אייגענעם מענשען, וואָס זאָל איהם ליבען און הערשען איבער זיין נשמה; עטליכע מאָל קעהרט דער „גנב“ זיך אום צו זיין מאַמען, און אַוועקגעהן פֿון איהר געהט ער אַוועק נאָר דערפֿאַר, וואָס זי בעגעהט זיך מיט איהם, ווי אַ פֿרעמדע, ניט ווי אַ מאַמע...

— דאָס יודישע פֿאָלק האָט אַ מאַמען: די מוטער רחל! — האָב איך געהערט אַמאָל, ווי אַש האָט געזאָגט מיט התפּעלות... די מוטער רחל, וואָס וויינט אויף איהרע קינדער און בעט פֿאַר זיי און טרייסט זיי, — דאָס איז אַש׳ס אייביגע געליבטע, זיין עלעגישע שולמית, דער מקור פֿון אַלע זיינע לידען און פֿריידען, זיין טיעפֿסטער זיפֿץ, זיין שענסטעס ליעד...

די מוטערשאַפֿט, דאָס פֿאַמיליען־לעבען איז ביי אַש׳ן אַ סימבאָל פֿון שלוה און מנוחה, פֿון פֿריעדען און שטילער, ליכטיגער שענקייט. און דאָס „שטעדטעל“ איז ניט גלאַט אַזוי אַ אידיליע; ס׳איז אַ פֿאַמיליען־אידיליע. אַלע איינוואוינער פֿון שטעדטעל, אָרים און רייך, גרויס און קליין, זענען, דוכט מיר, קרובים. איין ערד און איין משפּחה. איין הימעל איבער׳ן קאָפּ, איין טאַטע אין הימעל, אַפֿילו די גוים, וואָס בעווייזען זיך אין אַש׳ס שטעדטעל אַזוי זעלטען און קומען נאָר מיט עמערלעך וואַסער בשעת דער שׂרפֿה, — אַפֿילו די גוים זענען שייך צו דער שטעדטעלדיגער משפּחה. זיי שטערען ניט דעם „שלום־בית“. און טאָמער טרעפֿט זיך אַמאָל אין שטעדטעל אַ מחלוקת, איז עס אויך מעהר ניט ווי אַ פֿאַמיליען־מחלוקת; מען ווערט ברוגז און באַלד צוריק „גוטע פֿריינד“: אייגענע מענשען...

און ניט בלויז אין שטעדטעל זענען אייגענע מענשען, איין משפּחה: דאָס גאַנצע גאָט׳ס וועלטעל זעהט אויס אַש׳ן, ווען ער קלייבט פֿון דעם נחת, „ווי אַ ליעבליך הויז־געזינד, וואָס לעבט זיך אין שלום, יעדער טהוט דאָס זייניגע“...

אַש׳ס בילדער, ווען ער בעשרייבט די נאַטור און בכלל די אומגעבונג, זענען דאָס רוב גענומען פֿונ׳ם פֿאַמיליען־לעבען: „דער הימעל קוקט מיט ליעבשאַפֿט אויף דער ערד, ווי אַ טאַטע אויף זיין הויזגעזינד“. — „זומער, ווען דער וואַלד, דער גרינער זיידע פֿון שטעדטעל, בליהט...“ — „די פֿער׳חשכ׳טע הייזלעך מיט די ליכטיגע שבת׳דיגע פֿענסטער זעהען אויס, ווי אָרימע מחותנים, וואָס קומען אויף אַ חתונה אין צעריסענע בגדים“. — „דער גרויסער ווינטערלאָמפּ מיט דער ברייטער שיין, ווי אַ באָבע אין אַ ברייטען פֿאַרטוך, ברענט זיך איינע אַליין צווישען די שאָטענס אינמיטען שטוב“. — „אונזער הייזעל, ווי אַ נ׳אַלטער בעל־הבית אין תכריכים, שטעהט זיך ביי׳ם ברעג“ און אַז. וו. — „וייט זענען די מענשען, וויט זענען די הייזער איינס פֿון דעם אַנדערן ביי־טאָג, אָבער ווי נאָהענט זענען זיי ביי־נאַכט! ס׳דוכט זיך, אַז אַלץ איז צוזאַמענגעבונדען מיט משפּחה־פֿעדים, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער“... מיט משפּחה־פֿעדים, מיט צאַרטע, סאַמעטענע משפּחה־ליעבע און משפּחה־טרעהרען, ווי מיט קינדערשע תּפֿלות, איז אויסגעבעט אַש׳ס ערד.

די ערנסטע, די קאַלטסטע זאַך אין די אויגען פֿון אַש׳ס העלדען איז די איינזאַמקייט, די פֿרעמדקייט פֿון די אַרומיגע. און ווען עס פֿעהלט זיי די פֿאַמיליען־אַטמאָספֿער, ניטאָ קיין אייגענע מענשען, טוליען זיי זיך צו דער נאַטור, צו דער

„מוטער־ערד“, בעהאלטען זייער פנים און גיסען זייערע טרעהרען אין איהר שויס... ווען יוסטינע בלייבט אליין זיצען אויפ'ן שטיין, איהר משפחה איז „אוועקגע־גאנגען אין א פרעמדעס לאנד“, איהר איז אומעטיג אויפ'ן הארצען און זי בענקט, און זי שרעקט זיך, ווי א קינד, וואס איז פערבלאנדזשעט, ווענדט זי זיך מיט א תפלה צו דער ערד:

—...מאמע־ערד, איך בין דיין קינד, פון דיר געקומען, צו דיר געה איך צוריק, נעהם מיך מיט, טוליע מיך איין צו דיין ברוסט...

—...טוליע מיך איין אין דער טיעפעניש פון דיין סוד...

II.

אש'ס ערד האט א סוד. ס'איז ניט דער סוד פון א מיסטיקער. אש איז ערדיש און איז ווייט פון מיסטיק, ווי די ערד פון הימעל. אמת, ער האט ליעב אמאל צו רעדען וועגען דעם געהיימען, דעם ווייטען, וואס אויף יענער זייט. נאר דאס איז ניט קיין אינוועניגסטע איבערלעבונג, ס'איז א סטיל אזא. ער איז אזוי פערליעבט אין דעם רעאלען, אז ער געפינט פאר דעם קיין ווערטער ניט אין דער רעאלער וועלט, און ער נעהמט דערפאר אויף בארג טענער און קלאנגען פון די מיסטישע איבערערדישע מעלאדיעס. ער רייסט בלומען — ניט פרוכטען — אויף די הייליגע געהיימע בייטען און בעפוצט מיט זיי דאס היימישע און וואכעדיגע: דאס ענדליכע זעהט איהם אויס אזוי גרויס, אזוי ברייט, אז ער קרוינט עס מיט דער קרוין פון אונענדליכקייט, און ער רעדט אפט וועגען מענשען אויף דער שפראך פון מלאכים; נאר אש'ס מלאכים זענען אויף דער ערד געבוירען, זייער סוד איז א ערדישער און איז גאר ניט טיעף פערבארגען... ס'איז דער „סוד“, וואס א יונג מיידעל רומט איין איהר הבר'טע אין דער שטיל ניט מיט'ן מויל, נאר מיט די אויגען: ס'איז גארניש, ביידע וויסען עס פון פריהער, נאר ס'איז א „סוד“...

א נאאיווער, הנ'עוודיגער סוד...

אש איז דער פאעט פון חנ'עוודיגקייט. שען איז ניט אלץ, אבער אויף אלץ ליעגט א חן. ווארום אלץ האט א נשמה. אש ענטפלעקט די נשמה, דעם חן פון יעדער זאך, דערפאר לעבט ביי איהם אלץ, און ער ליעבט אלץ... טאלאנט,— זאגט איינער א שרייבער, — דאס איז די קראפט פון ליעבע. אפשר איז ביי קיינעם אין דער יודישער ליטעראטור ניטא אזוי פיעל ליעבע־קראפט, ווי ביי אש'ן. ניט א צופאל איז, וואס ער געברויכט אזוי אפט דאס ווארט כלה. ער איז פערליעבט אין דער כלה־וועלט. ער וואונדערט זיך און קאן זיך ניט אפוואונדערען אויף גאט'ס וועלט, וואס איז אזוי גוט, אזוי ליעב, „אלץ, וואס גאט האט בעשאפען, האט ער צום גוטען בעשאפען“. איהם איז אלץ איינס, צו עס שיינט די זון, צו מיט כמארעס איז בעדעקט דער הימעל; צו עס איז שטיל אין שטעדטעל, אידיליש, א מחיה, בעלי־בתים זיצען אויף די גאנקעס, ביים וויכען שיין פון דער לבנה, אדער עס איז א טומעל, א הו־הא, ס'ברענט, דאס ביסעלע גוטס געהט אוועק מיט'ן רויך, קינדער וויינען, ווייבער ברעכען די הענד, — אלץ איינס, אלץ איז שען, אבי עס לעבט.....

אש איז כמעט דער איינציגער יודישער שרייבער, וואס איז צוגעבונדען צום לעבען און איז איינגעפלאנצט אין דער ערד, ווי א בוים. אמאל בליהט ער זיך פאנאנדער, ס'איז פריהלינג, געזאנג און ליעבע צווישען די צווייגען, זיסע פרוכטען

וואַקסען אויף דער זון; אַמאָל וועלקען די בלעטער, ס'פערשטומט דאָס געזאַנג, נאָר די וואָרצלען בלייבען אין דער ערד און זויגען, און זויגען איהר זאַפט... אַש'ן האָט דער גייסט פון דער ערד צו זיך פאַר אַ נביא געוואַלבט, און ער האָט זיך בעוויזען צו איהם אין דער געשטאַלט פון אַ פרויענצימער:

„אין איהרע הענד האַלט זי די ווינטען פון דער וועלט, און אידרע פיס זענען ווי איינגעפלאַנצט אין דער ערד, און איהר געשטאַלט איז געגליכען צו אַ בוים פון דער ערד, און אַז זי האָט אַ ריהר געטהאָן מיט איהרע הענד, זענען זיי געגליכען געווען ווי די ליליען אין וואַסער, און אַז דער ווינד האָט אין איהרע האָר געבלאָזען, זענען זיי געגליכען געווען צו די בלעטערדיגע צווייגען פון דעם ווערבע־בוים...

און אַזוי טהוט גאָט זאָגען: דעם הימעל, דעם הימעל — צו גאָט, און די ערד, די ערד האָב איך צו די מענשען געגעבען.

וואָרום וואָס איז דער מענש, אַז נישט איינס פון מיינע שעפּונגען, וואָס ציהט זיך הוינה פון דער ערד און קומט פון איהר און געהט צוריק צו איהר, נאָך דער צייט פון זיינע יאָהרען.

איז ער דען נישט דער ברודער פונ'ם בוים? — און צו דעם גראָז אין פעלד איז ער דען נישט געגליכען, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין דער ערד איינגעפלאַנצט, וואָס קומט פון איהר און געהט צו איהר?"

.III

אַש האָט ליעב נאָר דאָס, וואָס האָט וואָרצלען אין דער ערד, וואָס זיין צייכען איז: „דאָס זיין", די ווירקליכקייט. נאָר דאָס ווייסט ער, נאָר דאָס בענעהמט ער. אין „משיח'ס צייטען" האָבען זיך איהם מעהר ווי אַלץ איינגעגעבען די קינדער פון דער ערד, די „מענשען פון היינט", וואָס לעבען אין געגענוואַרט, ניט „אין דער היס־טאָריע פון דער פערגאַנגענהייט אָדער אין דער פאַנטאַזיע פון דער צוקונפט". חיים און בן־ציון טרוימען דעם טרוים פון דער פערגאַנגענהייט און דער צוקונפט און זיי זענען אַרויס בלאַס, אָהן פאַרבען, אָהן לייב און לעבען, גלאַט רעזאָנערען. אָבער דער אָנקעל קאָהן — „דאָס הייליגע לאַנד אונזערער הערען פראָפּעטען" לאָזט ער איבער פאַר'ן „פרעדיגער אין זינאַגאָגא", און אַליין בלייבט ער זיצען אין לייפּציג — אָדער באָריס, וואָס איז „אַ בעל־הבית אין שטאָדט" און קאָן אין דאָס „ווייטע און נאָהענטע לאַנד" ניט פאָהרען: — איך לאָז דאָך שטעהן דאָ מיין האָב און גוטס, אַ הויז אויף מאַריאַנסקע און קאַרמעליטסקע", — אָדער משה און יוסטינע, וואָס זענען צוגעבונדען איינער צו דער פראָזאַ, די אַנדערע צו דער פּאָעזיע פון היינט,— זיי האָבען זיך אַש'ן מעהר אָדער ווייניגער איינגעגעבען.

יוסטינע איז פערטרויערט, פערחלומ'ט, אין איהר לעבט אָבער די אַרומיגע ווירקליכקייט, די פוילישע ערד; די ערד איז איהר מוטער, זי זויגט פון איהר ברוסט צוזאַמען מיט די „איינזאַמע טאָפּאָלען", אין וועלכע זי איז אַזוי פערליעבט. יוסטינע'ן האָט אַש געמאָלט מיט דער גרעסטער ליעבע, ער האָט זי פּאָעטיזירט, זי טרעט אַרויס אויף דער סצענע, ווי אַ געטין אַ פערבענקטע, נאָר זי איז אַ געטין פון דער ערד, זי איז די ראָמאַנטיק, דער טרוים פון דער ערד...

און יוסטינע'ס ערד, וואָס איז רעאַל און ראָמאַנטיש צוזאַמען, איז אויך אַש'ס ערד: צווישען די איינזאַמע טאָפּאָלען, וואָס זייערע וואָרצלען זענען אין דער ערד דער שוואַרצער פערפלאַנצט, פלאַטערט אַרום דער ווייסער חלום פון אסתר'קעס

פּאַלאַץ; די ווירקלעכקייט איז באַלויכטן מיט דעם שיין פֿון דער לעגענדע, פֿון דער ווירקלעכקייט אַליין איז געוואָרן אַ לעגענדע. וואָרום אַש איז אין דער ווירקלעכקייט פֿאַרליבט נאָר דערפֿאַר, ווייל ער קאָן זי קיינמאָל ניט אָפּטיילן פֿון דער לעגענדע. דעריבער דאַרף אַש ניט קיין „פֿאַנטאַזיעס“: ער געפֿינט גענוג פֿאַנטאַזיע און שיינקייט אין דעם רעאַלן לעבן. דעריבער דאַרף ער ניט קיין צוקונפֿטס-אידעאַל: ער אידעאַליזירט די געגנוואַרט.

די קראַפֿט פֿון דער געגנוואַרט, פֿון דער ווירקלעכקייט, טרעט שאַרף אַרויס אין דער געשטאַלט פֿון משה. משה נעמט זיך איבער, וואָס ער איז „אַ מענטש פֿון היינט“. נאָר ער אידעאַליזירט ניט דעם היינט; איבּ יוסטינע איז די פּאָעזיע, איז ער די פּראָזע, די געזונטע פּראַקטיק פֿון דער ערד.. ער נעמט די כּלה-ערד „כּמו שהיא“, ווי זי שטייט און גייט. „אַ מאַמע אַ קאַליקע איז אויך אַ מאַמע“. „איך ווייס ניט, ברודער, אַז מאָרגן זאָל משיח קומען, צי וועט זיך ניט געפֿינען אַ שניידערל אין אַ קליין שטעטל, וואָס וועט זאָגן: אהבתי את אשתי און וויל ניט פֿאַרלאָזן דאָס בּלימעל, וואָס שטייט פֿאַר זיין פֿענסטער“... און נאָך אין אַנאַרט: „איך בין אַ ייד, וואָס ליבּט דעם גלות, אָט אַזוי ווי עס איז, מיט דעם בית-מדרש-געסעל, מיט'ן רב און דיין, מיט'ן שופֿר און הלצה-שוך. דאַכט זיך, דאָס איז דאָס יידישקייט. דאָס אמת'ע, דאָס פּראָסטע...

אַש איז דער פּאָעט פֿון דעם פּראָסטן, דער צייכן פֿון זיין גאָט איז דאָס געוויינלעכע.

„ניט די מאַנדלען, וואָס וואַקסן אויף דעם שטעקן אין מענטשענ'ס האַנט, איז דער צייכן פֿון דיין גאָט, נאָר די מאַנדלען וואָס וואַקסן אויפ'ן צווייג, וואָס דער וואָרצל פֿון זיין בּוים איז אין דער ערד איינגעפֿלאַנצט.“

נאָר אַש קאָן מאַכן בליִען אויך דעם „שטעקן“, דעם געוויינלעכן טרוקענעם שטעקן. ווי יעדער אמת'ער פּאָעט, קאָן ער לעבּעדיג מאַכן דאָס טויטע. דער דאָרן הויבּט אָן צו שמעקן ווי די רויז, פֿון דאָרן רעדט צו איהם גאָט...

.IV

גיט אַ קוק, ווי אַש בּעשרייבּט דעם היינט פֿון שטעדטעל, — דעם היינט, וואָס מיר מיינען, אַז ס'איז נעכטען, נאָר דערפֿאַר, ווייל מיר קאָנען ניט פֿערשטעהן, אַז אַש, דער רעאַליסטישער ראָמאַנטיקער, דער כּמעט איינציגער בּיי אונז לעבּענסלוסטיגער פּאָעט, — בּענעהמט דאָס לעבּען, דעם היינט, ניט אַזוי, ווי מיר ידען פֿון אַ גאַנץ יאָהר.

אַש'ס שטעדטעל איז ניט דאָס וואָכעדיגע, נעבּעכדיגע גלות'דיגע שטעדטעל, וואו בּיי איטליכער טהיר — נאָר אַ בּערגעלע מיסט, וואו אַלץ איז פֿעריאָמערט, פֿערקלאָגט, מ'זעהט ניט קיין פֿרייע מינע, מ'לעבּט אין דער לופֿט, מ'ען העננט אין לופֿטען, גרייט יעדע מינוט צו נעהמען אין האַנד דאָס שטעקעל מיט דעם פּעקעל און לאָזען זיך וואָגלען און וואַנדערען אין דער גרויסער וועלט אַריין... ניין; אַש'ס שטעדטעל איז צוגעפֿונדעוועט, איינגעזעסען. ס'טראַכט גאָר ניט ריהרען זיך פֿון אָרט. ס'האָט אַ בּאָדען. און ס'שמעקט מיט ערד. מיט זין און מיט ערד. און אַלץ איז דאָ היימיש, און אַלץ שמייכעלט צו — פֿריינדליך און גאַסטפֿריינדליך: — דער וועג און די קרעטשמע, דער בּאַרג און דער טייך. אין דור גיט איבּער דעם אַנדערן בּירושה. אין דעם הייזעל בּיי דער ווייכסעל „זיצט אַ משפּחה פֿון

יאָהרענלאַנג. דאָרט לעבט מען מיט זיך און מיט׳ן טייך, דעם שכן. „חיים איבערפיהרער׳ס״ הייסט דאָס הייזעל היינט. אַמאָל, מיט דרייסיג יאָהר צוריק, האָט עס געהייסען „משה איבערפיהרער׳ס״, און אפשר אין צוואַנציג יאָהר אַרום וועט עס גאָר הייסען „דוד איבערפיהרער׳ס״. נאָר עס איז נישט קיין חלוק. בלויז דער נאָמען טוישט זיך מיט די יאָהרען. אָבער דאָס הייזעל, דאָס וואַסער און דער נאָמען „איבערפיהרער״ בלייבען ביז איצט״... און, דוכט זיך, אייביג וועלען זיי בלייבען. אייביג וועט חיים דער איבערפיהרער און זיינע קינדער און קינדסקינדער זיין „משפחה מיט׳ן וואַסער״, וואָס שפּייזט זיי און איז שוין לאַנג געוואָרען אַן אייגענע און ליעבע זאַך, וואָרום דאָס וואַסער, הערט איהר ווייסען, „פיהרט זיך יודישליך, עס האַלט מיט שבתים און ימים=טובים. שטיל איז עס, עס קושט איין כוואַליע די צווייטע. און ער, חיים, מיט׳ן ווייב זיצען פאַר דער טהיר. ער זאָגט פּרק, דאָס ווייב לייענט אין „צאינה וראינה״, און זיי דערצעהלען די כוואַליעס גאָט׳ס וואונדער, און יעדער כוואַליע האַפּט אַ וואָרט און מאַכט פּליטה״...

אַש האָט זעהר ליעב צו „פּערזאָניפיצירען״ די נאַטור, פאָרשטעלען זי, ווי אַ לעבעדיגע זאַך, מיט מענשען גלייך. נאָך מענדעלע מוכר=ספרים איז אַש ביי אונז דער איינציגער, וואָס די נאַטור גיסט זיך ביי איהם צוזאַמען האַרמאָניש מיט די מענשען, וואָס ער בעשרייבט, און זי ווערט טיעף פערייודישט. (אַ דאַנק דעם טרעפען זיך ביי אַש׳ן אָפט אויסדריקען, וואָס פערליערען זייער גאַנצען חן, ווען מען פּרופט זיי איבערזעצען אויף אַן אַנדער שפּראַך... ווי זאָל מען איבערזעצען אַשטייגער אַזאַ ווערטעל, ווי „חסידיש=נגידישע וואָלקענדלעך״? —).

די צוגעבונדענקייט צו דער ערד און די איינגעפונדעוועטקייט פון אַש׳ס שטעדטעל גיט זיך בעזונדער שטאַרק פיהלען אין ר׳ יחזקאל גאָמבינער׳ס „שטוב״, אין דער „שטאָדט=שטוב״, וואָס איז אַ „רשות=הרבים״, וואו אַלע זענען ווי אין דער היים, קיינער פיהלט זיך ניט פרעמד, עפּעס אַזוי ווי אַ ברייטער שלום=עליכם שוועבט אייביג איבער׳ן שטוב און בעגעגענט יעדערן אַזוי בנעימות׳דיג, ברחבות׳דיג, און אַלץ איז רוהיג, און אַלץ איז פריש, פעסטע מוסקעלען און רויט, געזונד בלוט... „נאָטע, דער יונג ביי די פערד, אַ הויכער ברייטביינינגער, פון ר׳ יחזקאל׳ס „גוואַרדיע״, מיט אַ שוואַרץ אָנגעבּרענט געזיכט, מיט ליכטיגע צוויי גרויסע אויגען, וואָס קוקען פון דער ווייטען, ווי צוויי שטורקאַטשען, פיהרט אַרויס פון שטאַל צוויי הויכע פערד, בילאַנעס...״ גאָר ווי ביי די גויים, להבדיל... און דאָך איז דאָ אַלץ אַזוי יודישליך, אַזוי פערייודישט, די פערד אַפילו האָבען עפּעס ווי געפיהלט, „ווען עס איז פרייטאָג און מען דאַרף זיך אויף שבת אַהיים אײַלען״. אויף אַלץ איז אויסגעגאָסען עפּעס אַ שבת׳דיגער חן, עפּעס אַ זאָרגלאָזיגקייט, אַ פּאַטריאַרכאַלישע געלאַסענקייט...

אַ געבענשטע אידיליע!

אַש האָט ניט בלויז גלאַט אַזוי ליעב צו שילדערען אידיליעס, ווי צום ביישפּיעל דער העברעאישער פּאָעט טשערניכאָווסקי, — די גאַנצע פּאָעזיע, דער גאַנצער פּאַטאָס אַש׳ס איז אידיליש. ניט סענטימענטאַל, אָבער ווייך. שטאַרק, אָבער געלאַסען, אָהן שטורם. און חן אָנשטאָט שענקייט. פּאָעטיזירטע פּראָזא. עפּיש און בעצויגען מיט אַ הייטעל פון ליריק. און מעהר צאַרט, ווי ליידענשאַפטליך. ווי אַ קוש פון אַ שוועסטער. ווי אַ לינד ווינטעל אין אַהייסען זומער=טאָג: מ׳קיהלט און גלעט און בערוהיגט.

בעל־מחשבות

שלום עליכם.

(ליטעראַרישע קריטיק)

I.

שלום־עליכם איז אַן־אַלטער ליעבער פֿריינד אין יודישען וועלטעל. דאָס פֿאָלק האָט שוין לאַנג ענטדעקט דעם טעם פֿון מתיקות אין שלום־עליכם'ס ווערק. אַ דאַנק דעם יודען פֿון וואָלין האָט דאָס פֿעראומערטע, פֿער'חושכ'טע פֿאָלק, פֿול מיט ביטערניש אין הארצען און שטעכווערטלעך אויף די ליפען, זיך אויסגעלערנט לאַכען.

און דאָס איז ניט קיין קלייניגקייט, ווי אַנדערע מיינען.

קענען לאַכען הייסט — קענען קוקען אויף זיך און אויף דער וועלט מיט אויגען פֿון אַ זייטיגען מענשען; דאָס הייסט — זיך בעפֿרייען אַ ווייל פֿון הומר, פֿון אייגענעם „איך" און זעהען גאָט'ס וועלט אַרום זיך מיט די אויגען פֿון אַ ניי־געבוירענעם. אַ מענש, וואָס לאַכט, פֿיהלט זיך אויף אַ ווייל ריין פֿון די אַרומיגע זינד, ער הייבט זיך אויף צו דער הויכקייט פֿון אַ גאָט, וואָס בעפֿרייט זיך מיט זיין געלעכטער פֿון זיין אייגענער שעפֿפֿונג און איז מבטל די שעפֿפֿונג.

שלום־עליכם האָט אויסגעלערנט זיין פֿאָלק לאַכען; ער האָט בעכישוף'ט צעהנדליגע טויזענטער לעזער מיט זיין שפּראַך, וואָס פֿערלט פֿון הומאָר. ער האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ פֿאָלק, וואָס זיין לעבען איז דורך און דורך ניט נאָר מאָל, אַ פֿאָלק, וואָס איז אינגאַנצען פֿערטרונקען אין אַ ים פֿון ווידערשפּרוכען, האָט לייענענדיג זיינע פֿרעהליכע זאַכען, זיך געפֿיהלט אויף אַ ווייל אַלס זייטיגער מענש, וואָס קען לאַכען איבער זיינע אייגענע צרות, אַקוראַט ווי זיינע צרות וואָלטען שוין ניט געווען זיינע, נאָר פֿרעמדע פֿון אַ פֿרעמדער וועלט.

שלום־עליכם איז דער קינסטלער, וואָס פֿערוואַנדעלט אונזער רעאַלעס לעבען אין אַ חלום. אַ דאַנק זיין פֿרייען געלעכטער ווערט פֿערוואַנדעלט אונזער אמת'ע וועלט אין אַ בבא־מעשה. דער יודישער סוחר אין געשטאַלט פֿון מנחם־מענדלען ווערט עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישע פֿיגור. דער יודישער בעל־הבית, וועלכער טהוט אָב אין זיין לעבען די אייגענע טויזענט נאַרישקייטען, וואָס דער יוד אין מאָנאָלאָג „גימנאַזיע", לאַכט אַליין פֿון זיין שפּיעגעל־בילד דעם טפּש, לאַכט פֿון נאַרישען יודעל, וואָס טהוט אָב צעהנדליגער מיאוס'ע מלאכות און מאַכט סוף כל סוף חרוב זיין לעבען. ער לאַכט פֿון דעם טפּש, אַקוראַט ווי נישט איהם אַליין מיינט מען. שלום־עליכם האָט איהם אַ ווייל אויפגעהויבען איבער זיין אייגענעם נאַרישען לעבען און האָט דאָס לעבען פֿערוואַנדעלט אין אַ קאַריקאַטור, אין אַ חלום. דער יוד, וואָס איז שטענדיג פֿעריאָגט און פֿערטריבען און קאָן זיך אויף אַ רגע נישט אָבגעבען קיין חשבון, ווערט, לייענענדיג שלום־עליכם'ן, אַ בעאָבאַכטער, ער ווערט אויף איין רגע אָביעקטיוו.

דאָס ווערט אונז נאָך קלערער, ווען מיר קוקען זיך צו גענויער צו שלום־עליכם'ס הויפּט־העלד מנחם־מענדעל פֿון יעהופּעץ. מנחם־מענדעל איז אַ משל, אַ לעבעדיגער סימבאָל פֿון דעם יודישען ווינד־מענש. נעכטען איז ער אַ בערזען־מעקלער, היינט אַ שדכן, מאָרגען אַ וואַלד־הענדלער און איבערמאָרגען אַן־אַגענט פֿון לעבענס־פֿערזיכערונג. נעבען די טרעפּ פֿון אַלע בערזעס קענט איהר איהם געפֿינען, אויף איטליכען מאַרק, נעבען איטליכער קניה'לע שוועבט מנחם־מענדעל'ס

פיגור. עס איז ניטאָ קיין געשעפט, וואָס ער בענעהמט נישט מיט איין קוק און די צאָהל פון זיינע סוחר׳ישע המציאה׳לעך איז גרעסער, ווי שטיינער אויפ׳ן בריק. פאָהרט פאַרביי אַ פוהר מיט ווייץ און פאַלט אַריין ביי מנחם-מענדלע׳ן צוויי-דריי קערענדלעך צווישען די פינגער — איז ער אייך שוין אַ מבין אויף תבואה; דערזעהט ער אַ פריץ, וואָס האָט אַ וואַלד, איז ער שוין מאָרגען דער מעקלער פון וואַלד, וואָס דער פריץ האָט איהם גאָר נישט ב׳רעה צו פערקויפען; דערזעהט ער אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה — שלעפט ער שוין צו איהר אַ חתן; לייענט ער אין אַ צייטונג, אַז אַ משוגע׳נער ראָטשילד קלייבט אַ קאָלעקציע פון פליי — מאַכט ער אַן עסק מיט פליי. אין קאָפּ ביי איהם דרעהט זיך ווי אין אַ מיהל. טויזענטער פלענער, המציאה׳לעך און עסקים׳לעך פליהען אַרום ביי איהם ווי שדים און רוחות. און פערקלערט זיך מנחם-מענדעל אויף אַ רגע, הייסט עס, אַז צו די טויזענטער משוגעת׳ן אין קאָפּ איז צוגעקומען נאָך איינע, אַ גרעסערע. מנחם-מענדעל איז שטענדיג ווי אין קדחת, איטליכער איינדרוק רופט אַרויס ביי איהם צעהנדליגער המציאה׳לעך, און ער לעבט ווי אין אַ פיבער-חלום. מנחם-מענדעל אַלס סוחר, הענדלער, מעקלער, פאָדריאַדטשיק איז אַ נאַציאָנאַלע געשטאַלט, אַ טיפּ, וואָס מען טרעפט איהם אויף איטליכען טריט.

איטליכער יודישער סוחר, לייענענדיג וועגען מנחם-מענדלען, קייכט זיך פאַר געלעכטער. שלום-עליכם האָט איהם אויף אַ רגע בעפרייט פון זיך אַליין און געגעבען די מעגליכקייט צו לאַכען איבער זיך אַליין, נישט פיהלענדיג דערביי קיין וועהטאָג און קיין חרפּה. ווייל אין דער רגע, ווען דער סוחר לאַכט אָב פון מנחם-מענדלען, איז ער שוין אַן אַנדערער, אַ בעסערער, מיט אַ קלערערען קאָפּ. איך בין זיכער, אַז איינער פון שלום-עליכם׳ס בעסטע לעזער איז מנחם-מענדעל אַליין. לאַכענדיג פון זיך, איז מנחם-מענדעל, אין דער צייט, וואָס ער לאַכט, שוין אַן אַנדערער, אַ פרייערער, אַ ריינערער.

די, וואָס פערשטעהען ניט דעם סוד פון אַ געלעכטער, וועלכער רייניגט אָב די נשמה, מישען צונויף דעם הומאָריסט שלום-עליכם מיט אַ בדחן. דער חלוק איז אָבער אַזוי גרויס, ווי צווישען אָרים און רייך. ווען מיר לאַכען פון בדחנ׳ס רייד, לאַכען מיר ניט פון דעם, וואָס ער שילדערט אונז, נאָר פון בדחן אַליין. ווען דער בדחן זינגט: „כלה-לעבען, כלה-לעבען, וויין זשע, וויין, דיינע טרעהרען האָבען איצט דעם זיעבעטען חן, מען דאַרף דעם מיידעל ביי דער חופּה געבען צו פערשטעהן, אַז דאָס לעבען איז ביטער ווי חריין״, — לאַכען מיר נישט פון דער כלה, פון דער חופּה, פון אַ לעבענס-בילד, נאָר פונ׳ם בדחן, און אין אונזער געלעכטער ליעגט רחמנות, פעראַכטונג. עס איז אָבער גאָר אַן אַנדער זאַך, ווען שלום-עליכם לאָזט לויכטען זיין הומאָריסטיש פייערעל, ווען ער שילדערט אונז דעם יודען פון אַ גאַנץ יאָהר, דעם יודען דעם בעל-הבית, דעם סוחר, די קליין-שטעדטעלדיגע מענשעלעך, די עמי-גראַנטען, די כתרילעווקער לייט מיט זייערע פריידען און ליידען, צרות און שמחות. לאָזענדיג זיך פיהרען דורך דעם קינסטלער׳ס פעדער, פערגעסען מיר באַלד דעם פיהרער אַליין. בלאַט פאַר בלאַט שווימען אַרויף בילדער, איטליכס מיט זיינע נאַטירליכע פאַרבען און בעוועגונגען. ניט פון שלום-עליכם׳ן לאַכען מיר, ווען מיר לייענען זיינע מאָנאָלאָגען, בילדער און סצענעס. מיר לאַכען פון אַ לעבען, וואָס איז אונזער אַן׳אייגען לעבען, נאָר וואָס מיר רייניגען זיך איצט אָב פון דעם דורך אַ ברייטען, פרייען געלעכטער.

און דאָס געלעכטער איז נישט קיין געלעכטער דורך טרערן. עס איז בכלל אַ טעות, ווען מען מיינט, אַז דער עכטער הומאָריסט לאַכט דורך טרערן. אין גאָגאָל׳ס „רעוויזאָר“ איז נאָר פֿאַראַן אַ קריסטאַל=קלאָרעס געלעכטער. אַן׳עכט געלעכטער ווייסט ניט פֿון קיין טרערן. געטער און עכטע פּאָעטן, זייערע קינדער, זענען ווי פֿון איין גוס, גאַנץ אין אַלע זייערע איבערלעבענישן, סיי אין וויינען, סיי אין לאַכן.

.II

טוביה דער מילכיגער איז גענוי דער געגענזאַץ פֿון מנחם=מענדעל פֿון יעהופּעץ. אויב מנחם=מענדעל׳ס קאָפּ און האַרץ קען מען פֿערגלייכן מיט אַן׳אַכסניה אויף אַ גרויסען טראַקט, וואו איטליכער געהט איין און אויס, איז טוביה דעם מילכיגענ׳ס האַרץ אַ פֿערוואָרפֿענע האַטקע, וואו זעלטען ווען ס׳באַווייזט זיך אַ פֿרעמדער גאַסט. מנחם=מענדעל איז דאָס גאַס=יודענטום, וואָס זוכט זיך שטענדיג אָנצופּאַסען צו דער אַרומיגער סביבה. דאַגעגען איז טוביה דער מילכיגער די אַלטע יודישע גאַס, וואָס וויל זיך בשום אופן נישט בייטען און האַלט זיך פֿעסט אָן די אַלטע מנהגים. מנחם=מענדעל איז דאָס מאָדערנע גאַס=יודענטום, טוביה דער מילכיגער — דאָס קאָנסערוואַטיווע. דער ערשטער טיפּ האָט פֿול געמאַכט דאָס היינטיגע יודישע לעבען, דער אַנדערער טיפּ איז נאָך פֿאַראַן אין די קליינע שטעדטלעך און פֿערוואָרפֿענע ישובים.

ביידע הויפּט=העלדען דערצעהלען דאָס לעבען און פֿיהלען פֿון דער יודישער מאַסע. ביידע טיפּען שילדערען אונז די מאַסע מיט אַלע איהרע ליכטיגע און פֿינסטערע זייטען.

טוביה דער מילכיגער, אַלס טיפּ פֿון דער אַלטער מאַסע, איז שטענדיג אָנגעפּילט מיט אַלערליי פּסוקים, שטיקלעך תהלים, ווערטלעך פֿון מגידים און האַלבצעקייטע און פֿערדרייטע בית=מדרש=ציטאַטען. נאָר נישט קוקענדיג אויף זיין אונוויסענהייט, איז ער פֿאָרט צווישען זיינע אייגענע מענשען אַ שטיקעל למדן. פֿאַרצייטען זענען אַזויגע לייט געווען די פֿאָלקס=אינטעליגענץ. דען כאָטש ער געבויכט די פּסוקים פֿון תנ״ך שטענדיג פֿאַלש און ווייסט קיינמאָל ניט ריכטיג דעם טייטש פֿון די ווערטער, פֿונדעסטוועגען האַפּט ער שטענדיג דעם אינווענדיגסטען זין פֿון זיי. און ווען מען קלייבט צוזאַמען טוביה׳ס ווערטלעך, זעהט מען, אַז זיי זענען אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט׳ן פֿאַרצייטיגען בית=מדרש=גייסט. ער בעזיצט אַלע מעלות, מיט וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעצייכענט דער פֿאַרצייטיגער דור. ער איז אַ גרויסער מאמין און בעל=בטחון, ער קוקט מיט אַ שמייכעלע פֿון אַ דערוואַקסענעם אויף די תענוגים פֿון דער וועלט. טיעף אין האַרצען לעבט ביי איהם אַ גוטסקייט און אַ ווייכקייט. ער ווייסט ניט פֿון קנאה און שנאה, ער איז אַ גרויסער מכניס=אורח. ער האָט ניט קיין שטאַרקע מחוקות מיט מענשען, אָבער איטליכער יוד (הוץ ידען איז פֿאַר איהם נישטאָ קיין מענשען) איז איהם ליעב און טייער, פּשוט גלאַט אַזוי, וויל דאָס איז אַ יוד, איינער פֿון די מיליאָנען אתה=בחרתנו׳ניקעס, מיט וועלכע ער איז פֿערקניפּט און פֿערבונדען פֿון אברהם אָבינו׳ס צייטען אָן. טוביה דעם מילכיגער׳ס נשמה ווייסט ניט פֿון האַסטיגקייט און אימפּעט. זי איז אַ רוהיגע, אַ בעזעסענע, און קומט אָן אַ שבת אָדער אַ יום=טוב, ווערט זי נאָך רוהיגער, שטילער און פֿריידליכער.

מנחם=מענדעלען רינגלען אַרום מלאכי=חבלה, טוביה אָבער איז אַרומגערינגעלט

פון מלאכי השלום. אַ גאַנצע וואָך שטעהען זיי פון דער ווייטענס און בעגלייטען זיין ווינגעלע אויפ׳ן טראַקט קיין בויבעריק. קומט אָבער אָן דער שבת, זיצען זיי אומגעזעהענערהייט ביי טוביה׳ס טיש און פערשענען איהם די שבת׳דיגע זמירות.

מנחם-מענדעל איז אַ פלענצעל, וואָס איז אויסגעריסען געוואָרען מיט די וואָרצלען פון דער און יענער וועלט. ער פליהט אַרום אין דער לופטען, און איטליכע קונדס-ווינטעל טרייבט מיט איהם קאַטאָוועס. טוביה אָבער איז פעסט פערפלאַנצט אין דער בית-מדרש-וועלט, וואָס גרעניצט זיך שוין מיט י ע נ ע ר וועלט. קיין ווינד, קיין ערד-ציטערניש קען איהם ניט אַרויסרייסען פון דער מעטאַפיזישער ערד, מיט וועלכער ער איז אַזוי שטאַרק פערוואַקסען.

דער, וואָס לעבט אָבער אין דער דאָזיגער וועלט, איז בלינד און נאַריש פאַר ד ע ר וועלט. טוביה׳ס אויג זעהט קיינמאָל ניט, וואָס ס׳טהוט זיך אַרום איהם. ער האָט לדאָבונין קיין חוש ניט פאַר די מענשען פון זיין דור און פאַר זייער לעבענס-גאַנג. גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַ הויפען טעכטער, איינע שענער און געראָטענער פאַר דער צווייטער. אָבער קיין נחת האָט ער פון זיי ניט. איינע פערליעבט זיך אין אַ בחור אַ שניידער, די צווייטע דערטרינקט זיך איבער אַ ליעבע מיט אַ גביר׳יש קינד, אַ דריטע האָט חתונה מיט עפּעס אַ „פעפערעל", אַ דאַר בחור׳ל מיט אַ שוואַרץ העמדעל, און פאָהרט מיט איהם אַוועק קיין סיביר. טוביה דעם מילכיגענ׳ס מח הויבט דאָס ניט אָן צו בענעהמען. ער שטעהט און פינטעלט מיט די טרעהרען-נאַסע אויגען און קוועטשט מיט די פלייצעס. ער איז טיעף איבערצייגט, אַז דער חכם איז ע ר, אַז ווי צו לעבען ווייסט נאָר ע ר, און די יונגע שנעקעס זענען פשוט משוגע-מטורף. בטבע אַ גוטער, אַ מילדער, טראָגט ער אויף קיינעם נישט קיין שנאה. זיין אינווענינגסטע פרומקייט און גאָטס-געטרייקייט לאָזען איהם ניט אַריינפאַלען אין עצבות, ער שלינגט אַראָב די שלעק פון זיין פינסטערען מזל, ווי זיין פערדעל די קלעפ פון זיין בייטש.

מנחם-מענדעל און טוביה זענען די צוויי עקען פון דער אַלטער יודישער מאַסע: איינער איז דער א י מ פ ע ט, דער אַנדערער — די פ ע ר ג ל י ו ע ר ט ע ר ו ה. אָבער ביידע טיפען, וואָס זענען אַזוי ווייט איינער פונ׳ם אַנדערען, טרעפען זיך צוזאַמען אין איין זאַך — אין זייער פערהעלטעניש צום סאָציאַלען לעבען, וואָס רינגעלט זיי אַרום. מנחם-מענדעל און טוביה דער מילכיגער זענען, ווי בעקאַנט, יודען, וואָס האָבען אויסצושטעהן אַ דאָפּעלטען דרוק: דעם דרוק פון די רעגירענדע קלאַסען און די ספּעציעלע יודישע גזירות. אָבער ביידע פיהרען קיינמאָל ניט קיין מלחמה געגען אויסערען דרוק. סיי דער, סיי יענער בעטראַכטען די צרות ווי נאַטור-געזעצען, אַנטקעגען וועלכע מען קען גאָרנישט טהאָן. דאָ איז דער אונטערשייד צווישען שלום-עליכם׳ס דור און דעם נייעם.

ד י ק י נ ד ע ר פון שלום-עליכם׳ס דור וואַקסען אויס מיט אַ פעראַכטונג, אָדער אין בעסטען פאַל מיט אַ ביטערען רחמנות׳דיגען שמייכעל צו די, וואָס האָבען זיי געבראַכט אויף דער וועלט. טוביה דעם מילכיגענ׳ס קינדער קענען גאָר בעדויערען דעם גוטען טאַטען, וואָס דאָס לעבען נאַרט איהם אָב אויף יעדען טריט און מאַכט פון איהם אויף דער עלטער אַ יתום, אָהן נחת און אָהן קינדער. די קינדער פון די מנחם-מענדעלס אָבער קענען שוין דעם טאַטען אין די אויגען נישט קוקען. העכסטענס קענען זיי האָבען אויף איהם רחמנות, וואָס זיין לעבען איז אַזוי צעמישט, אַזוי דונקעל, אָרים און שווער, ווי דאָס לעבען פון אַ וואָרים.

שלום-עליכם האט זיך אבער אזוי איינגעלעבט אין זיין דור, אז ער ווייסט אונז שוין ניט די קינדער פון זיינע מנחם-מענדעלס. און דערמאנט ער זיך אמאל אן זיי, קומען זיי ביי איהם ארויס ווי שאטענס, ווי בילדער, וואס שטעהען ווייט אין הינטערגרונד און מען זעהט קוים די שטריכען פון זייער געשטאלט. ער אליין, אלס קינד פון זיין צייט, האט קיין אויג ניט פאר דעם היינטיגען דור — ער זעהט איהם ווי דורך א שלייער און ער פערשטעהט איהם נישט. זיין קינסטלערישער טאלאנט האלט-איין זיין פעדער, ווען ער נעהמט זיך מאלען די פעפערליך, די יוספ׳ס און אנדערע. ער פיהלט אליין, אז עס פעהלט איהם עפעס, אום זיי זאלען ארויסקומען אזוי קלאר און בולט, ווי זיינע טוביה׳ס און מנחם-מענדעלס.

.III

שלום-עליכם דער הומאריסט, דער קאריקאטוריסט איז צוגלייך דער ריינסטער נאטוראליסט: קיין לויט ראמאנטיזם, סענטימענטאליזם און פערשלייערטער אידעאליזם. זיינע שילדערונגען ווירקען ווי דאס גראבע, נישט פערפוצטע לעבען אליין.

ס׳איז דא אבער איין ווינקעלע אין שלום-עליכם׳ס שאפונגס-טאלאנט, וואו ער איז ווייניגער נאטוראליסט, מעהר פאעט, און צוגלייך סענטימענטאל, ליעב און ווארעם. איך מיין זיינע „מעשיות פאר יודישע קינדער“.

אינ׳ם „מעסערעל“, אין דער „פאהן“, „הנוכה-געלד“, „ארבע-כוסות“, „דער פיעדעל“, „ביי׳ם קעניג אהשורוש“ א. אז. וו. איז דער הויפט-העלד — דאס יודישע קינד פון דער פאטריארכאלישער צייט. די טאטעס מיט די מאמעס טרעטען אב אן א זייט, פאר׳ן לעזער׳ס אויגען שטעהען איין די שטומע עדות פון א יודישער קינדהייט, די סביבה פון א יודיש הויז. און אזוי ווי אין דער פרום-פארצייטיגער וועלט האט דאס פרויענצימער נישט געשפיעלט קיין ראלע, דערום איז דאס יודישע קינד ביי שלום-עליכם׳ן מעהרסטענטיילס — דאס יודישע יונגעל.

אין די קינדער-מעשיות רוקט שלום-עליכם אב אן א זייט די פיינדליכע קרעפטען פון א יודיש הויז און לאזט ארויסטרעטען די גוטע פריינד פון יודישע קינדער: די מאמעס, די פרעהליכע מאסען-מענשען (כלי-זמר, בעלי-מלאכות) און דערהויפט די יודישע ימים-טובים. אין דער פאעזיע פון א יודישען יום-טוב טונקט ער אב דאס יודישע קינדער-לעבען, און אין זיינע מעשיות פאר יודישע קינדער פיהלט זיך אי לעבען, אי לופט, אי זון. א הויך פון סענטימענטאליטעט שוועבט איבער זיי, און א פייכט, האלב-לאכענדיג אויג קוקט ארויס פון די אויפ׳ן לעזער.

הלל צייטלין.

די בענקשאפט נאך שענהייט אין דעם אלט-יודישען לעבען.

(אונטערזוכונג)

.I

„לא תעשה לך פסל ומסכה“ (ניט מאך זיך קיין בילד).

טויזענדער יאהרען האט דאס יודישע פאלק מיט דעם פערבאט געלעבט. איינגעווארצעלט איז ער געווען אין פאלקס מוח און הארץ, נשמה און לייב, הייליג און גרויס איז ער געווען אין אלע צייטען און דורות.

„ניט מאַך זיך קיין בילד“ — מיט דעם געדאַנק איז געווען דורכגעדרונגען די יודישע אמונה און די יודישע פֿילאָזאָפֿיע. אַלעס האָט געמוזט טראָגען אַ שטעמפּעל פֿון אונקערפּערליכקייט; אַלעס האָט געמוזט זיין אָהן אַ געשטאַלט און אָהן אַ פֿאָרם.

„כי לא ראיתם כל תמונה“ — (וואָרום איהר האָט ניט געזעהען קיין גע־שטאַלט).

דאָס האָט דער יוד געדאַרפֿט געדענקען, טראַכטענדיג און פֿאָרשטעלענדיג זיך די גאָטהייט.

די רוחניות האָט געדאַרפֿט זיין ריין און ווייט פֿון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום גוף, צו בלוט און פֿלייש, צו דער ערד. הימליש און נאָר הימליש האָט זי געמוזט זיין, הויך, הויך האָט זי געמוזט אַרומשוועבען, מיט אַלעס מענשליכען האָט זי קיין מגע ומשא ניט געטאָרט האָבען.

זעהר פֿיעל האָט די מענשליכע נאַטור געקעמפֿט געגען דעם. גרויסע ליידען האָט דעם מענשענס לייב געליטען פֿון אַזאַ איבערערדישער גאָטהייט, די רייך בעגאַבטע יודישע פֿאַנטאַזיע האָט אַלץ געפּרובט פֿון איהר בעפֿרייט ווערען. לאַנג און מעכטיג איז די מלחמה געווען, נאָר זי, די איבערערדישע גאָטהייט, האָט גובר געווען.

שלאָף און אָהנמעכטיג איז דער בעזיעגטער קערפּער געבליעבען. אין שרעק פֿאַר'ן קערפּערליכען, פֿאַר יעדער פיגור און יעדען בילד, זענען ביי דער יודישער פֿאַנטאַזיע די פֿליגעל אונטערגעהאַקט געוואָרען, דער אַבסטראַקטער שכל האָט איבער אַלעס געהערשט און פֿון דעם אייביגען אַלמעכטיגען שעפּפֿער איז אַ שוואַכער שאָטען געבליבען.

דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך נאָך וועגען א י נ ע ר ל י כ ע פֿאָרשטעלונגען, וועגען א י נ ע ר ל י כ ע שעפּפֿערישע אַקטען האָט נאָך די פֿאַנטאַזיע געפּרופֿט איהרס טהאָן, דאָ האָט זי נאָך ווען ניט ווען געפּרופֿט זיך בעפֿרייען פֿון די טויטע אַבסטראַקציעס. אָבער אין דער אויסערליכער שעפּפֿונג, אין די אויסערע אויסדריקען פֿון בילדער און געשטאַלטען האָט זיך די יודישע פֿאַנטאַזיע קיינמאָל ניט דערוועגט צו בעפֿרייען. מאָלען געטער און געטינען האָט מען אין קיין אופֿן ניט געטאָרט. מען האָט בכלל ניט געטאָרט מאָלען קיין מענשליכע צורות. אויף אַזאַ אופֿן האָט די בילדער־קונסט ביי יודען ניט געקאָנט זיך ענטוויקלען. זי האָט אפֿילו ניט געקאָנט געבוירען ווערען....

די אַלטע יודישע קונסט האָט זיך פֿיעל ווייניג אויסגעדריקט אין אַרכיטעקטור, אין מוזיק, אין פּאָעזיע, אָבער ניט אין מאָלען און סקולפּטור. דאָ האָט זי גאָרנישט געקאָנט מאַכען. די אמונה איז איהר געשטאַנען אַנטקעגען, די יודישע פֿאָרשטעלונגען האָבען איהר אין אַלעס געשטערט.

אָבער „טרייב די נאַטור הינ'ן טהיר, וועט זי קומען פֿון פֿענסטער“. האָבען די יודען די שענהייט פֿון זיך געטריעבען, האָבען זיי אַלע זינליכע פֿאָרשטעלונגען פֿון זיך געיאָגט, האָט די „נאַטור“ אין אַן אַנדער אָרט אָנגעהויבען ריידען. די נאַטור האָט זיך איהר אָרט געפֿונען אין ליידענשאַפֿטליכער בענקשאַפֿט נאָך דער געטליכער שענהייט. די בענקשאַפֿט איז אַזוי שטאַרק און גרויס געווען, אַז זי האָט געמוזט מיט געוואַלד זיך אַרויסווייזען.

אין בענקשאַפֿט נאָך דער געטליכער שענהייט („תפארת“), נאָך דער ליידענדער

שכינה, נאָך איהר גאולה, — אין דעם אַלעמען איז געווען טיעף בעהאַלטען די ליעבע צו שענהייט, צו האַרמאָניע, צו דער נאַטור, צו דער שען־האַרמאָנישער געשטאַלט.

.II

„ווי אַזוי איז דאָס ליכט בעשאַפען געוואָרען? — פֿרעגט די יודישע הגדה — גאָט האָט זיך אין טלית, ווי אַ שליח צבור, אָנגעטהאָן און די וועלט איז פֿול ליכט געוואָרען".

דאָס געטליכע ליכט האָט די פֿינסטערע וועלט ערפֿילט, נאָר צו גרויס איז געווען דאָס ליכט, צו העל האָט עס געשיינט, צו גלענצענד, צו פּראַכטפֿאָל, די וועלט האָט עס נאָך ניט זוכה געווען, זי האָט עס נאָך ניט פֿערדיענט. וואָס האָט גאָט געטהאָן? ער האָט צוגענומען דאָס ליכט, וואָס האָט אין ששת ימי בראשית גע־שיינט און האָט עס בעהאַלטען פֿאַר די צדיקים לעתיד לבוא, פֿאַר די קומענדיגע צייטען, קומענדיגע דורות.

„וואו זשע האָט עס גאָט בעהאַלטען? אין די אותיות פֿון דער תורה".

לערן, הייסט עס, די תורה, בעטראַכט זי, פֿערטיעף זיך אין איהר, לייען אין די שורות און צווישען די שורות, פֿערשטעה איהר געהיימען זין, ערקען איהרע סודות, דערגרייך איהרע גרויסע כונות, געפֿין איהרע אַלוועלטליכע ציעלען און אידעאַלען, וועסטו דאַן דערזעהען דאָס בעהאַלטענע ליכט, דאָס ליכט פֿון דער צוקונפֿט.

ס'איז פֿאַרהאַן אָבער נאָך אַן אָרט, וואו מען קאָן געפֿינען דאָס געהיימע צוקונפֿטס־ליכט, דאָס איז — דאָס פֿרייע פֿעלד, דער פֿרייער וואַלד.

אויב דיין נשמה איז ריין, שטעה אויף פֿריה, פֿריה, לאָז די שטאָדט מיט איהר האַנדעל און טומעל, מיט איהר קויט און שמעל, געה אַרויס אויף דעם פֿרייען גרויסען פֿעלד, טהו אַ קוק מיט אָפֿענע ריינע אויגען אויף גאָטס פֿרייע ליכטיגע וועלט, וועסטו דאָס געהיימע צוקונפֿטס־ליכט זעהן.

זעה! אויף אַלץ איז גאָטס גענאָד אויסגעגאָסען, אַלץ איז אַזוי שען און אַזוי מילד, אַלץ איז אַזוי גוט און ריין, אַלץ רעדט פֿון טיעפֿער הייליגקייט און איביגער גוטסקייט, אַלץ רעדט פֿון איביגען פֿריעדען און איביגען גליק, אַלץ רעדט פֿון גרויסע סודות, פֿון ווייטע, ווייטע וועלטען, פֿון דער ליכטיגער, ליכטיגער צוקונפֿט.

זעה! די שטאָדט וועט פֿאַלען, אַלעס פֿאַלשעס, שמוציגעס און אומריינעס וועט פֿערשווינדען, אַלעס קליינליכעס, ענגעס און טעמפּעס וועט קיין אָרט ניט האָבען, אַלץ וועט פֿריי און ליכטיג ווערען, אַלץ וועט הייליג און גרויס ווערען.

„אין דער ווייטער צוקונפֿט וועלען בטל ווערען ניט נאָר אַלע מלחמות, געוואַלט־טהאַטען און קריעג, נאָר אויך דאָס געלד, דער האַנדעל, דאָס אייגענטום".

טיעפֿע, טיעפֿע צוקונפֿט! דאָס גאַנצע לעבען וועט ווערען אַ העלעס ליכט, אַן איביגעס ליעד, אַן איביגער צדיקים־טאַנץ. גאָט און מענש וועלען איינס ווערען, שעפּפֿער און בעשאַפֿענע — אויף איביג בעהעפֿט. גאָט „געהט מיט די צדיקים אַ טאַנץ אין גן־עדן און זיי זעהען איהם אַלע אָפֿען...."

„זיעבען כתות צדיקים וועלען געהן מקבל פּנים זיין די שכינה און וועלען שיינען ווי די זון, ווי די לבנה, ווי די הימלען, ווי די שטערען, ווי די בליצען, ווי די ראָזען, ווי די ריינע מנורה, וואָס איז געווען אין בית־המקדש."

הער: אַלץ זאָגט שירה צו גאָט, דער טאָג, די נאַכט, די זון, די לבֿנה, די וואָלקען, די בליצען, דער ווינד, דער טהוי, דער רעגען, דאָס וואַסער, די טייכען, די ימים, די קוואַלען, דער גן־עדן, דער גיהנם, די מדבר, די פֿעלדער, די וועלדער, די בוימער, די זאַנגען, די פֿייגעלעך, יעדעס קלענסטע בעשעפֿעניש.

„אַלע בוימערריידען צוזאַמען, אַלע בוימער ריידען מיט מענשען.“

הער: אַלץ זינגט, די הימעל־ספֿערען זענען לויטער מוזיק, מען דאַרף נאָר האָבען אַנ׳אויער צו הערען.

III.

די שענהייט, וואָס ענטדעקט זיך אין דער גאַנצער מענשהייט וועלטען, וועלטען, — ערשיינט אין איינציגע אויסדערוועהלטע פּערזאָנען שטענדיג.

גליקליכע מענשען! די שכינה רוהט אויף זיי שטענדיג, די געטליכע שענהייט בעלייכט זייער פּנים אין יעדע רגע.

זייער שענהייט איז ניט פֿון דער וועלט, — פֿאַלען מוז יעדערער, דער־זעהענדיג זי, ערשטוינט מוז יעדערער ווערען.

יעדער פֿיהלט, אַז דאָס איז עטוואָס איבערמענשליכעס, אונגעזעהענעס, עטוואָס, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט און איז ביז אַהער קיינמאָל ניט פֿאָרגעקומען.

„יעקבֿ׳ס בילד איז אין כּסא הכּבֿוד געשטעלט“.

„מלאָכים גיהען אַרויף זעהן דאָס אויבערשטע בילד, גיהען אַראָב זעהען דאָס אונטערשטע בילד“.

„אַז משה איז געבאָרען געוואָרען, איז דאָס הויז פֿול ליכט געוואָרען“.

„דער וואָס וויל האָבען אַ בעגריף פֿון רבי יוחנן׳ס שענהייט, זאָל ברענגען אַ זילבערנעם בעכער פֿון פֿייער אַרויס און זאָל איהם ערפֿילען מיט קערנער פֿון רויטען מילגראָם און זאָל איהם אַרומלעגען מיט אַ קראַנץ פֿון רויטע ראָזען און זאָל איהם שטעלען צווישען ליכט און שאָטען, — אין דער שיין איז פֿאַרהאַן עטוואָס פֿון רבי יוחנן׳ס שענהייט“.

„אַז רבי אלעזר איז קראַנק געוואָרען, איז רבי יוחנן געגאַנגען מבֿקר חולה זיין איהם. אַז ער איז געקומען, האָט ער געפֿונען רבי אלעזר׳ן ליעגענדיג אין אַ פֿינסטער׳ער שטוב. רבי יוחנן האָט זיין אָרעם אָפּגעדעקט און אין שטוב איז ליכטיג געוואָרען. זעהט ער, אַז רבי אלעזר וויינט. רופֿט ער זיך אָן צו איהם: וואָס וויינסטו? איבּ איבער דעם, וואָס דו האָסט ניט קיין פֿיעל תּורה געלערנט. ווייסען מיר דאָך שוין לאַנג: „סיי מעהר, סיי ווייניגער — אַבי די כּוונה זאָל זיין פֿון גאָט׳ס וועגען“; אויב איבער דעם, וואָס דו ביזט אָרים — ניט יעדער איז זוכה צו האָבען צוויי טישען. אויב פֿון דעם, וואָס דו האָסט קיין קינדער נישט־זעה! אָט איז דאָס ביינדעל פֿון מיין צעהנטען זוהן“. — ענטפֿערט איהם רבי אלעזר: „איך בעוויין די שענהייט, וואָס דאַרף אין דער ערד פֿוילען“. — „יאָ! ענטפֿערט איהם ר׳ יוחנן: דערויף איז דאָ באמת וואָס צו וויינען“. און בּיידע בעוואַשען זיך מיט טרעהרען“.

„אַז רבי עקיבֿא האָט טורנוסרופֿוס׳עס ווייב דערזעהן, האָט ער זיך פֿאַ־נאַנדערגעוויינט: אַזאַ שענהייט פֿוילט אין דר׳ערד“...

די יודישע טראַדיציע דערצעהלט וועגען זעלטענער שענהייט פֿון זעהר פֿיעל הייליגע, בעלי־מופֿת, משיחים, מקובלים און חסידים. בעזונדערס איז בּיי־

די לעצטע ענטוויקלט געווען די פאָרשטעלונג פון געטלעכער שענהייט. בשעת זיי דערצעהלען און ריידען פון גרויסקייט, חכמה און הייליגקייט, ריידען זיי דערביי אויך וועגען דער וועלטענער שענהייט פון געווייסע הייליגע.

איינע פון די צעהן ספירות, וואָס די מקובלים און חסידים ריידען פון זיי שטענדיג, איז „תפארת“. „תפארת“ הייסט אין קבלה און אין חסידות אייגענטליך אי שענהייט, אי האַרמאָניע.

שענהייט און האַרמאָניע אין אַלץ, אי אין גוף, אי אין נשמה, אי אין שכל, אי אין מדות, אי אין דיכטען, אי אין טראַכטען, אי אין ריידען, אי אין אויפפיהרונג.

אין אַלץ מוז די „תפארת“ ערשיינען, אַלץ מוז דורך איהר געוואויגען און געמאָסטען ווערען, אַלץ מוז דורך איהר בעלויכטען און בעטראַכט ווערען.

„אַז אַ מענש איז ניט גוט געקליידעט, צעשטערט ער די מדה פון תפארת“.

„אַז אַ מענש טהוט אָן שענע קליידער און ציהרט זיך אויס, זאָל ער אַ כונה האָבען בעשענען גאָט'ס בילד“.

„די נשמה רוהט אין יעדען אבר און אין יעדער תנועה פון מענשען. נאָך דער נשמה נאָך זענען די תנועות. וואָס די נשמה איז שענער, זענען שענער די תנועות. די תנועות פון די גרויסע צדיקים זענען זעהר שען און אַנגענעהם, ווייל זייערע נשמות זענען געטליך שען. יעדער מענש מוז האָבען זיינע אייגענע תנועות, ווייל אין יעדערער מוז לייכטען זיין אייגענע נשמה“.

„אַז די גרויסע צדיקים לערנען, לייכט די תורה אין זייער פנים, און אַז זיי דערמאָהנען אַ תנא, שטעלען זיי זיך איינגאַנצען פאַר איהם מיט זיין שורש אין מרכבה עליונה“.

„אייגענטליך האָט דער מענש דריי שטאַפּלען פאַר זיך. ערשטענס, דאַרף ער איינצאַמען זיינע נאַטירליכע תאוות. אויף אַזא אופן קאָן ער קומען צו דער מדה פון „יראה“. צווייטענס, דאַרף ער צעברעכען און אויסוואָרצלען אַלע זיי-נע געבוירענע שלעכטע מדות, דאַן קומט ער שוין צו אַ העכערער מדרגה, צו דער מדרגה פון „אהבה“. דאָס איז אָבער נאָך אַלץ ניט גאָר: ער מוז נאָך קומען צו אַ דריטער, אַ פיעל העכערער מדרגה; ער מוז קומען צו דער מדה פון „תפארת“. ער מוז זעהן, אַז אַלע זיינע מעשים און תנועות זאָלען שען און ערהויבען זיין“.

„שבת צו נאַכט — דערצעהלט אַ צדיק וועגען רבי ליב סאַסיבער, — האָט ער נייע סאַפּיאַנער שיך אָנגעטהאָן און האָט אָנגעהויבען טאַנצען. אין די רקודים האָבען זיך די גרעסטע זאַכען פון דער וועלט אַרויסגעוויזען, אין יעדער תנועה זענען מוראדיגע יחודים געווען, די שטוב איז פול ליכט געוואָרען און די גאַנצע פמליא של מעלה איז מיט איהם צוזאַמען אַ טאַנץ געגאַנגען“.

IV.

וואָס עס ווערט שטאַרקער די פרישות, ווערט טיעפער די אינערליכע בעהאַלטענע ליידענשאַפט; וואָס עס ווערט טיעפער די ליידענשאַפט, ווערט גרע-סער די בענקשאַפט נאָך שענהייט.

די בענקשאַפט נאָך שענהייט ווערט גרויס, אָבער די פרישות לאָזט איהר

ניט בעווייזען זיך, לאָזט איהר ניט שאַפען, לאָזט איהר ניט געפי־נען קיין נאַטירליכע פאָרמען און פריי אויסדריקען זיך. זי מוז דערפאַר אָננעהמען משונה׳דיגע פאָרמען, זי מוז געהן אין קרומע דרכים, מוז שטענדיג ריידען מיט אַ פאַרשטעלטען לשון, מוז אַלץ טהאָן לשם שמים. זי מוז איהר גאַנצען צער אין אמונה אַריינטהאָן.

„ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" — „דאָס האַרץ און די אויגען זענען צוויי סרסורים פון זינד".

אַז איינער איז מפסיק זיין לערנען און זאָגט: „אָ! ווי שען דער בוים איז! ווי שען דאָס פעלד איז, איז ער אַ מתחיב בנפשו".

טאָר מען די אויגען און דאָס האַרץ ניט נאָכגעבען, טאָר מען אַ מינוט ניט מפסיק זיין פון לערנען, זענען אָבער דאַרויף ברכות פאַרהאַן...

ווערסטו נתפעל פון דעם שיינעם ריינעם הימעל, קאָנסטו דיין טיעף גע־פיהל אין אַ ברכה אויסדריקען: ברוך עושה מעשה בראשית!

זעהסטו די בעניַיטע לבנה, און דיין האַרץ ווערט פול מיט פרייד און טרויער צוזאַמען, זיי זי מקדש, גיס דיין האַרץ אויס פאַר דיין שעפער.

זעהסטו די וועלט־אָרדנונג, די תקופה פון דער זון, די לבנה אין איהר גאַנצען גלאַנץ, דעם וועג פון די שטערען, דעם סדר פון די מזלות, זאָג: ברוך עושה בראשית!

ווערסטו ערשטוינט פון גרויסען ים, קאָנסטו דיין געפיהל אין אַ ברכה אויסדריקען: ברוך שעשה את הים הגדול!

אויף אַלץ, אויף אַלץ האָרף מען גאָט לויבען: אויף דונערען, אויף בליצען, אויף ווינטען, אויף בערג, אויף ימים, אויף טײַכען און אויף מדבריות.

געהסטו אַרויס אין פריהלינגס־צייט און זעהסט, ווי די בוימער בליהען, קאָנסטו דיין פרייד פאַר גאָט אויסזאָגען: געלויבט זאָל זיין דער, וואָס אין זיין וועלט פעהלט גאָר נישט, און וואָס האָט בעשאַפען אַלע שענע בעשעפענישען און אַלע שענע בוימער פון מענשענס פערגעניגען וועגען.

קאָנסטו אין דיינע גאָטס הייזער קיין בילדער ניט שטעלען, דאַרפסטו אָבער דאָס דיענסט צו גאָט בעשיינען מיט וואָס דו קאָנסט.

„דאַרפסט גאָט בעשיינען מיט אַ שענער סוכה, מיט אַ שענעם לולב, מיט אַ שענעם שופר, מיט שענע ציצית, מיט אַ שענעם ספר תורה, אין עס האָרף עס שרייבען אַ קינסטלער מיט שענע טינט, מיט אַ שענער פעדער און אָנטהאָן עס אין שענע זייד".

אַז דו דאַרפסט פאַר גאָט האָווען, מוזט דיך אָנטהאָן אין דיינע בעסטע קליידער.

„רבי חנינא פלעגט זאָגען: לאָמיר אַרויסגעהן געגען דער קעניגין שבת, געגען דער כלה שבת. רבי ינאי פלעגט זיך אָנטהאָן אין זיינע שענע קליידער און פלעגט זאָגען: קום כלה, קום כלה".

דער אר״י פלעגט וועלען בעגעגענען די מלכה שבת דוקא אויפ׳ן פרײַען פעלד. אַלע פרייטאָג צו נאַכט פלעגט ער אַרויס מיט זיינע תלמידים אויסער׳ן שטאָדט און דאָרטען מקבל שבת זיין. דאַן פלעגט ער אַלע נשמות מתקן זיין, די גאַנצע וועלט ריין מאַכען, דעם קץ מקרב זיין.

אַזוי פלעגט זיך אויך דער בעש״ט נוהג זיין. פריי אין גאָט׳ס פעלד

פֿלעגט ער מיט זיינע תלמידים אַרומשפּאַציערען און פֿלעגט אַלע נשמות מעלה זיין און די גאַנצע בריאה צו אַ העכערער מדרגה ברענגען.

רבי נחמן בראַצלאַווער איז געקומען צו זיינע הויכע מדרגות, בלאָנדזשענדיג אין פֿעלדער און אין וועלדער, ליבענדיג גאָט מיט דער נאַטור צוזאַמען, זאָגענדיג תהלים אין טיעפֿע היילען, שווימענדיג אַליין אויף אַ שיפֿעלע אין דעם ווייטען, גרויסען טייך.

נאָר מעהר ווי אין דעם אַלעם זעהען מיר די בענקשאַפֿט נאָך שענהייט אין די געוויסע שמערצען פֿון פֿערשיעדענע צדיקים, אין די גרויסע שטאַרקע ליידענשאַפֿטען, אין דער געוויסער אייביגער מלחמה מיט דעם „יצר הרע“, אין דעם גרויסען טרויער, וואָס אין דער מלחמה איז.

„וואָס דער מענש איז גרעסער, איז ביי איהם דער יצר־הרע גרעסער“.

לעתיד לבוא וועט גאָט דעם יצר־הרע ברענגען און וועט איהם שחט'ן פֿאַר אַלעמען אין די אויגען, ביי די רשעים אין די אויגען וועט ער אויסזעהן ווי אַ האָר; די צדיקים וועלען איהם זעהן גרויס, ווי אַ באַרג...

די וויינען און די וויינען... ביי די רשעים איז אַזאַ קליינטשקער יצר־הרע און דאָך קאָנען זיי איהם ניט בייקומען, ביי די צדיקים איז ער שרעקליך גרויס און און דאָך זענען זיי איהם מנצח...

זיי זענען איהם מנצח, אָבער זעהר טייער קאָסט זיי דער נצחון. אַז זיי זענען איהם איינגאַנצען מנצח, זענען זיי פֿול מיט בענקשאַפֿט נאָך איהם... מיט בענקשאַפֿט נאָך שענהייט...

רוחניות — גייסטיגקייט. שליח צבור — אַ חזן, אַ בעל־תפלה. ששת ימי בראשית — די ערשטע זעקס טעג פֿון דער וועלט־שעפֿפֿונג. לעתיד לבא — אין דער צוקונפֿט. כתות — גרופּען. כסא הכבוד — דער טראָן פֿון גאָט. יראה — פֿאָרכט. אהבה — ליעבע. רקודים — טענץ, טאַנץ־בעוועגונגען. פמליא של מעלה — („די פֿערזאַמלונג פֿון אויבען“) — די מלאָכים און די הייליגע, וואָס וואוינען אויפֿ'ן הימעל. פרישות — אָבגעזונדערטקייט פֿון דער קערפּערליכער וועלט. ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם — איהר זאָלט ניט נאָכפֿאָלגען נאָך אייערע הערצער און נאָך אייערע אויגען. סרסורים — מעקלער. ברוך עושה מעשה בראשית — געבענשט איז דער, וואָס האָט בעשאַפֿען די וועלט. ברוך שעשה את הים הגדול — געבענשט איז דער, וואָס האָט בעשאַפֿען דעם גרויסען ים. מעלה זיין — דערהויבען. בריאה — שעפֿפֿונג.

ח. זשיטלאָווסקי.

וואָס איז אַזוינס פֿילאָזאָפֿיע?

§ 1. דער מיסטריען צו פֿילאָזאָפֿיע.

אין די זעכציגער און די זיעבציגער יאָהרען פֿון פֿאָריגען יאָהרהונדערט האָט דער פּראָגרעסיווער געדאַנק געקוקט מיסטרויאיש אויף דער בעשעפֿטיגונג מיט פֿילאָזאָפֿיע. מען האָט גערעכענט, אַז זי האָט זיך שוין איינגאַנצען אויסגעלעבט און פֿערדיענט ניט, מען זאָל אויף איהר אויסגעבען אַזוי פֿיעל גייסטיגע ענערגיע.

איצטער איז דער מיסטרויען צו אַ גרויסען טייל פֿערשוואונדען. דער פּראָגרעסיווער געדאַנק האָט זיך ווידער מיט התמדה גענומען אינטערעסירען מיט די אייביגע פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען. אָבער דער מיסטרויען איז נאָך ניט פֿער-

שוואונדען אינגאַנצען. אויך אין אונזערע טעג איז ניט זעלטען אָנצוטרעפֿען טענות און תרעומות אַנטקעגען דער פֿילאָזאָפֿיע, אַנטקעגען די, וואָס לעגען אַוועק זייער לעבען אויף דעם אויפֿבוי פֿון פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען; אַזאַ בעשעפֿטיגונג, מיינט מען, איז ניט נאָר אינגאַנצען איבעריג פֿאַר דער מענשהייט, נאָר אויך שעדליך. איבעריג איז זי דערפֿאַר, ווייל זי קאָן ניט פֿערמעהרען דעם אוצר פֿון אונזערע פּאָזיטיווע קענטנישען; שעדליך דערפֿאַר, ווייל די פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגען האָבען שטענדיג צו טהאָן מיט ענינים, וואָס שטעהען צו ווייט אָב פֿון דעם פּראַקטישען, ווירקליכען לעבען, פֿערשלעפֿען דעם געדאַנק „קיין בױבעריק" און ציהען אָב זיין אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די ברענענדיגע נויטען, וועלכע דאָס לעבען רוקט אַרויס און וועלכע מוזען פֿערענטפֿערט ווערען אויפֿ'ן שטעל.

אין די טענות אַנטגעגען דער פֿילאָזאָפֿיע איז געוויס דאָ אַ שטיקעל אמת, אָבער דאָס שטיקעל אמת איז ניט אַזוי גרויס, ווי מען מיינט, און דערצו ווערט עס אַריבערגעוואויגען דורך אַ סך אַנדערע אמת'ן.

§ 28. איז די פֿילאָזאָפֿיע אָבגעריסען פֿונ'ם לעבען?

אָבגעריסען פֿון לעבען זענען אייגענטליך ניט די פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען. יענע פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען, וואָס האָבען אַ ווערט פֿאַר דער מענשהייט און האָבען געשפּיעלט אַ שטאַרקע ראָלע אין איהר ענטוויקלונג, לײדען אפשר מעהר דורך אַנ'אַנדער חסרון: זיי מישען זיך שוין צו פֿיעל אַריין אין די פּראַקטישע פֿראַגען און נויטען פֿון דעם טאָג. עס איז איצטער פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז כמעט אַלע וויכטיגע פֿילאָזאָפֿישע געביידען האָט מען אויסגעפֿיהרט אונטער דעם דרוק פֿון יענע בעדערפֿענישען, וואָס זענען אָנגעוואַקסען אין דעם געזעלשאַפֿטליכען און אינדיווידועלען לעבען, און זייער צוועק איז געווען איבערצואַנדערשען די גרונד־יסודות, אין וועלכע דער יחיד און די געזעלשאַפֿט האָבען געגלויבט. ווייט פֿון דעם אייגענטליכען לעבען און זיינע ברענענדיגע נויטען זענען געבליעבען נאָר יענע ספּעציעלע פֿילאָזאָפֿישע איינצעל־אונטערזוכונגען, וואָס האָבען געוואָלט אויספֿאָרשען איינצעלנע טיילען פֿון דעם פֿילאָזאָפֿישען געדאַנק, ווי צום ב. ש. די אונטערזוכונגען וועגען צייט און רוים, וועגען קאַוזאַליטעט, וועגען די קוואַלען, וואָס פֿון זיי פֿליסט אונזער ערקענטניש, וועגען די שייכות'ן צווישען קוואַנטיטעט (כמות) און קוואַליטעט (איכות), וועגען דעם, ווי אַזוי איין געדאַנק איז געווען פֿערבונדען מיט אַנ'אַנדער געדאַנק ביי דעם אָדער יענעם פֿילאָזאָף, א. ז. וו. אָבער אויך אַזעלכע אונטערזוכונגען זענען ניט מעהר אָבגעריסען פֿון דעם לעבען און ליעגען ניט ווייטער פֿון זיינע בעדערפֿענישען, איידער צום ב. ש. די פֿראַגען פֿון דער העכערער מאַטעמאַטיק. אַחוץ דעם איז דער ענטפֿער אויף זיי זעהר נויטיג פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון אַ פֿילאָזאָפֿישען סיסטעם.

און ווען עס טרעפֿט זיך, אַז אַ וועלכער ס'איז „מעטאַפֿיזיקוס" זאָגט זיך אָב אַריינצומישען זיך אין די קעמפֿפֿע פֿון דער צייט, ווייל ער האָט נאָך ניט אויסגעפֿונען, וואָס איז אַזוינס די צייט, איז אין דערינען שולדיג ניט די פֿילאָזאָפֿיע, נאָר אַליין דער געעהרטער הער „מעטאַפֿיזיקוס". קיין בר־דעת וועט זיך ניט אָבזאָגען פֿון אַ וועלכער ס'איז פּראַקטישער אַרבייט מחמת דעם טעם, וואָס די טעאָריע האָט נאָך ניט אויסגעפֿאָרשט אויף קלאָר, אין וואָס עס בעשטעהען יענע פּראָצעסען, וואָס מאַכען מעגליך אַזאַ פּראַקטישע אַרבייט. קיינער וועט זיך ניט אָבזאָגען

צו געברויכען זיינע הענד און פיס, ווען אפילו מיר וויסען נאך עד־היום ניט אויך קלאר, ווי אזוי די שטראמען פון אונזער ווילען געהען אריין אין די מוסקולען פון די הענד און די פיס און מאכען, אז זיי זאלען זיך בעוועגען.

§ 3. די פילאזאפיע ניצליך פאר דער וויסענשאפט.

אויך די מיינונג, אז די פילאזאפיע איז איבעריג און האט קיין ברעקעל נוצען ניט, איז שטארק איבערטריעבען. געוויס וועט קיינער ניט אבלייקענען דעם נוצען און די וויכטיגקייט פון וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען, וואלטען אבער אלע וויסענשאפטליכע אויפטהוען, וואס זענען געמאכט געווארען פון דער פילאזאפיע אדער וואס זענען אויסגעפונען געווארען אדאנק וועלכער עס איז פילאזאפישער מיינונג, — וואלטען זיי אלע געבליעבען אין דער פילאזאפיע און ניט אריבערגעטראגען געווארען אין די איינצעלוויסענשאפטען, וואלט די פילאזאפיע געווען די רייכסטע וויסענשאפט פון אלע. אמת, עס זענען דא מעטאפיזישע סיסטעמען, וועלכע מאכען דעם איינדרוק פון א מיהל, וואס ארבייט אויף אלע שטיינער, אבער וואס מען האט פערגעסען אריינצושיטען אין איהר די תבואה. א קלאפעריי און א הארמידער טראגט זיך אין דער לופטען און פון מעהל איז קיין זכר ניטא. אבער אויך אזעלכע סיסטעמען, וואס פון זיי האט זיך שוין כמעט איינגאנצען אבגעטהאן די שכינה פון לעבען, האבען א מאל אין זייער צייט געוועקט דעם וויסענשאפטליכען געדאנק און האבען דירעקט אדער אינדירעקט אונטערגעזאגט דעם ענטפער אויף ריין וויסענשאפטליכע שאלות. מען קען זאגען, אז אויך פאר דער איצטיגער צייט איז זייער וויסענשאפטליכע ראלע נאך ניט אינגאנצען אויסגעשפיעלט. עס קאן זיין, אז דער געדאנק, וואס פאלט אריין אין דעם קעסעל־גרוב פון אזא סיסטעם, וועט זיך דארט טרעפען מיט נייע קאמבינאציעס, וועלכע מען דארף אויספרובען דורך די וויסענשאפטליכע פארשונג. דורך דעם ווערט די וויסענשאפט בערייכערט מיט נייע פראגען און פארשונגען, וואס מען האט ביז אהער נאך ניט געדאכט אין אויג און וואס קענען פיהרען צו דער ענטדעקונג פון נייע אמת'ן, וועלכע ווארפען א נייעם שיין אויף די נאך ניט פערענטפערטע, ריין וויסענשאפטליכע שאלות. אלע גרויסע געלעהרטע, אנגעהויבען מיט קאפערניקוס און גאלילעי ביז דארווין און קארל מארקס, זענען ניט נאר געווען דענקער און פילאזאפען. נאר אויך די גרויסקייט פון זייערע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען האבען זיי צו פערדאנקען דעם ברייטען שוואונג פון זייער פילאזאפישער וועלטאנשויאונג.

§ 4. פילאזאפיע און בילדונג.

אהן פילאזאפיע וואלט ניט געווען קיין וויסענשאפט; אבער אהן פילאזאפיע וואלט אויך ניט געווען קיין אמת'ע בילדונג און אויפקלעהרונג. אן אלגעמיין פילאזאפישע וועלטאנשויאונג דארף פעראייניגען אין זיך אלע וויכטיגע רעזולטאטען, וואס מען האט געפונען אויף די פערשיעדענסטע פעלדער פון דער וויסענשאפט. אויף אזא אופן בעהעפט זי די ווייט איינע פון דעם אנדערן ליעגענדע פראדוקטען פון דעם מענשליכען געדאנק, מאכט ברייטער אונזער האריזאנט און היט אונז אב פון יענער ענגקייט, וואס ארבייט זיך אוים ניט ווילענדיג, ווען מיר געבען זיך אב איינגאנצען צו א וועלכען ס'איז איין איינציגען צווייג פון דער וויסענשאפטליכער אדער פראקטישער ארבייט.

און אַחוץ דעם העלפֿען איבערהויפּט ניט קיין טענות ומענות אַנטקעגען דער פֿילאָזאָפֿיע. זינט זי איז דאָ אויף דער וועלט, האָט זי שטענדיג געפֿונען געגנער, וואָס האָבען געשטרעבט אונטערצוגראָבען די וואָרצלען פֿון איהר עקזיסטענץ; און דאָס האָט געהאָלפֿען ווי אָבשפּרעכען אַ ע׳ין־הרע צו אַ דונער. דער פֿילאָזאָפֿישער געדאַנק און דער פֿילאָזאָפֿישער וועב־אינסטינקט זענען אַזוי שטאַרק און טיעף איינגעוואָרצעלט אין דעם מענשענ׳ס נשמה, אַז עס איז בשום אופֿן אונמעגליך צו פֿערשטיקען זיי. עס איז מיט דער פֿילאָזאָפֿיע, ווי מיט דער נאַטור: טרייבסט זי אַרויס פֿון טהיר, פֿליהט זי אַריין דורכ׳ן פֿענסטער. איטליכער דענקענדער מענש, אַפֿילו פֿון די, וואָס מיינען, אַז זיי האָבען זיך אינגאַנצען בעפֿרייט פֿון פֿילאָזאָפֿיע, בינדט אָפֿטמאָל אונבעוואוסט צונויף אַלע טיילען פֿון זיינע קענטעניסען אין איין איינציגען סיסטעם. אונבעוואוסט געברויכט ער צו דעם צוועק אַ וועלכען עס איז פֿילאָזאָפֿישען געדאַנק, און איהם קומט גאָר אויפֿ׳ן זינען ניט אַרויף, אַז דורך דעם גיפּא האָט ער זיך שוין אָבגעשטויסען פֿון דעם זיכערען וויסענשאַפֿטליכען ברעג און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן שווימען אין דעם ים פֿון פֿילאָזאָפֿישע סברות. אַ ביישפּיעל איז ניט ווייט צו זוכען. נעהמט די דייטשע מאַטעריאַליסטען פֿון די פֿופֿציגער און זעכציגער יאָהרען. זיי האָבען בתמימות געמיינט, אַז זיי פּרעדיגען די ריינע וויסענשאַפֿט און אַז זייער גרונד־פּרינציפּ, די „מאַטעריע", איז אַ זיכערער פֿעסטגעשטעלטער וויסענשאַפֿטליכער פֿאַקט. ערשט אַ גרינדליכע פֿילאָזאָפֿישע פֿאָרשונג האָט בעוויזען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן ניט מיט וויסענשאַפֿטליכע פּראָדוקטען, נאָר מיט אַ ריין פֿילאָזאָפֿישען בנין. דער מאַטעריאַליזם איז אַקוראַט אַזאַ פֿילאָזאָפֿיע, ווי דער אידעאַליזם. איטצטער פֿערשטעהט דאָס שוין יעדער געבילדעטער מאַטעריאַליסט, וואָס האָט אַכטונג צו זיין אייגענעם פֿילאָזאָפֿישען גלויבען; און ער שעמט זיך שוין ניט אָפֿען צו שווימען אונטער דעם פֿלאַג פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע.

אַנ׳אונבעוואוסטע פֿילאָזאָפֿיע האָט אויך יעדער פּשוט׳ער בשר ודם, אויב ער טראַכט נאָר איבערהויפּט וועגען דער וועלט, דער מענשהייט, זיין אייגענעם לעבען און אויב ער האָט אַ וועלכען ס׳איז קוק אויף די אַלע ענינים. אָבער אַזאַ נאַטירליכע אונבעוואוסטע פֿילאָזאָפֿיע איז זעהר אָפֿט נאַאיוו און מגושמ׳דיג. זי וואַקסט ווי ווילדע גראָז אויפֿ׳ן פֿעלד אינאיינעם מיט אַלערליי מיטאָלאָגישע און גראָב־רעליגיעזע שטותים. אויסצוירטען אָט די אַלע שעדליכע, סטיכיש וואַקסענדע פֿלאַנצען און איינפֿלאַנצען אויף זייער אָרט שכל׳דיגע, לאָגישע, בעוואוסטע פֿילאָזאָפֿישע מיינונגען איז שטענדיג געווען און וועט בלייבען איינע פֿון די עדעלסטע אויפֿגאַבען פֿון דעם מענשליכען געדאַנק. פֿעראייניגען אַלע אונזערע טעאָרעטישע קענטעניסען, אַלע אונזערע פּראַקטישע פֿאָדערונגען אין איין האַרמאָנישען בילד, וואָס זאָל בעפֿריעדיגען דעם מענשליכען דורשט נאָך אמת, שענקייט און יושר, אַזאַ אויפֿגאַבע וועט קיינמאָל ניט ווערען פֿעראַלטעט און וועט שטענדיג געהן האַנד אין האַנד מיט דעם וואַקסען פֿון דער מענשליכער קולטור.

§ 5. וואָס איז אַזוינס פֿילאָזאָפֿיע?

אָבער — וואָס איז אַזוינס פֿילאָזאָפֿיע? אין דעם משך פֿון מעהר ווי צוויי טויזענד פֿינף הונדערט יאָהר, וואָס די מענשהייט האָט אָנגעהויבען בעוואוסט צו פֿילאָזאָפֿירען, זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַ סך ענטפֿערס אויף דער

שאלה. באַקאַנט און פֿערשפּרייט איז דער ענטפֿער, אַז די פֿילאָזאָפֿיע איז די וויסענשאַפֿט פֿון אַלע וויסענשאַפֿטען, וואָס פֿערבינדעט זיי אַלעמען אין איין איינציגען האַרמאָנישען סיסטעם. נאָך אַן׳ענטפֿער איז, אַז די פֿילאָזאָפֿיע איז אַ בעזונדערע וויסענשאַפֿט, וואָס שטעהט העכער ווי אַלע אַנדערע און וואָס אונטערזוכט די גרונד-פּרינציפּען פֿון דעם זיין און דעם דענקען. יעדע איינצעל-וויסענשאַפֿט, ערקלעהרט אָט דער ענטפֿער, איז אויפֿגעבויט אויף אַ וועלכען ס׳איז גרונד-פּרינציפּ. די געאָמעטריע, למשל, האָט צו טהאָן מיט׳ן רוים, די פֿיזיק — מיט דער בעוועגונג, די כעמיע — מיט דעם „שטאָף“ אָדער דער „מאַטעריע“, די פּסיכאָלאָגיע — מיט דעם גייסט אָדער דער עמפּפֿינדונג. אַלע וויסענשאַפֿטען — מיט דעם בעגריף פֿון געזעץ און קאַוזאַליטעט. אָבער וואָס איז אַזוינס רוים? בעוועגונג? מאַטעריע? גייסט? קאַוזאַליטעט? געזעץ? די איינצעלנע וויסענשאַפֿטען קימערען זיך ניט וועגען דעם, מוז דעריבער זיין אַ בעזונדער פֿעלד פֿון אונטערזוכונג, וואָס זאָל זיך מיט דעם ספּעציעל בעשעפֿטיגען. ווידער אַנדערע מיינען, אַז די פֿילאָזאָפֿיע דאַרף אויספֿאָרשען די כּחות פֿון דעם מענשליכען שכל גופֿא, ד. ה., די טבֿע פֿון יענער קראַפֿט, וואָס בויט די איינצעל-וויסענשאַפֿטען און בעשאַפֿט די גאַנצע מענשליכע קולטור. און נאָך אַ סך אַנדערע ענטפֿערס זענען געגעבען געוואָרען אויף אונזער שאלה. מיר וועלען זיך האַלטען פֿאַר אַזאַ׳ן ענטפֿער, וואָס איז, ווי מיר דוכט, כּולל אין זיך אַלע אַנדערע מיינונגען וועגען דעם ענין. די פֿילאָזאָפֿיע איז אַ שטרעבען אויסצומאָלען אַ קלאָר בילד פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל אין דער זעלביגער צייט דערקלעהרען דעם אינדיווידיאום דעם זין פֿון זיין עקזיסטענץ, אָנווייזען איהם דעם ריכטיגען וועג פֿון לעבען און דאָס העכסטע ציעל, וואָס ער דאַרף האָבען פֿאַר זיינע אויגען.

אויסמאָלען אַ קלאָר בילד פֿון דער וועלט איז אַ זאַך, וואָס געהערט ניט נאָר צו דער וויסענשאַפֿט, נאָר אויך צו דער קונסט. און באמת, איז דער פֿילאָזאָף מעהר קינסטלער, איידער פֿאָרשער. מיט אַ פֿילאָזאָפֿישען טאַלאַנט דאַרף מען געבוירען זיין און ניט יעדער איז מסוגל צו מאָלען אָריגינעלע פֿילאָזאָפֿישע בילדער. אָבער אויך די פֿילאָזאָפֿישע קונסט, ווי יעדע קונסט, מוז זיין אויפֿגעבויט אויף געוויסע יסודות.

II

פּאעזיע.

ל. שאפּירא.

דער טײך װערט פערפרױרען.

(פּאָעטישע בעשרײבונג).

צװישען די װײסע ברעגען יאָגט דער טײך זײנע כמעט שװאַרצע װאַסערען, פערצאָרענט און בײז, פּאָראױסזעהענדיג פינסטערע טעג... ציהט פון צפון אַ קאַלטער װינד, דרינגט ער אַרײן אימעטום, טראָגט ער זיך איבער'ן טײך אַ טאָג, און צװײ, און דרײ, — װערט דער טײך בלאָה, טונקעל־בלאָה פון קעלט און ציטערט, און קנײטשט זיך, און ראַנגעלט זיך מיט'ן טױטען דרימעל, װאָס בעפאַלט זײנע גלידער, ראַנגעלט זיך אָבער אַלץ לאַנגזאַמער און שװערער, שװערער און פױלער, פױלער און שלעפּעריגער. פון ערגעץ קומט אָן אַ פּאָרמלאָזעס, געלבליך־קײטיגעס שטיק אײז און שװימט פאַרבײ שטיל, בגנבה, נישט מײנענדיג חלילה קײן שלעכטס... און נאָך אַ קריהע געהט פאַרבײ, און נאָך אײנע, און עטליכע מיט אַמאָל, און אָט ציהט שױן אַ גאַנצע מחנה אַראָב װאַסער, און עס דאַכט זיך — עפּעס קעפּ קוקען אַרױס פון װאַסער אָדער לצים שפּיעלען זיך צװישען די װעלען, קעהרען זיך איבער און מאַכען אָן אַ גאַנץ גערודער אין טײך. אָפּט און עפטער לאָזען זיך הערען הילכיגע קלעפּ און אַ קנאַקערײ. דער טײך איז שױן אינגאַנצען בעדעקט מיט קריהעס, און צװישען די קלענערע שפּאַרט זיך דורך אַ גרױסע מיט ברײטקײט, און די קלײנע טרעטען איהר אָב דעם װעג, קריצענדיג מיט די ציינער, און קריכען אײנע אױף דער אַנדערער און שלאָגען זיך צװישען זיך, װי װעלף איבער אַ פּגר...

זעהענדיג די שװערע גסיסה פון דעם ריעזיגען טײך, צעלױפען זיך די מענשען, פערשװינדען די שיפלעך, די פליטען, די בערלינעס, און װיסט װערט אַרום און לעדיג, װי פאַר בריאת העולם. ביסלעכװײז פערהאַלט די קריהע איהר גאַנג, דרעהט זיך אױף אײן און דעמזעלבען אָרט, שטױסט זיך אָן די ברעגען, ביז זי בלײבט אינגאַנצען שטעהן. אומגעלומפּערט און העסליך סטאַרטשען אין אַלע זײטען אונגעהײער גרױסע שפּיציגע נעזער, גלאַטע, הױלע און װײסע קעפּ, פערבױגענע קניע אין הױקענס, — אַ שלאַכט־פעלד, בעדעקט מיט נאַקעטע מתים און פערטריקענטע סקעלעטען. און דאַן קומען װידער צו פליהען װײסע, גרינגע נשמה'לעך און לעגען זיך מיט גרױס רחמנות אױף די פּגרים און פערדעקען זײער שאַנד. נאָך עטליכע שנײען, נאָך עטליכע פרעסט — און פון דעם טײך איז קײן זכר נישטאָ. גראָהע, קורצע טעג בעװײזען דער װעלט זײער בלאַסען, אינדרײסטען שמײכעל, פאַלען אָבער באַלד בײ זיך אַראָב און לעשען זיך אױס, און זײער אָרט פערטרעטען לאַנגע, אונענדליך לאַנגע אומעטיגע נעכט. װען דער װינד פײפט זײן מרה־שחורה'דיג ליעדעל, װען פונ'ם װאַלד, װאָס טונקעלט אױפ'ן צװײטען ברעג, געהען אַרױס הונגעריגע, דערפרױרענע װעלף און קלײבען זיך צונױף אױפ'ן קבר פונ'ם טײך, און קלאָגען װילד און שמערצליך שטונדען־לאַנג, און קנאַקען מיט די צײהן, און פינקלען מיט גרין־ברענענדע אױגען אין שױם פון דער נאַכט אַרײן.

ז. שניאור.

א זומער-נאכט.

(פאָעטישע בעשרייבונג).

עס איז געווען אַ נאַכט, אַ זומער-נאַכט אַ קיהלע.
אָנגעזאַפּט מיט בלאָהם און לבנה-שיין און ליעבע,
איז זי צוגעפאַלען ליידענשאַפטליך צו דער מיעדער ערד,
ווי אַ הייסע, רייכע מאַמע צו איהר עלענדער יתומה;
ווייך אַרומגענומען זי מיט סאַמעטענע הימלען,
געקושט מיט גראָזען-ריחות, געווישט איהר שוויס מיט ווינטלעך,

געוויינט פון פרייד מיט מעטעאָרען,
און ערגעץ האָט אַ גריל דערזעגט איהר סערענאַדע,
און ערגעץ האָט אַ זשאַבע לאַנג געקוואַקעט קריאת-שמע.

פאלקס-ליעדער.

1. א שען מיידעלע בין איך דאך.

(חתן-כלה ליעד).

אַ שען מיידעלע בין איך דאָך,
רויטע באַקים שפין איך דאָך,
אַ רייכען טאַטען האָב איך דאָך,
דיינט וואָס פעהלט מיר נאָך?

טאַטע, טאַטע, געה אויפ'ן בן-זכר
און קלייב מיר אויס אַ שענעם בחור,
מיט לאַנגע פיאות, מיט שוואַרצע אויגען,
און צו דער הייליגער תורה זאָל ער טויגען.

2. געפלויגען די גאלדענע פאווע.

(פאַמיליען-ליעד).

געפלויגען, געפלויגען די גאָלדענע פאַווע
איבער אַלע ים'ען,
לאָז זשע געריסען, דו גאָלדענער פויגעל,
מיין ליעבער, מיין האַרציגער מאַמען.

איז געפלויגען די גאָלדענע פאַווע
איבער'ן טייך דעם גלאַטען,
לאָז זשע געריסען, דו גאָלדענער פויגעל,
מיין ליעבען, מיין האַרציגען טאַטען!

איז געפֿלויגען די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע פֿעלדער,
האָט זי פֿערלאָרען די גאָלדענע פֿעדער
אין די פֿרעמדע לענדער.

ניט אַזוי די גאָלדענע פֿעדער,
ווי די פּאַווע אַליין;
ניט אַזוי דער פֿרעמדער זוהן,
ווי די טאָכטער אַליין.

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ פֿייגעלע אָהן אַ נעסט,
אַזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
ביי שווער און שוויגער איך קעסט!

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ וואַסער אָהן אַ פֿיש,
אַזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַז מ'זיצט ביי אַ פרעמדען טיש!

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ פֿייגעלע אָהן אַ זאַמד,
אַזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַז מ'ווערט פֿערוואַלגערט אין אַ פֿרעמדען לאַנד.

3. די שנור.

(פאַמיליען-ליעד).

קנעט איך חלה — זאָגט זי: שיטער!
מאַך איך פיש — שרייט זי: ביטער!
פֿערבעט איך דאָס בעט — זאָגט זי: דויך!
הייץ איך אין אויווען — פֿיהלט זי רויך.
געה איך פּאַמעליך — זאָגט זי: איך קריך!
געה איך גיך, — „זי רייסט די שיך!“

4. אַ רעטעניש.

— מיידעל-לעבען, קרוין-לעבען,
איך בין געקומען אַ רעטעניש פֿרעגען: (2 מאָל)

וואָס איז העכער פֿאַר אַ הויז?
און וואָס איז פלינקער פֿאַר אַ מויז? (2 מאָל)

— נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ!
דו האָסט ניט קיין שׂכל אין דיין קאָפּ: (2 מאָל)

דער רויך איז העכער פאַר אַ הויז,
אַ קאַץ איז פלינקער פאַר אַ מויז. (2 מאָל)

— מיידעל־לעבען, קרוין־לעבען,
איך בין געקומען אַ רעטעניש פרעגען: (2 מאָל)

וואָס איז טיעפער פאַר אַ קוואַל?
און וואָס איז ביטערער פאַר אַ גאַל? (2 מאָל)

— נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ!
דו האָסט ניט קיין שׂכל אין דיין קאָפּ: (2 מאָל)

די תּורה איז טיעפער פאַר אַ קוואַל,
דער טויט איז ביטערער פאַר אַ גאַל. (2 מאָל)

5. טרערען גיסען זיך אין די גאַסען.

(היסטאָריש).

טרערען גיסען זיך אין די גאַסען,
אין קינדערשע בלוט קען מען זיך וואַשען.

געוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג, —
צו דען וועט קיינמאָל ניט ווערען טאָג?

קליינע עופעלעך רייסט מען פון חדר,
מען טוט זיי אָן יוואָנישע קליידער.

אונזערע פּרנסים, אונזערע רבנים
העלפען נאָך אָבצוגעבען זיי פאַר יונים.

ביי זושע ראַקאָווער זענען דאָ זיעבען בנים,
איז פון זיי ניט איינער אין יונים,

נאָר לאה די אַלמנה'ס איינציג קינד
איז אַ כפּרה פאַר קהל'ישע זינד.

עס איז אַ מצוה אָבצוגעבען פּראָסטאַקעס, —
שוסטער, שניידער זענען דאָך לײדאַקעס;

קרעציגע חייציקלעך פון אַ משפּחה אַ שענער
טאָר ביי אונז ניט אַוועקגעהן ניט איינער.

ה. ד. נאמבערג.

די פערלאזטע כלה.

(פאָלקס־מאָטיוו).

.I

ברעטלעך קויף איך מיר פאַר געלד,
שלאָג איך זיי צוזאַמען,
בוי איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָהרען איבער ימ'ען;

לאָז איך מיך אין וועג אַריין,
אין וועג אין ווייטען;
שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
אַ לאַנגען און אַ ברייטען;

שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
בלאָזט איהם אויף דער ווינד, —
ווינד, דו ווינד. מיין שיפעל טראָג
צו יענעם ברעג געשווינד.

אויפ'ן ברעג פון גרויסען ים
איז אַ שטאָדט פאַרהאַן,
געהט זיך דאָרט שפּאַצירענדיג
אַ בלאָנדער יונגערמאַן.

רעדט און שמייכעלט חנ'עוודיג,
לאַכט און זינגט אַ ליעד...
ווייסט ער האָטש, אוי פיהלט ער האָטש
מיין הארץ, מיין שווער געמיט?!

.II

צווישען טאָג און נאַכט ביים ברעג
בלייבט מיין שיפעל שטעהן;
זעה איך איהם שפּאַצירען דאָרטען
מיט אַ מיידעל געהן.

האָט ער מיך דערזעהן און שרייט:
„רחל'ע דו מיין!“
לויפט ער צו און שפּרינגט צו מיר
אין שיפעלע אַריין;

קושט ער מיך און האלזט ער מיך,
נעהמט ער מיך אַרום...

פליצלונג לויפט דאס מעדעל צו
און קערט מיין שיפעל אום!

פאלען מיר אין ים אריין,
שלינגט א פיש אונז איין...
שווימט אוועק מיין שיפעלע —
טרויעריג, אליין.

שווימען שווימט עס טאג און נאכט,
בייזע ווינטען יאגען...
ווער עס וועט מיין שיפעל טרעפען,
זאל ער קדיש זאגען.

מנחם.

גוטע מענשען, ליעבע מענשען...

(פאלקס-מאטיוו).

גוטע מענשען, ליעבע מענשען,
זאגט מיר, וואו איז מיין געליעבטע?
זאגט, וואו לייכטען איהרע אויגען,
זאגט, וואו קלינגט איהר קול, דאס זיסע.

כ'וויל א בריוועלע איהר שרייבען,
כ'וויל דאס גאנצע הארץ אויסגיסען
פאר מיין ליעבסטער, פאר מיין שענסטער, —
נור וואו איז זי, זאגט מיר, מענשען?

דריי וועל איך איהר בריוולעך שרייבען:
כ'ערשטע לאז איך אויפ'ן וואסער,
אויף די כוואליעס זאל עס שווימען
און צו איהרע הענד דערשווימען.

און דאס צווייטע וועל איך ווארפען
אויפ'ן ווינד מיט זיינע פליגעל, —
זאל ער טראגען מיר דאס בריוועל,
אפשר וועט ער עס דערטראגען.

און דאס דריטע אויף די וואלקען,
אויף די ציהענדיגע וואלקען, —
אפשר וועלען זיי עס ווארפען
אויף מיין טרייער ליעבסטער'ס שויס.

אפשר וועט איהר, ליעבע מענשען,
ערגעץ זעהען מיין געליעבטע, —
אוי, דערצעהלט איהר, ווי איך ליעב זי,
ווי עס בענקט צו איהר מיין הארץ.

לירישע ליעדער.

מ. טייטש.

ס'וויל מיין הארץ דיר עפעס זאגען...

ס'וויל מיין הארץ דיר עפעס זאגען,
וואס איהם הייליג איז און טייער,
נאר עס קען א הארץ ניט רעדען —
ס'קען נאר פלאקערען ווי פייער.

פלאמט עס העל ווי א מזבח,
און פערגעהט אין פלאמען פייער,
און אין פייער איז עס מקריב
וואס איהם הייליג איז און טייער.

יהואש.

צעבראכענע לוחות.

איך האב, ווי משה, מיינע לוחות
מיט מיינע הענד צעשמעטערט,
איך האב אליין צעהאקט די בילדער,
וואס לאנג האב איך פערגעטערט...

איצט ליעג איך אויף דער ערד דערשלאגען
און קלייב די שברי־לוחות,
און וואס איך האב מיט כעס פערווארפען —
איך שמאכט נאך דעם און זוך עס.

מ. ראזענפעלד.

איך ליעב דעם ווינד...

איך ליעב דעם ווינד, איך ליעב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלענד
און ווי דער צווייטער רוישט מיין הערץ.
איך ליעב די וואלקען, ליעב די נאכט,
דען ווי די ערשטע קען איך ווייגען
און ווי די צווייטע איז מיין וועלט.

יהואש.

דער געפאלענער מלאך.

עס האָט זיך פערזינדיגט א מלאך,
און מ'האָט איהם פערשיקט אויף דער ערד.
פערטרונקען אַלץ מעהר אין עבירות
דער מלאך מיט יעדען טאָג ווערט.

איהם פעהלען די פליגעל די ווייסע,
די שכינה בעשטראַהלט איהם ניט מעהר,
און ס'פאַלט איף דעם מלאך אַנ'אומעט,
ער קעהרט זיך צו גאָט מיט א טרעהר:

„רבונו של עולמא נעהם צו מיך,
ווי לאַנג נאָך איך וויים און געדענק,
אַז איך בין אַ מלאך געוועזען —
און פיהל אין פערשטעה נאָך מיין קרענק...

רבונו של עולם, נעהם צו מיך,
נאָך איידער דער פונק וועט פערגעהן,
וואָס ציהט מיך צוריק צו דעם הימעל,
צו ווערען געליטערט און ריין...

דער חשק וועט אויך באַלד פאַרבייגעהן,
דאָס הימלישע בענקען פערשווינדט:
דער פונק פון דער שכינה דער לעצטער
זיך לעשט אין די ימים פון זינד...."

מ. לערמאנטאוו.

דער זעגעל.

אַ ווייסער זעגעל טראָגט זיך איינזאַם,
אין בלאָהען נעבעל-טוי פון מעער;
וואָס זוכט ער אין דער ווייטער געגענד?
וואָס קומט ער אין זיין לאַנד ניט מעהר?
עס פייפט דער ווינד, די וועלען שפיעלען,
דער מאַסטבוים קרעכצט און רייסט די שטריק...
אָ, ניט פון גליק איז ער אַנטלאָפען,
און ניט ער לויפט אַצונד צו גליק...
אַ קלאָרער שטראָם בעגלייט איהם אונטען,
און איבער איהם — די גאָלדנע שיין...
נאָר ער זוכט אומרוהיג דעם שטורעם,
ווי כ'וואָלט די רוה אין שטורעם זיין...

 (יודיש פון ז. סעגאַלאָוויטש).

ח. נ. ביאליק.

דאס לעצטע ווארט.

(נביאיש).

איך בין צו אײַך פֿון גאָט געשיקט:
ער האָט געזעהן: איהר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזעהן: איהר פֿוילט און פֿאַלט,
איהר ווערט פֿון טאָג צו טאָג מעהר אַלט;
און אָבגעלאָזט האָט זיך די האַנד,
און אײַסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אָן אײַך דערמאַנט
און ער האָט מיך צו אײַך געבראַכט.
און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו־שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מעהר!...
געה, רײַב פֿון זייער האַרץ אַן „אוי!“
שיס־אויס פֿון זייער אויג אַ טרעהר!
און שווער זאָל זיין די טרעהר און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טהאָן אַ ציטער
און אָבטרייסלען פֿון זיך דאָס שלעכטס“.
איך האָב געפֿאָלגט און בין געגאַנגען.
מיין וועג איז פֿול געווען מיט שטיינער,
נאָר איין געפֿיהל און איין פֿערלאַנגען
האָט טיעף געגליהט אין מיינע ביינער:
איך האָב געפֿיהלט, איהר זענט ביי שלאַנגען,
און מיט אײַך, ביי אײַך — קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבען אײַער וועהטאָג,
איך האָב געמיינט — מיין הילף איז נויטיג.
איך בין געשטראָפֿט פֿון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרייגקט פֿאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פֿון פֿרעמדען שמאַרץ
און ווערט פֿערברענט פֿון יעדענס גיהנם...
איך האָב געהערט — עס איז אײַך שווער,
האָב איך געמיינט — איהר פֿיהלט און ווייסט,
און וואַרגט זיך שטיל מיט אײַער טרעהר,
און זוכט אַ הילף, און בעט אַ טרייסט.
און טייער זענען די מינוטען...
„איך געה, איך קום — כ׳וועל היילען וואונדען,
מיט אײַך אינאיינעם וועל איך בלוטען,
און וואו מען דאַרף, וועל איך פֿערבינדען,
און וואו מען מוז, וועל איך אָבלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפֿט פֿון אײַער וואונד.

כ׳וועל טרייבּטען, בּעטען, וויינען, וועקען —
און וועל ניט לאָזען גהן צו גרונד!
איך גה, איך קום — איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בּשורה פֿון נחמה;
איך בּין געבּענשט פֿון גאָט מיט גייסט —
אייך וועל איך שענקען מיין נשמה...
איך בּין פֿון גאָט מיט מוט בּעשמידט,
וואָס רייסט אויס בּערג און ווערט ניט מיעד,
און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפֿע, ווי אַ שאַרפֿער קלונג:
אויב אידר זענט שטיין — איז זי אַנ׳אייזען,
אויב אידר זענט אייזען — איז זי שטאָהל...
איך קום, איך וועל זי נאָר בּעווייזען —
און אידר וועט אויפֿשטעהן מיט אַמאָל!“...
איצט שטעה איך הינטער אייער טהיר —
און אָבּגענומען איז מיין לשון;
עס הענגט אַ שווערע נאַכט אויף מיר,
מיין פֿונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשען.
מיך האָט בּעגעגענט שפּאָט און שאַנד,
אידר האָט פֿאַר מיר די טהיר פֿערמאַכט, —
און אָבּגעשטויסען איז גאָט׳ס האַנד
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט....

מ. ווינטשעווסקי.

צום יובּילעאום פֿון אַ גרויסען דענקער.

(אָ ד ע).

קיין איבּערמענש, קיין גאָט און קיין פּראָפֿעט.
איז ער צו מענשען-קינדער נאָר אַלס מענש געקומען;
קיין גאָט-געזאַלבּטער, קיין בּעלאָרבּערטער פּאָעט,
האָט ער, דער מאַן, אַ שפּראַך אָהן בּילדער און אָהן בּלומען,

אַ מענשען-שפּראַך, אַ דענקער-לשון נאָר גערעדט, —
דערמיט אָבּער גאָט מאַמאָנ׳ס פֿעסטונג איינגענומען,
די תּפֿיסה, וואו דער מענש דעם בּרודער זיינעם טרעט.
וואו אין אַ גרוב פֿון גאָלד זיין גייסט איז אומגעקומען.

קיין איבּערמענש; אַ מעכטיגער נאָר דורך זיין ווּיסענמאַכט,
האָט ער, וואָס האָט אליהו׳ס מאַנטעל ניט געטראָגען,
אָהן משה׳ס שטעקען, אָהן שמשון׳ס גבורה אין דער שלאַכט,

און אָהן אַרמעַן, לײַכט די שװאַרצע קראַפט געשלאָגען,
צעטרײַבענדיג די חשך־ברואים פון דער נאַכט,
און מיט זײַן העלען גײַסט געבראַכט די שעה פון טאָגען.

אָנמערקונג. מיט דיזער אָדע האָט דער דיכטער געמײנט קאַרל מאַרקס.

יהואש.

צו געפאַלענע העלדען.

(אָדע).

אָ, טױטע העלדען, װען איך לײען,
אין בוכשטאַבען פערבלוטיגט רויט,
די נײַס פון אײַער גבור־טויט, —
איך מוז אי װײנען, אי זיך פרײען....

און שטעהענדיג אין שמערץ געבויגען
אויף אײַער קבר, מיר ערשײנט
דער מאָרגענדיגער לוין פון הײנט,
מיר גלאַנצט דער צוקונפט׳ס רעגענבויגען....

און אין די שװאַרצע איכה־קלאַנגען,
פון אומגליקליכען פאָלק, װאָס מאַכט
אַ הספד איבער אײַך, מיר דאַכט
צוגלײַך זיך הערען װי געזאַנגען,

װאָס װעקען, קלינגען אין די אויערען: —
„דאָס שקלאַפען־פאָלק — עס האָט ערװאַכט
און ברעכט מיט זעלבסטבעװאוסטער מאַכט
פון זײַן געפענגעניש די טויערן...

מיט אויפגעהױבען שטאָלצען שטערען,
מיט יונגער קראַפט אין יעדען גליעד,
מיט מעכטיג־פעסטע שמשון־טריט
זיך געהט עס קעגען שונא װעהרען...

און פאָדערט „עין תחת עין“,
און דאָרטען, װאו דער יושר פעהלט,
זײַן אָרעם האָט עס אויפגעשטעלט,
צו זײַן דער ריכטער און דער דיין....

אָ, שטאָלצער טאָג — אי זיס, נאָר ביטער,
װען זעלבסט־בעפרײטע גלות־קנעכט
מיט שמחה געהען אין געפעכט
און פאַלען קעמפפענדיג װי ריטער...

אין הערצען מוטה, אין האנד כלי־זיין
און אין די אויגען יענער ברען,
וואס איז פון תמיד אן געווען
דער סימן פון א פאלק א פרייען..."

* * *

א, טויטע העלדען! ווען איך לייען
די נייס פון אייער גבור־סוף,
איך פלוך און בענש, איך האס און האף,
איך מוז אי ווינען, אי זיך פרייען....

י. ל. פרץ.

די פרומע קאץ.

(סאטירע).

דריי זינג־פויגעלעך זענען געוועזען אין איין שטוב, און אלע דריי, איינס נאכ'ן צווייטען — האט די קאץ צורעכטגעמאכט....

עס איז קיין איינפאכע קאץ נישט געוועזען, נאר אנ'אמת, אמת פרומע נשמה, וואס האט נישט אומזיסט געטראגען די ווייסע גוט־יודישע יפע און געהאט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימעל האט זיך געשפיגעלט...

עס איז א פרומע קאץ, א טבילה־קאץ געווען! צעהן מאל אין טאג האט זי זיך געוואשען, און געגעסען האט זי שטיל, ערגעץ אין א זייט, אין א ווינקעלע...

א גאנצען טאג האט זי געהאפט וואס עס איז מילכדיגס, און ערשט אז די נאכט איז צוגעפאלען, האט זי געגעסען פלייש, כשר מויזען־פלייש...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה, ווי א גראבע זאך. נישט געהאפט און געשלונגען, ווי פרעסער טהוען; נאר בנעימות, שפיעלענדיג... זאל דאס מייזעל לעבען נאך א רגע, נאך א רגע... זאל עס אביסעל ארומטאנצען, אבציטערן, והדי זאגען, — א פרומע קאץ חאפט נישט...

אז מען האט אין שטוב אריין דעם ערשטען זינג־פויגעל געבראכט, האט זי אויף איהם באלד רחמנות בעקומען; עס האט זי ביים הארץ אנגעהאפט.

— אזא שענס, — זיפצט זי, — אזא קליינס, אזא מהודר'דיג פויגעלע זאל קיין עולם הבא נישט האבען!

— און עס קען קיין עולם הבא נישט האבען! — איז זיכער די קאץ. ערשטענס, וואשט זיך עס דייטשעריש מיט'ן גאנצען לייב אין שיסעלע וואסער...

צווייטענס, אז מען האט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין א חוה־רעה, האטש א יונג, זיס און פיין זינג־פויגעלע... האלט עס שוין מעהר פון דינאמיט, ווי פון שולחן־ערוך!

הייסט דאס זינגען אליין! דאס אויסגעלאסענע זינגען, דאס צופייפען און דאס קוקען גלייך אהן א שום דרך־ארץ אין הימעל אריין! דאס רייסען זיך ארויס פון שטייג צו דער זינדיגער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אפענעם פענסטער...

צו איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטייג געזעסן? צו האָט נאָך אַמאָל אַ פֿרומע קאַץ אַזוי געפּיפּעט, אַזוי זמירות-בן-סלואדיג געפּיפּט?

— און אַ שאָד! — וויינט דאָס פֿרומע האַרץ אין דער פֿרומער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיגע זאַך, אַ טייערע נשמה, אַ פֿונק פֿון דער הייך!

דער קאַץ קומען טרעהרען אין די אויגען:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיגער גוף איז אַזוי שוואַך, דער עולם-הזה דעריבער — אַזוי גלוסטיג, דער יצר-הרע אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פֿויגעלע זיך אַנטקעגענשטעלען דעם שרעקליכען גרויסען יצר-הרע?

און וואָס מעהר עס לעבט, מעהר זינדיגט עס, גרעסער וועט זיין די שטראָף...

האַ!

און אַ הייליג פֿייער האָט זיך אָנגעצינדען אין דער קאַץ, דאָס פֿייער פֿון פּנחס בן אלעזר בן אַהרן הכהן... און זי איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿ'ן טיש, וואו די שטייג מיט'ן זינג-פֿויגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פֿליהען שוין פֿעדערן אין צימער...

מען האָט די קאַץ געשלאָגען... די שלעג נעהמט זי אָן פֿאַר ליעב... זי האָט פֿרום אָבגעקרעכצט, אָבגעמיאַוטשעט אַ יעמערליכען על חטא...

מעהר וועט זי שוין נישט זינדיגען...

די קלוגע קאַץ פֿערשטעהט, פֿאַר וואָס מען האָט זי געשלאָגען. מעהר וועט זי אויף קיין שלעג נישט פֿערדיענען...

— מען האָט זי געשלאָגען, — פֿערשטעהט די קאַץ, — דערפֿאַר, ווייל זי האָט פֿערפֿעדערט די שטוב, ווייל אויפֿ'ן ווייסען געשטיקטען טישטוך זענען געבליבען פֿלעקען פֿון בלוט...

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פֿרום, עס זאָל קיין פֿעדער נישט פֿליהען, קיין טראָפּען בלוט נישט פֿאַלען...

און — אַז מען האָט דעם צווייטען זינג-פֿויגעל געקויפֿט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי איהם שוין שטיל און פֿיין דערוואָרגען און מיט די פֿעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

מען האָט די קאַץ געשמיסען...

אַצונד האָט ערשט די קאַץ פֿערשטאַנען, אַז נישט וועגען פֿעדערן געהט עס, נישט וועגען פֿלעקען פֿון בלוט אויפֿ'ן טישטוך...

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טויטען! אַז מען דאַרף ליעב האָבען, מוחל זיין, אַז נישט מיט אַרבע מיתות בית-דין פֿערבעסערט מען די זינדיגע וועלט!

מען דאַרף מחזיר למוטב זיין, מוסר זאָגען, צום האַרץ רעדען!

אַ קאַנאַרעק אַ בעל-תשובה קען קומען צו'ן אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פֿרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכען!

און די קאַץ דערפיהלט, ווי עס וואַקסט אין איהר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטען! אויס בלוט פערגיסען!

רחמנות, רחמנות, און נאָך אַמאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטען קאַנאַרעק!

— שרעק דיך נישט, — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַציגען האַלז, — זינדיג ביסט דו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהאָן, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אַפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אַפילו נישט אָנריהרען!

דו שווייגסט? — זעהר גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען איז גלייכער שווייגען!

דו צאַפּעלסט? — נאָך בעסער! צאַפּעל, צאַפּעל, מיין קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַר'ן בורא עולם צאַפּעל, פאַר זיין ליעבען נאָמען!

הלואי זאָלסט דו שוין אַזוי בלייבען — שטיל, ריין און צאַפּעלדיג...

איך וועל דיר העלפען צאַפּלען! פון מיין פרומע נשמה וועל איך הויבען אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראת שמים אין דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאַץ פיהלט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזען מיט'ן הויך פרומקייט און עהרליכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ —

נאָר דער קאַנאַרעק קען אין דער קאַצען-לופט נישט עטהעמען —

עס האָט איהם דערשטיקט!

ארבע מיתות בית-דין — די פיער אַרטען פון טויט-שטראָף, וואָס האָבען עקזיסטירט ביי די יודען אין פאַלעסטינא (פערשטיינען, פערברענען און אַז. וו.). מחזיר למוטב זיין — אומקעהרען צו גוטען, אַרויספיהרען אויף אַ גוטען וועג.

ש. פרוג.

צוויי אסיפות.

(סאַטירע.)

א.

די רבנים זיצען,
די רבנים קלעהרען,
וואָס זאָל מיט'ן ליעבען
פאָלק ישראל ווערען?

די אסיפה ווייערע
מאַכט אַ גרויסען רושם, —
— סוטיטש, די גרעסטע פאַסטוכער
פון די צאן-קדושים:

פון פאָלטאַווע, קאָוונע,
גושן, יורה־דעה׳ווקע,
תוכחה׳ווקע, זלידניוווקע, —
שהינ׳עווקע, צפרדע׳ווקע, —

אַלץ „מאורים גדולים“,
כ׳איז אַ פּראַכט, אַ מורא;
אַך, אויף יעדער יאַרמעלקע
שיינט דער כתר־תורה!...

די רבנים זיצען,
די רבנים קלערען,
וואָס זאָל מיט׳ן ליעבען
פאָלק ישראל ווערען?

די רבנים קלערען —
אין פאַר גרויס רחמנות
אויפ׳ן פאָלק־ישראל
מאַכען זיי תקנות:

„באשר, ווי מיר ווייסען,
אַז דער גאַנצער גלות
מיט די אַלע גזרות,
מיט די אַלע קללות,

„רשעות און בלבולים,
שנאה, צרות, מכות
קומט אַרויס דורך יענע
שקצים און טריפ׳ניאַקעס,

„וועלכע זענען פּלוצים
אין די לעצטע יאָהרען,
כ׳ווייס פון וואָס, פון וואַנעט,
גוט און פרום געוואָרען,

ריידען פון משיח׳ן,
זאָגען, אַז אַ סגולה
האָבען זיי געפונען
מקרב זיין די גאולה, —

„לכן דאַרף מען עפּעס
טהאָן דערצו וואָס גיכער.

און כדי אויף ווייטער
רוהיג זיין און זיכער,

„זיי מיט אַלע ווייערע
קרוֹבים און חבֿרים,
ווייבער, קינדער וואַרפען
מיר אַריין אין חרם!!!“

די רבנים אַרביימען,
די רבנים אַקערען...
שופרות בלאָזען, שוואַרצע
ליכט ביים עמוד פלאַקערען...

און דראָגאָסלעך פליהען,
שיטען זיך פון דאָרטען
לעבעדיג, ווי פייגעלעך
זומער=צייט אין גאָרטען.

ב.

די „טריפ׳ניאַקעס“ זיצען,
די „טריפ׳ניאַקעס“ קלעהרען,
וואָס זאָל מיטן ליעבען
פאָלק=ישׂראל ווערען?

אין די ערי=מקלט —
גשן, יורה=דעה׳ווקע,
תוכחה׳ווקע, זלידניווקע,
שהי׳נ׳עווקע, צפרדע׳ווקע

זענען שוין פאַר הונגער
אַלע מיין אַנטלאָפען;
אויס, אַ סוף, ניטאָ שוין
דאָרט אויף וואָס צו האָפען;

ווי אַ רויך צעגאַנגען.
ביסט פון אַלץ געוואָרען;
ווייטער וואַרטען קאָן מען ניט....
הייסט עס, דאַרף מען „פאָהרען“.

פאָהרען דאַרף מען, אָבער
וואו אַהין אַנ׳ערך?

. . . .

. . . .

אפשר צו דעם לעבער־ים,
וואו, בעדעקט מיט שנייען,
אַלכסנדר מוקדנ׳ס
הרי־החשך שטעהען?

אפשר צו די גלעזערנע
בערג, זיך לאָזען וואַנדלען,
וואו עס וואַקסען צוקערקעס,
ראָזינקעס און מאַנדלען,

וואו אין שבט אפילו
איז דער פראָסט ניט שולט,
און דער בוים־לבנה
בליהט צו יעדען מולד?...

די „טריפ׳ניאַקעס“ זיצען,
די „טריפניאַקעס“ קלעהרען,
קראַצען זיך אין נאַקען,
רייבען זיך דעם שטערען,

שוויצען געביך, מיהען זיך,
גאָט איז זייער עדות;
ווי אַ האָגעל שיטען־זיך
רעפעראַטען, רעדעס.

כמעטעס מיט אַטשאָטען
כל המיני סאָרטען, —
און זיי מאַכען סוף כל סוף
אַ תקנה דאָרטען:

אין אַ יאָהר אין צוויי אַרום
פאַר די אַלע זאַכען
נאָך אַמאָל, אם ירצה השם,
אַ־אַסיפה מאַכען!...

מאורים גדולים — גרויסע ליכט־קוואַלען (זונען, שטערען). כתר־תורה — קרוין פון תורה.

ש. הורוויץ.

זשאמעלע.

„די וועסט זיין א נגיד, מיין זשאמעלע“, —
פלעגט מיר זינגען ביי מיין וויעגעלע
אלע נאכט אמאל די מאמעלע:
איך געדענק נאך היינט איהר ניג׳עלע.

און מקוים איז געווארען מיר
די הבטחה פון מיין מאמעלע:
שווער צו קריעגען אזא גרויסען גביר,
אזא ג׳עושר, ווי איהר זשאמעלע.

שלאפען — שלאף איך אויף א קערבעלע.
מאך „המוציא“ אויף א סקארינקע
און „לחיים“ אויף א שערבעלע,
פול מיט ברונען-וואסער קלארינקע.

און די קינדערלעך און ס׳ווייבעלע
געהען אויסגעפוצט אנטיקעלע:
דורך אין אגעטשקעס דאס לייבעלע
און פערנארטעלט מיט א שטריקעלע...

י. ל. פרץ.

צוריק אין דער אלטער היים.

(עלעגיע).

I.

קענסט דו דאס ארט, וואו חלומות בליהען, ווי רויזען,
וואו די שטערען טריפען סודות אריין אין דער נאכט,
וואו העלע געזיכטער מיט שטראהלענדיגע אויגען
שפינען ליעבליכע נעצען ארום דער נשמה,
ארום הארץ?

וואו דאס טאג-געראוש ווערט איינגעזאפט מיט פרייד,
און ליעב און בעקאנט איז יעדע מויער, יעדער שטיין,
און יעדער שאטען, וואס בריינט זיך ארוים
צווישען טאג און נאכט פון יעדען שפאלט,
דערצעהלט זים-שוידערהאפטע זאכען
אזוי ליעב?

דאס איז די היים,
די אלטע היים.

II.

אונשולדיג־שטיל־היימישע נאַכט,
כ׳וויל מיך וואַשען ריין
אין דיינע שטיל־ציטעריגע וועלען;
אין דיין שטיל־ציטעריגער זילבער־נעץ
היל מיך איין.
כ׳וויל צוריק זיין דיין אַמאָליג קינד,
דיין אַמאָליג ריין גלויביג קינד —
דערצעהל עפּעס, דערצעהל...

III.

דאָ בין איך, מאַמע,
צוריק דיין קינד.
דיין ריין, אונשולדיג, גלויביג קינד —
כ׳וויל פערגעסען די גאַנצע צייט
פון אָפּגעריסענקייט פון דיר —

הינטער דיין טהיר
האָב איך זי געלאָזען...
אין דיין שויס, מאַמע, וויל איך אַלץ פערגעסען:
די בלומען, וואָס האָבען פערבליהט,
די דערנער, וואָס האָבען געשטאָכען,
די שלאַכטען, וואו איך האָב געזיעגט,
און די וואונדען, וואָס בלוטיגען, בלוטיגען...
ניין,
עס טהוט גאָר נישט, גאָר נישט וועה...
אויף מיין קאָפּ ליעגט דיין האַנד, און ער טהוט נישט וועה...
ניין, ער איז נישט גראָה...
קרייזעל מיר די לאָקען, מאַמע....
שוואַרצע לאָקען האָב איך, זעהסט?
און די רויטע בעקלעך בליהען,
און ווי קליין איך בין,
און ווי ריין מיין שטימע קלינגט —
אַ זילבער־גלעקעל, וואָס?

IV.

געשלאָפען אויפ׳ן אַלטען, מעכטיגען שלאָס
איז דער געשמידעטער אייזען־טויער פון שול,
אויף געבלענדעטע, האַלב־קיילעכדיגע גרויסע שפּאַקולען
קוקט זי מיט אַ שווערען אומעט

אין דער נאַכט אַריין.
פערשטומט די קינדער-פרייד;
די רוישענדיגע שוואַלבען-שאַר,
וואָס שלאָגט זיך גאַנצע טעג
אין די אַלטע, גרין-פערגאָלדטע שויבען-שטיקער
און פלאָנטעט זיך אין רעגענבויגען-פאַרבּיגען שפּינוועבס,
רוהט אין די נעסטען,
אײַנגעהילט אין שאָטען...
די שול איז מיט מתים פערנומען,
מיט מתים פון מיין צייט און געשלעכט...

V.

אין דער שטילער נאַכט
געה איך איינער אַליין
איבּ'ן אַלטען מאַרק אַרום.

ניין, נישט אַליין!
עס געהט מיין גאַנץ געשלעכט...
שאָטען ריהרען מיך אָן,
ווישענדיג זיך אָן מיינע קליידער,
פון פאָרנט און פון הינטען
און פון יעדער זייט.

עס געהט מיט מיר מיין גאַנץ געשלעכט...
און אַלץ, וואָס עס האָט איבּערגעלעבּט,
פלאַטערט און שוועבּט
אַרום אין דער לופט, ווי שאָטען
פון לאַנג אײַנגעפאַלענע מויערן,
וואָס האָבּען זיך פערבּלאָנקעט און פערוויקעלט
און ציטערן אויסער דער צייט...

. . . .

מ. ראָזענפעלד.

הערבּסט-בּלעטלעך.

(עלעגיע)

אײַנזאַם זיין איך, ווי געפאַנגען
פון אַ זעלטזאַמען געפיהל:
עפּעס האָבּ איך איין פערלאַנגען,
דאָך איך וויים ניט, וואָס איך וויל.
זענען פריידען, זענען ליידען
ערגעץ וואו פאַר מיר בּעשטעלט?

קראַנק איז איינער פון אונז ביידען! —
זאָגט: בין איך עס, צו די וועלט?

שטונדען קומען און פעררינען, —
נייע, נייע קומען צו;
דאָך קיין איינע ברענגט מיין זינען
און מיין קראַנקען הארצען רוה. —
וויינען מוז איך, קען ניט ריידען,
קען ניט וויסען, וואָס מיר פעהלט.
קראַנק איז איינער פון אונז ביידען! —
זאָגט: בין איך עס, צו די וועלט?

דוד איינהארן.

עלעגיע.

רוהיג, רוהיג שאָקעלט איהר געלאָקטעס גרינעס קעפעל
מיין וויסינקע בעריאָזקעלע און דאַווענט אָהן אַ שיעור;
יעדעס, יעדעס בלעטעלע איהרס שעפּטשעט שטיל אַ תפלה...
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר!..
איך בין דאָ אַן עלענדער געקומען פון דער ווייטען;
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַנ'ן, און פרעמט איז מיר זיין שפּראַך;
נישט ער וועט מיין טרויער זעהן און נישט פערשטעהן מיין תפלה,
כאָטש איך וועל מתפלל זיין, מתפלל זיין אַ סך.
פון דעם ווייטען מערב האָט זיך טרויעריג פער'גנב'עט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזער צאַרטער שטראַהל
און אַ לייכטען קוש געטהאָן די בלעטעלעך די קליינע,
וועלכע האָבען דרעמלענדיג געהאָרכט די נאַכטיגאל.
פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערצעהלט די בלעטעלעך לעגענדען אָהן אַ שיעור...
עפּעס האָט אין הארצען טיעף ביי מיר גענומען בענקען.
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר!..

רבי חנינא.

(פאָלקס־לעגענדע)

אַ מעשה איז געשעהן—ר' יודא חסיד פון רעגענסבורג וויל זיין טאָכטער אַ מאַן געבען. דאָ זאָגט ער צו דער טאָכטער: „איך וויל דיר שוין אַ מאַן געבען". אַזוי זאָגט די טאָכטער: „ווען דו ווילסט מיר יאָ אַ מאַן געבען, אַזוי גיב מיר רק אַ תלמיד חכם". דאָ זאָגט איהר דער פאָטער: „איך וועל געהן צום אַנדערן חסיד און וועל איהם אַן עצה פרעגען אויף דער זאַך". ר' יודא חסיד געהט צום אַנדערן חסיד און הערט צו די הלכה, וואָס ער האָט געלערנט. און ווי ער האָט אָפּגעלערנט, איז איטליכער בחור אין זיין חדר אַריינגעגאַנגען. דאָ

זאָגט ר' יודא צו דעם חסיד: „ליעבער פריינד, האָט איהר ניט אין אייער ישיבֿה אַזאַ בחור, וואָס ער לערנט וואויל?“ דאָ ענטפערט ער: „יאָ, איך האָב צוויי בחורים, זיי לערנען ביידע וואויל: איינער הייסט ר' יוחנן און דער אַנדערער הייסט ר' חנינא“. אַזוי געהט ר' יודא אַהיים און זאָגט עס זיין טאָכטער, אַז דער רבי האָט צוויי פיינע בחורים אין זיין ישיבֿה, זיי לערנען ביידע זעהר וואויל: איינער הייסט רבי יוחנן און דער אַנדערער הייסט רבי חנינא, און דער רבי חנינא איז זוכה, וואָס קיין שום מענש איז ניט זוכה. פרעגט די טאָכטער. „מיין ליעבער פאָטער, זאָג מיר דעם אמת, אויב ער איז גוט אָדער ביין“. דאָ ענטפערט דער פאָטער: „דאָס ווייסט קיין שום מענש ניט פאַר זיין טויט“. דאָ זאָגט זי: „איך וועל איהם נעהמען פאַר אַ מאַן“. דעם אַנדערן טאָג געהט רבי יודא חסיד צו דער ישיבֿה און וואַרט, ביז די אַנדערע בחורים וועלען אַוועקגעהן, און דעם רבי חנינא האָט ער געהייסען בלייבען: ער האָט מיט איהם אַ וואָרט צו ריידען. זאָגט ר' יודא חסיד: „ליעבער בחור, דו ווילסט אַ ווייב נעהמען?“ ענטפערט ער: „ניין. איך האָב נאָך ניט גענוג געלערנט. וואָס טויג מיר אַצונד אַ ווייב? עס וועט נאָך צייט זיין“. זאָגט רבי יודא חסיד צו איהם: „דו מוזט מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב נעהמען“. זאָגט דער בחור: „ליעבער רבי, איך בין גאָר ניט זוכה צו נעהמען אייער טאָכטער“. ענטפערט ר' יודא חסיד: „עס מוז אַזוי זיין“. זאָגט רבי חנינא: „ווען עס וועט יאָ אַזוי זיין, וועל איך איהר אַ מתנה געבען און וועל זי אַנטשפּויזען, אָבער נאָך נישט מיט איהר קיין חופּה וקדושין האָבען, ביז איך וועל מעהר לערנען. דערנאָך וועל איך קומען און צו מזל חתונה האָבען“. ר' יודא חסיד דערצעהלט דער טאָכטער די ווערטער, איז זי גאָר צופריעדען. איז צו מזל דער שידוך געשלאָסען געוואָרען. עס ווערט קנס פאַר בטחונות איינגעלעגט, און מען שרייבט אין די תנאים, ווען די חתונה זאָל זיין. דער גוטער רבי חנינא ציהט אַוועק לערנען, און השם יתברך העלפט איהם צו: ער איז געקומען צו אַ רבי'ן, וואָס ער קאָן כל התורה כלה. רבי חנינא איז אַוועק הונדערט מייל פון רעגענסבורג און האָט זיך גאָרנישט הערען. און ר' יודא חסיד און דער אַנדערער חסיד זעהען אין חלום, אַז רבי חנינא וועט ניט קענען קומען צו דעם זמן החתונה, וואָס ער האָט בעשטעלט. וויינט ר' יודא טאָג און נאַכט. לסוף האָט ער דאָס דערצעהלט זיין טאָכטער. הויבט זי גאָר יעמערליך אָן צו שרייען און צו קלאָגען, וואָרום פריהער האָט זי גאָר קיין מאַן ניט געוואָלט נעהמען, אָבער אַצונדערט איז איהר געבען די צייט צו לאַנג. זאָגט דער פאָטער: „מיין ליעבע טאָכטער, דו בעדאַרפסט ניט וויינען: וועט ער ניט קומען אויף דער צייט צו דער חתונה, וועל איך דיר באַלד אַן אַנדערן מאַן געבען“. בקיצור, די צייט קומט, דער גוטער חתן איז ניטאָ. האָט דער פאָטער מיט אַן אַנדער חתן צו מזל תנאים געשריבען און בטחונות איינגעלעגט. דער זעלביגער חתן איז אָבער ניט ווערט געווען מיט דער כלה אונטער דער חופּה צו געהן. די כלה וויינט טאָג און נאַכט און בעט גאָט, דער חתן רבי חנינא זאָל בעסער קומען.

און דער גוטער רבי חנינא איז צעהן יאָהר ביי דעם רבי'ן געוועזען און האָט אַזוי גוט געלערנט, ווי דער רבי אַליין. איינמאָל קריגען זיי זיך איינער מיט דעם אַנדערן איבער אַ וואָרט, דאָ געפינט רבי חנינא רבי יודא חסיד זיין

מהותן אין ספר געשריבען. אַזוי טראַכט ער זיך: „איך זאָל דאָך זיין טאָכטער נעהמען צו אַ ווייב!“ און ער זוכט=נאָך דעם זמן החתונה און געפינט, אַז דער זמן איז שוין אויסגעגאַנגען. ענטפערט איהם זיין רבי: „ווען דו קומסט ניט אַהיים צו דער צייט, געהט דיין כלה מיט אַן אַנדער חתן אונטער דער חופה, אַזוי ווערען די קינדער, וואָס זי וועט האָבען פון איהם, אייטעל ממזרים, חס ושלום. און דו וועסט עס מוזען פערענטפערן ביי השם יתברך, דען עס קומט נאָר פון דיר: דו ביזט שולדיג“. רבי חנינא ווינט זעהר און זאָגט: „ליעבער רבי, גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טהאָן“. דאָ זאָגט דער רבי: „איך וועל דיר אַן עצה געבען: איך וועל דיר מיטגעבען מיינע בחורים, און געה מיט זיי מאָרגען פריה, טאָמער העלפט דיר הקדוש ברוך הוא, אַז דו קומסט נאָך צו דער רעכטער צייט אַהיים“. נעהמט רבי חנינא פופציג פיינע בחורים מיט זיך. זיין רבי בענשט איהם, און ער נעהמט פונ'ם רבי'ן רשות און געהט אַוועק בשלום. דאָס איז געווען פרייטאָג פריה. זיי געהען און קומען צו אַ גרויסען באַרג און רוהען זיך דאָרט אָב: זיי לעגען זיך אַנידער און ווערען אַנטשלאָפען. דערנאָך האַפּט זיך איינער פון זיי אויף און וועקט אויף די אַנדערע און זיי רופען רבי חנינא'ן. זיי הערען אָבער קיין ענטפער פון רבי חנינא, זיי ווייסען ניט, וואו ער איז אַהינגעקומען. זאָגט איינער צום אַנדערען: „מיר וועלען פאַר זיך ציהען, טאָמער העלפט אונז הקדוש ברוך הוא, אַז מיר וועלען קומען בייציייטען קיין רעגענסבורג, וועלען מיר דערווייל אויפהאַלטען די חתונה“. בקצור, זיי געהען. ווי זיי זענען שוין קעגען אַ שעה צייט אַוועקגעגאַנגען, האַפּט זיך רבי חנינא אויף און געהט אויף דעם באַרג און רופט נאָך זיינע בחורים, זיי זענען אָבער שוין נישט דאָ. זעצט זיך רבי חנינא אַנידער און ווינט זעהר און בעט הקדוש ברוך הוא, אַז ער זאָל איהם העלפען. און ער געהט ווייטער און עס דאַכט זיך איהם, טאָמער וועט איהם השם יתברך דערהערען, אַז ער זאָל יאָך קומען קיין רעגענסבורג בייצייטען. ווי ער געהט אַזוי אין וועג, דערזעהט ער אַ גרויסען וואַלד, טראַכט ער זיך: „דאָ זענען אוודאי פיעל גזלנים“, איז אַ סך גלייכער, איך זאָל געטויט ווערען, איידער איך זאָל מחלל שבת זיין“. בקצור, ווי ער איז פון דעם וואַלד אַרויסגעקומען, איז באַלד געוואָרען שבת. טראַכט ער זיך: „עס איז שוין באַלד שבת, וועל איך מיך לעגען אונטער אַ בוים און וועל דאָרטען שבת האַלטען“. דערזעהט ער פון דער וויטענס אַ גאַנץ שען הויז, טראַכט ער זיך: „דאָ זענען אוודאי גזלנים, וועל איך בודאי אום מיין לעבען קומען. עס איז אָבער דאָך בעסער איך זאָל אומקומען, איידער איך זאָל, חס ושלום, מחלל שבת זיין“. און ער טראַכט זיך שבת צו האַלטען אין דעם הויז. געהט ער אַריין און מאַכט אויף די טהיר, האָט ער געזעהן פיער קאַמערען, אויף איטליכער זייט אַ קאַמער, איינע פיינער ווי די אַנדערע. אין די קאַמערען שטעהען בעטען, די ציכען זענען אייטעל גאָלד, די קישענס זענען אייטעל זילבער. און אין דער הינטערשטער קאַמער זיצט אַן אַלטער מאַן אויף אַ גרויסען שטוהל און אַ ספר תורה ליעגט פאַר איהם און נאָך איין שטוהל שטעהט אַנטקעגען איהם. זעצט זיך דערויף רבי חנינא און זאָגט: „עס איז בעסער, איך בלייב דאָ און הער צו לערנען, אַלס דאָס איך זאָל, חס ושלום, מחלל שבת זיין“. דער אַלטער האָט אַ לאַנגע באָרד שיער ביז צו דער ערד. און ווי עס איז שוין שבת=צייט, דאָ קומט

אַרײַן אַ שמש צו דעם זקן און פֿרעגט, אויב עס איז שוין צײַט אין שול צו קלאַפּן און די ליכט אָנצוצינדן. זאָגט דער זקן: יאָ. אין אַ קליינע ווײַלע קומט ווידער דער שמש און ברענגט אַ גוטע צוואָג און צוואָגט דעם זקן און רבי חנינא אויך לכּבֿוד שבת. דאָ האַלט זיך רבי חנינא: די צוואָג איז זעהר גוט, זי שמעקט נאָך אײטעל בשׂמים. ווי דער שמש האָט זיי אָבגעצוואָגן, געהט ער ווידער אַוועק. אין אַ קליינער צײַט קומט ער ווידער און קלאַפּט אין שול. דאָ קומען אין די קאַמערן צוגעהן נאָך זיעבען לײַט, און דער שמש איז דער אַכטער, און דער זקן און רבי חנינא — איז דאָ צעהן. דאָ שטעהט אויף דער זקן און הויבט אָן צו דאַוונען, און ווי זיי קומען אַרײַן, שמעקט זעהר און עס איז זעהר שען דאָרטען. און דער שמש נעהמט רבי חנינא'ן און זעצט איהם קעגען דעם זקן. הערט רבי חנינא אַ שען קול, ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ שען קול, ווי דער זקן האָט געזונגען; עס איז שענער געווען, ווי אָרגלען און פֿלייטען. בקיצור, ווי מען האָט שוין אָבגעדאַוונט, קוקט זיך רבי חנינא אום, אויב אין דער שול זענען דאָ אָרגלען און פֿלייטען, אָדער זינגערס. דער גוטער רבי חנינא זעהט אָבער: נאָר דער חזן אַליין זינגט און די איבעריגע שווייגען שטיל. דאָ הערט ער אַ קול, וואָס זאָגט: „גאָט מיין גאָט, עס איז וויסיגליך פֿאַר דיר, אַז איך וואָלט געהרן דיין ווילען געטהאָן, רק דער יצר הרע רעדט מיך אָב. מיין גאָט, עס זאָל דערהיצט ווערען דיין דערבאַרמונג אויף מיר צו פֿאָרכטען דיך”. דערנאָך קומט ווידער אַ קול צו רבי חנינא: „דו זאָלסט וויסען, אַז דו זאָלסט קיין זאָרג ניט האָבען, דען דו וועסט זונטאָג בײַצייטען קומען קיין רעגענסבורג מיט גרויס פֿריידען”.

בקיצור, ווי מען האָט אָבגעדאַוונט, זעצט זיך דער אַלטער מאַן אויף זיין שטוהל. דער שמש גרייט צו טיש און שטעלט אויף דעם טיש שענע כלים פֿון זילבער און גאָלד און ברענגט גאַנץ פֿיינעם וויין, וואָס שמעקט נאָך אײטעל בשׂמים אויס דעם גן־עדן. און אַז דער טיש איז געגרייט, זאָגט דער שמש: „וואַשט אייך אייערע הענד און זעצט אייך בײַ דעם טיש”. וואַשען זיי זיך און זעצען זיך צום טיש. ברענגט דער שמש כּל טוב צום טיש: אַלערליי גוטע שפּייז, דאָס האָט נאָך קיין מענש אין זיין לעבען געזעהן און געהערט. דערמאָנט זיך רבי חנינא אָן זיין כּלה און שווייגט שטיל און נעהמט דאָס אַלץ אָן פֿאַר ליעב, וואָס מען טהוט איהם. זיי עסען און טרינקען און צו איטליכען געריכט ברענגט דער שמש בעסערען וויין צום טיש. ווי זיי האָבען שוין אַלץ געגעסען, פֿיהרט דער שמש רבי חנינא'ן שלאָפֿען אין אַ גאָרפֿונקעל־שטיין־קאַמער אַרײַן: דער שטיין לײַכט אַ גאַנצע נאַכט, גלייך עס וואָלט טאָג געווען. דאָ לעגט זיך רבי חנינא אויף דעם בעט אויף פֿיער גילדענע רעדער, די קישען מיט פּערעל בעשטעקט און דאָס ליילעך פֿון ריין זייד געמאַכט. ווי עס איז טאָג געוואָרען, שטעהט רבי חנינא אויף און הויבט אָן צו לערנען מיט דעם אַלטען מאַן. דאָ קומט דער שמש און רופֿט אין שול. ווי זיי קומען אין שול, שטעלט זיך דער חזן דאַוונען: עס קומען שוין אַזעלכע פֿאַרשיינען און האַלטען אונטער דעם חזן. עס איז געווען צוויי און צוואַנציג קולות, די געהען ביז צום הימעל. דערנאָך האָט מען אויסגענומען און מען הויבט אָן צו לייענען די סדרה פֿון דער וואָך, און מען רופֿט אויף

אהרן הכהן און משה רבנו לוי, דערנאָך די אַלע אַנדערע, און מען רופֿט אויך רבי חנינא. בקיצור, ווי מען האָט אָבגעדאַווענט, שמועסט אהרן מיט דעם זקן אויס דער תורה און רבי חנינא שווייגט שטיל, אין אַ ווײַלע רופֿט דער שמש צו עסן און מע עסט פֿון כל טוב. ווי מען האָט אָבגעגעסן, גייט מען אין שול אַרײַן און מען דאַוונט מנחה, נאָך מנחה האָט מען זיך געזעצט צו שלש סעודות און מען רעדט תורה ביז דער צייט פֿון מעריב דאַווענען. נאָך מעריב גיט דער אַלטער מאַן שלום דעם רבי חנינא, און רבי חנינא דאַנקט איהם. דערנאָך מאַכט מען הבדלה, זענען זיי אַלע פֿערשוואונדען געוואָרען, און דער שמש גייט אויך אַוועק. לויפֿט איהם רבי חנינא נאָך און דערהאַפּט איהם בײַ זײַן כּאַנטעל און זאָגט צו איהם: „ליעבער פֿריינד, זאָג מיר, ווער זענען געוועזען די מענשען, וואָס איך האָב דאָ געזעהען, און ווער ביזטו?“. ענטפֿערט ער איהם: „איך בין אליהו הנביא, און דער זקן, וואָס האָט געדאַווענט, איז געוועזען משה רבנו, און די אַנדערע זענען געוועזען אברהם, יצחק ייעקב און אהרן הכהן“. האָט זיך ר׳ חנינא זעהר דערשראָקען און לאָזט דעם שמש אַוועקגעהן. רופֿט דער זקן רבי חנינא: „קום צוריק, וועלען מיר בײַזאַמען תורה לערנען“. אַזוי גייט רבי חנינא צוריק און זיי לערנען כל התורה כלה, און ער לערנט איהם אויך שבעים לשונות. און ווי רבי חנינא האָט שוין דאָס אַליך געקאָנט, זאָגט דער זקן צו איהם: „קום, מיר וועלען בײַזאַמען עסען“. ווי זיי עסען, הויבט רבי חנינא אָן צו שרייען און צו קלאָגען און דערצעהלט דעם זקן, ווי זײַן האַנדעל איז געוועזען, און דערצעהלט איהם: ווען ער קומט ניט מאָרגען פֿריה קיין רעגענסבורג, וועט זײַן כלה מיט אַנ׳אַנדער חתן אונטער דער חופּה געהן. פֿרעגט ער איהם אַנ׳עצה, וואָס ער זאָל טהאָן. זאָגט דער זקן: „איך ווייס דאָס אַליין וואויל, רק איך וועל דיר אַנ׳עצה געבען: מאָרגען אינדערפֿריה זאָלסטו אויפֿשטעהן און געהן אויף דער לינקער זייט בערג, ווערסטו אין וואַלד אַרײַנקומען, דאָרט וועסטו געפֿינען דײַנע חברה בחורים, וואָס האָבען דיך פֿערלוירען, און זיי וועלען זיך מיט דיר פֿרעהען, אַז זיי וועלען דיך דערזעהען. דערנאָך וועט קומען אַ וואָלקען און וועט זיך פֿאַר דײַנע פֿיס לעגען, און זאָלסטו זיך אַרײַנזעצען מיט דײַנע פֿופֿציג בחורים. אין אַ קליינע ווײַלע וועט דער וואָלקען אַוועקפֿליהען און וועט אײַך ברענגען קיין רעגענסבורג. בקיצור, ווי עס איז טאָג געוואָרען, שטעהט רבי חנינא אויף, וואַשט זיך זײַנע הענד, לאָזט זיך פֿון דעם אַלטען מאַן בענשען, נעהמט פֿון איהם רשות, געהט אַזוי ווי דער אַלטער מאַן האָט איהם בעפֿוילען. ווי ער איז אין וואַלד, געפֿינט ער זײַנע בחורים, פֿרעהען זיי זיך זעהר מיט איהם. בקיצור, עס לאָזט זיך אַראָב אַ וואָלקען פֿון הימעל פֿאַר זייערע פֿיס, זיי זעצען זיך אַרײַן, טראָגט זיי דער וואָלקען גאַנץ געשווינד קיין רעגענסבורג. געהט גראָד רבי יודא חסיד אין פֿעלד, זעהט ער אַ וואָלקען מיט פֿיעל מענשען. שיקט ער נאָך דעם אַנדערן חסיד, ער זאָל אויך אַרויסקומען און זאָל זעהען דעם וואָלקען מיט די מענשען. קומט דער חסיד און זעהט מיט אַ גרויס חידוש, ביז דער וואָלקען האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף אַ הויכען באַרג פֿאַר דער שטאָדט רעגענסבורג. לויפֿען די צוויי חסידים אויף דעם באַרג, ווילען זעהען, וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק דאָס איז. געהט אַרויס רבי חנינא מיט זײַנע בחורים פֿון דעם וואָלקען. דערקענט רבי יודא חסיד זײַן איידעם רבי חנינא און פֿאַלט איהם צו די פֿיס, צום האַלז, און

קישט איהם, און האַלזט איהם, און וויינט זעהר. גיט ער איהם שלום און פרעגט איהם, וואָס ער האָט געלערנט. זאָגען די בחורים: „ער קאָן כל התורה כולה און שבעים לשונות און איז אַ נביא אויך". פרעהט זיך ר' יודא חסיד, דערנאָך שיקט ער נאָך זיין טאָכטער, אַז זי זאָל קומען צו איהר חתן רבי הנינא: ער איז געקומען מיט אַ גרויס הערשאַפט. אַזוי לויפט די טאָכטער באַלד אויף דעם באַרג און פאַלט אַנידער פאַר רבי הנינא'ן. און ער מאַכט די חופה און זיי פרעהען זיך זיעבען טאָג אויף דעם באַרג, און עס איז אַ גרויסע שמחה. דערנאָך זענען געקומען פיעל לייט צו לערנען ביי רבי הנינא. הקדוש ברוך הוא זאָל אונז העלפען, זייער זכות זאָל אונז ביישטעהן. אָמן סלה.

(פון דעם ספר „ספורי-הפלאות").

י. ל. פרץ.

דער אוצר.

(קינסטלעריש בעאַרבייטע לעגענדע).

צו שלאָפען תמיד-צייט אין אַ שטיבעל פון ה' על ד', צוזאַמען מיט אַ ווייב און אַכט קינדערלעך, איז נישט קיין גרויסער תענוג, האָטש פרייטאָג צו-נאַכטס. האָט זיך טאַקי שמערעל האָלץ-העקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אָנגעשלאָפען און אָפענעם, גיסט זיך געשווינד אָב די נעגעל, האָט אויף זיך דאָס האַלאַטעל און לויפט אַ באָרוויסער פון טרוקענעם גיהנם אַרויס. קומט ער אין גאַס אַריין. — שטיל, אַלע לאָדען פערמאַכט, און איבער שלאָפענדיגען שטעדטעל שטעהט אַ הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימעל. האָט זיך איהם, אַז אַצונד איז ער איינער אַליין מיט גאָט, ברוך הוא: זאָגט ער, אַרויפקוקענדיג צום הימעל: „נו, רבונו של עולם, אַצונד איז צייט, זאָלסט מיך אויסהערען און בענשען מיט אַן אוצר פון דיינע אוצרות". ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעהט ער, אַז פאַר איהם לויפט עפּעס אַ פלעמעל פון שטעדטעל אַרויס. פערשטעהט ער, אַז דאָס איז עס. ווייל ער נאָכלויפען, דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז שבת, אַז לויפען טאָר מען נישט, — געהט ער נאָך. און אַזוי ווי פאַמעליך ער געהט, אַזוי פאַמעליך הויבט אויך דאָס פלעמעל אָן צו געהן, און דער מהלך צווישען איהם און דעם פלעמעל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער. געהט ער. מיילמאָל רופט זיך איהם עפּעס אָן אין האַרץ: שמערעל, זיי קיין נאַר נישט, נעהם אַראָב דאָס האַלאַטעל, טהו אַ שפּרונג-אונטער און וואַרף עס אַרויף אויף דעם פלעמעל! פערשטעהט ער אָבער, אַז דאָס רעדט אין איהם דער יצר-הרע. דאָס האַלאַטעל נעהמט ער פון זיך אַראָב, גרייט צו וואַרפען איז ער, נאָר, להכעיס דעם יצר-הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט און דערפרעהט זיך, זעהענדיג, אַז צייט ער מאַכט קלענערע טריט, רוקט זיך דאָס פלעמעל אויך פאַמעליכער. געהט ער אַזוי פאַמעליך דעם פלעמעל נאָך און געהט, קומט ער פאַמעליך אַרויס פון שטעדטעל. דער וועג שלענגעלט זיך און דרעהט זיך איבער פעלדער און לאָנקעס, און דער מהלך צווישען איהם און דעם פלעמעל ווערט אַלץ נישט לענגער, נישט קירצער, און אַז ער זאָל וואַרפען דאָס האַלאַטעל, וואָלט ער צום פלעמעל נישט דערגרייכט. דערווייל צו-רוהען זיך איהם. אין קאָפּ די געדאַנקען: ווען ער זאָל האָבען דעם אוצר,

וואָלט ער אויף דער עלטער קיין האָלץ-העקער נישט געווען; ער האָט שוין נישט דעם כּח צו דער אַרבּייט, וואָס אַמאָל. דעם ווייב וואָלט ער געקויפט אַ שטאָט אין דער ווייבּערשער שול, זי זאָל נישט האָבּען קיין פֿערשטערטע שבּתים און ימים-טובֿים דערפֿון, וואָס מען לאָזט זי אין ערגיץ נישט זיצען, ראש-השנה און יום-כּפּור גאַלט זי נעבּיך גאָר פֿון די פֿיס, — די קינדער האָבּען איהר די כּחות צוגענומען! און ער וואָלט איהר אַ ניי קלייד געמאַכט, אַ פּאָר שנירלעך פּערעל געקויפט... די קינדער וואָלט ער אין בּעסערע חדרים אָפּגעגעבּען, פֿאַר דעם עלטסטען מיידעל וואָלט ער זיך שוין אומגעקוקט וועגען אַ שדוך... אַזוי, נעבּעך, טראָגט זי דער מוטער נאָך די קוישלעך מיט אויבּס און האָט קיינמאָל קיין צייט נישט אַפֿילו זיך רעכט צו פֿערקעמען. און צעפּ האָט זי לאַנגע, לאַנגע, און אויגען, ווי אַ סאַרנע...

— עס וואָלט אַ מצוה געווען צו חאַפּען דעם אוצר...

— ווייטער דער יצר-הרע! — טראַכט ער — אַז עס איז נישט בּאַשערט, איז נישט! אין דער וואָכען וואָלט ער שוין געוואוסט, וואָס ער האָט צו טהאָן.

ער זיפֿצט אָפּ און געהט אַלץ ווייטער און ווייטער, און וואַרפֿט פֿון צייט צו צייט אַן אויג אין הימעל אַריין: „רבּונו של עולם, וועמען ווילסטו דאָ אויספּרובּען? שמערעל האָלץ-העקער? ווילסט געבּען, גיבּ!" האַלט זיך איהם, אַז דער אוצר הויבּט זיך אָן צו רוקען אַבּיסעל פֿאַמעליכער, נאָר אין דער רגע דערהערט ער, אַ הונד בּילט, דערקענט ער דאָס בּילען: דאָס איז פֿון וויסאָקע — דאָס ערשטע דאָרף אונטער דער שטאָדט, און ער דערזעהט שוין, ווי עס וויעגען זיך אין דער פֿרישער פֿאַרטאָג-לופֿט ווייסע פֿלעקען: דאָס זענען די וויסאָקער פּויערישע הייזלעך. און בּאַלד דערמאָנט ער זיך, אַז עס מוז שוין זיין אַ תּחום-שבּת, שטעלט ער זיך אָפּ.

— יאָ, עס איז שוין אַ תּחום-שבּת, — טראַכט ער, און זאָגט, ווי אין דער וועלט אַריין: — ווערסט מיך נישט אַראָפּפֿיהרען פֿון וועג! עס איז נישט קיין גאָט-זאַך, גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פֿון מענשען — מעשׂה לץ איז עס! און ער ווערט אַבּיסעל בּייזליך אויפ'ן בּעל-דבר, און דרעהט זיך צוריק אויב צום שטעדטעל, און געהט האַסטיג צוריק. טראַכטען טראַכט ער: אין דער היים אויסזאָגען וועל איך נישט; ערשטענס, וועט מען מיר נישט גלויבּען... און אַז יאָ, וועט מען לאַכען פֿון מיר! און צו וואָס זאָל איך מיך רידמען?.. דער בּורא-עולם ווייסט — איז גענוג. און זי וואָלט זיך נאָך אפשר געבּייזערט, ווייס איך? די קינדער אַודאי — נאַקעט און בּאָרוועס, נעבּעך! צו וואָס זאָלען זיי זיין עובֿר אויף „כּבוד אָבֿ"...

ניין, ער וועט עס פֿאַר'ן מויל נישט בּרענגען... ער וועט אַפֿילו דעם רבּונו של עולם דעריינען קיינמאָל נישט דערמאָנען. האָט ער דערמיט עפּעס גוטס געטהאָן, וועט ער אַליין געדענקען...

און פּלוצלונג דערפֿיהלט ער אין זיך עפּעס אַ מאָדנע, ליכטיגע רוהיגקייט, אין אַלע אבֿרים צעגיסט זיך איהם אַ שטילער נחת. „געלד איז פֿאָרט נישט מעהר ווי קיי און שפּיי! עשירות קאָן נאָך אַראָפּפֿיהרען פֿון רעכטען וועג". און עס ווילט זיך איהם דאַנקען גאָט דערפֿאַר, וואָס ער האָט איהם נישט געבּראַכט צו קיין נסיון. עס ווילט זיך איהם חאָטש אַ ליעד זינגען.

„אָבינו מלך" — דערמאָנט ער זיך פֿון די יונגע יאָהרען, נאָר ער פֿערשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין און האַקט אָפּ. ער וויל זיך דערמאָנען אַ הונ׳ישע זאַך, אַ מיני׳דיגעס, — פּלוצלונג אָבער דערזעהט ער, אַז דאָס אייגענע פֿלעמעל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז איהם צוריק אַרויסגעקומען פֿון פֿאָ־רענט, און עס רוקט זיך פֿאַר איהם גאַנץ פּאַמעליך צום שטעדטעל, צום שטעדטעל... און דער מהלך צווישען איהם און דעם פֿלעמעל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער, גלייך דאָס פֿלעמעל שפּאַציערט, און ער שפּאַציערט — אַזוי אַביסעל, לכבוד שבת. פֿרעהט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הימעל ווערט בלאַסער, שטערענדלעך הויבען זיך אָן לעשען, דער מזרח רויטעלט זיך אַביסעל, עס צעניסט זיך ווי אַ שמאָל רויטליך טייכעל אין דער לענג — און דאָס פֿלעמעל רוקט זיך אַלץ אין שטעדטעל אַריין, געהט אין זיין גאַס. אָט איז זיין שטוב; די טהיר פֿון זיין שטוב, זעהט ער, שטעהט אָפֿען, ער האָט זי, אַפּנים, פֿערגעסען צו פֿערמאַכען... און אָט: דאָס פֿלע־מעל געהט אַריין, צו איהם אין שטוב אַריין געהט עס! געהט ער נאָך, זעהט ער, ווי עס לאָזט זיך, דאָס פֿלעמעל, אונטער׳ן בעט אַרונטער. אַלע אַרום שלאָפֿען, — געהט ער שטיל צו, בויגט זיך איין, זעהט ער, דאָס פֿלעמעל דרעהט זיך אונטער׳ן בעט, ווי אַ דריידעל, אויף׳ן אָרט. נעהמט ער און וואַרפֿט אַרונטער אונטער׳ן בעט דאָס האַלאַטעל און דעקט דאָס פֿלעמעל צו, — קיי־נער הערט נישט. און דאַ גנב׳עט זיך שוין אין שטוב אַריין אַ גאָלדענער מאָרגען־שטראַהל דורך דעם שפּאַלט פֿון לאָדען.

זעצט ער זיך אויף׳ן בעט און טהוט אַ נדר, אַז איבער שבת וועט ער קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגען, קיין האַלב וואָרט נישט — עס וועט קומען, חלילה, צו חלול שבת... זי וועט זיך נישט איינהאַלטען, זיי, די בנים, אודאי נישט, זיי וועלען באַלד וועלען איבערצעהלען, באַלד וויסען וויפֿיעל! אין באַלד וועט דער סוד פֿון שטוב אַרויס, און אין שול, אין בית־המדרש און אין אַלע גאַסען וועט ווערען אַ גערייד׳עריי וועגען זיין עשירות... וועגען מזל... און קיינער וועט נישט דאַוונען, נישט וואַשען זיך, נישט בענשען, ווי עס דאַרף צו זיין — און ער וועט נאָך פֿערזינדיגען זיין הויזגעזינד און אַ האַלבע שטאָדט. ניין — קיין פּיפּס נישט... און ער ציהט זיך אויס אויף דעם בעט און מאַכט זיך שלאָפֿען...

און אין דעם זכות, אַז ער האָט נאָך הבדלה זיך אַראָבגעבויגען אונ־טער׳ן בעט און אויפֿגעהויבען דאָס האַלאַטעל, איז אונטען טאַקי געלעגען אַ זאַק מיט אלף אלפי אלפים דינרין, כמעט אָהן אַ שיעור — אַ גרויס בעט געווען! — און איז טאַקי געוואָרען אַ גביר שבגבירים.

און ער האָט שוין אָבגעלעבט אין נחת די יאָהרען.

נאָר דאָס ווייב פֿלעגט איהם אַלע מאָל אין נחת פֿאָרוואַרפֿען: רבונו של עולם, ווי האָט עס אַ מענש אַ האַרץ ווי אַ שטיין, אַ גאַנצען זומער־טאָג אַ וואָרט נישט צו זאָגען, פֿאַר׳ן אייגענעם ווייב קיין איינציג וואָרט... און איך האָב — דערמאָנט זי זיך — דעמאָלט ביי „גאָט פֿון אברהם" זיך אַזוי אָנגעוויינט, אַזוי אָנגעוויינט... עס איז קיין דרייער אין שטוב נישט געווען.

און ער טרייסט זי מיט אַ שמייכעל:

— ווער ווייסט, אפשר האָט זיך עס טאַקי אין זכות פון דיין „גאָט פון אברהם" אַזוי גוט אויסגעפיהרט.

שפּריכווערטער.

1. אַ אָרימאַן וויל אויך לעבען.
2. אַ בעריהמער איז גוט צו שמייסען.
3. אַ געמאַכטע מכשפה איז ערגער פון אַנ׳אמת׳ער.
4. אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיה.
5. אויף אַ פרעמדער באָרד איז זיך גוט צו לערנען שערען.
6. אַז דאָס הארץ איז פול, געהען די אויגען איבער.
7. אַז מ׳איז פויל, האָט מען ניט אין מויל.
8. אַז מע ברידט זיך אָב אויף הייסען, בלאָזט מען אויף קאַלטען.
9. אַז מע שטעלט ניט איין, נעהמט מען ניט אויס.
10. אַז עס קומען די מאות, קומען די דעות.
11. אַז צווי זאָגען שכור, דאַרף זיך דער דריטער לעגען שלאָפען.
12. אַז קרופניק איז אַנ׳אַבילה, איז האַנדריווקע אַ קהלה.
13. אַ יודישע נשמה קען מען ניט שאַצען.
14. אַ יהיד געגען קהל פערליערט אַלע מאָל.
15. איידער עס וועט קומען די נחמה, קען אויסגעהן די נשמה.
16. אין אַ סך מלאכות איז ווענינ ברכות.
17. אַלע שוסטער געהען באָרוועס.
18. אמת קומט אַרויס, ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער.
19. אַ נאַר זאָגט, וואָס ער ווייסט, און אַ קלוגער ווייסט, וואָס ער זאָגט.
20. אַ נעהמער איז ניט קיין געבער.
21. אַ עושר האָט קיין יושר.
22. אַ שטעקען האָט צוויי עקען.
23. אַ שפּריכוואָרט איז, להבדיל, אַ תורה.
24. בעסער אַ יוד אָהן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָהן אַ יודען.
25. בעסער אין גוי׳אישע הענד, ווי אין יודישע מייַלער.
26. בעסער מיט אַ קלוגען צו פערלירען, איידער מיט אַ נאַר צו געפינען.
27. ברעכט זיך אַ רינג, צעררייסט זיך די גאַנצע קייט.
28. גאָט בעשערט דעם טרינקער זיין ווייַן און דעם שפּינער זיין פלאַקס.
29. גאָט האָט געשוואוירען, אין דער וועלט זאָל גאָר ניט ווערען פערלוירען.
30. גאָלד לייכט פון בלאָטע אַרויס.
31. גראָהע האָר זענען קברות־בלעטלעך.
32. די תורה האָט קיין גרונד.
33. דער מלאך־המות שעלט און בלייבט גערעכט.
34. דער עושר בלאָזט זיך — און דער אָרימאַן ווערט געשוואָלען.
35. דער רבי מעג.
36. האַנדעלשאַפט איז קיין ברידערשאַפט.
37. וואו מען דאַרף האָבען מח, העלפט ניט קיין כח.
38. ווען עס איז ניט, ווי מען וויל, מוז מען ועלען, ווי עס איז.

39. ווי מען בעט זיך אויס, אזוי שלאפט מען.
40. יעדערער פאר זיך, גאט פאר אלע.
41. לעג א קראנקען ווי דו ווילסט, טהוט איהם אלץ וועה.
42. מע מעג זיין שווארץ, אבי א גוט הארץ.
43. עהרליך איז שווערליך.
44. פאר א געשלאגענעם הונד טאר מען קיין שטעקען ניט ווייזען.
45. פון לעדיגע פעסער איז דער ליארעם גרעסער.
46. פורים איז קיין יום-טוב, קדחות איז קיין קרענק.
47. ראש-חודש ניסן איז א טייערער ביסען.
48. ריידען איז זילבער, שווייגען איז גאלד.
49. שטיל וואסער גראבט טיעף.
50. וואו תורה, דארט איז חכמה.

א. קרילאוו.

א מגפה אויף חיות.

(פאבעל).

פון הימעל איז אראב א גזרה
אויף אלע חיות: ס'האט דער בורא
געשיקט אויף זיי א שרעקליכע מגפה.
זיי ליפען אלע פונקט ווי פון א שרפה.
דער מלאך-המות
טהוט אב זיין ארבייט אהן קאטאוועס,
און אומעטום בויט דער רוצח
זיין בלוטיגען מזבח...
ער שניידט ווי היי,
און ס'הילכט אין אלע וועלדער א געשריי.
ווי פליגען פאלען נעבעך חיות —
טאג איין, טאג אויס לויות;
און די, וואס שלעפען נאך ווי ס'איז
די אבגעשוואלטע פיס,
בעהאלטען זיך אין וואלד, פערגעסען
און טרינקען און און עסען.
די וועלוועל זוכט שוין ניט קיין פעטען ביסען:
ער וויל פון שעפסען גאר ניט וויסען,
ער האט געקראגען גוטע מדות
און פראוועט איצט אין וואלד יהדות;
לאזט אבוואקסען די פאה
און הורט „יורה-דעה"...
בעקלאגענדיג די יונגע מתים,
פאסט אלע טאג דאס פוקס תעניתים,
שטעהט „שמונה-עשרה" באריכות

און זאָגט כּסדר סליחות...
דאָס מייבעל
פערלאָזט זיין הנ׳וודיגע ווייבעל, —
אַוועק פאַר זיי די גוטע טעג!
אויב ליעבע און אַ סוף אַנ׳עק...
ויהי היום, פעררופט דער לייב דער גרויסער,
אין וואַלד דער שטאַרקער קיסר,
אויף אַנ׳אַסיפה אַלע חיות...
מען געהט — עס ווילט זיך הערען גוטע נייעס...
זיי קומען — ס׳הערשט אַ מרה שחורה...
דער לייב הויבט אָן: „רבותי! ס׳האָט דער בורא
געשטראָפט אונז מיט אַ בייזע גזרה —
געוויס פאַר אונזערע חטאים;
בלי ספק זענען דאָ רשעים
ביי אונז אין וואַלד... עס שטאַרבען קליינע קינדער.
דעריבער זאָל דער גרעסטער זינדער
זיך מקריב זיין פאַר כלל:
ס׳איז שוין געווען ניט איין מאָל אַזא פאַל!
ובזכות זה וועט קומען די ישועה,
און אַרפואה
וועט אונז דער בורא שיקען טאַקי
צו אונזער מכה...
בכן, רבותי, איז ניט שפּעט
צו קלאַפּען זיך „על-חטא“,
זאָל יעדערער דערצעהלען זיין הנהגה
במזיד ובשוגג...
בפני כל עם ועדה
בין איך אַליין זיך מודה,
אַז כ׳האָב, אָ ווינד און וועה איז מיר,
צעריסען אונשולדיגע שעפּסען אָהן אַ שיעור,
און אַגב אורחא פלעג איך — וואָס איז זיך צו שעמען? —
אויף שלש-סעודות אָפּט אַ פּאַסטוך נעהמען.
איהר מעגט מיך משפּט׳ען, — נאָר זאָל שוין בעסער יעדער
דערצעהלען זיינע זינד כסדר,
און ווער ס׳האָט זיינע וועגען מעהר פערדאָרבען,
דער זאָל, רבותי, זיין פאַר אונז אַ קרבן...
דער קרבן-חטאת וועט געוויס
דעם בורא שמעקען זעהר זיס...“
„אַדוני-מלך! — זאָגט דער פיקס מיט טרעהרען, —
איך קען דאָס גאָר ניט הערען!
עט!
אַ שעפּס צערייסען איז דען אויך אַ חטא?

אויב אַלץ נאָר קוקען אויף ישרנות,
טאָ, שווער איך אייך, רבותי, בנאמנות,
אַז ס'וועט אונז אויסקומען געוויס
פון הונגער אויסציהען די פיס...
אוז דאָס, אדוני-מלך, האָסטו גאָר פערגעסען,
אַז אויב די פלעגסט די שעפסען טאַקי עסען,
איז וואָס פאַר זיי געווען אַ כבוד... אויך מיר היות!
אַ שעפסעל גרויס, ווי אַ כּזית...
אַ וואָס? די פאַסטוכער? — זיי קומט אַזאַ מפּלה!
איך קען זיי ניט דערמאָנען אָהן אַ קללה:
יחסנים זענען זיי ביי זיך און ווילען
ניט „זיסען פון דיין ווילען"...
און נאָך דעם פּוקס, מיט חניפות און העזיות,
צערידען זיך די איבעריגע חיות
און ברענגען טיעפע ראיות
מיט פּסוקים פון חכמים,
אַז ער, רב לייב, איז נאָר אַ צדיק-תמים...
רב בערעל און רב וועלוועל זאָגען אויך
„אָשמנו" מיט כּונה הויך,
נאָר ס'לאָזט זיך אויס, אַז יעדערער איז כּשר,
אַן איש ישר...
און קליינינקע חטאים... קיינער
האָט גאָר קיין נעגעל ניט, קיין ציינער...
זיי זענען אמת'ע צדיקים נסתּרים
און ליידען, נעבעך, גאָר אומזיסט יסורים...
און מיט אַמאָל
דערהערען זיי אַ הויכען קול.
וואָס איז? דער אָקס דער פרומער,
וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט, אַ שטומער,
האָט פּליצלינג זיך צערעדט
און קלאַפּט זיך מיט געוויין „על חטא":
„אָשמנו", — זאָגט ער, — הערט, רבותי!
כ'האָב אויך אויף זיך אַ זינד אַ גרויסע,
איך וויל זיך מודה זיין און ס'וועט מיר ווערען גרינגער...
אַמאָל איז דאָ ביי אונז געווען אַ הונגער,
אַ טריקעניש אַ גרויסע איז געווען
צוריק מיט אַ יאָהר צעהן...
געוואָלט האָט זיך מיר איינמאָל עסען
און איך האָב אָן „לא תגנוב" גאָר פערגעסען
און, ווינד איז מיר און וועה,
ביי אונזער רב אַ בינטעל היי
האָב איך גע'גנב'עט"... „וואָס?... אַ גנב! — שרייען אויס

די חיות — „גיכער געה אַרויס...

ממילא

שטראָפט אונז דער בורא פאַר דיין גזלה...

אַ קלייניגקייט! זיך ניט צו שעמען

און פרעמדע היי צו נעהמען,

און נאָך ביי וועמען?...

רבותי! האַלט איהם! האַלט!!

איך זאָג אייך,

אַז ראָס איז ער דער „שור שנגח“...

נאָר איבער איהם שטראָפט גאָט דעם וואַלד...

נעהמט פאַר די הערנער איהם, דעם גנב, דעם רוצח!

זאָל ער אַ קרבן זיין אויף דעם מזבח!“

מען האָט מיין אָקס געכאַפּט און באַלד

פערברענט אינמיטען וואַלד.

ביי אונז, ביי מענשען, גלויבט מיר, קינדער,

איז אויך דער שלאָפער אַלע מאָל דער זינדער...

(יודיש פון מ. ריוועסמאַן.)

בזדון ובשגגה — אומיסנע (מיט ביוזען ווילען) און אומגערען. בפני כל עם ועדה — פאר׳ן גאנצען פאלק, עפענטליך. אגב אורחא — פארבייגעהענדיג. ישרנות — יושר, עהרליכקייט. כזית — אזוי גרויס ווי אן־איילבירט (אויף א שטיקעל ברויט קלענער ווי א כזית דארף מען ניט בענשען). אשמנו — מיר זענען שולדיג. איש ישר — א עהרליכער מענש. צדיק תמים — א גאנצער (פאלקאמער) צדיק. צדיקים גמורים — פאלשטענדיגע צדיקים. לא תגנוב — „זאלסט ניט גנב׳ענען“ (איינס פון די צעהן געבאט). שור שנגח — „דער אקס וואס האט געשטויסען“ (וועגען אזא אָקס האנדעלט זיך אין דער גמרא).

א. קרילאָוו.

דער חזיר.

(פאַבעל).

אַ חזיר, אַ פערשייטער עם־הארץ,

איז אין אַ הויף פערקראָכען צו אַ פריץ

און מיט זיין חזיר׳שען פערשמירטען שנוק

געגראָבען האָט ער זיך אין פלאָטע דאָרט גענוג.

צוריק, ס׳פערשטעהט זיך, איז דער פיינער גאַסט

געקומען אויסגעשמירט, ווי פאַר אַ דבר־אחר פאַסט...

„נו, — האָבען איהם געפרעגט זיינע חברים,

במחילה, אויך חזירים, —

„ס׳מוז ביי די פריצים זיין אַוודאי צירליך,

און שעהן און ליכטיג?...

זיי, די גבירים, האָבען, זאָגט מען, האַלט

נור זילבער, דימאַנטען און גאָלד...“

— עט: שווער איך אייך, עס איז אלץ גאלע ליגען...
כ'האב דארטען ניט געקאנט בשום אופן קריגען
א שטיקעל רייגעם ארט;
איך זאג אייך אויף מיין ווארט,
— איך האב צעגראבען דארטען אלץ, —
ס'איז אומעטום א בלאטע ביזן האלז.

(יודיש פון מ. ריוועסמאן.)

י. ל. פרץ.

היהנערשע חלומות.

(אלעגאריע).

אמאל איז געווען א הוהן, א גרויסע הוהן און א מיוחסת, דעם גרויסען קוקוריקו'ס א קעבס־ווייב און א חכמה דערצו. און די גרויסע הוהן, די מיוחסת זיצט, פערשטעהט זיך, נישט, חס ושלום, אין תפיסה, נאר אויף דער „שאראלע“ — אודאי אויף פערציג אייער.

אז מען רייבט זיך נישט אן דער וואנד אין מען האט נישט אין זיך קיין פאלימיק — העלפט גאט.

און די אייער זענען דעריבער גרויסע און, מן הסתם, פולע; פון די אייער וועט ארויס —

נאר וועגען דעם חלומט טאקי די הוהן.

זי זיצט מיט פערמאכטע אויגען, און דאך זעהט זי, ווי פון די אייער טרעט ארויס א שטיק פערציג העהנער —

העהנער, קיין איינציגע הוהן! און איינס אויף איינס העהנער פון העהנער־לאנד, גרויס־געוואקסענע, שטארק־געבויטע, אויף קופערנע פיס, מיט שארפע קרעלען; פליגעל ווי בייא אנ'אדלער, און רויטע: וואס רויטע? — פלאמענדיגע קאמען!...

מען זאל זיי נאר קיין עין־הרע נישט געבען!

און גלייך פון די אייער טרעט ארויס די מחנה גבורים און לאזט זיך געהן איפ'ן הויף... זי געהט נאך, און דאס הארץ אין אידר וואקסט און וואקסט, עס וואקסט ווי אויף הייוועו. ארויסשפרינגען וויל עס, זאל עס שפרינגען!

— קוקוריקו! — שרייט דער עולם. אזא קול האט נאך די וועלט נישט געהערט!

— קוקוריקו! — דאס בערגל מיסט אין דער זייט ביי דער קיך שאקעלט זיך אין פאלט. אין גאנצען הויז ציטערן די שויבען.

— קוקוריקו!

און אלע, אלע ארום בלייבען שטעהן ווי פערשטיינערט!

ווער זענען די גבורים?!

דער אלטער קודלאטער הונד קריכט ארויס פון זיין שטיבעל און בלייבט אויך שטעהן פערגאפט — ער האט די צונג אין מויל פערגעסען, ער בילט נישט!

די חבֿרה קען האָבן זיך אויסגעזעצט אויפֿ׳ן פּלויט, וואָס צוימט אַרום דעם הויף, און קוקן זיך די אויגן אויס...

מויל־ווערף קריכן פֿון אונטער דער ערד אַרויס, האָזן האָבן בעוויזן זיך אין עק וואַלד — פֿערגאַפֿט, האָטש חאַפּ זיי מיט דער האַנד!

און ער, וואָס וועט ער זאָגן? ער, דער גרויסער זאַמד־גריבלער, דער גרויסער קאָרן־שלינגער, איהר מאַן?! צו וועט ער נאָך קוקן אויסער איהר אויף אַ הוהן?!

ניין!

און דעמאָלט, דעמאָלט וועט זי שוין זיין אויפֿ׳ן שפּיץ פֿון איהר גליק. אַז ער וועט וויסן און זעהן, וואָס זי קען, אַז די וועלט וועט געוואָהר ווערן, וואָס זי האָט איהם געגעבן, דעמאָלט — וועט זי שוין מעגן שטאַרבן! דעמאָלט וועט זי אַליין צוגעהן צו דער ברייטער קעלין און אויסשטרעקן דעם האַלז.

— נעהם, — וועט זי זאָגן, — און קאָך וועטשערע!

עס פּיקט אונטער דער הוהן, נאָר זי הערט נישט. טרויעריגע געדאַנקען זאַמלען זיך אין קעפּעל —

„נעהם און קאָך וועטשערע!"

— נאָר — פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס מוז זיך אַלץ ענדיגן מיט׳ן מעסער? פֿאַר וואָס זאָלען מענשען עסען איהר פֿלייש, דער הונד — די ביינער און פֿון די פֿעדערן זאָל מען מאַכן בעטגעוואַנד?

צי איז אויף דער וועלט קיין רחמנות נישטאָ, קיין יושר? פֿאַר וואָס זאָל מען נישט ניסען אויף דער וועלט אַנ׳אונטערשיעד פֿון אַ הוהן ביז אַ הוהן, פֿון אַ לויפֿערקע, אַ מויל־מאַכערין, אַ אינטריגאַנטקע אָדער אַזוי אַ שלים־מזל אַ הוהן, ביז אַ הוהן אַ מיוחסת, אַ הוהן, וואָס שטעלט צו דער וועלט אַזוינע העהנער, אַזוינע העלדען, ווי איהרע וועלען זיין?!

— פּיק! פּיק! פּיק!

נאָר זי הערט נישט.

האַלב פֿערשלאָפֿען ציהט זי ווייטער איהרע טרויעריגע חלומות. — און נאָכ׳ן מעסער? צו איז שוין אַנ׳עק פֿון אַלעם? צו אויף יענער זייט צוים איז שוין גאָר נישטאָ?

נאָכ׳ן צוים איז באַלד דער וואַלד, און דערנאָך, נאָכ׳ן וואַלד, וואָס איז?

צו זאַמלען זיך נישט דאָרט די נשמות פֿון פֿרומע היהנער און פּיקען האָבער, גערשטען און ווייץ פֿראַנק און פֿריי און אָהן אַ שרעק פֿאַר׳ן מעסער?

— פּיק, פּיק, פּיק!

די הערט נישט...

די איז אַ מאַמע, און אַ מאַמע מוז אָן זיך אַליין פֿערגעסען! נישט אָן איהר לעבען געהט עס, נאָר אָן זייער לעבען!

געזונד און פֿריש מוז זי זיי אַרויסגעבען דער וועלט!

האָטש אין אַ צייט אַרום וועלען זיי די אייגענע מוטער נישט דערקענען!

די אייגענע מוטער אַוועקטרייבען פֿון אַ פֿעטען בערגעל מיסט.

נאָר זי וועט איהר׳ס טאָן...

פּיק־פּיק־פּיק! פּיק־פּיק־פּיק!

זי דערהערט!

נאָר אַזוי געשווינד אויפהויבען וועט זי זיך נישט!

זי ווייסט, אַז אינדרויסען איז אַ ווינד, אַ שטורעם־ווינד, און די גבורים איהרע וועלען זיך נאָך יונגערהייט פערקיהלען!

— וואָס פיקט איהר? צו איז אייך נישט גוט אונטער דער מוטערס שוים? נישט וואַרעם, נישט זיכער אונטער איהרע פליגעל!

ווארט, קינדערלעך, וואַרט!

נישט אייביג וועלען בלאָזען שלעכטע ווינטען, נישט אייביג וועלען זיין די וואָלקען אין הימעל...

גאָט וועט זיך דערבאַרעמען, גאָט וועט זיינע העהנער נישט פערגעסען! ריינינגען וועט זיך דער הימעל, שיינען וועט די זון, און עס וועט זיין אַ וועטער, אַ וועטער!

עטליכע היהנער, וואָס האָבען שוין לאַנג אַרויסגעפידערט זייער יונגוואַרג אויפ'ן הויף, קומען צו דער מערשפעטיגטער יולדת.

— מזל־טוב, מזל־טוב! — ווערט אַ געפיקעריי.

נאָר זי ענטפערט נישט, זי וועט מיט זיי נישט פיקען... זי בייגט איין דאָס קעפעל און בעהאַלט עס צווישען די פעדערען אויף דער ברוסט...

די היהנער אַנטלויפען פערשעמט, און זי הויבט צוריק אויף דאָס קעפעל מיט הכמה און גאוה צוזאַמען...

זי דאַנקט גאָט, וואָס מען האָט זי אַליין געלאָזט, אַליין מיט איהרע געדאַנקען, מיט איהרע גבורים...

און דאָס האַרץ צעגעהט אין איהר אין נחת; וואָס פאַר אַ פיינע קינדער די האָט! זיי זענען אַודאי גרעסער ווי אַנדערע קאַפּהעהנער! נאָר אַז די מאַמע הייסט, ליגען זיי שטיל, וואַרטען זיי, קיין איינציגער פיקט שוין נישט!

קלוגע קינדער, זיין גבורה און איהר עדעלקייט, איהר גוטסקייט!

און גאָט ווייסט, ווי לאַנג די קלוגע הוהן וואָלט געזעסען אויף איהרע גבורים, ווען נישט די קעלין, וואָס האָט זיך אָן איהר דערמאָנט און איז אַריין ווי אַ בליץ זי אַראָבצויאָגען פון דער שאַראַלע!...

און אַז מען האָט די „מוטער“ אַראָבגעיאָגט פון דער שאַראַלע, האָבען זיך בעוויזען קליינע, שוין לאַנג דערשטיקטע, איינפאַכע היהנדלעך...

מ. ראָזענפעלד.

י ה ו ד י ת.

(פּאָעמאַ).

זאַמד און ערד יעם שונאים ריזען!
אַשור שיקט זיין גאַנצע מאַכט.
ווי די בליצען דורך דער נאַכט,
לייכטען שווערדען, בלאַנקען שפּיזען,

דאָך אַ פרוי האָט זיך בעוויזען, —
גאָט האָט טיעף אין איהר ערוואַכט.
זי איז פרעכטיג ווי דער שרון,
צום בעזיעגען נאָר געבאָרען,
ציון'ס שענסטע, זיסטע בלום:
לייב און זעעלע אָהן אַ מום.

אַנ'אַלמנה איז די שענע,
און זי איז בערידמט אין שטאָדט.
גאַנץ מיט מענשען און מיט גאָט.
אין יהודה איז זי איינע:
שען און רייך, און פרום ווי קיינע,
און איהר וואָרט איז אַ געבאָט.
זייט זי איז אַליין געבליבען,
וויינט זי איך איהר מאַן דעם ליעבען,
האָט די וועלט פאַר איהר קיין ווערט,
און זי נייגט איהר קאָפּ צו דר'ערד...

איינזאַם זיצט זי אין איהר חדר,
זי דערווייטערט זיך פון פוץ.
קיין זאַך האָט פאַר איהר קיין נוץ.
פיעל בריליאַנטען, רייכע קליידער,
דאָך פאַר וועמען? ליידער! ליידער!
זי געניסט ניט פון איהר גוטס.
איצטער קלאָגט די גאַנצע אומה,
און יהודית קלאָגט, די פרומע!
שוין בעשלאָסען איז דער בראָך:
אָנצונעהמען אשור'ס יאָך.

*

עס שטעהען די זקנים
און קוקען צעשראָקען,
און שאָקלען די קעפּ
מיט די זילבערנע לאָקען,
און קוקען פערפינסטערט
אַרונטער צו דר'ערד:
„ווי ברעכט מען אַ אומה?
ווי גיט מען זיך אונטער?“
עס פאַלען די טרעהרען
די הייסע אַרונטער
און ווערען פערלאָרען
ביי זיי אין די בערד.
עס סטראַשעט דער שווערד!

עס קומען פערוויינטע
כהנים געגאַנגען,
עס קרעכצען לויים
פערצאָגטע געזאַנגען:
„דער דורשט און דער הונגער“ —
אַ שרעקליכער האָר!
עס געהמען די העלדען
אומזיסט די כלי־זיין:
זיי וועלען דאָס לאַנד מעהר
ניט קענען בעפרייען.
עס רייסען די פרויען
פון קאָפּ זיך די האָר:
די ענדע איז קלאָר!

און עוזיה, דער עלטסטער,
פון בתול קומט צו רייטען;
דעם גאַנג פון זיין פערד
קען דער עולם פון ווייטען, —
ער קומט אָן, דער זקן,
מיט נייעס פון דער שלאַכט:
„מיר זענען פערלאָרען;
דאָך מוז עס געוועהרען,
נאָך עטליכע טעג, און —
וועט גאָט אונז ניט הערען,
דאַן מוזען מיר פאַלען,
דאַן זינקט אונזער מאַכט
אין אייביגע נאַכט.“

*

גליווערענדיג ווי די שטיינער,
ריהרט דאָס פאָלק זיך ניט פון אָרט,
קיינער וואַגט צו רעדען, קיינער!
און עס כליפען נאָר די ווייבער....
פלוצלונג הילכט אַ שטאַרקעס וואָרט:

„פאַלען אָדער טריאומפירען
זאָל דאָס אויסדערוועהלטע לאַנד!
ווילט איהר אונזער גאָט פרובירען,
אויב ער קען מלחמה פיהרען?
אויב עס דיענט איהם נאָך זיין האַנד?

„ווייסט איהר דען ניט, אַז זיין בויגען
גילט איהם איצט נאָך ווי אַמאָל?

הויבט נאָר אויף צו אידם די אויגען:
ער וועט העלפען, איהר וועט זויגען, —
וואונדער טהוט ער אָדן אַ צאָדל.

„האָט ער ניט דעם ים געשניטען
און געפיהרט בעפרייטע קנעכט?
איז ער ניט פאָראויס געריטען,
וואו מיר האָבען נאָר געליטען,
און געהיט אונז דורך די נעכט?

„וואָס איז אַשור מיט זיין גבורה
און די מאַכט פון אַ טיראַן?
וואָס האָט היל ביי אידם אַ צורה?
קוקט ער נאָר — איז זייער קבורה,
און זיי זענען נישט פאַרהאַן.
איך בין נאָר אַ הויב אַ שוואַכע,

„דאָך מיין פאַנצער איז מיין גאָט!
פאַר מיין לאַנד פערלאַנג איך ראַכע. —
טיעפער, העכער, גייסטער פלאַכע!
האַנד אין האַנד, אויף גאָט'ס בעראָט.

„גאָט האָט מיר געשיקט אַ זינען,
און זיין ליכט איז אין מיין בליק.
די געדאַנקען מיינע שפינען...
וואַרט, איך וועל זיך דאָ געפינען.
האָפט צו גאָט, איך קום צוריק...

„וואו איך גייע, דאַרף איך ניט זאָגען,
דאָס פערבלייבט מיט מיר אַ סוד!
נאָר ניט וויינען, ניט פערצאָגען:
גאָט איז שטאַרק, מיר וועלען שלאָגען. —
איך פערלאָז אצונד די שטאָדט.

„שטיל, דער קאַמפף פערלאַנגט קיין טרויער. —
זעהט, מיין ברוסט איז פעסט ווי שטאָל! —
הייסט מיר עפענען דעם טויער!
שטעהט און וואַרט נאָך קורצען דויער,
און איהר הערט צוריק מיין קול...."

און יהודית איז אַנטשוואונדען,

נאָר דאָס פאָלק האָט גלייך געקניעט:
„אמת רעדט איהר צונג, קיין ליעגען!
געה, געבענשטע, דו וועסט זיעגען, —
געהם א דייסע ברכה מיט”.

*

אויף אַ בעט פון גינגאָלד
מיט אבנים טובות
ליעגט דער העלד הלופרנש
פירסטליך אויסגעצויגען.

מירטען איהם צוקאָפּענס,
רויזען צו די פיס איהם;
הונדערט דיילדען וואַכען,
און מיט גאָלד'נע פעכערס
שטעהען די סריסים.

פון די אויגען שטראַהלט איהם
גבורה, שטראַהלט נצחון, —
ער איז אשור'ס אָרעם,
שטעדט האָט ער פער'מדבר'ט,
פעסטונגען געבראָכען.

„מאָרגען פאַלט יהודה!” —
מורמעלט קאַלט דער קריעגער
און בעטראַכט זיין דעגען
מיט געשאַרפטע בליקען,
ווי אַ ווילדער טיגער.

„מאָרגען פאַלט יהודה,
און זיין בלוט וועט גיסען,
ווי די שנעלע וועלען
פון דעם אַלטען ירדן,
וועלכע אונטען פליסען.

„מאָרגען פאַלט יהודה,
און זיין בלוט וועט רינען...
מיטלייד וועט ער בעטען,
אשור וועט ער הערען,
זיינע געטער דיענען...”

*

פערעל אין די האָר און
גינגאָלד אין די קליידער,

שטעהט יהודית שטראַהלענד
אין הלופרגש׳ס הדר.

דריי מעת לעת פערגאַנגען,
זייט זי איז געקומען, —
זי האָט איהם געפאַנגען,
זי האָט איהם גענומען.

אין דעם שונא׳ס לאַגער
שטעלט זי איין דאָס לעבען;
פּלענער איהם געוויזען,
עצות איהם געגעבען...

און דער העלד, — אַ גלויבער,
רעדט צו איהר מיט גוטען.
ס׳הערשט איין איהם איהר צויבער,
ס׳ברענען איהם די בלוטען...

ווייגען הייסט ער ברענגען,
טייערע געטראַנקען,
און אַ זינד פערבאָרגען
ליעגט אין זיין געדאַנקען...

און ער טרינקט אַלץ מעהרער
אום זיין בראַנד צו שטילען,
דאָך זיין זינד ווערט שווערער,
און ער הויבט אָן ציעלען:

„געהט, פערבלייבט דאָ קיינער,
לאָזט מיך, שוואַרצע ראָבען!
לאָזט מיך מיט דער שענער!
לאָזט זיך מיך דערלאָבען!“....

און יהודית שמייכעלט,
קיהלט זיך מיט איהר פעכער,
און זי גיסט מיט שכל
בעכער איהם נאָך בעכער...

שוין בעפאַלט אַ דרעמעל
דעם בערוישטען טינער:
„גרויסער גאָט אין הימעל,
דיי ישראל׳ס זיעגער!“

זי וויל ער דערגרייכען,
ווייַן האָט ער געטראָפען,
און ער איז געפאַלען,
און איז אײַנגעשלאָפען....

. . . .

שאַרף איז דער שווערד און געשליפען,
זי האָט איהם ערגריפען!

טרעט זי צום בעט מיט אַ שרעקען,
זי זאָל איהם ניט וועקען:

„ער זאָל מיין פאָלק ניט פערדאַרבען,
דער שונא זאָל שטאַרבען!"

איצטער פערשליסט זי די טהירען,
מען זאָל ניט דערשפירען!

נעמט זי דעם אויער צום הערען, —
אַ סוף זאָל דאָס ווערען!
ס'בליצען די אויגען און שטראַהלען...
אַ קאָפּ איז געפאַלען!

. . . .

דאָפּעלט פינסטער איז די נאַכט,
און דורך אַשור'ס שוואַרצע רייהען
געהט אַ פרייד צו הײַלען וועהען,
געהט יהודית שטיל און זאַכט
בערג אויף, בערג אָב,
טראָגט אַ קאָפּ.

פינסטער שוועבט זי דורכ'ן פעלד,
מיט אַ מורא, מיט נצחון!
אַשור'ס יחוס איז געבראָכען:
טויט איז זיין געוואַגטער העלד.

„מאַכט מיר אויף דעם טויער גיך.
עפענט, שוועסטער! עפענט, ברידער!
גאָט איז גרויס, ער ברענגט מיך ווידער, —
דאָס בין איך! בין איך! בין איך! —
בעגריסט דעם פריינד
און יאָגט דעם פיינד!"

ש. פרוג.

דעם שמש'ס טאכטער.

(באַלאַדע).

1.

שטיל און פינסטער איז געווען
אין דעם אַלטען ענגען שטיבעל,
וואו געלעגען און געשלאָפען
איז דער אַלטער גראָהער שמש.

שטיל און רוהיג שלאָפט דער שמש,
און אין שלאָף דערהערט ער עפּעס
שווערע טריט, ווי פון אַ קרומען,
וועלכער געהט אַרום אויף קוליעס.

און דערשראָקען און פערוואונדערט
האָפּט זיך אויף פון שלאָף דער שמש;
ער צינדט אָן דאָס אַלטע לעמפּעל, —
און וואָס זעהט ער? — גאָט, דו ליעבער!

ער דערזעהט: פון וואַנד צו וואַנד
געהט אַרום אַליין זיין שטעקען...
אוי, דאָס איז אַ שלעכטער סמן, —
אַז אַ גוסס איז אין שטעדטעל...

אין דעם אויגענבליק, דערהערט ער,
שרייט זיין טאָכטער: „גיכער, טאַטע,
וועק דעם עולם! אונזער רבי,
אונזער רבי איז פאַרביי!“...

2.

נאָך ביי־נאַכט פון שטוב צו שטוב
געהט און קלאַפּט דער אַלטער שמש...
אָבער וואָס איז דאָס מיט דבורה'ן,
מיט דעם אַלטען שמש'ס טאָכטער?

דבורה זיצט ביי'ם טיש, און הייסע,
טרעהרען קאַפּען פון די אויגען;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפּטשעט:
„אַך, דער רבי איז פאַרביי!

הייל איהם, העלף איהם, גאָט דו ליעבער!“...
הייס און ערנסט, ווי אַ טאָכטער,

האָט פֿון קינדהייט ליעב דעם אַלטען,
קראַנקען רבֿ די יונגע דבֿורה.

ווייל דער אַלטער מורה־צדק
האָט דאָס קינד אויך ליעב געהאַט,
ווי אַן אייגענע: פֿלעגט ריפֿען
אַלע שבת זי אינאיינעם

מיטן שמש ברכה מאַכען,
האָט זי אויסגעלערנט דאַווענען,
אויך געלערנט שרייבען, לעזען,
ליעבליך זאָגענדיג דערביי:

„לערן, דבֿוריקע, לערן, טאָכטער,
און דו וועסט, אם ירצה השם,
ווערען גרויס און קלוג ביי ידען,
גלייך מיט דבֿורה הנביאה“...

און זי זיצט ביים טיש, און הייסע
טרעהרען טריפֿען פֿון די אויגען;
בימער ווייגט זי, ווייגט און שעפּטשעט:
„הייל אידם, העלף אידם, ליעבער גאָט!“...

3.

אין בית־מדרש שטעהט דער עולם;
גרויס און קליין געקומען אַלע
תהלים זאָגען, וויינען, בעטען
צו דעם בורא... נאָר עס העלפֿט נישט.

שוין פֿון וואַקס אַ ליכט אַ גרויסע,
אַקוראַט די מאָס פֿון קראַנקען,
אויסגעגאָסען, אין תכריכים
אָנגעטהאָן און, ווי דער מנהג

איז ביי ידען פֿון פּאַרצייטען,
זי בעגראָבען אין אַ קבֿר,
ווי אַ בר־מנן... עס העלפֿט ניט,
אַלץ פֿערפּרובט און אַלץ אומזיסט...

אמת, איינס נאָר איז געבליבען,
איינס נאָר: יעדער פֿון דעם עולם
זאָל אַוועקשענקען אַ חלק
פֿון זיין לעבען פֿאַר דעם חולה, —

מענער, ווייבער, קינדער, זקנים,
ווער א טאָג און ווער א חדש, —
דאָס פערשרייבט מען אויף א צעטעל
און פערשליסט אין אָרון־קודש...

4.

אַז צום אַלטען שמש'ס שטיבעל
איז מען מיט דעם כּתבֿ געקומען,
האָט זיין טאָכטער די נבֿאים
אָבגעשטעלט און שטיל און רוהיג

זיי געזאָגט: „פערשרייבט, איך בעט אייך".
„וויפיעל, דבֿורה, שענקסטו?" — „וויפיעל?
אַך, מיין גאַנצעס, גאַנצעס לעבען!...
יאָ, פערשרייבט: איך שענק אַוועק

איהם מיין גאַנצעס לעבען!" — „דבֿורה, —
האָבען זיי זי אָנגעהויבען
אָבצורייידען, — נאַריש קינד,
ווי געשיקט זיך?"... אָבער אַלע

טענות האָבען ניט געהאָלפען,
ניט געהאָלפען האָבען דאָ
אויך דעם אַלטען טאַטענ'ס בעטען,
זיינע רייד און זיינע טרעהרען, —

און פערשריבען האָבען זיי
מיט איהר חתימה אין דעם צעטעל,
ווי זי האָט פון זיי געפאָדערט:
„ד בֿ ו ר ה   ש ע נ ק ט   א י ה ר   ג א נ צ ע ס   ל ע ב ע ן".

און בשעת דער שליח
האָט דעם כּתבֿ אין שול געבראַכט
און פערשלאָסען איהם אין אָרון,
אין דעם זעלבען אויגענבליק

איז דער חולה אויפגעשטאַנען,
ווידער פריש, געזונד און יונג,
און די אונגליקליכע דבֿורה,
דאָס אונשולדיג ריינע קינד.

איז דעם זעלבען טאָג געקומען
אין איהר רוה... דער אַלטער טאַטע

האָט זי ערגסט, היים בעווייגט
און געזאָגט דעם ערשטען קדיש;

אויף איהר הערליכער לויה
איז געווען דער גאַנצער עולם
און געווינשט פון פולען הארצען
איהר אַ ליכטיגען גן־עדן...

5.

שטיל און רוהיג געהט די צייט
אין דעם קליינעם, שטילען שטעדטעל.
מענשען לעבען, האָבען קינדער;
קינדער ווערען יונגע לייט,

וואַקסען, ווערען אַלט און שטאַרבען;
אויף דעם אַלטען בית־הקברות
זענען דאָ פיעל נייע קברים.
וואָס־זשע מאַכט דער אַלטער רב?

דאַנקען גאָט, ער לעבט אין פריעדען,
לערנט תורה, פסקנ׳ט שאלות.
ער געדענקט דאָס ליעבע קינד,
ער געדענקט די טויטע דבורה,

ער פערגעסט ניט יעדען יאָהר־צייט
קויפען ליכט און זאָגען קדיש.
און אַזוי געהט שטיל און רוהיג
טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר.

6.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פאַר. ער ווערט ניט עלטער,
אָבער טרויעריג ניט זעלטען
זעהט ער אויס; דערצעהלט ניט קיינעם,

וואָס ער פיהלט און וואָס ער טראַכט.
און עס ווייסט פון דעם נישט קיינער.
אַז ביי־נאַכט, בשעת ער
זיצט און לערנט, ווי געוועהנליך,

הערט זיך איהם אַ פרויען־שטימע:
זיסע ליעדער, ליעבע ליעדער
קלינגען, פליסען פון דער ווייטען,
און פאַר זיינע אַלטע אויגען

שטעהט אַ בילד... אַך, ער דערקענט,
ער דערקענט דאָס זיסע פּנים
פון זיין תּלמידקע — פון דבורה׳ן,
און ער בעט זי: „זיי מיר מוחל!

זיי מיר מוחל, ליעבע טאָכטער,
וואָס דורך מיר ביזטו נעגאַנגען
פון דער וועלט... ווען דו וואָלסט לעבען,
וואָלסטו איצט געווען אַ כּלה“...

7.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פאַר, און איינמאָל הערט ער
אַ געשריי פון אַ יולדת...
און ער וויינט, בעגיסט מיט טרעהרען

די גמרא... „זיי מיר מוחל! —
בעט דער זקן, — ליעבע דבורה,
אַז דו וואָלסט געבליבען לעבען,
וואָלסטו איצט געווען אַ מוטער“...

און אַזוי אויך יעדע נאַכט
הערט זיך אידם איהר יונגע שטימע —
זיסע, ליעבע וויעגען־ליעדער
זינגט ביי־נאַכט די טויטע מוטער...

8.

דרייצעהן יאָהר געהט פאַר... ער הערט,
ווי איהר זוהן, שוין אַ בר־מצוה,
זאָגט אַ גרויסע, שענע דרשה...
„ער וואָלט זיין אַ גרויסער למדן!

טראַכט דער רבּ, — און וויפיעל פרייד
וואָלט געהאַט פון אידם די מאַמע!“
ווייטער הערט ער — כּלי־זמר שפּיעלען:
פיעדלען, טאַצען און קלאַרנעטען

קלינגען, זינגען פון דער ווייטען...
„זי מאַכט חתונה אַ טאָכטער, —
טראַכט דער אַלטער, — צו דער חופּה
פיהרט זי איצט די טויטע מאַמע“...

9.

און פון דעמאָלט אָן טאָג־טעגליך
הערט און פיהלט און זעהט דער זקן

יעדן צושטאַנד פון איהר לעבען
און ער זיינט מיט הייסע טרעהרען,

און ער בעט דעם בורא-עולם:
„גיב מיר, גאָט, איך זאָל דערהערען
איהר געוויין, איהר ביטער זיפצען,
איהרע טרעהרען זאָל איך זעהן —

האָטש די איינציגע נחמה
זאָל איך האָבען, אז אין לעבען
האָלט זי איך געליטען צרות,
זאָלט זי אומגליק איך געפיהלט

און עס זאָלט ביי איהר געוועזען
האָטש איין-איינציגע מינוט,
ווען זי וואָלט די וועלט פערשאָלטען
און געוואונשען זיך דעם טויט!"...

10.

נאָר אומזיסט איז זיין בקשה:
זיסע לידער, ליעבע לידער
הערט ער זינגען אין דער פינסטער.
גליקליך וואָלט געווען איהר לעבען —

יענעם שטילע פרייען-לעבען,
וועלכעס גלענצט ניט ווי די זון,
נאָר עס שיינט אָהן ווינד און וואָלקען,
ווי דער העלער מאָרגען-שטערן...

און עס גיסען זיך און גיסען
זיינע טרעהרען טאָג און יאָהרען.
„ליעבער גאָט! — איז ער מתפלל, —
טהו מיט מיר דיין גרויס גענאָד,

אָך, בעפריי, בעפריי מיין אַלטע,
מיין פעריאָמערטע נשמה, —
שטאַרבען, שטאַרבען העלף מיר גיכער,
ליעבער פאָטער, גרויסער גאָט!"...

11.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פאָר, דאָס קליינע שטעדטעל
איז שוין לאַנג א שטאָדט געוואָרען,
א בעקאַנטע, רייכע שטאָדט.

הונדערט מענשען, צעהנדליג זקנים,
וועלכע ער געדענקט אלס קינדער,
ליעגען שוין אויף דעם בית-עלמין,
ער נאר איינער לעבט און לעבט.

נייע צייטען, נייע מענשען,
נייעם לעבען און מנהגים, —
פרעמד און איבריג, ווילד און עלענד
איז דער זקן צווישען זיי.

דונקעל זענען זיינע אויגען,
אויסגעדארט דער גאנצער קערפער,
און ער קלאגט צום בורא-עולם,
וויינט און בעט אויף זיך דעם טויט...

12.

איין געדאנק און איין געפיהל
איז דעם זקן נאר געבליבען:
שטארבען! שטארבען!... און צולעצט
האט זיך גאט אויף איהם דערבארימט:

פינסטער איז געווען די נאכט,
שרעקליך האט געהערשט דער שטורעם,
ווי א קינד געקלאגט, געיאמערט
האט די קאלטע, שווארצע נאכט.

אבגעוועהנט שוין לאנג פון אלע
לעבענס-פריידען, לעבענס-שמערצען —
זיצט דער זקן אין בית-מדרש...
מיט אמאל דערהערט זיך איהם:

א געוויין, א קלאג פון קינדער...
פושקעס קלאפען אין די גאסען
און מען זינגט „אל מלא רחמים"...
— „דאס וואלט זי געשטארבען איצט"!

האט מיט פרייד געזאגט דער זקן, —
„אוים, א סוף צו מיינע שמערצען!...
נעהם מיך מיט, מיין ליעבע דבורה,
אויף די ריינע, וואהרע וועלט"...

*

שטיל און רוהיג האט בעפרייט זיך
פון דעם קערפער זיין נשמה...

און אויף מאָרגען האָט דער עולם
הייס און ערנסט אידם בעווייגט.

יהואש.

די ריינינקייט.

(באַלאַדע).

אין ווינקעל בית־הקברות שטעהט
אַ קבר. וויסט, פערלאָזען.
עס וואַקסען ווילד, עס פלאָנטערן זיך
יאָהר איין, יאָהר אוים די גראָזען.

איהר זוכט אומזיסט „פה נקבר" דאָרט,
עס שטעהט דאָ גאָר קיין שטיין ניט,
דען אונטען ליעגט קיין בר־מנן,
קיין מענשליכע געביין ניט.

און פרעגענדיג, דערוויסט איהר זיך
פון קברות־מאַן דעם אַלטען:
מען האָט צוריק מיט יאָהרען דאָ
אַ ריינינקייט בעהאַלטען.

זי האָט פיעל יאָהרען דורכגעלעבט,
גאָט וויסט, וויפיעל עליות,
ביז פסול זענען מיט דער צייט
געוואָרען די יריעות...

און ס'פוילט דער פאַרמעט אין דער ערד,
דאָך גאַנץ די אותיות זיינען,
און ווען דאָס פעלד אין גאַנץ זיך קליידט
אין שטערען געהמען שיינען, —

דאַן איינציגווייז די אותיות־לעך
אַרויס פון קבר קריכען
און מאַנצען אום אין גרינעם גראָז
ווי פייערדיגע שטריכען.

זיי פלאַטערען און פלאַקערען
אין אָבענדיגען אויר,
ביז יעדער אות געפונען האָט
זיין שכן און זיין חבר.

דאן ריידען זיי אין ווערטער זיך,
אין שירות, ווי פארצייטען,
און פינקלען אין דער שווארצער נאכט
ווי יאהר-צייט-ליכט פון ווייטען.

י. ל. פרץ.

שלום-בית.

(אידיליע).

היים איז א טרעגער.

אז ער געהט דורך דער גאס, איינגעהויקערט אונטער'ן קאסטען סחורה, זעהט מען איהם נישט ארויס; עס דאכט זיך, אז דער קאסטען געהט אליין אויף צוויי פיס... דאס שווערע אטעמען הערט זיך דאך פון ווייטענס!

דאך — אט לעגט ער אב די לאסט, בעקומט זיינע עטליכע גראשען; ער גלייכט זיך אויס, אטעמט שטארק אב, בינדט אב די פאלעס, ווישט זיך אב דעם שווייס פון פנים, געהט גלייך צום ברונען, טהוט א פאר שלינג וואסער און לויפט אין א הויף אריין.

ער שטעלט זיך געבען א וואנד, הויבט אויף דעם ריזען-קאפ אזוי, אז דער שפיץ בארד מיט דער נאז מיט'ן דאשעק פונ'ם היטעל קומען אויס אויף איין שטה.

ער רופט:

— חנה!

פון אונטער'ן דאך עפענט זיך א קליין פענסטערל און א קליין ווייבערש קעפעל אין א ווייסען ציפיק ענטפערט:

— היים??

דאס פאר פאלק קוקט זיך גאנץ צופריעדען אן. די שכנים זאגען: „זיי קעטשקען זיך". היים ווארפט ארויף זיין פעודיענסט, איינגעוויקעלט אין א שטיקעל פאפיער. חנה חאפט עס אין דער לופט: עס איז איהר נישט דאס ערשטע מאל.

— א בריה נפלאה! — מאכט היים, און האט גאר קיין חשק נישט אוועקצוגעהן.

— געה, געה, היים! — שמייכעלט זי, — איך קאן מיך נישט ריהרען פון קראנקען קינד... איך האב צוגעשטעלט דאס וויגעל צום קוימען... מיט דער האנד שויב איך און מיט'ן פוס וויעג איך...

— וואס מאכט עס, געבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאט! און העניע?

— ביי דער נייטארען!

— יוסל?

— אין חדר.

היים לאזט צוריק אראב די בארד, געהט אוועק, און חנה קוקט איהם נאך, ביז ער ווערט איהר פערשוואינדען.

דאָנערשטאָג און פֿרײַטאָג דויערט עס לענגער.

— װיפֿיעל האָסטו דו דאָ אינ׳ם פּאַפּירעל ?— פֿרעגט הנה.

— צװײ און צװאַנציג גראָשען.

— איך האָב מורא, עס איז װעניג!

— װאָס דאַרפֿסטו דו דען, הנה?

— פֿאַר אַ זעקסער שמירעכטס פֿאַר׳ן קינד, פֿאַר עטליכע גראָשען ליכט, חלה האָב איך שױן... פֿלײש אױך, אָנדערטהאַלבען פֿונט... נו — בראָנפֿען אױף קידוש!... הײנט דאַרף מען נאָך עטליכע דרענגלעך!

— דרענגלעך װעל איך דיר שױן שאַפֿען, עס מוז זײַן אױפֿ׳ן מאַרק.

— דאַרף איך נאָך...

און זי רעכענט אױס, װאָס זי דאַרף נאָך אַלץ אױף שבת. סוף כּל סוף בלײַבט: אַז מען קאָן קידוש מאַכען איבער חלה, און אַז אָהן אַ סך זאַכען איז זיך גאַנץ לײַכט צו בעגעהן.

דער עיקר איז — בענש־ליכט, אױך די זאַלב פֿאַר׳ן קינד!

און פֿינדעסטװעגען, אַז גאָט העלפֿט, די קינדער זענען געזונד, די מעשׂענע לײַכטער — נישט פֿערזעצט, בפֿרט, אױב עס איז דאָ נאָך אַ קוגעל,— האָט דאָס פּאָר־פֿאָלק גאָר אַ פֿרעהליכען שבת!

װאָרום חנה איז אַ בריה נפֿלאה צום קוגעל!

שטענדיג פֿעהלט איהר עפּעס: דאָ מעהל, דאָ אײער, דאָ פֿעטס, און צום סוף קומט אַרױס אַ פֿעטער, אַ זיסער, אַ מחיהדיגער קוגעל; ער צע־געהט פּשוט אין אַלע אבֿרים!

— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט הנה און שמײכעלט פֿאַר נחת.

— יאָ, אַ מלאך, אַודאי אַ מלאך! — לאַכט חײם, — דו מײנסט, אַז דו ביזט אַ קלײנער מלאך, אַז דו האַלטסט אױס פֿון מיר און פֿון די קינדער... װיפֿיעל מאָל מהיען זײ דיר אָן צרות, איך װער אַמאָל בײז... נו, איך הער עפּעס אַ קללה פֿון דיר, װי אַנדערע בײַ די װײַבער? און באַשר, דו האָסט אַ סך נחת פֿון מיר? דו און די קינדער געהען נאַקעט און באָרװעס... צו װאָס טױג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבֿדלה, איך קען אַפֿילו נישט רעכט קײן זמירות זינגען...

— ביזט פֿאָרט אַ גוטער טאַטע און אַ גוטער מאַן! — האַלט זיך הנה בײַ׳ם איהריגען, — אַזאַ יאָהר אױף מיר און אױף כּל ישׂראל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָר־פֿאָלק קוקט זיך אין די אױגען אַרײַן אַזױ גוט, אַזױ װאַרעם און אַזױ מיט׳ן גאַנצען האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זײ זענען ערשט פֿון אונטער דער חופּה אַרױס.

עס װערט נאָך פֿרעהליכער בײַ׳ם טיש...

נאָר נאָכ׳ן שלאָף געהט חײם אין קלײנעם שוהלכען אַרײַן הערען תּורה.

דאָרט לערנט אַ מלמד מיט׳ן פּראָסטען עולם „אַלשיך“. עס איז הײס. די פּנים׳ער יענען נאָך פֿערשלאָפֿען; אײנער האַפּט נאָך אַ דרעמעל, דער צװײטער לאָזט אַרױס אַ הױכען געניץ. נאָר ראַפּטים, װען עס קומט צום רעכטען אָרט, מען שמועסט פֿון יענער װעלט, פֿון גיהנם, װאו מען

שמייסט די רשעים מיט אײַזערנע ריטער, פון ליכטיקן גן־עדן, וואו די צדיקים זיצען אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תורה, — דעמאָלט ווערען אַלע אויפ־געלעפט; די מיילער — אָפען, די פּנימ׳ער — ווייס... מען הערט זיך אײַן אָהן אַנ׳אָטעם, וואָס עס וועט זיין אויף יענער וועלט!

היים שטעהט געוועהנליך בײַ׳ם אויוועז. ער האָט טרעהרען אין די אויגען, עס ציטערען איהם די הענד און פיס; ער איז אינגאַנצען אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים: באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפען כּף הקלע, קלויבט שפּענער אין ווילדע וועלדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס בעדעקט איהם דער קאַלטער שווייס... פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אַלע צדיקים: דער ליכטיגער גן־עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור־הבר און אַלע גוטע זאַכען שטעלען זיך איהם פאָר אַזוי לעבעדיג און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיגט, גיט אַ קוש און פערמאַכט דאָס ספר, האַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום, טאַקי ווי פון יענער וועלט.

— אַך, — האַפּט ער שווער דער אָטעם, וואָס ער האָט אײַנגעהאַלטען בײַ דער גאַנצער צייט, — רבונו של עולם! האָטש אַ שטיקעל, האָטש אַ פּיצעל, האָטש אַ בראָקעניו עולם הבא... פאַר מיר, פאַר מיין ווייב און פאַר אַלע מיינע קינדערלעך!

און דעמאָלט ווערט ער טרויעריג; ער פרעגט זיך: „מ׳שטייגט געזאָגט, פון וואָס, פאַר וואָס?...“

איינמאָל איז ער נאָכ׳ן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד.

— רבי, — זאָגט ער, און זיין קול ציטערט, — גיט מיר אַן עצה, איך זאָל זוכה זיין צו האָבען עולם הבא!

— לערן, מיין קינד, תורה! — הערט ער אַ תשובה.

— איך קאָן נישט!

— לערן משניות... עין־יעקב, האָטש פּרק...

— איך קאָן נישט!

— זאָג תהלים!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַוון ערנסט!

— איך פערשטעה ניט, וואָס איך דאַווען!

דער מלמד קוקט איהם אָן מיט רחמנות.

— וואָס ביזט דו? — פרעגט ער.

— אַ טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל, אַלע פאַרנאַכט אין בית־המדרש אַריין אַ פאָר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלען האָבען צו טרינקען...

היים ווערט דערפרעהט.

— רבי, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

אַז דער מאַן זיצט אויף אַ שטוהל אין גן-עדן, איז דאָס ווייב זיין פוס-בענקעלע.

אַז חיים איז אַהיים געקומען הבדלה מאַכען, איז חנה געזעסען און גע-זאָגט „גאָט פון אברהם“. אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט איהם עפּעס אָנגעהאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה, — פּאַלט ער צוריק איהר צו, — איך וויל נישט, דו זאָלסט זיין מיין פוס-בענקעלע... איך וועל מיך אָראָבבויגען צו דיר, איך וועל דיך אויפהויבען און זעצען דיך נעבען מיר. מיר וועלען צוזאַמען זיצען אויף איין שטוהל, ווי אַצונד.... עס איז אַזוי גוט צוזאַמען.... הערסט, חנה, דו מוזט זיצען מיט מיר אויף איין שטוהל... דער רבונו של עולם וועט מוזען בעשטעהן!

דוד איינהאָרן.

אידיליע.

אַ שטילער קלאַפּ אין טהיר, אַ צערטליכער געלעכטער.
אַ שעמעוודיגער קוש, אַ לייכטער דריק אין האַנד.
אַ פענסטערעל אַ קליינס, אַ בוימעלע אַ יונגעס.
אַ ווייכע באַנק פון גראָז, וואָס טוליעט זיך צום וואַנד...

אַ טונקעל-בלאָה געוועלב מיט גינגאָלדענע שטערען.
אין שטילקייט פון דער נאַכט דאָס זשומען פון אַ גריל.
אַ ווייטער רויש, וואָס קומט צו שווימען פון דעם טייכעל.
אַ ווינטעלע אַ שטילס, וואָס גליטשט זיך אויפ׳ן גראָז...

דער ברעג פון האָריזאָנט, וואָס הויבט שוין אָן צו בלייכען.
אַ ווייסער טול, וואָס הילט דאָס ענגע געסעל איין.
אַ לעצטער לאַנגער קוש. אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדען.
און נאָכדעם ווייטע טריט, וואָס קלינגען אָב געדיים...

א. רייזען.

דער בוים.

(נאָוועלע)

עס איז געווען אַ לאַנגע גאַס, ווענינסטענס אין דעם יודישען קליין-שטעדטעל האָט זי זיך גערעכענט פאַר דער לענגסטער. זי האָט פערמאָגט פערציג הייזלעך, אויסער דער „חורבה“, אין וועלכער קיינער האָט שוין זייט צעהן יאָהר ניט געוואוינט. די איינוואוינער פון דער גאַס זענען געווען הילפלאָזע יודען; דער איינציגער גר, וואָס איז געווען אין גאַס, איז אויך געווען אַ האַלבער יוד: גערעדט יודיש, געהאַלטען פון אַ סך יודישע מנהגים, וואָס זענען אַ סגולה צום געזונד, און ער האָט געוואוינט אין אַ יודיש שטיבעל, וואו ביי דער טהיר איז געווען צוגעשלאָגען אַ מזוזה. אַזוי, אַז די יודישע אָרימע

לייט, גערעדנדיג איבער די הייזער, פֿלעגן זיין שטיבעל אויך ניט דורכלאָזען און פֿלעגן אַמאָל האָפֿען ביי איהם — ניט אין אַ יקרות־יאָהר — אַצווי, דריי קאַרטאָפֿעל...

די דאָזיגע גאַס האָט געהאַט צוויי ברונעמס, איינער מיט אַנ,,אַצאַפּ״ און דער צווייטער מיט אַ ראָד (דער ברונעם מיט׳ן ראָד איז געווען אַ שטיקעל נייעס אין גאַס, און די עלטערע יודען האָבען די ערשטע צייט אויף איהם ,,מתרעם״ געווען, נאָכדעם זענען זיי אָבער געוועהנט געוואָרען). אויך האָט די גאַס געהאַט אַנ׳ערוב, צוויי גריבער, וואו די קינדער פֿלעגן זיך אין זאַמד שפּיעלען, און צוויי גאַנץ טיעפֿליכע רינשטאָקען ביי די זייטען פֿון דער גאַס.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז די לאַנגע גאַס, וואָס איז געווען בעזעצט מיט יודען, איז ניט געווען איינגעטונקט אין ביימער. די גאַסיגע יודען, וואָס האָבען אַלע ניט לערנען געקענט, האָבען געוואוסט, אַז אַמאָל, אין ארץ־ישראל, איז יעדער יוד געזעסען אונטער זיין ,,ווינשטאָק״ און ,,פֿייגענבוים״. אויך האָבען זיי געוואוסט פֿון די צעדער־ביימער אין וואַלד לבנון און פֿון נאָך אַנדערע ביימער, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין פּסוק... דאָ אָבער, אין חוץ־לאָרץ, האָבען זיי פֿון ביימער ווייניג געוואוסט; ניט קלאָר פֿערשטאַנען, ווי אַזוי וואַקסט עס אויס אַ בוים. צווישען די חדר־יונגלעך נאָר איז ,,אומגעגאַנגען״ אַ ,,סוד״, אַז אויב מען זאָל פֿערזייהען די קערנדלעך פֿון אַנ׳עפּעל אין דער ערד, קען אין אַ צייט אַרום אויסוואַקסען אַ בוים, נאָר עס איז מעהר ניט געווען ווי אַ קלאַנג, קיין אמת׳ע אמונה האָבען די חדר־יונגלעך דערין ניט געהאַט און האָבען זיך אַפֿילו געפֿוילט צו מאַכען אַ פּרוּף אַיינצוזייהען אַזעלכע קערנדלעך.

און די לאַנגע גאַס האָט טאַקי נאָר איין איינציגען בוים געהאַט, און יעדערען איז געווען אַ וואונדער, ווי אַזוי קומט דער בוים אַהער!

דער בעל־הבית פֿון דעם בוים, חיים־יענקעל דער שניידער, האָט אויך ניט קלאָר געוואוסט, ווער האָט דעם בוים פֿערפֿלאַנצט און ווי אַזוי ער איז אויסגעוואַקסען. זיין טאַטע האָט עס געוויס ניט געטהאָן, ווייל אַז חיים־יענקעל איז נאָך אַ יונגעל געווען, איז שוין דער בוים געווען אַזוי גרויס און דיק ווי איצטער. חיים־יענקעלס ,,נחלה״ איז איהם איבערגעגאַנגען בירושה אודאי פֿון אַ זעקסטען דור. אפשר האָט די נחלה געהערט אַמאָל צו אַ גוי און דער גוי האָט איהם פֿערפֿלאַנצט?

נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זיין, אַזוי צו אַנדערש, די ,,לאַנגע״ גאַס האָט געהאַט אַ בוים און דער בוים איז געווען חיים־יענקעל דעם שניידער׳ס. געוואַקסען האָט דער בוים נעבען שטיבעל, האַרט ביי׳ם פֿענסטער, וואָס האָט צום גאַס אַרויסגעקוקט, און חיים־יענקעל פֿלעגט בשעת נעהען קענען קוקען אויף זיין בוים, וועלכען ער האָט ליעבער געהאַט, ווי אַלעס אין דער וועלט.

אום הערבסט, ווען דער ווינד פֿלעגט בלאָזען, פֿלעגען דעמאָלט די צווייגען זיך שאָקלען און רוישען טרויעריג אין פֿענסטער אַריין, ווי זיי וואָלטען עפּעס אַנ׳אומעטיגע לאַנגאַנדיגע מעשה וועלען חיים־יענקל׳ען פֿערצעהלען, און דעמאָלט פֿלעגט חיים־יענקעל אומעטיג ווערען, די נאָדעל פֿלעגט ווי הועלט אַרויסשפּרינגען פֿון די פֿינגער, ביז ער פֿלעגט זי אינגאַנצען פֿון האַנד אַרויסלאָזען, אַנלעהנען זיך צום פֿענסטער און פֿערטראַכטערהייט אונטערברומען מיט אַ האַלב־צעבראָכענע קול:

אָז בהלך ירמיהו
על קבֿרי אָבֿות !...

און אין שטיבעל פלעגן זיך דעמאָלט הערען ווי שטילע טריט פון מתים...

זומער אָבער פלעגט דער בוים מעהר רושם מאַכען אויף חיים יענקל'ען: „מלאכה" איז געווען ווייניג, צייט צו פאַנטאַזירען — מעהר, און ער פלעגט אין דער לעדיגער צייט ליגען אונטער'ן בוים. די צווייגען פלעגען שטיל, פאַרזיכטיג רוישען, אַ פויגעל פלעגט זיך אַמאָל פער'גנבֿ'נען אויף זיי און טשיריקען, און חיים-יענקעל פלעגט דעמאָלט צומאַכען די אויגען און קלערען און טראַכטען פון עפעס העכערס, ווי שער און אייזען...

אין זומערדיגע שבתים, אַז עס פלעגט היים זיין, פלעגען אַמאָל קומען נאָהענטע שכנים אויסרוהען אונטער'ן בוים נאָכ'ן טשאָלענט.

דאַמאָלס פלעגט חיים-יענקעל האָבען גרויס כבֿוד. עס פלעגט אויך קומען טוביה דער גבֿרא-מלמד, אַ הויכער דאַרער יוד מיט אײַנגעפאַלענע באַקען. טוביה פלעגט רעדען זעהר שטיל, בנעימות'דיג, און חיים-יענקעל האָט איהם זעהר געשעצט.

— וועלען מיר אַביסעלע אָפּרוהען אונטער אייער בוים, ר' חיים-יעקבֿ !— פלעגט טוביה שטיל אָריסריידען, אויסציהענדיג זיך מיט אַ מיעדען שמייכעל אונטער'ן בוים, און גיט קוקען חיים-יענקל'ען אין פנים בשעת ריידען.

— אָך, מיט'ן גרעסטען כבֿוד, ר' טוביה! — פלעגט חיים-יענקעל כמעט ווי אויסשרייען; — מיט'ן גרעסטען כבֿוד! רוהט אייך אָפּ, מהילא-תיתי!

— כי האָדם עץ השדה, — פלעגט טוביה אַריינקומען אין אַ שטימונג, ליגענדיג אונטער'ן בוים, — אַ בוים, ר' חיים-יעקבֿ, איז געגליכען צו אַ מענשען.

און חיים-יענקעל פלעגט אויפהויבען די אויגען, בעטראַכטען די צווייגען פון בוים, דעם שטאַם, ווי ער וואָלט געזוכט אַ'ע'ענליכקייט צווישען אַ מענשען מיט אַ בוים. קיין גרויסע ענליכקייט פלעגט ער ניט געפינען, דאָך פלעגט ער ענטפערן:

— אַוודאי, וואָס דען, ר' טוביה!

— אַ בוים לעבט אָבער לענגער, ווי אַ מענש! — פלעגט ר' טוביה באַלד סותר זיין זיינע ווערטער און פלעגט זיך פאַנאַנדערדוסטען.

געהוסט האָט ר' טוביה לאַנג און שווער, און יעדער הוסט האָט חיים-יענקל'ען אָפּגעקלונגען, ווי אַ שטימע, וואָס רעדט:

— ר' טוביה וועט באַלד שטאַרבען, ער האָט די שווינדזוכט, און דער בוים וועט אונז אַלעמען איבערלעבען....

אויך פלעגט אַ'אַנדער שבת קומען אָפּרוהען אונטער'ן בוים זרח בריינע'ס, דער „נגיד" פון גאַס. געהען בגדים פלעגט זרח ביי אַ צווייטען שניידער, נאָר חיים-יענקעל פלעגט זיך ניט נוקם זיין אָן איהם, זיך ניט בענוצט מיט זיין שטאַרקייט, וואָס ער קען איהם פון זיין בוים אַוועקטרייבען; אדרבא, ער פלעגט איהם זעהר שען צונעהמען, ווי ער וואָלט וועלען דעם נגיד בעווייזען, אַז ער בעשעטעהט ניט אין זיין מלאכה...

— א וואוילער בוים! — פלעגט ר׳ זרח לויבען, בעטראכטענדיג דעם שטאם, — אזא בוים, מען זאל צעהאקען, קען קלעקען אויף א ווינטער היי־צען... מיר איז א ההיש, וואס דו צעהאקסט איהם ניט, חיים־יענקעל?...

חיים־יענקעל פלעגט ווערען אנגעצונדען פון אזא פארלאנגונג: „א חזיר וואלט אלץ וועלען אויפעסען!“ — פלעגט ער אין הארצען טראכטען, נאר ר׳ זרח׳ן פלעגט ער ענטפערן עדעלער:

— מען טאר נישט האקען, ר׳ זרח! מען טאר נישט! עס איז אפילו א זינד צו זאגען אזוינס. א בוים, זאגט ר׳ טוביה, איז ווי א מענש...

— כי האדם עץ השדה! — פלעגט טוביה אונטערזאגען ווי פון שלאף.

— עט, נארישקייט, עס איז נאר א משל!... — פלעגט דער „גביר“ א מאך טהאן מיט דער האנד... — נו, מען דארף א דרעמעל טהאן, וועסט מיך אוועק טהאן א זייגער דריי, וועל איך מיר געהן טרינקען א גלעזעל ווארעמס...

איין חסרון האט אבער דער בוים געהאט: עס האט אויף איהם „פירות“ געוואקסען, און דאס האט איהם און חיים־יענקל׳ען געשאדט.

וואלטען האטש די פירות געווען געראטענע, וואלט דאס אומגליק אפשר ניט אזוי גרויס געווען. חיים־יענקעל וואלט זיך „מרבה הוצאה“ געווען און וואלט געזעהען, אז דער בוים זאל נישט שטעהן אין א „רשות הרבים“, ער וואלט איהם ארומגעצאמט, צו ער וואלט איהם פערדינגען זעליג דעם סאדאווניק, און יענער וואלט זיך שוין אן עצה געגעבען, ווי אזוי צו פערהיטען איהם פון שלעכטע הענד.

האבען אבער אויפ׳ן בוים געוואקסען נאר ווילדע עפעלעך. עסען האט מען זיי ערשט געקענט שפעט אין ווינטער, ווען זיי ווערען, ליגענדיג אויפ׳ן בוידעם, שטארק איבערגעפרוירען. אפילו דאמאלס איז אויך אייף שונאים גע־זאגט זייער טעם, וואס זיי האבען. די גאנצע מעלה פון די עפעלעך, וואס זיי זענען א רפואה צו טשאד, און פריידע, חיים־יענקעל׳ס ווייב, פלעגט טאקי מיט די דאזיגע עפעלעך אבראטעווען דאס גאנצע געזינד, ווען מען פלעגט ווינטער־צייט פון די פרעסלעך די קעפ פערטשאדען...

די גאס־יונגלעך אבער האבען נישט געקוקט, וואס די עפעלעך זענען ווילדע: זייער געלד זענען זיי ווערט געווען... ווארטען, ביז די עפעלעך וועלען איבערפרירען אויפ׳ן בוידעם, זענען זיי דערויף צו היציג געווען, פאר טשאד האבען זיי אויך קיין מורא ניט געהאט, און דעריבער, ווי עס פלעגט קומען אנהויב אלול און די עפעלעך פלעגען בעקומען א געהעריגע צורה, פלעגען זיי יעדען נאכמיטאג, יעדען בין מנחה למעריב בעלעגערען דעם בוים, הארפען אויף די שפיצען צווייגען, וואו די עפעלעך האבען געדיכט געוואקסען, מיט העלצער שטיינער, און מיט גערויש און געפילדער פלעגען זיי אנלעגען פולע קע־שענעס מיט „רויב“...

דערזעהענדיג די מחנה קינדער ביי׳ם בוים, פלעגט חיים־יענקעל אנ־הויבען ציטערען מיט הענד און פיס, ער פלעגט ווי אן אנגעבריהטער ארויס־לויפען פון שטוב, ארבווארפענדיג דאס שטיקעל ארבייט פון דער האנד אויף דער ערד און פלעגט ברומען:

— שקצים, וואָס ווילט איהר פון דעם בוים, איך וועל אייך מכּית זיין! אַוועק'ט!!!

די גאַס-יונגלעך פלעגען זיך לכתּחילה דערשרעקען און מיט אַ געפילדעריי און פייפעריי זיך לאָזען אַנטלויפען. אין אַ וויילע אַרום, אַז זיי פלעגען בעמערקען, אַז חיים-יענקעל איז צוריק אין שטוב אַריין, פלעגען זיי זיך ווידער צוזאַמענקומען און מיט מעהר פרישקייט זיך נעהמען צום בוים...

און דאַמאָלס פלעגט זיך אָנהויבען אַ מלחמה אויף לעבען און טויט, חיים-יענקעל פלעגט שוין אָנהויבען געברויכען „כּלי זין" און מיט אַ שטעקען פלעגט ער זיך לאָזען לויפען, ווי אַ ווילדער טיגער, נאָך דער מחנה יונגלעך; די יונגלעך פלעגען מיט אַ געלעכטער און „הוראַ" זיך לאָזען אַנטלויפען און ווידער קומען צו לויפען...

אַמאָל פלעגט חיים-יענקל'ען די געדולד פּלאַצען און ער פלעגט זיך לאָזען לויפען ווייט, ווייט נאָך די יונגלעך. דאַמאָלס פלעגט ווערען אין גאַס אַ טומעל, יודען מיט בערד, ווייבער און קינדער פלעגען אַהיסלויפען פון די הייזלעך און דערשראָקענערהייט איינער דעם אַנדערען פרעגען:

— וואָס איז דאָס? האַ?...

באַלד אָבער פלעגט זיך דער טומעל ערקלעהרען און איינער דעם אַנדערען בערוהיגען:

— גאָר נישט, גאָר נישט, חיים-יענקעל דער שניידערוק יאָגט זיך נאָך די יונגלעך... אַ שניידורע אַביסעל! פרעג, וואָס זשאַלעוועט ער זיי די עפּעלעך? מעהר ווי בויך-וועהטאָג האָט מען פון זיי ניט.

דערהערענדיג אַזאַ מיאוס'ע מיינונג וועגען זיינע עפּעלעך, פלעגט חיים-יענקעל נאָך מעהר צערייצט ווערען און פאַר כּעס פלעגט ער האַפּען אַ יונגעל און געבען איהם אַ קלאַפּ.

— אוי — אוי! — פלעגט זיך דאָס יונגעל הויך צעוויינען, — פאַר וואָס שלאָגט ער מיך? איך האָב גאָר ניט געריסען...

— בתיה! מען האָט אייער יונגעל גע'הרג'עט! — פלעגט אַ שכנה אָנזאָגען פאַר גוטע פריינדשאַפט וועגען דעם יונגעל'ס מוטער.

— זאָל אייך אַ דונער איינשלאָגען! — פלעגט זיך די מוטער אָנגעהמען פאַר איהר קינד. — וואָס שלאָגט איהר עפּעס מיין קינד. איהר גיט איהם עסען? זאָלען אייך ווערים עסען! הען אַביסעל! ער האָט אַ שטיקעל בוים מיט סם-המות'דיגע עפּעלעך, קאָכט די גאַס!...

און אויף חיים-יענקל'ען פלעגט די גאַנצע גאַס אָנפאַלען און יעדערער פלעגט איהם זידלען און מאַכען צו גלייך מיט דער בלאָטע. „געזעצטע" בעלי-בתּים אָבער פלעגען איהם נאָר זאָגען ווייכען מוסר:

— זאָגט אַליין, ווי שעמט זיך דאָס ניט אַ יוד מיט אַ באָרד צו האָבען אין זינען אַזעלכע נאַרישקייט: בוים, שמוים! דאָס פּאַסט פאַר אַ גוי, ניט פאַר אַ יודען... קינדער — זיי רייסען, זאָלען זיי רייסען! עס האָט עפּעס אַ ווערדע די עפּעלעך? פּע, הלשות!

— מיך אַרט ניט די עפּעלעך, — פלעגט חיים-יענקעל ענטפערן ווי מיט אַ וויינענדען קול, — דעם בוים קאַליעטשען זיי מיר, די צווייגען צעברעכען זיי...

— צווייגען — שמייגען! — פלעגען די געזעצטע בעלי-בתּים ווידער

אָנהייבן מוסר'ן, — נו, זאָגט אַליין, זענט איהר ניט ערגער פֿאַר די קינדער? אַ געשעפֿט האָט איהר! אָט געהט אַהיים און נעהמט זיך צו דער אַרבייט! פֿע, הלשות! אַ ייד מיט אַ באָרד!...

און חיים-יענקעל פֿלעגט זיך נאָך אַזאַ מוסר פֿיהלען, ווי אַ קינד נאָך אַן'אָפּגעטהאָנענער נאַרישקייט. ער פֿלעגט פֿערשעמט אַ קוק טהאָן אויף דעם מוסר-זאָגער, דערנאָך אויף דער אייגענער באָרד, נאַריש אַ שמייכעל טהאָן און זיך לאָזען צוריק אַהיים געהן.

צוקומענדיג נאָך אַזאַ מעשה צום שטיבעל, פֿלעגט זיך חיים-יענקעל שטעלען ביים בוים. אויף דער ערד נעבען בוים פֿלעגען זיך וואַלגערען שטיקלעך אָפּגעבראָכענע צווייגלעך; אין דער הויך, אויפֿ'ן שפּיץ בוים, זענען אַ פּאָר צווייגען געהאַנגען איבערגעבראָכענע און האָבען אויסגעזעהן ווי הרוגים. חיים-יענקעל פֿלעגט קוקען אויף די צעבראָכענע צווייגלעך אויף דער ערד, אויפֿ'ן בוים, קוקען, זיפֿצען און מיט אַ געקלעמטען האַרצען אין שטוב אַריינגעהן...

אַזוי פֿלעגט יעדען אלול ביז אַ שטיק אין הערבסט רוישען די גאַס, און דער איינציגער בוים האָט אין גאַס אַ סך לעבען געבראַכט...

*

עס זענען אַזוי איבערגעלאָפֿען אַ צעהנדליג יאָהרען.

אין די צעהן יאָהר האָבען אַ פּאָר סמנים געלאָזען אין דער גאַס: די חורבה איז צעלעגט געוואָרען לויט דעם בעפֿעהל פֿון אַ נייעם פּריסטאַוו, וואָס האָט געזאָגט, אַז אַזוינע חורבות טאָרען „פּאָ זאַקאָנו" ניט שטעהן; טוביה דער גמרא-מלמד האָט זיך איינמאָל שטאַרק פֿאַנאַנדערגעהוסט, ניט געקענט האַפּען דעם אָטעם און איז אַוועקגעשטאָרבען; זרח דער נגיד האָט געוואָלט ווערען אַ גביר, האָט געקויפֿט דריי הונדערט פּוד טרוקענע יאַגדעס און האָט זיי געהאַלטען אויף „ספּעקולאַציע", דאָט צוגעלעגט זיין אייגענס און האָט נאָך פֿערנומען אַ 25-ער פּרעמיע געלד און איז אַן'אָרימאַן געוואָרען.

און דער בוים אין גאַס איז נאָך אַלץ געשטאַנען, און אום הערבסט, ווען דער ווינד פֿלעגט בלאָזען און די צווייגען פֿלעגען טרויעריג רוישען, פֿלעגט חיים-יענקעל אַלץ אונטערברומען דעם זעלבען ניגון מיט די זעלבינע ווערטער פֿון קינות:

אָז בהלך ירמיהו
על קברי אָבות.

זומער אין אַ לעדיגער צייט פֿלעגט ער נאָך אַלץ ליעגען אונטער'ן בוים און טראַכטען וועגען עפּעס העכערס פֿון שער און אייזען... אלול-צייט פֿלעגט ער אַלץ האָבען צו טהאָן מיט די הדר-יונגלעך, וואָס פֿלעגען קומען בעלעגערען דעם בוים, און די גאַס פֿלעגט אַלץ רוישען און קלאָגען: עפּעלעך, בוים, חיים-יענקעל!...

*

עס זענען אַוועק נאָך עטליכע יאָהר.

אויף טוביה דעם מלמד'ס מצבה זענען שוין אַ פּאָר ווערטער אָפּגעמעקט געוואָרען; זרח דער נגיד איז שוין אינגאַנצען אַן'אביון געוואָרען; פֿריידע, חיים-יענקעל'ס ווייב, איז געשטאָרבען; חיים-יענקעל איז שוין וויים געוואָרען, און דער בוים איז נאָך אַלץ געשטאַנען....

דער בוים איז שוין אָבער אויך ניט דער זעלבער געוועזן.

— עפּעס ווייס איך ניט, וואָס מיט'ן בוים איז געוואָרען? — פּלעגט זיך חיים־יענקעל וועלען אַמאָל אויסרעדען דאָס האַרץ פאַר עמיצען. — עפּעס איז ער ווי איינגעבויגענער געוואָרען, שיטערער די צווייגען און איז גאָר ניט דער, וואָס אַמאָל.

נאָר קיינער פּלעגט איהם ניט ענטפערן. אַ נאַרישער שניידער! דאָט אַליין אַ ג'עסק מיט'ן בוים. ער שמעקט, דאַכט זיך, שוין מיט „קבֿרות־פּלעטלעך", ער וואָלט בעסער תּהלים זאָגען, עפּעס אָנגרייטען!

און חיים־יענקעל האָט מיט זיינע מאַטע אויגען, מיט אַ געקלעמט האַרץ געקוקט, ווי דער איינציגער בוים אין גאַס שטאַרבט אָב צוזאַמען מיט איהם.

— די קינדער האָבען איהם אוועקגעהרג'עט! פּלעגט ער וויינען אין דער שטיל. — דער בוים האַרט, ער שטאַרבט אָב...

און חיים־יענקעל האָט זיך דערמאָנט אָן טוביה עליו השלום'ס ווערטער: כּי האָדם עץ השׂדה...

— אַ למדן אַ ייד געוועזן; אַ שאָד, וואָס ער איז געשטאָרבען.... — פּלעגט חיים־יענקעל זיצען אין אַזוינע מינוטען, פּלעגט זיך אָנלעהנען אָן פענסטער, צוהערען זיך, ווי דער בוים רוישט קוים מיט זיינע עטליכע איבערגעבליבענע צווייגען, און חיים־יענקעל פּלעגט אַריינפאַלען אין אַ שווערער מרה־שחורה...

„אז בהלוך ירמיהו על קברי אבות" — „דעמאלט ווען עס איז געגאנגען ירמיהו אויף די קברים פון די עלטערן" (פון די קינות, וואס מען זאָגט תשעה־באב). מרבה הוצאה זיין — מאכען גרויסע אויסגאבען. רשות הרבים — אג'ארט, וואס פיעלע האבען דערויף רעכט (א גאס, א פלאץ).

שלום עליכם.

רחל'ע און סטעמפּעניו.

(פונ'ם ראמאן „סטעמפּעניו"*)

I.

אין דער שטאָדט מאַזעפּעווקע איז דאָ אַ מאָנאַסטיר, וואָס איז געבויט, ווי מען דערצעהלט, נאָך פון מאַזעפּע'ן. אַ הויכע אַ ווייסע געמויערטע וואַנד רינגעלט אַרום דעם מאָנאַסטיר פון אַלע פיער זייטען און פערנעהמט דריי חלקים פון דער שטאָדט. אין איהר, אין דער וואַנד, פון איין זייט, געפינען זיך די געוועלבען, פון דער אַנדער זייט טיעפע קעלערס, וואו עס איז אַמאָל געוועזן בעהאַלטען, ווי מען זאָגט, דאָס גאַנצע געוועהר פון די היידעמאַקעס און אַצונד לעגט מען דאָרט אָב עפּעל און אַנדערע מינים סחורות; די דריטע וואַנד איז בעוואַקסען מיט דערנער און בעשיצט מיט די הויכע טאָפּאָליעס און אַנדערע בוימער, וואָס געפינען זיך פון יענער זייט וואַנד אינ'ם גרויסען מאָנאַסטירסקען גאָרטען; די פיערטע וואַנד איז הויל און גלאַט, אין פיעל ערטער אָבגעקאָ־לופּעט און אָבגעפאַלען די לעהם מיט די ציגעל, אַזוי אַז עס בעט זיך פער־

*) ערשיענען אין יאָהר 1881

ריכטען שוין לאַנגע יאָהרען. אַנטקעגען געפינען זיך הייזער מיט הייזלעך, הויפען מיט הויפלעך, יודישע און גוי'אישע, און די שמאָלע גאַס, וואָס איז צווישען דער הויכער מאָנאַסטירסקע וואַנד און צווישען די הייזלעך, ווערט אָנגערופען די מאָנאַסטירסקא גאַס.

דאָרט, אויף דער מאָנאַסטירסקע גאַס, אין ווינקעל, וואו עס הויבען זיך אָן די ביימער, איז פאָרגעקומען דאָס ערשטע זעהעניש פון אונזערע ליעבענדע— רהל'ע און סטעמפעניו.

רהל'ע האָט געדאַוונט צייט אַ גאַנצע וואָך און נאָך מעהר דעם גאַנצען טאָג שבת אויף צו קלערען. און אוי וועה, וואָס זי האָט איבערגעלעבט איינ'ם דאָזיגען איינעם טאָג! וואָס פאַר אַ שרעקליכע מלחמה האָט זי אויסגעהאַלטען מיט'ן יצר־הרע... ניין, דאָס וואָרט „יצר־הרע" פּאַסט לחלוטין נישט אַהער: ווי קומט דאָס צו איהר, צו אַזאַ יודיש ווייבעל, צו אַזאַ ערליך ווייבעל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלעזען קיין ראָמאַנען און האָט נישט געוואוסט פון קיין ליעבעס, היץ די מעשה מיט איהר חבר'טע חיה־עטעל עליה־השלום, — ווי קומט דאָס צו איהר יצר־הרע, ליעבע? — נאַרישקייטען! זי זאָל האָבען זיין אַ מיידעל, איז עפּעס אַנדערש: פאָרט, ווי זאָגט מען, אַ פריי פייגעלע, נישט צוגעדעקט דעם קאָפּ, אַ מענשעל פאַר זיך, — אָבער אַ ווייבעל און אַ פרום ווייבעל פון שעינעם גראַד, פון הוילע יחוס! — זי איז געווען אויף זיך אַליין פּלאָפּייעד און האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אָט דאָט זי זיך צוגעלעגט ביי זיך אויפ'ן בעט, אָט האָט דאָס זי אויסגעטראָגען, ווי איינעם, וואָס ליעגט אויף אַ היציג שלאַפקייט, — עס ווערט איהם „מלאָסנע" אויפ'ן האַרצען און עס נודעט איהם אַרויס די נשמה, — ער וואָלט נאָר געלאָפען אין דער וועלט אַריין... רהל'ע חאַפּט זיך אויף און נעהמט זיך נאָר צום טייטש־חומש, זי עפענט אויף די סדרה וישלח און — מערקווירדיג! אידרע אייגען שטעלען זיך אָב אויפ'ן פסוק: „ותצא דינה בת לאה, איז דינה די טאָכטער פון לאה אַרויסגעגאַנגען זעהן די טעכטער פונ'ם לאַנד, האָט זי שכם דער זוהן פון חמור גענומען מיט גוואַלד. ותדבק נפשו בדינה, און שכם האָט זיך בעהעפט אין דינה, דער בחיי שרייבט: שכם האָט איהר איינגערעדט..."

אַזוי האָט רהל'ע אַריינגעקוקט אין איהר טייטש־חומש, וואָס די שווינגער האָט איהר געשענקט נאָך בשעת זי איז געווען אַ כלה, און בישלעכווייז האָט זי אָנגעהויבען צו פערגעסען, אַז זי זיצט איבער'ן טייטש־חומש, און איהרע געדאַנקען האָבען זיך פערטראָגען אַהין, צו סטעמפעניו'ן, אויף דער מאָנאַסטירסקע גאַס אונטער די ביימער, וואו ער האָט איהר צוגעזאָגט וואַרטען — און ער וועט אַוודאי דאָרט וואַרטען... נאָר קוים איז סטעמפעניו געקומען אויף דער מחשבה, אַזוי האָט עס זי געצויגען צו איהם, ווי אַ מאַגנעט, און זי האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז.

„איך וואָלט איהם נאָר געוואָלט פרעגען, וואָס האָט ער צו מיר און וואָס וויל ער פון מיין לעבען האָבען?..."

און דאָ דערמאָנט זיך רהל'ע אָן איהר חבר'טע חיה־עטעל, עליה השלום, ווי זי האָט געבעטען געליטען איבער איהר בנימינ'ען... נאָר חיה־עטעל איז אָבער געווען בנימינ'ס אַנ'אייגענע און איז געווען אַ מיידעל! אָבער זי, רהל'ע, איז דאָך אַנ „אשת איש" (אוי, אוי, וואָס פאַר אַ האַרב וואָרט דאָס איז פאַר אַ

יודישער טאַלמער!) און ער, ווער איז ער? אַ כלי־זמר! וואָס קודר ער זיך מיט איהר אָן, וואָס ער שרייבט צו איהר בריוועלעך? אַ פּאַטעפּאַלגאַסט פון אַ כלי־זמר'יק, אַ העזה אַביסעל פון אַ יונגאַטש!

— די וועלט זאָל זיך קעהרען, — האָט זי ביי זיך אָבגעפּסק'עט, — די וועלט זאָל זיך קעהרען, מוז איך דאָס איהם זאָגען. וואָס האָב איך מורא פאַר איהם? איך וועל זיך זעהן מיט איהם, איך וועל דאָרטען זיין, נישקשה, קיינער וועט מיך נישט זעהן; איך וועל זיך אַרויסכאַפּען אויף אַ מינוט: מ'איז נישט ווייט, אַט באַלד אַט דאָ אַנטקעגען...

און רחל'ע קוקט דורך דעם אָפענעם פענסטער אויף דער מאָנאַסטירסקע גאַס אַרויס און זעהט די ביימער, די הויכע טאָפּאָליעס, ווי זיי שטעהען שטאָלץ, און זי הערט די פייגעל, ווי שען זיי זינגען פונ'ם גאָרטען אַרויס, און איהרע מחשבות טראָגען זיך איינגאַנצען איבער אַהין, וואו שפּעטער מיט אַ שעה אָדער נאָך ווייניגער וועט זי זיך זעהן מיט איהם און וועט רעדען מיט איהם אויג אויף אויג. און זי פיהלט, ווי דאָס הארץ הויבט איהר אָן צו קלאַפּען און צו צאַפּלען און (דעם אמת, דעם אמת מוז מען זאָגען) עס איז איהר גרויס די מינוטען, — זי וואָלט שוין גערן, עס זאָל שוין זיין נאַכט, — דער שווער מיט'ן מאַן וועלען קומען פון שוהל און וועלען אָבמאַכען הבדלה, די שוויגער וועט זיך נעהמען איבערטהאָן און ליאַרעמען מכּה דעם סאַמאָוואַר און מכּה דעם באָרשט צו דער מלוה־מלכה, — און אַט דעמאָלט וועט זי כאַפּען אויף זיך דעם שאַל און אַרויסגעהן פאַמעליך אויף דער טהיר, אַביסעל אויף דער גאַס, אַזוי מעשה־שפּאַציער: ווער וועט זיך דאָס אַרומקוקען אויף איהר? ביז זי וועט קומען אַהין, וואו?... אַך, עס ציטערט אויף איהר דאָס לייב, די בעקלעך פלאַמען איהר און דאָס הארץ — אוי דאָס הארץ! עס פאַלט איהר אָקאָרשט ניט אַרויס, און וואָס ווייטער ציהט דאָס זי אַלץ מעהר אַהין, אַזוי אַז זי האָט שוין מעהר קיין זאַך נישט אין זינען; זי זעהט פאַר זיך קיין זאַך נישט, נאָר די ביימער פונ'ם מאָנאַסטירסקע גאָרטען, נאָר סטעמפּעניו'ן מיט זיינע פלאַם־פייערדיגע אויגען; זי הערט קיין זאַך נישט, אַחוץ דאָס שעֶנע זינגען פון די פייגעל, וואָס דאָרט אין גאָרטען, און דאָס געטליכע שפּיעלען — סטעמפּעניו'ס. אין דער מינוט איז רחל'ע איינגאַנצען איבערגעגעבען צו איין געדאַנק — אַהין צו סטעמפּעניו'ן, מיט סטעמפּעניו'ן, און קיין זאַך אין דער וועלט איז נישט אימשטאַנד זי איינצוהאַלטען אין דער דאָזיגער צייט...

.II

און סטעמפּעניו, קוים איז געוואָרען נאַכט, אַזוי האָט ער די חבֿרה כּלי־זמר אַרויסגע'מ'שלח'ט אויף אַ „זמירות“, האָט קלאָמפּערשט גענומען דאָס פּיעדעלע אונטער'ן אָרעם, בכדי פריידעל, זיין ווייב, זאָל מיינען, אַז ער איז אויך אויף דער חתונה; נאָר, אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט ער דאָס פּיעדעלע איבערגעגעבען מעכצי'ן דעם פּייקלער, און אַליין האָט עס איהם אָוועקגעטראָגען אין דער מאָנאַסטירסקע גאַס אַריין, און אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אונטער דעם שאָטען פון די ביימער, האָט ער זיך אַלע מינוט אָבגעשטעלט, געקוקט

אהין, פון וואנען עס האט בעדארפט אנקומען רחל'ע די שענע, אז זי וועט זיין — דאס איז פאר איהם קיין ספק ניט געווען, דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז יא, ער האט עס גוט ארויסגעזעהן נאך אידרע אויגען, דעמאלט אז זיי האבען זיך געזעהן ביי פריידלען בעת מעסטען די קארעלען.

און סטעמפעניו האט נישט געהאט קיין טעות: עס איז ניט אוועקגעגאנגען קיין פיפצעהן מינוט, האט ער דערזעהן — פון יענער זייט גאס שוועבט איינע מיט א וויס טיכעל אויפ'ן קאפ; זי געהט געשווינד און קוקט זיך ארום אין אלע זייטען. דאס וויסע טיכעל איז איהר אנגערוקט ביז כמעט איבער די אויגען, און עס ציטערען איהר די הענד, די ציידהן אין מויל, האט הארץ אין דער ברוסט און דאס גאנצע לייב; זי קוקט זיך גוט איין, זי בלייבט שטעהן, זי דערזעהט סטעמפעניו'ן און טהוט זיך א לאז צו איהם מיט די ווערטער:

— מיט וואס פאר א העזה, פרעג איך אייך...

— זאג מיר ניט „איהר“, רחל'ע, זאג מיר „דו“... — האט איהר סטעמפעניו געענטפערט און האט זי אנגענומען ביי בײדע הענד און האט איהר אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען אריין. רחל'ע האט דערזעהן אין זיינע אויגען פונקט דעם זעלבען גלאנץ פון די שטערען, וואס האבען אראבגעקוקט אין דער דאזיגער שענער זומער-נאכט פונ'ם טונקעל-בלאהען הימעל... אלע מאזעפעווקער יודען האבען אבגעמאכט הבדלה און האבען געזונגען, ווי דער שטייגער איז, די „אליהו'ס“, געזיפצט און געטראכט, געדארט דעם מה אויף דער וויסטער פרנסה, זיך געוואונשען דעם זכות פון יענעם חסיד, וואס האט געטראפען דאס גליק צו בעגעגענען זיך מיט אליהו הנביא און אבגעבען איהם שלום און אבנעהמען ביי איהם שלום; די מאזעפעווקער ווייבער וואספען אראב די שלייערס פונ'ם קאפ, טהוען אויס די שבת'דיגע קליידער, דאס ציהרונג, און נעהמען זיך צו דער וואכעדיגער ארבייט, מיט איינעם ווארט: מאזעפעווקע איז פערנומען ארויסצובעגלייטען דעם ליעבען שבת קודש, — און קיינעם קומט גאר ניט אויף די געדאנקען, אז אין דער צייט שטעהט רחל'ע הוואסי-מלכה'ס שנור מיט סטעמפעניו דעם כלי-זמר אויף דער מאנאסטירסקע גאס און האבען צווישען זיך א שמועס מכח עפעס גאר נישט קיין יודישע זאכען... נאר די בלאהע שטערען, וואס קוקען אראב מיט זייער גלאנץ, נאר די הויכע מאנאסטירסקע טאפאליעס. נאר די נאכט-פויגלען אינ'ם גרויסען מאנאסטירסקע גארטען, וואס רופען זיך איבער אויף זייער לשון, נאר זיי הערען און זעהען דאס אלעס צו, נאר זיי וויסען, אז אין דער דאזיגער שענער צויבערליכער נאכט אונטער די מאנאסטירסקע בוימער, אויף דער גוי'אישער גאס, אט דא נעבען סטעמפעניו'ן האט זיך רחל'ע געפונען אין אזא מין נייער לאגע, אז זי האט זיך גאר פערגעסען, ווער זי איז און וואס זי איז. דא אויף דער שענער פרעלטיגער נאטור האט זיך רחל'ע געפיהלט אזוי, ווי נאך קיינמאל ניט אין איהר לעבען; דער פחד, וואס איז אויף איהר געפאלען בשעת זי איז אהער געגאנגען האט פלוצים אבגעטראטען פון איהר, און עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז עס זענען ביי איהר אויסגעוואקסען פליגעל און זי איז פריי, ווי א פויגעלע, און קאן פליהען, פליהען... סטעמפעניו האט זיך צוגערוקט צו איהר נעהנטער און האט אנידערגעלעגט זיינע הענד ביי איהר אויף די אקסלען;

רחל'ע האָט אַ ציטער געטאָן, זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון איהם, נאָר זי האָט דאָס ניט געטאָן. זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף סטעמפעניו'ן, און פון איהרע ליכטיגע בלויע אויגען האָבען אַראָבגערונען צוויי טרעהרען.

— וואָס וויינסט דו, רחל'ע? — האָט סטעמפעניו אַ פרעג געטאָן, אָבּווישענדיג די טרעהרען מיט זיינע הענד.

— אַך, סטעמפעניו, עס איז מיר אַזוי גוט אָט דאָ — נעבען... אייך נעבען... דיר, סטעמפעניו! פאַר וואָס בין איך... פאַר וואָס בין איך ניט...

— מיינע — ווילסט דו זאָגען? ביזט מיינע, רחל'ע, ביזט מיינע!

— וואָס הייסט איך בין דיינע, סטעמפעניו? ווי אַזוי קאָן דאָס זיין?

— דו ביזט מיינע, פערשטעהסט דו מיך, האַרץ מיינס, ווייל איך בין דיינער אויף תמיד, אויף אייביג, ביז'ן פינסטערען גרוב, ביז'ן קבר אַריין בין איך דיינער, לעבען מיינס!

— בנימין האָט אויך אַזוי געזאָגט, האָט זיך געשוואוירען — און צום סוף...

— וואָסער בנימין? — האָט זי סטעמפעניו פערוואונדערט אַ פרעג געטאָן, געקוקט רחל'ען אין די אויגען אַריין, ווי מען קוקט אויף אַ קליין קינד, ווען עס זאָגט אַ ווילד נאַרישקייט. — פון וואָס פאַר אַ בנימין רעדסט דו, נשמה מיינע?

— בנימין, חיה-עטעל'ס שטיף-ברודער. מיין חבר'טע חיה-עטעל די יתומה האָט געהאַט אַ שטיף-ברודער, וואָס האָט געהייסען בנימין, האָבען זיי אָבּגערעדט פון לאַנג, אַז זיי וועלען זיך נעהמען; ער האָט איהר צוגעזאָגט, געשוואוירען ביי זיינע הייליגע נאמנות — און צום סוף... אַך, האָט זי געהאַט אַ מיאוס'ן סוף, חיה-עטעל, נעבעך, זי איז שוין לאַנג געשטאָרבען, עליה השלום, לאָז זי מיר מוחל זיין... נאָר בנימין איז ביי איהר געווען דאָס חיות, זי איז אויסגעגאַנגען נאָך זיינע טריט; זי האָט דאָס מיר אַליין דערציילט... זי שטעהט מיר פאַר די אויגען, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז אָט זיצט זי ביים פענסטער, איך זינג איהר ליעדעלעך און זי וויינט און זאָגט אַלץ: „אַי, גלויב זיי ניט, מען טאָר זיי ניט גלויבען, די מאַנסבילען!...“

רחל'ע דערציילט פון איהר חבר'טע חיה-עטעל די יתומה, און סטעמפעניו קושט רחל'ען די הענד, גלעט זי, האַלזט זי, קוקט איהר אין די אויגען אַריין — און רחל'ע דערציילט אַלץ פון חיה-עטעלען, ווי אַזוי זי איז שטילערהייט אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, נאָך איהר ליעבען געטרייען בנימינ'ען....

חיה-עטעל איז שוין געווען פון עטליכע יאָהר טויט, נאָר רחל'ע האָט זי גוט געדענקט, חיה-עטעל איז איהר אָפטמאָל געקומען צו חלום... אַצונד האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז חיה-עטעל שטעהט פון יענער זייט וואַנד אָנגעטאָן אין תכריכים און קוקט אַריבער אַהער און ווינקט צו איהר, אָנווייזענדיג איהר אויף סטעמפעניו'ן און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: וואָס טהוסט דו דאָ?...

— צו וואָס טויג עס דיר, רחל'ע מיין לעבען, צו וואָס טויג דיר רעדען, דערמאָנען אַזעלכע זאַכען און נאָך אַנטקעגען נאַכט? טהו בעסער אַ קוק אויף מיר מיט דיינע שעהנע ליכטיגע אויגען, וואָס לייכטען און בלישטשען, ווי צוויי שעהנע בריליאַנט...

סטעמפעני האָט גאָך ניט אויסגערעדט דאָס לעצטע וואָרט, האָט זיך רחל׳ע אַרויסגעריסען פון זיינע הענד מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז סטעמפעני האָט זיך איבערגעשראָקען פאַר איהר.

— גאָט איז מיט דיר, רחל׳ע, וואָס איז דיר אַזוינס געשעהן?

ער האָט זי געוואָלט האַפּען ווידער אַמאָל, נאָר זי האָט זיך ניט געלאָזט, זי האָט געציטערט און געשעפּטשעט: דו זעהסט? אָן איז זי!.. אָן שטעהט זי!.. אָן קוקט זי אַהער, אַהער...

— ווער שטעהט? וואו שטעהט? וואָס רעדסט דו דאָס, רחל׳ע? נשמה מיינע, קום צו מיר, גאָ דיר אַ האַנד...

— אַי! לאָז מיך, לאָז מיך, סטעמפעניו, לאָזט מיך! איהר זעהט? אָן שטעהט עפּעס אַ ווייס׳ס? אַך, ס׳איז זי, ס׳איז היא עטעל! חיה-עטעל!... אוי, לאָזט מיך, לאָזט מיך!.. מיט וואָס פאַר אַ העזה?.. פרעג איך אייך... אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע...

און רחל׳ע איז פערשוואונדען געוואָרען אין׳ם שאָטען פון די ביימער. סטעמפעני האָט נאָר געקאָנט זעהן, ווי צוויי עקען פון דער ווייסער שאַל, וואָס האָבען זיך צולאָזט פונ׳ם ווינד, האָבען אויסגעוויזען ווי צוויי ווייסע פליגעל. אָט אַזוי ווערט אַנטרונען אַ גוטער מלאך, אָט אַזוי ווערט פערשוואונדען אַ גוטער חלום...

ל. נ. טאָלסטאָי.

אַננאַ קאַרעניגאַ.

זיעבעטער טייל. קאַפּיטעל 28.

געווען אַ לויטערער טאָג. דעם גאַנצען פריהמאָרגען איז געגאַנגען אַ געדיכטער, דראָבנע רעגענדעל, און איצט איז ניט לאַנג געוואָרען לויטער. די אייזערנע דעכער, די פליטעס פון די טראָטואַרען, די שטיינער פונ׳ם ברוק, — אַלצדינג האָט העל געבלישטשעט אַנטקעגען דער מאַיאָווע זון. ס׳איז געווען דריי אַזייגער, די צייט, ווען אויף די גאַסען איז לעבעדיגער, ווי אַ גאַנצען טאָג.

זיצענדיג אינ׳ם ווינקעל פון דער ווייכער קאַרעטע, וועלכע האָט זיך קוים געוויעגט אויף די פעסטע רעסאָרען, בשעת די גראָהע פערד זענען האַסטיג געלאָפען, — האָט אַננאַ ווידער זיך אָנגעהויבען דערמאָנען נאָכאַנאַנד די געשעהענישען פון די לעצטע טעג; דאָ, אויף דער פרישער לופט, וואו די איינדריקען האָבען זיך געביטען אַזוי שנעל, האָט זיך איהר די לאַגע אידרע פאַרגעשטעלט גאַנץ אַנדערש, ווי אין דער היים. איצט איז אַפילו דער געדאַנק וועגען טויט ניט אויסגעקומען אַזוי שרעקליך און אַזוי קלאָר, און דער טויט אַליין האָט זיך ניט געדאַכט אַזוי אונפערמיידליך. איצט איז זי מיט זיך אַליין ניט געווען צופריעדען, וואָס זי האָט זיך נידעריג געמאַכט. „איך בעט איהם רחמים, ער זאָל מיר מוחל זיין. איך האָב זיך אונטערגעגעבען. איך האָב מודה געווען, אַז איך בין שולדיג. צו וואָס? איך קען דען ניט לעבען אָהן איהם?“ און, ניט ענטפערענדיג אויף דער פראַגע, ווי וועט זי לעבען אָהן איהם, האָט

זי גענומען ליייגען די שילדען. „קאָנטאָר און סקלאַד. צאָהן־אַרצט. יאָ, איך וועל דערצעהלען דאָלליין*) אַלצדינג. איהר געפעלט ניט וורָאָנסקי**). מיר וועט דאָס זיין שווער, איך וועל זיך שעמען, אָבער איך וועל דערצעהלען אַלצדינג. זי האָט מיך ליעב, און איך וועל פאָלגען, וואָס זי וועט מיר זאָגען. איך וועל זיך ניט אונטערגעבען, איך וועל ניט ערלויבען, אַז ער זאָל מיך ערציהען. פיליפּאָוו, בולקעס. מען זאָגט, זיי פיהרען טייג קיין פּעטערבורג. דאָס מאָסקווער וואַסער איז אַזוי גוט. און די מיטישטשינער ברונעם און די בלינעס". און זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַמאָל, אַמאָל, ווען זי איז נאָך אַלט געווען זיעבצעהן יאָהר, איז זי געפאָהרען מיט דער מוהמע אין טראָאיצאַ. „מיט דער אַקס אַליין. בין איך דאָס טאַקי געווען, דאָס מיידעלע מיט די רויטע הענד? ווי פיעלעס פון דעם, וואָס ס'האָט זיך מיר דעמאָלט פאָרגעשטעלט אַזוי שען און ערהאָבען, איז איצט געוואָרען נישטיג, און דאָס, וואָס ס'איז דעמאָלט געווען, איז פערשוואונדען אויף אייביג. וואָלט איך דען דעמאָלט געגלויבט, אַז איך וועל דערגעהן צו אַזאַ ערנידעריגונג? ווי שטאָלץ וועט ער זיין און צופריעדען, ווען ער וועט ערהאַלטען מיין בריעף! נאָר איך וועל איהם דערווייזען... ס'אַרא שלעכטען ריח עס האָט די פאַרב. רק זיי פאַרבען און בויען. צו וואָס?". „מאָדעס און דאַמען־קליידער", האָט זי געלייענט. עמיצער האָט זיך מיט איהר געגריסט. דאָס איז געווען אַננושקאַ'ס מאַן. „אונזערע פּאַראַזיטען", האָט זי זיך דערמאָנט וורָאָנסקי'ס ווערטער. „אונזערע? פאַר וואָס אונזערע? שרעקליך, וואָס מען קען ניט אויסרייסען מיט'ן וואָרצעל דאָס, וואָס ס'איז געווען. מען קען ניט אויסרייסען, נאָר מען קען דערשטיקען די ערינערונג וועגען דעם. און איך וועל זי דערשטיקען". און דאָ האָט זי זיך דערמאָנט, דאָס וואָס ס'איז געווען צווישען איהר און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט דאָס אויסגעמעקט פון איהר זכרון. „דאָללי וועט רעכענען, אַז איך פערלאָז דעם צווייטען מאַן, און אַז דעריבער בין איך מסתמא אומרעכט. איך וויל דען זיין גערעכט! איך קען ניט!" האָט זי אַרויסגערעדט, און ס'האָט זיך איהר פערוואָלט וויינען. נאָר זי האָט באַלד גענומען טראַכטען, וועגען וואָס האָבען דאָס געקענט שמייכלען די צוויי מיידלעך. „געוויס וועגען ליעבע? זיי ווייסען ניט, ווי טרויעריג דאָס איז, ווי מיאוס... אַ בולוואַר און קינדער. דריי יונגלעך לויפען, מען שפּיעלט אין פערדלעך. סעריאָזשאַ!***) אי איך וועל פערליערען אַלצדינג, אי איהם וועל איך צוריק ניט בעקומען. יאָ, איך וועל פערליערען אַלצדינג, אויב ער וועט זיך ניט אומקעהרען. אפשר האָט ער פערשפּעטיגט דעם צוג, און איז שוין איצט אין דער הויז. ווידער ווילסטו, מען זאָל דיך בעליידיגען!" האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין. „ניין, איך וועל אַריינקומען צו דאָללין און וועל איהר זאָגען איינפאַך: איך בין אומגליקליך, איך בין דאָס ווערט, איך האָב פערדיענט, נאָר איך בין פאָרט אומגליקליך, העלף

*) דאָלי—דאַריא אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַננאַ'ס שוועגערין, די פרוי פון איהר ברודער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש (סטיוואַ) אָבלאָנסקי. **) גראַף וורָאָנסקי—אַננאַ'ס געליעבטער, מיט וועמען זי האָט געלעבט, זינט זי האָט פערלאָזען איהר מאַן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַרענין.

***) סעריאָזשאַ—אַננאַ'ס צעהן־יעהריגער זוהן, וועלכער איז געבליעבען ביי אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַרענין.

מיר. אָט די פערד, די קאַרעטע — ווי העסליך איך בין אין מיינע אייגענע אויגען, ווען איך זיץ אין דער קאַרעטע — דאָס איז אַלץ זיינס; נאָר איך וועל זיי מעהר ניט זעהן“.

טראַכטענדיג וועגען די ווערטער, וואָס זי וועט זאָגען דאָלליין, און מיט אַ פּיון שיטענדיג זאַלץ אויף די אייגענע וואונדען, איז אַננאַ אַרויף אויף די טרעפּ.

— ס'איז דאָ עמיצער? — האָט זי געפרעגט אין פאָרצימער.

— קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ לעווינאַ*), — האָט געענטפערט דער דיענער.

„קיטי! די זעלבּיגע קיטי, אין וועלכע ווראָנסקי איז אַמאָל געווען פערליעבט!“ האָט אַננאַ אַ טראַכט געטהאָן, „די זעלביגע, וואָס ער דערמאָנט מיט ליעבע נאָך איצט אויך. עס טהוט איהם באַנג, וואָס ער האָט זי ניט גענומען. און מיך דערמאָנט זי מיט האַס, און ס'טהוט איהם באַנג, וואָס ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט מיר“.

אין דער צייט, ווען אַננאַ איז געקומען, האָבען די שוועסטער זיך געישובֿ'ט וועגען דעם, ווי מען זאָל וויגען דאָס קינד. דאָללי איז אַרויסגעגאַנגען עמפּפאַנגען דעם גאַסט, וועלכער האָט גראַד איצט געשטערט זייער שמועס. קיטי האָט זיך ניט בעוויזען.

— אַ, דו ביזט נאָך ניט אָבגעפאָהרען? איך האָב אַליין געוואָלט דיך בעזוכען, — האָט דאָללי געזאָגט, — איך האָב היינט בעקומען אַ בריעף פון סטיוואַ'ן.

— מיר האָבען אויך ערהאַלטען אַ דעפּעש, — האָט אַננאַ געזאָגט און זיך אומגעקוקט, מיינענדיג, אַז קיטי איז אויך דאָ.

— ער שרייבט, אַז ער פערשטעהט ניט, וואָס וויל אייגענטליך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, נאָר ער וועט ניט אַוועקפאָהרען פון איהם אָהן אַן ענטפער**).

— איך האָב געמיינט, ביי דיר איז עמיצער דאָ. קען איך איבערלייענען דעם בריעף?

— יאָ, קיטי, — האָט געזאָגט דאָללי האַלב פערשעמט, — זי איז געבליבען אין קינדער־צימער. זי איז געווען זעהר קראַנק.

— איך האָב געהערט. קען איך איבערלייענען דעם בריעף?

— איך ברענג באַלד. נאָר ער זאָגט זיך ניט אָב; פערקעהרט, סטיוואַ האָפט, — האָט געזאָגט דאָללי, בלייבענדיג שטעהן אין טהיר.

— איך דאַרף ניט, און איך וויל ניט אויך, — האָט געזאָגט אַננאַ.

„וואָס זשע, קיטי רעכענט, אַז ס'איז גידעריג פאַר איהר צו בעגעגענען זיך מיט מיר?“ האָט אַננאַ געטראַכט, ווען זי איז געבליבען אַליין. „אפשר איז זי טאַקי גערעכט. נאָר ניט זי, די וועלכע איז געווען פערליעבט אין ווראָנסקי'ן, וואָלט דאַרף מיר נעדאַרפט אַרויסווייזען, האָטש דאָס איז אמת. איך וויים,

*) קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ לעווינאַ (קיטי)—דאָלליס אַ שוועסטער.

**) אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געדאַרפט געבען אַן ענדגילטיגען ענטפער, צי איז ער מוסכם אויף אַ גט מיט אַננאַ'ן.

אַז מיך אין מיין לאַגע קען אַ אַנשטענדיגע פרוי ניט עמפּפאַנגען. איך ווייס, אַז פון יענער ערשטער מינוט אָן האָב איך איהם אַלצדינג געבראַכט פאַר אַ קרבן. און דאָס איז דער לוין! אָ, ווי איך האַס איהם! צו וואָס בין איך געקומען אַהער? מיר איז נאָך ערגער, נאָך שווערער". זי האָט געהערט פונ'ם אַנדערן צימער די שטימען פון די שוועסטער, וועלכע ריידען זיך איבער. „וואָס וועל איך איצט זאָגען דאָללי'ן? טרייסטען קיטי'ן דערמיט, וואָס איך בין אומ-גליקליך, אונטערגעבען זיך, מכניע זיין זיך פאַר איהר? ניין, אַפילו דאָללי וועט איך ניט פערשטעהן גאָר ניט. וואָס קען איך איהר זאָגען? אינטערעסאַנט וואָלט געווען נאָר צו זעהן קיטי'ן, ווייזען איהר, ווי איך פעראַכט זי, ווי איך בין איצט גלייכגילטיג צו די אַלע זאַכען".

דאָללי איז אַריינגעקומען מיט דעם בריעף. אַננאַ האָט איהם איבער-געלייענט און שווייגענדיג אומגעקעהרט.

— איך האָב דאָס אַלעס געוואוסט, — האָט זי געזאָגט. — און דאָס אינטערעסירט מיך זעהר ווענִיג.

— פאַר וואָס זשע? איך, פערקעהרט, האָף, — האָט געזאָגט דאָללי, קוקענדיג נייגעריג אויף אַננאַ'ן. זי האָט זי קיינמאָל ניט געזעהן אַזוי צעדרייצט, אַזוי מאָדנע איפּגערעגט. — ווען פאָהרסטו? — האָט זי געפרעגט.

אַננאַ האָט, פערזשמורענדיג די אויגען, געקוקט פאַר זיך און ניט גע-ענטפערט.

— וואָס זשע בעהאַלט זיך דאָס קיטי פאַר מיר? — האָט אַננאַ געזאָגט, רויט ווערענדיג און קוקענדיג אויף דער טהיר.

— אַך, ס'אַרא נאַרישקייטען! זי וויגט אַ קינד, און ס'איז ביי איהר ניט אַלעס אין אָרדנונג, האָב איך איהר געראַטען... עס פרעהט זי זעהר. זי וועט באַלד קומען, — האָט דאָללי געענטפערט אונגעשיקט, ניט קענענדיג ריי-דען פאַלש. — אָט געהט זי.

דערהערענדיג, אַז אַננאַ איז געקומען, האָט קיטי פון אָנפאַנג גאָר ניט געוואָלט אַרויסגעהן, נאָר דאָללי האָט זי איבערגערעדט. קיטי האָט זיך גע-מאַכט האַרץ, אַרויסגעגאַנגען און, רויט ווערענדיג, צוגעגאַנגען צו איהר און דערלאַנגט די האַנד.

— עס פרעהט מיך זעהר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערדיג קול.

אין קיטי'ן איז פאָרגעקומען אַ קאַמפף צווישען דעם פיינדליכען געפיהל צו דער פערדאָרבענער פרוי און דעם וואונש צו זיין גנעדיג מיט איהר. נאָר וויבאַלד זי האָט דערזעהען אַננאַ'ס שענעם, סימפּאַטישען פנים, איז די גאַנ-צע פיינדליכקייט תיכף פערשוואונדען.

— איך וואָלט זיך ניט געוואונדערט, ווען איהר וואָלט זיך אַפילו ניט וועלען בעגעגענען מיט מיר. איך בין שוין געוועהנט צו אַלצדינג. איהר זענט געווען קראַנק? יאָ, איהר זעהט אויס פערענדערט, — האָט אַננאַ געזאָגט.

קיטי האָט געפיהלט, אַז אַננאַ קוקט אויף איהר פיינדליך. די דאָזיגע פיינדליכקייט האָט זי ערקלעהרט מיט דער אונבעקוועמער לאַגע פון דער זעל-בינער אַננאַ'ן, וועלכע האָט פריהער געקוקט אויף איהר פון אויבען אַראָב, און זי האָט רחמנות געקראָגען אויף איהר.

זיי האָבען גערעדט וועגען דער קראַנקהייט, וועגען דעם קינד, וועגען סטיוואַ'ן, נאָר, קענטיג, אַננאַ'ן האָט ניט אינטערעסירט קיין זאַך.

— איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דיר, — האָט זי געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פונ'ם אָרט.

— ווען זשע פאָהרט איהר?

נאָר אַננאַ האָט ניט געענטפערט און זיך געווענדעט צו קיטי'ן.

— יאָ, עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איך האָב אײַך געזעהן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל — איך האָב געהערט אַזוי פיעל גוטעס וועגען אײַך פון אַלע זייטען, אַפילו פון אײַער מאַן. ער איז געווען בײַ מיר, און ער איז מיר זעהר געפעלען, — האָט זי, קענטיג, מיט אַ שלעכטער כוונה, צוגעגעבען. — וואו איז ער?

— ער איז אָבגעפאָהרען אין דאָרף, — האָט קיטי געזאָגט און איז רויט געוואָרען.

— גריסט איהם אין מיין נאָמען, אָבער אונבעדינגט.

— אונבעדינגט! — האָט קיטי נאַאיוו איבערגע'חזר'ט, קוקענדיג מיטליידיג אין איהרע אויגען.

— נו, זיי געזונד, דאָללי! — אַננאַ האָט אַ קוש געטהאָן דאָללי'ן, געדריקט די האַנד קיטי'ן און שנעל אַרויסגעגאַנגען.

— די זעלביגע, וואָס פריהער, און אויך אַזוי חן'ודיג, ווי פריהער. זעהר שעהן. — האָט געזאָגט קיטי, בלייבענדיג אַליין מיט דער שוועסטער. — אָבער עפּעס איז זי ווי צעבראָכען. עפּעס דערוועקט זי אַ רחמנות!

— ניין, היינט איז זי גאָר אַנדערש, ווי שטענדיג, — האָט געזאָגט דאָללי. — ווען איך האָב זי בעגלייט אין פאָרצימער, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זי וויל וויינען.

קאַפּיטעל 29 און 30.

אַננאַ האָט זיך געזעצט אין קאַרעטע אין נאָך אין אַ ערגערן צושטאַנד, ווי דער, אין וועלכען זי איז געווען, אַרויספאָהרענדיג פון דער היים. צו די פריהערדיגע ליידען איז צוגעקומען דאָס געפיהל פון בעליידיגונג און פערפרעמדונג, וועלכע זי האָט דייטליך דערפיהלט בײַ דער בעגעגנונג מיט קיטי'ן.

„ווי זיי האָבען דאָס געקוקט אויף מיר, ווי אויף עפּעס אַ שרעקליכע, אונבעגרייפליכע און מערקווירדיגע זאַך. וואָס קען ער דאָס מיט אַזאַ היץ דערצעהלען דעם אַנדערן?“ האָט זי געטראַכט, קוקענדיג אויף צוויי פאַרבייגעהער. „מען קען דערצעהלען אַן אַנדערן דאָס וואָס מען פיהלט? איך האָב געוואָלט דערצעהלען דאָללי'ן, און ס'איז גוט, וואָס איך האָב איהר ניט דערצעהלט. ווי וואָלט מיין אומגליק זי געפרעהט! זי וואָלט דאָס ניט אַרויסגעוויזען; נאָר דאָך וואָלט בײַ איהר דעם גרעסטען פלאַץ פערנומען דאָס געפיהל פון פרייד, וואָס איך בין בעשטראָפט פאַר די יעניגע פערגניגען, פאַר וועלכע זי האָט מיר מקנא געווען. קיטי, די וואָלט זיך נאָך מעהר געפרעהט! ווי איך זעה זי דורך און דורך!...“

געקומען אַהיים, האָט אַננאַ בעשלאָסען פאָהרען צו וראָנסקי'ן, וועלכער איז געווען אין דאָרף בײַ זיין מוטער, איבעררײדען מיט איהם צום לעצטען מאָל

און נאָכדעם פֿערלאָזען איהם אויף אייביג. זי האָט געהייסען שפּאַנען די פֿערד און אַוועקגעפֿאָהרען צו דער סטאַנציע. פֿאָהרענדיג, האָט זי אַלץ געקלערט וועגען איהר לאַגע.

„מיין ליעבע ווערט אַלעמאָל הייסער און איינענערציגער, און זיינע לעשט זיך אויס אַלעמאָל מעהר, אָט דעריבער געהען מיר זיך פֿאַנאַנדער“, האָט זי ווייטער געטראַכט. „העלפֿען איז דאָ ניט מעגליך. פֿאַר מיר איז ער — אַלצדינג, און איך פֿערלאַנג, אַז ער זאָל מיר ווערען איבערגעגעבען אַלץ מעהר און מעהר. און ער וויל אַלץ מעהר און מעהר זיך דערווייטערן פֿון מיר. געוואַקסען איז די נאָהענטקייט צווישען אונז נאָר ביז מיר זענען זיך צונויפֿגעקומען, און נאָכדעם געהען מיר זיך פֿאַנאַנדער אַלץ שנעלער און שנעלער. ענדערען דאָס איז ניט מעגליך. ער זאָגט מיר, אַז איך בין אומגעלומפּערט־אייפֿערזיכטיג, און איך האָב מיר אַליין געזאָגט, אַז איך בין אומגעלומפּערט־אייפֿערזיכטיג; נאָר דאָס איז ניט אמת. איך בין ניט אייפֿערזיכטיג, איך בין אונצופֿריעדען. נאָר...“ זי האָט געעפֿענט דאָס מויל און זיך אַ רוק געגעבען אין דער קאַרעטע מחמת דער אויפֿרעגונג, וואָס ס'האָט דערוועקט אין איהר אַ נייער געדאַנק. „ווען איך וואָלט געקענט זיין עפּעס אַנדערש, ניט נאָר אַ געליעבטע, וועלכע לעכצט מיט ליידענשאַפֿט נאָך זיין ליעבע; נאָר איך קען ניט און וויל ניט זיין עפּעס אַנדערש. און אָט דאָס דערוועקט אין איהם עקעל, און ער אין מיר דערוועקט אַ כעס, און דאָס קען ניט זיין אַנדערש. איך ווייס דען ניט, אַז ער וואָלט מיך ניט גענאַרט, אַז ער האָט ניט קיין אויסזיכטען אויף סאָראָקינאַ, אַז ער איז ניט פֿערליעבט אין קיטין, אַז ער וועט מיר ניט זיין אונטריי? איך ווייס דאָס אַלצדינג, נאָר דערפֿון ווערט מיר ניט לייכטער. אויב ער וועט אָהן ליעבע, נאָר אויס פֿליכט זיין גוט און צערטליך צו מיר, און דאָס, וואָס איך וויל, וועט ניט זיין, — איז דאָס דאָך טויזענד מאָל ערגער, איידער כעס! דאָס איז אַ גיהנם! און אַזוי איז דאָס טאַקי. ער ליעבט מיך ניט שוין לאַנג. און וואו די ליעבע ענדיגט זיך, הויבט זיך אָן דער האַס. די דאָזיגע גאַסען קען איך גאָר ניט. עפּעס בערג, און אַלץ הייזער, הייזער... און אין די הייזער אַלץ מענשען, מענשען... וויפֿיעל מענשען, אָהן אַ שיעור, און אַלע האַסען איינער דעם צווייטען. נו, לאָמיך מיר נאָר אויסמאָלען, וואָס וויל איך, כדי איך זאָל זיין גליקליך. נו? איך בעקום אַ גט, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גיט מיר אָב סעריאָזשאַן, און איך האָב חתונה מיט ווראָנסקי'ן“. דערמאָנענדיג אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש'ן, האָט זי זיך איהם תיכף פֿאָרגעשטעלט מיט אויסעראָרדענטליכער דייטליכקייט, ווי אַ לעבעדיגען — זיינע פֿרומע, לעבלאָזע, אויסגעלאָשענע אויגען, די בלאָהע אָדערלעך אויף זיינע ווייסע הענד, די אינטאָנאַציעס זיינע, דאָס קנאַקען מיט די פֿינגער, און דערמאָנענדיג דאָס געפֿיהל, וואָס איז געווען צווישען זיי און וואָס האָט אויך געהייסען ליעבע, האָט זי אַ ציטער געטהאָן פֿאַר עקעל. „נו, איך וועל בעקומען אַ גט און וועל זיין ווראָנסקי'ס פֿרוי. וואָס־זשע? וועט קיטי שוין ניט קוקען אויף מיר, ווי זי האָט געקוקט היינט? ניין. און סעריאָזשאַ וועט אויפֿהערען פֿרעגען אָדער טראַכטען וועגען מיינע ביידע מאַנען? און צווישען מיר און ווראָנסקי'ן וואָס וועל איך אויסקלערען פֿאַר אַ ניי געפֿיהל? איז דען מעגליך — איך זאָג שוין ניט גליק, אָבער האָטש ניט

קיין לײדען? ניין און ניין!" האָט זי זיך געענטפערט אָהן אַ שום צווייפעל. ניט מעגליך! מיר געהען זיך פאַנאַנדער מיט אונזער לעבען, און איך בין זיין אומגליק, ער מיינער, און איבערמאַכען איז ניט מעגליך ניט איהם, ניט מיך. מ'האָט שוין געפּרופט אַלצדינג, די שרויף האָט זיך אָבגעריבען, עס געהט מעהר ניט. יאָ, אַ בעטלערין מיט אַ קינד. זי מיינט, אַז ס'איז אויף איהר אַ רחמנות. מיר זענען דען ניט אַלע פערבלאָנדזשעט אויף דער וועלט, כדי צו האַסען איינער דעם אַנדערען און דעריבער מאַטערען אי זיך אי יענעם? גימנאַזיסטען געהען — זיי לאַכען. סעריאָזשאַ?" האָט זי זיך דערמאָנט. „איך האָב אויך געמיינט, אַז איך האָב איהם ליעב, און ס'איז מיר אַליין געווען געפעלען מיין צערטליכקייט צו איהם. און אָט האָב איך דאָך געלעבט אָהן איהם, אָט האָב איך איהם דאָך איינגעביטען אויף אַן אַנדער ליעבע און האָב זיך ניט געקלאָגט אויף דעם בייט, כל זמן יענע ליעבע האָט מיך בעפריעדיגט". און זי האָט מיט עקעל דערמאָנט דאָס, וואָס זי האָט גערופען יענע ליעבע. און די דייטליכקייט, מיט וועלכער זי האָט איצט געזעהען איהר אייגען לעבען און דאָס לעבען פון אַלע אַנדערע מענשען, האָט זי געפרעהט. „אַזוי בין איך, אַזוי איז פּיאָטר, אַזוי דער קוטשער פעדאָר, אַזוי דער דאָזיגער סוחר און אַזוי אַלע מענשען דאָרט אין דער לענג פון דער וואָלגאַ, וואוהין עס רופען אָט די פּלאַקאַטען, אַזוי איז אומעטום, אַזוי איז שטענדיג", האָט זי געטראַכט, ווען זי איז שוין צוגעפאָהרען צו דעם נידעריגען בנין פון דער ניזשעגאָראָדער סטאַנציע און איהר אַנטקעגען זענען אַרויסגעלאָפען די טרעגער.

— אַ בילעט ביז אָבּיראַלאָווקאַ? — האָט געענטפערט פּיאָטר*).

זי האָט גאָר פערגעסען, וואוהין און צוליעב וואָס זי פאָהרט, און ס'האָט איהר געקאָסט מיה צו פערשטעהן די פראַגע.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, געבענדיג איהם אַ טייסטערל מיט געלד, און נעהמענדיג אין האַנד דאָס קליינע רויטע רענצעלע, איז זי אַרויס פון דער קאַרעטע.

געהענדיג צווישען פּובּליקום אין זאַל פון ערשטען קלאַס, האָט זי ביסלעכווייז איבערגעקליבען אַלע איינצעלהייטען פון איהר לאַגע און די יעניגע בעשלאָסען, וואָס זי דאַרף אָננעהמען און וואָס זי קען ניט ענטשיידען, וועלכען. האָפנונג און פערצווייפלונג האָבען זיך געביטען און נאָך שמערצליכער געמאַכט די וואונדען פון איהר פערמאַטערטען, שרעקליך פלאַטערדיגען האַרצען. זיצענדיג אויף אַ שטערן-פאָרמיגען דיוואַן און וואַרטענדיג אויפ'ן צוג, האָט זי מיט עקעל בעטראַכט די אַריין-און אַרויסגעהער (אַלע זענען איהר געווען צווידער), און אָט האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי וועט קומען אויף דער סטאַנציע, איהם אָנשרייבען אַ בריוועל און וואָס זי וועט איהם שרייבען, אָט — ווי ער קלאָגט זיך איצט פאַר זיין מוטער (ניט פערשטעהענדיג די ליידען) אויף זיין לאַגע, און ווי זי וועט אַריינגעהן אין צימער און וואָס זי וועט איהם זאָגען. אָט האָט זי געטראַכט ווענען דעם, ווי דאָס לעבען וואָלט נאָך געקענט זיין גליקליך, ווי שמערצליך זי ליעבט איהם און האַסט איהם, און ווי שרעקליך עס קלאַפּט איהר האַרץ.

---

*) דער דינער.

דער גלאק האט געגעבן א קלונג, עס זענען פארביי געגאנגען עפעס יונגע מענער, העסליכע און אונפערשעמטע און איילענדיגע, און דערביי אויפמערקזאמע צום דעם איינדרוק, וואס זיי מאכען; עס איז דורכגעגאנגען איבער'ן זאל אויך פיאטר אין זיין ליווריע און שטיוועלעטן, מיט זיין טעמפען טהיערישען פנים, צוגעגאנגען נעהנטער, כדי צו בעגלייטען זי ביז'ן וואגאן. די טומעלדיגע מענער זענען שטילער געווארן, ווען זי איז פארביי געגאנגען נעבען זיי איבער דער פלאטפארם, און איינער האט וועגען איהר עפעס א זאג געטהאן שטילערהייט דעם אנדערן, געוויס עפעס א מיאוס ווארט. זי איז ארויף אויף דעם הויכען טרעפעל און האט זיך אנידערגעזעצט אליין אין א קופע אויף א שמוציגען דיוואן מיט ספרוזשינעס, וועלכער איז אמאל געווען ווייס. דאס רענצעלע האט א ציטער געגעבן אויף די ספרוזשינעס און געבליבען ליגען. פיאטר האט מיט א נארישען שמייכעל א הויב געטהאן ביים פענסטער זיין היטעל צום געזעגענען, א העסליכער קאנדוקטאר מיט א צינישען פנים האט פערהאקט די טהיר און די קליאמקע. א דאמע, א מיאוס'ע, מיט א טורניור (אננא האט אין איהרע געדאנקען אויסגעטהאן די דאזיגע פרוי און איז דערציטערט געווארן פאר איהר מיאוס'קייט) און מיידעלעך זענען פארביי געלאפען אונטען, לאכענדיג אונגאטירליך.

— בײ קאטערינא אנדרייעוונא, אלץ ביי איהר, ma tante! — האט אויסגעשריען א מיידעלע.

„א מיידעלע — און זי איז שוין אויך צעקאליעטשעט און מאכט פאסקודנע העוויות“, האט געטראכט אננא. כדי ניט זעהן קיינעם, איז זי שנעל אויפגעשטאנען און זיך געזעצט אין דעם אנדערן עק פונ'ם לעדיגען וואגאן, נעבען פענסטער. א אויסגעשמירטער העסליכער פויער מיט א היטעל, פון אונטער וועלכען עס האבען ארויסגעשטארטשעט די פערפלאנטערטע האר, איז פארביי געגאנגען נעבען דעם פענסטער, בויגענדיג זיך צו די רעדער פונ'ם וואגאן. „עפעס דערמאנט מיר דער דאזיגער העסליכער פויער“, האט אננא געטראכט. און דערמאנענדיג זיך דעם חלום, איז זי, א ציטערדיגע פון שרעק, אריבערגעגאנגען צו דער טהיר פונ'ם וואגאן. דער קאנדוקטאר האט געעפענט די טהיר, אריינלאזענדיג א מאן מיט א פרוי.

— איהר ווילט ארויסגעהן?

אננא האט ניט געענטפערט. דער קאנדוקטאר און די אריינגעקומענע האבען ניט בעמערקט הינטער'ן וואל דעם שרעק אויף איהר פנים. זי האט זיך אומגעקעהרט אין איהר ווינקעל און זיך אנידערגעזעצט. דאס פאר פאלק האט זיך געזעצט געגענאיבער, בעטראכטענדיג אויפמערקזאם, אבער אונבעמערקט, איהרע קליידער. אי דער מאן, אי די פרוי האבען אויף איהר געמאכט א שרעקליך פאסקודנע איינדרוק. אננא האט דייטליך געזעהן, ווי נמאס זיי זענען איינער דעם צווייטען און ווי זיי האסען איינער דעם צווייטען. און ס'איז ניט מעגליך געווען ניט צו האסען אזוינע נעבעכדיגע קאליקעס.

ענדליך האט זיך געלאזט הערען דער דריטער קלונג, מ'האט געגעבען א פייף, דער לאקאמאטיוו האט געענטפערט מיט א ראווע, די קייט האט זיך געגעבען א ציה; דער וואגאן, אין וועלכען ס'איז געזעסען אננא, האט זיך

גענומען קייקלען פאַרביי דער פלאַטפאָרם, דער שטיינערנער וואַנד, דעם דיסק, פאַרביי אַנדערע וואַגאָנעס; די רעדער האָבען ווייכער און ריטמישער, מיט אַ לייכטען קלונג גענומען זיך קייקלען איבער די רעלסען; אין פענסטער האָט אַריינגעשיינט די העלע פאַרנאַכטיגע זון, און דאָס ווינטעל האָט געשפּילט מיט'ן פאָרהאַנג. אַננאַ האָט פערגעסען אידרע שכנים און, וויגענדיג זיך לייכט אין וואַגאָן, אָטעמענדיג די פרישע לופט, האָט זי ווידער אָנגעהויבען טראַכטען:

„יאָ, וואו זשע האַלט איך: איך האַלט דערביי, אַז איך קען ניט געפינען אַזאַ לאַגע, וואו דאָס לעבען וואָלט ניט געווען קיין פּיין, אַז מיר אַלע זענען בעשאַפען געוואָרען, כּדי צו מוטשען זיך, און אַז מיר אַלע ווייסען דאָס, און מיר אַלע טראַכטען־צו מיטלען, ווי אָפּצונאַרען זיך אַליין. און אַז מען זעהט דעם אמת, וואָס זשע טוט מען דעמאָלט?“

— אויף דערויף האָט דער מענש פערשטאַנד, כּדי צו בעפרייען זיך פון דעם, וואָס ס'לאָזט איהם ניט רוהען, — האָט די דאַמע געזאָגט (צו איהר מאַן) אויף פראַנצויזיש, קוועלענדיג אַליין פון איהר פראַזע און מאַכענדיג גרימאַסען מיט דער צונג.

די דאָזיגע ווערטער זענען געווען ווי אַן ענטפער אויף אַננאַ'ס געדאַנק.

„בעפרייען זיך פון דעם, וואָס ס'לאָזט ניט רוהען“, האָט אַננאַ איבערגעהערט. און קוקענדיג אויף דעם מאַן מיט די רויטע באַקען און אויף זיין מאָגערע פרוי, האָט זי פערשטאַנען, אַז די קרענקליכע פרוי האַלט זיך פאַר אַ וועזען, וואָס מען פערשטעהט עס ניט, און אַז דער מאַן איז איהר אונטריי און כטאַרעט זיך, זי זאָל טאַקי האָבען וועגען זיך אַזאַ מיינונג. אַננאַ האָט ווי געזעהן איהר גאַנצע געשיכטע און אַלע ווינקעלעך פון זייער נשמה, בעלויכטענדיג זיי מיט איהר ליכט. נאָר אינטערעסאַנטעס איז דאָ ניט געווען גאָר ניט, און זי האָט ווייטער געטראַכט איהר געדאַנק.

„יאָ, עס לאָזט מיך ניט רוהען, און אויף דערויף האָט מען פערשטאַנד, כּדי צו בעפרייען זיך; הייסט עס, מען דאַרף זיך בעפרייען. פאַר וואָס ניט פערלעשען דאָס ליכט, ווען עס איז ניטאָ מעהר אויף וואָס צו קוקען, ווען עס איז העסליך צו קוקען אויף אַלצדינג? נאָר ווי? צו וואָס איז דאָס דער קאָנדוקטאָר דורכגעלאָפען איבער'ן דרענגעל, צו וואָס שרייען זיי, די יונגע לייט אין יענעם וואַגאָן? צו וואָס רעדען זיי, צו וואָס לאַכען זיי? אַלצדינג איז ליגען, אַלצדינג פאַלש, אַלצדינג שווינדעל, אַלצדינג שלעכט!...“

ווען דער צוג איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַנציע, איז אַננאַ אַרויסגעגאַנגען צווישען אַ מענגע אַנדערע פּאַסאַזשירען און, האַלטענדיג זיך פון זיי אָן אַ זייט, ווי פון קרעציגע, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן פלאַטפאָרם, ווילענדיג זיך דערמאָנען, צוליעב וואָס איז זי אַהער געקומען און וואָס האָט זי געוואָלט טהאָן. אַלצדינג, וואָס ס'איז איהר פריהער אויסגעקומען מעגליך, איז איצט געווען אַזוי שווער צו פערשטעהן, בעזונדערס נאָך דאָ, אין דער טומעלדיגער מענגע פון די אַלע העסליכע מענשען, וועלכע האָבען זי ניט געלאָזט צו רוה. דאָ זענען צו איהר אַלעמאָל צוגעלאָפען טרעגער, גרייט צו דינען איהר, דאָ האָבען יונגע לייט זיך אַרומגעקוקט אויף איהר, קלאַפּענדיג מיט די קנאַפּעל איבער די ברעטער פון דער פלאַטפאָרם און רעדענדיג אויף אַ קול, דאָ האָבען פאַרבייגעהער אָפּגעקירעוועט ניט אַהין, וואו מען דאַרף. אַננאַ האָט זיך

דערמאָנט, אַז זי האָט געוואָלט פאָהרען ווייטער, אויב מ'וועט ניט זיין קיין ענטפער, זי האָט דערווייל אָפּגעשטעלט איינעם פון די טרעגער און געפרעגט, צי איז דאָ ניטאָ אַ קוטשער מיט אַ צעטעל צו גראַף ווראָנסקי.

— גראַף ווראָנסקי? פון זיי איז מען דאָ אָקאָרשט געווען. בעגעגענט די פירשטין סאָראָקינאַ מיט דער טאָכטער. און דער קוטשער ווי זעהט אויס?

אין דער צייט, ווען זי האָט גערעדט מיט דעם טרעגער, איז דער קוטשער מיכאַילאַ, אַ רויטער, אַ פרעהליכער, אין אַ בלאָהען רעקעל און מיט אַ קייטעלע, ווי אַ פראַנט, קענטיג שטאָלץ דערמיט, וואָס ער האָט אַזוי גוט ערפילט דעם אויפטראָג, אונטערגעגאַנגען צו איהר און דערלאַנגט אַ צעטעל. זי האָט עס געעפענט, און דאָס הארץ האָט איהר פערקלעמט, נאָך איידער זי האָט איבערגעלייענט.

„עס טהוט מיר לייד, וואָס דער צעטעל האָט מיך ניט געטראָפען. איך וועל זיין צוריק אַ זייגער”, האָט געשריעבען ווראָנסקי מיט אַ נאָכלעסיגער האַנדשריפט...

„יאָ! דאָס האָב איך ערוואַרטעט!” — האָט זי זיך געזאָגט מיט אַ בייזען שמייכעל.

— ניט, פאָהר זשע אַהיים, — האָט זי שטיל געזאָגט מיכאַילאַ'ן. זי האָט גערעדט שטיל, ווייל דאָס שנעלע קלאַפּען פון איהר הארצען האָט איהר ניט געלאָזט האַפּען דעם אָטעם. „ניין, איך וועל זיך ניט לאָזען מוטשען”, האָט זי אַ טראַכט געטהאָן מיט אַ דראָהונג, וועלכע איז געווען געווענדעט ניט געגען איהם, ניט געגען זיך אַליין, נאָר געגען דאָס, וואָס ס'האָט זי געמוטשעט, און זי האָט זיך געלאָזט געהן איבער דער פּלאַטפאָרם פאַרביי דער סטאַנציע.

צוויי דיענסט־מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרמע, האָבען פערדרעהט די קעפּ, קוקענדיג אויף איהר, ריידענדיג עפּעס צווישען זיך וועגען איהר מלבוש: „עכטע”, האָבען זיי געזאָגט וועגען די שפּיצען, וואָס זענען געווען אויף איהר.

די יונגע לייט האָבען זי ניט געלאָזט צו רוה. זיי האָבען איהר אַריינגעקוקט אין פּנים און לאַכענדיג געשריען עפּעס מיט אַ אוננאַטירליך קול, פאַרבייגעהענדיג נעבען איהר. דער שעף פון דער סטאַנציע האָט, פאַרבייגעהענדיג, געפרעגט, צו פאָהרט זי. דאָס יונגעל, וואָס פערקויפט קוואַס, האָט פון איהר ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגען. „גאָט מיינער, וואוהין?” האָט זי געטראַכט, געהענדיג אַלץ ווייטער און ווייטער איבער דער פּלאַטפאָרם. ביים עק האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. די דאַמען און קינדער, וואָס האָבען בעגעגענט אַ הער אין ברילען און האָבען הויך געלאַכט און גערעדט, זענען אַנטשוויגען געוואָרען, בעקוקענדיג זי, ווען זי איז דורכגעגאַנגען נעבען זיי. זי האָט אָנגעהויבען געהן גיכער און איז אָפּגעטרעטען פון זיי צום ראַנד פון פּלאַטפאָרם. ס'איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פראַכט־צוג. די פּלאַטפאָרם האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען, און איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי פאָהרט ווידער.

זי האָט זיך דערמאָנט דעם מענשען, וואָס איז צעקוועטשט געוואָרען אין דעם טאָג פון איהר ערשטער בעגעגניש מיט ווראָנסקי'ן, און זי האָט פּלוצלונג פערשטאַנען, וואָס זי דאַרף טהאָן. מיט שנעלע, לייכטע טריט האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט איבער די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט פון דעם וואַסער־טורעם צו

די רעלסען, און זיך אָבגעשטעלט האַרט נעבען דעם פאַרבייגעהענדיגען צוג. זי האָט געקוקט אויף דער אונטערשטער זייט פון די וואַגאָנעס, אויף די שרויפען און קייטען און אויף די הויכע טשוגונענע רעדער פון דעם לאַנגזאַם פאָהרענדיגען צוג און מיט דעם אויג זיך געסטאַרעט חאַפּען די פאָדערשטע און אונטערשטע רעדער און די מינוט, ווען די מיט וועט זיין פונקט אַנטקעגען איהר.

„אַהין!" האָט זי זיך געזאָגט, קוקענדיג אויפ'ן שאָטען פון דעם וואַגאָן, אויף דער זאַמד, איבערגעמישט מיט קוילען, וואָס איז געלעגען אויף די שפּאַלען, „אַהין, פונקט אין דער מיט, און איך וועל איהם בעשטראָפען, און איך וועל זיך בעפרייען פון אַלע, און פון זיך".

זי האָט געוואָלט פאַלען אויף דער מיט פון דעם ערשטען וואַגאָן, וועלכע איז גראַד אויסגעקומען אַנטקעגען איהר: נאָר דאָס רויטע רענצעלע, וואָס זי האָט אָנגעהויבען אַראָבנעהמען פון דער האַנד, האָט זי פערהאַלטען, און ס'איז שוין געווען שפּעט: די מיט איז אַריבער. מ'האָט געמוזט וואַרטען אויפ'ן אַנדערן וואַגאָן. אַ געפיהל, ווי איידער מען געהט אַריין אין וואַסער, ווען מען באָדט זיך, האָט זי אַרומגעחאַפּט, און זי האָט זיך איבערגעצלמ'ט. די געוועהנטע בעוועגונג פון דעם צלמ'ען זיך האָט דערוועקט אין איהר אַ גאַנצע רייה מיידעלשע און קינדערשע ערינערונגען, און פּלוצלינג האָט די פינסטערניש, וואָס האָט פערשטעלט פאַר איהר אַלצדינג, זיך צעריסען, און דאָס לעבען האָט זיך בעוויזען פאַר איהר אויף אַ רגע מיט אַלע זיינע ליכטיגע פערשוואונדענע פריידען. נאָר זי האָט ניט אַראָבגעלאָזט די אויגען פון די רעדער פון דעם פאַרבייגעהענדיגען צווייטען וואַגאָן. און פונקט אין דער מינוט, ווען די מיט פון דעם וואַגאָן איז אויסגעקומען אַנטקעגען איהר, האָט זי אָבגעוואָרפען דאָס רויטע רענצעלע אָן אַ זייט און, אַריינקוועטשענדיג דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען, איז זי געפאַלען אונטער'ן וואַגאָן אויף די הענד, און מיט אַ לייכטער בעוועגונג, ווי זי וואָלט זיך געגרייט תיכף אויפצושטעהן, האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע. און אין דער זעלביגער רגע האָט זי זיך דערשראָקען פאַר דעם, וואָס זי האָט געטאָן. „וואו בין איך? וואָס טהו איך? צו וואָס?" זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבען, אָבוואַרפען זיך אָן אַ זייט; נאָר עפּעס אַ אונגעהויערס, אַ אומדערבאַרעמדיגס האָט זי אַ שטויס געטהאָן אין קאָפּ און אַ שלעפּ געטהאָן פאַר דער פּלייצע. „גאָט, פערגיב מיר אַלעס!" האָט זי אַרויסגערעדט, פיהלענדיג, אַז דער קאַמפּף איז אונמעגליך. דאָס פויערל האָט עפּעס גערעדט פאַר זיך, אַרבייטענדיג איבער'ן אייזען. און דאָס ליכט, ביי וועלכען זי האָט געלייענט אַ בוך, פול מיט אומרוה, ליידען, פאַלשקייט און שלעכטס, האָט אויפגעפלאַקערט מיט אַ העלער ליכטיגקייט, העלער ווי אַלעמאָל, בעלויכטען איהר אַלצדינג, וואָס ס'איז פריהער געלעגען אין דער פינסטער, אָנגעהויבען זיך שמעלצען, טונקעלער ווערען און פערלאָשען אויף אייביג.

קנוט האַמסון.

דער לעצטער בריעף.

(פונ'ם ראָמאַן „וויקטאָריאַ”).

„ליעבער יאָהאַן, איהר וועט לייענען דעם בריעף, ווען איך וועל שוין ניט לעבען. מיר קומט אויס אַזוי וואונדערבאַר אַלצדינג, איך שעם זיך שוין ניט פאַר אייך און שרייב אייך פונקט אַזוי, ווי צווישען אונז וואָלט גאָר ניט געשעהען. פריהער, ווען איך בין געווען צוגעבונדען צום לעבען, וואָלט איך געליטען טאָג און נאַכט און וואָלט צו אייך ניט געשריעבען; איצט געה איך אַוועק פון דער וועלט און דענק שוין ניט אַזוי ווי פריהער. פרעמדע מענשען האָבען געזעהען, ווי ס'האָט זיך מיר געלאָזט בלוט פונ'ם האַלז, דער דאָקטאָר האָט געפונען, אַז ס'איז מיר געבליבען נאָר אַ טייל פון איין לונג, — פאַר וואָס זשע זאָל איך זיך איצט שעמען?

איך בין געלעגען אויפ'ן בעטעל און געטראַכט וועגען די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. דאָס איז געווען אין וואַלד, פאַרנאַכט. איך האָב דעמאָלט ניט געטראַכט, אַז דאָס וועלען זיין מיינע לעצטע ווערטער, אַ ניט וואָלט איך זיך געזעגענט מיט אייך און וואָלט אייך געדאַנקט. איצט וועל איך אייך מעהר ניט זעהען, און מיר טהוט באַנג, וואָס איך בין ניט געפאַלען אייך די קניע פאַר אייך און ניט געקושט אייערע פיס און די ערד, וואָס איהר טרעט אויף איהר, און האָב אייך ניט געוויזען, ווי ליעב איך האָב אייך. איך בין גע־לעגען אויפ'ן בעטעל און האָב געקלערט און געטרוימט אי היינט, אי נעכטען, אַז איך וועל געזונד ווערען, איך וועל זיך אומקעהרען צוריק אַהיים, געפינען דאָס אָרט אין וואַלד, וואו מיר זענען געזעסען, ווען איהר האָט געהאַלטען מיינע הענד אין אייערע הענד; איך וואָלט זיך געלעגט אויף דער ערד, געזוכט, אפשר וועל איך געפינען אַ שפּור פון אייערע פיס, און וואָלט געקושט דאָס גראָז אַרום דעם אָרט. איך קען אָבער איצט ניט פאָהרען אַהיים, אויב ס'וועט מיר ניט ווערען כאָטש אַביסעלע גרינגער, ווי די מאַמע האָפט.

ליעבער יאָהאַן! אַזוי וואונדערבאַר קומט מיר אויס דער געדאַנק, אַז מיר איז ניט בעשערט געווען קיין אַנדער אַרבייט אויף דער ערד, נאָר קומען און ליעבען אייך, און נאָכדעם זאָגען דעם לעבען: "אַדיע". איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען, ווי מערקווירדיג דאָס איז — ליעגען און וואַרטען אויף דעם טאָג און דער שעה פון דעם טויט. אַ טריט נאָך אַ טריט געה איך אָב פון דעם לעבען, פון די מענשען אויף דער גאַס, פון דעם גערויש פון די דראָזשקעס; דעם פריהלינג וועל איך שוין, מסתמא, קיינמאָל ניט זעהען, און אַט די הייזער און גאַסען און בוימער אין פאַרק וועלען בלייבען, ווען איך וועל שוין ניט זיין. היינט האָט מען מיר ערלויבט זיצען אַביסעל אויף מיין געלעגער און אַרויס־קוקען אין פענסטער. צוויי פאַרביינגעהער האָבען זיך בעגעגענט ניט ווייט, גע־גריסט איינער דעם אַנדערען, געדריקט די הענד, געלאַכט איבער דעם, וואָס זיי האָבען געזאָגט; און מיר איז אויסגעקומען אַזוי מערקווירדיג, וואָס איך, וועלכע ליעג און קוק אויף זיי, מוז שטאַרבען. איך האָב מיר געטראַכט: יענע צוויי ווייסען ניט, אַז איך ליעג אָט דאָ און וואַרט, ווען עס וועט קומען די שעה פון מיין טויט; נאָר אַפילו זיי זאָלען וויסען, וואָלטען זיי סיי ווי געגריסט איינער

דעם אַנדערען און גערעדט, אַזוי ווי איצט. געלעגען בײ־נאַכט, ווען אַרום און אַרום איז געווען פינסטער. האָט מיין האַרץ פּלוצים אויפגעהערט קלאַפּען, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט — איך הער, ווי די אייביגקייט רוישט און קומט נעהענטער צו מיר. אָבער באַלד בין איך ווידער געקומען צו זיך פון ערגיץ ווייט און האָב אָנגעהויבען אָטעמען. דאָס איז געווען אַזאַ מאָדנע געפיהל, מען קען עס ניט איבערגעבען מיט ווערטער. די מאַמע זאָגט, אַז איך האָב דערמאָנט פון היין דאָס טייכעל און דעם וואַסער־פאַל ביי אונז אין דער היים.

גרויסער גאָט, איהר מוזט וויסען, אַז איך האָב אײַך ליעב געהאַט, יאָהאַן. איך האָב אײַך דאָס ניט אַרויסגעוויזען, פיעלע זאַכען האָבען מיך געשטערט דערין, פאַר אַלעמען מיין אייגענע נאַטור. מיין פאָטער האָט אויך פערשאַפט זיך אַליין אַסך שלעכטס, און איך בין דאָך זיינע אַ טאָכטער. איצט אָבער, ווען איך מוז שטאַרבען און ס'איז שוין צו שפּעט און איך שרייב אײַך דאָס לעצטע מאָל, וויל איך אײַך דאָס דערצעהלען. איך פרעג זיך אַליין, צוליעב וואָס, אײַך איז דאָך אַלץ איינס, און לעבען וועל איך דאָך ניט בלייבען סיי ווי, נאָר מיר ווילט זיך זיין מיט אײַך ביז דער לעצטער מינוט און ניט פיהלען זיך אַזוי פערלאָזען, ווי ביז אַהער. איך שטעל מיר פאָר, ווי איהר לייענט דעם בריעף. מיר דאַכט, איך זעה אײַערע אַקסלען און אײַערע הענד, איך זעה יעדע אײַערע בעוועגונג. און איך טראַכט מיר: מיר זענען שוין ניט אַזוי ווייט איינער פונ'ם צווייטען. איך קען ניט שיקען נאָך אײַך, איך האָב דערויף קיין רעכט ניט. די מאַמע האָט געוואָלט שיקען נאָך אײַך פריהער מיט צוויי טעג, נאָר איך האָב בעשלאָסען בעסער אײַך שרייבען. מיר האָט זיך, אויסערדעם, געוואָלט, אַז איהר זאָלט מיך געדענקען, ווי איך האָב אויסגעזעהן פריהער, פאַר דער קראַנקהייט. איך געדענק, איהר... (אויסגעשטריכען עטליכע ווערטער)... מיינע אויגען און מיינע ברעמען, זיי זענען שוין אָבער אויך ניט אַזוינע, ווי פריהער. איך האָב צוליעב דעם אויך ניט געוואָלט, אַז איהר זאָלט קומען. איך בעט אײַך, קוקט אויף מיר ניט, ווען איך וועל ליעגען טויט. איך וועל דעמאָלט מסתּמא אויסזעהן כמעט אַזוי ווי ביים לעבען, נאָר אַביסעל בלייכער; איך וועל זיין אָנגעטאָן אין מיין געלען קלייד; אײַך וועט אָבער באַנג טהאָן, וואָס איהר זענט געקומען אַ קוק טהאָן אויף מיר.

היינט האָב איך עטליכע מאָל זיך גענומען פאַר דעם בריעף, פונדעסטוועגען האָב איך ניט אַרויסגעזאָגט אַפילו אַ טויזענט־חלק פון דעם, וואָס איך האָב אײַך געוואָלט זאָגען. איך האָב אַזוי מורא צו שטאַרבען, איך וויל ניט. איך האָב אַ פעסטע האָפנונג אויף גאָט, אפשר וועט מיר ווערען אַביסעלע בעסער און איך וועל דערציהען ביז פריהלינג. דעמאָלט וועלען די טעג זיין ליכטיגע, און די ביימער וועלען זיך בעדעקען מיט בלעטער. אויב איך וועל איצט געזונד ווערען, וועל איך אײַך קיינמאָל שוין קיין שלעכטס ניט טהאָן, יאָהאַן. איך האָב אַזוי געוויינט, ווען איך האָב געטראַכט וועגען דעם: מיר וואָלט זיך געוואָלט אַרויסגעהן אויפ'ן גאַס און גלעטען מיט ליעבשאַפט יעדעס שטיינדעלע, זיך אָבשטעלען אויף יעדען טרעפּעל און איהם דאַנקען, און זיין גוט צו אַלע. אַלץ איינס. זאָל זיין שלעכט געלעבט, אַבי איך זאָל לעבען. איך וואָלט זיך קיינמאָל אויף קיין זאַך ניט געקלאָגט, ניין, איך וואָלט געשמייכעלט צו דעם, וואָס וואָלט אָנגעפאַלען אויף מיר און מיך געשלאָגען, און וואָלט געדאַנקט

און געלויבט גאָט, אַבי ער זאָל מיך נאָר לאָזען לעבען. מײן לעבען איז געענדיגט, טהאָן עפּעס אין לעבען איז מיר ניט געראָטען, און דאָס אונגעראָטענע לעבען דאַרף איצט נעהמען אַן עק. ווען איהר וואָלט וויסען, ווי עס ווילט זיך מיר ניט שטאַרבען, וואָלט איהר געוויס עפּעס געטהאָן, איהר וואָלט געטהאָן אַלץ, וואָס איהר וואָלט געקענט. איך ווייס, איהר קענט ניט גאָר ניט; נאָר איך האָב מיר געטראַכט, אַז ווען איהר און די גאַנצע וועלט וואָלט געבעטען פֿאַר מיר און וואָלט מיך ניט געוואָלט פערליערען, וואָלט גאָט מיר געשענקט דאָס לעבען. יאָ, ווי וואָלט איך אייך געדאַנקט, איך וואָלט קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטהאָן קיינעם, איך וואָלט געשמייכעלט אויף אַלץ, וואָס מיט מיר וואָלט געטראָפען, מען זאָל מיך נאָר לאָזען לעבען.

די מאַמע זיצט און וויינט. זי איז געזעסען אַזוי די גאַנצע נאַכט און מיך בעוויינט. דאָס איז מיר אַזוי אַנגענעהם, דאָס מאַכט לייכטער דאָס געזעגענען זיך מיטן לעבען. איך האָב מיר היינט געטראַכט: וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען איך וואָלט ווען עס איז צוגעגאַנגען צו אייך אויף דער גאַס אין אַ שעהן קלייד און וואָלט אייך ניט בעליידיגט מיט איין וואָרט, נאָר איך וואָלט אייך געגעבען די רוה, וואָס איך האָב אַנגעגרייט פון פריהער. נאָר באַלד האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט קענען טהאָן דאָס, וואָס איך וויל; איך וועל דאָך שוין קיינמאָל ניט זיין געזונד, איך וועל שטאַרבען. איך וויין אָפט, איך ליעג אין דער שטיל און וויין ביטער, אָהן אַנ'אויפהער; איך פיהל ניט קיין וועהטאָג אין דער ברוסט, ווען איך שלאָף גאָר ניט. יאָהאַן, ליעבער פריינד, מיין איינציגער געליעבטער אויף דער ערד, קומט און זיצט אַביסעל נעבען מיר, ווען ס'וועט אָנהויבען ווערען נאַכט. איך וועל ניט וויינען, איך וועל שמייכלען אַזוי ווייך, ווי איך קען נאָר, פאַר פריד, וואָס איהר זענט בײ מיר.

ניין, וואוהין איז פערשוואונדען מיין מוטה, מיין גדלות! איצט בין איך שוין ניט די טאָכטער פון מיין פאָטער; דאָס איז דעריבער, וואָס איך האָב אָנגעוואָרען מיינע קרעפטען. איך האָב שוין לאַנג געליטען, יאָהאַן, נאָך פריהער, איידער ס'זענען געקומען די לעצטע טעג. איך האָב געליטען, ווען איהר זענט געווען אין אויסלאַנד, און נאָכדעם, ווען איהר זענט געקומען אַהער אין שטאָדט אַריין, אים פריהלינג, איז מיין וועהטאָג געוואַקסען יעדען טאָג. איך האָב גאָר פריהער ניט געוואוסט, ווי לאַנג, ווי אונענדליך לאַנג עס קען זיין אַ נאַכט. איך האָב אייך פאַר דער צייט געזעהען צווי מאָל אויף דער גאַס; איינמאָל האָט איהר מיך ניט בעמערקט, איהר זענט פאַרבייגעגאַנגען נעבען מיר איבער דער גאַס און האָט עפּעס אונטערגעזונגען פאַר זיך. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל אייך בעגעגענען בײ די סייערס, נאָר איהר זענט ניט געקומען. איך וואָלט מיט אייך ניט גערעדט, איך וואָלט ניט צוגעגאַנגען צו אייך, נאָר איך וואָלט אייך געווען דאַנקבאַר, ווען איך וואָלט אייך געזעהען כאָטש פון דער ווייטענס. איהר זענט אָבער ניט געקומען. איך האָב אַ טראַכט געטהאָן, אַז אפשר איז דאָס איבער מיר. עלף אַ זייגער בין איך געגאַנגען טאַנצען; איך האָב מעהר ניט געקענט איבערטראָגען די ערוואַרטונג. יאָ, יאָהאַן, איך האָב אייך געליעבט, געליעבט נאָר אייך

איינעם מיין גאַנץ לעבען. וויקטאָריאַ שרייבט די ווערטער, און גאָט קוקט איבער איהר פּלייצע און לייענט זיי.

איצט דאַרף איך זיך געזעגענען מיט אייך, ס'איז שוין כמעט פינסטער, און איך זעה גיט גאָר ניט. זייט געזונד, יאָהאַן, אַ דאַנק אייך פאַר יעדען טאָג. ווען איך וועל פליהען פון דער ערד, וועל איך אייך דאַנקען ביז דער לעצטער מינוט און וועל חזר'ן אייער נאָמען דעם גאַנצען וועג. זייט גליקליך אייער גאַנץ לעבען און זייט מיר מוחל פאַר דעם שלעכטס, וואָס איך האָב אייך געטהאָן, און אויך פאַר דעם, וואָס איך קען ניט פאַלען צו אייערע פיס און בעטען פערגעבונג. איך רוף צו אייך אין דער טיעפעניש פון מיין הארצען. זייט גליקליך, יאָהאַן, און לעבט וואָהל אויף אייביג. אַ דאַנק אייך נאָך אַ מאָל פאַר יעדען טאָג, פאַר יעדער שעה. איך קען מעהר ניט.

אייער וויקטאָריאַ.

מ'האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, און מיר איז געוואָרען אַ סך ליכטיגער. איך בין געלעגען אין דרעמעל און בין ווידער געוועזען ווייט־ווייט פון דער ערד. דאַנקען גאָט, איך האָב שוין ניט אַזאַ פּחד, ווי פריהער, איך האָב אַפילו געהערט מוזיק, דער עיקר — ס'איז ניט געוועזען פינסטער. איך בין אַזוי דאַנקבאַר. איצט האָב איך אָבער מעהר ניט קיין קרעפטען צו שרייבען. לעבט וואָהל, מיין געליעבטער"....

פריעדריך שיללער.

ווילהעלם טעלל.

(טראַגעדיע).

הערמאַן געסלער, דער פערטרעטער פונ'ם דייטשען קייזער אין די שווייצערישע בעצירקען שוויץ און אורי (לאַנדפאָגט) הערשט איבער דעם פאָלק זעהר שטרענג. די שווייצער האָבען בעשלאָסען צו קעמפּפען געגען איהם: זיי ווילען בלייבען טריי דעם קייזער, נאָר זיי ווילען זיך בעפרייען פון דעם שלעכטען לאַנדפאָגט. יענער שפירט די אונצופריעדענהייט אַרום און אַרום און ווערט אַלעמאָל שטרענגער. כדי דאָס פאָלק זאָל זיך געוועהנען צו געהאָרזאַמקייט, האָט ער אויפגעהאַנגען אויף אַ זייל אינמיטען שטאָדט זיין הוט און האָט בעפוילען, אַז יעדער פאַרבייגעהער זאָל זיך בוקען פאַר דעם הוט. ווילהעלם טעלל, דער בעסטער שיסער, פון דעם לאַנד, אַ מאַן, וואָס איז בעזונדערס פערהאַסט ביי געסלער'ן, ווייל ער האָט איינמאָל געראַטעט אַ שווייצער פון זיינע זעלנער'ס הענד, איבערפיהרענדיג איהם אין אַ גרויסען שטורעם איבער דער פיערוואַלדשטעטער אָזערע, — איז פערבייגעגאַנגען מיט זיין יונגעל וואַלטער נעבען דעם הוט און האָט זיך ניט געבוקט. די סאָלדאַטען פערהאַלטען איהם. דערבייאיגע שווייצער ווילען איהם בעפרייען מיט געוואַלט. עס ווערט אַ טומעל.

דריטער אקט. 3־טע סצענע.

פּערזאָנען: הערמאַן געסלער — לאַנדפאָגט פון שוויץ און

אורי. רודאָלף פון האַרראַס — זיין שטאַלמייסטער. רודענץ — אַ שווייצער עדעלמאַן. בערטאַ — אַ רייכע שווייצער גוטס־בעזיצערין. פריעסהאַרדט, לייטהאָלד — געסלערס סאָלדאַטען. רעסעלמאַן — גלח פון אורי. ווילהעלם טעלל, וואַלטער פירשט, אַרנאָלד מעלכטאַל, ווערנער שטאַופאַכער — שווייצער. וואַלטער — ווילהעלם טעלל'ס יונגעל. סאָלדאַטען, פרויען, פאָלק.

עס קומען אָן: געסלער רייטענדיג, אַ פאַלק אויף דער האַנד, רודאָלף פון האַררעס, בערטאַ און רודענץ, אַ גרויסע צאָהל בעוואָפענטע קנעכט, וועלכע רינגלען אַרום די סצענע מיט אַ קרייז פון שפּיזען.

רודאָלף פון האַרראַס. מאַכט אַ וואַרע, אַ וואַרע פאַר דעם לאַנדפאָגט!

געסלער. טרייבט זיי פאַנאַנדער. וואָס לויפט זיך דאָס פאָלק צונויף? ווער רופט צו הילף? (אַלע שווייגען). ווער איז דאָס געווען? איך וויל וויסען. (צו פריעסהאַרדט) קום דו אַהער. ווער ביזטו און וואָס האַלטסט דו דעם דאָזיגען מאַן? (ער גיט איבער דעם פאַלק צו אַ דיענער).

פריעסהאַרדט. היכגעשעצטער הערר, איך בין דיין וואָפען־קנעכט און דער וועכטער ביי דעם הוט. דעם דאָזיגען מאַן האָב איך געכאַפּט אויפ'ן שטעל, ווי ער האָט ניט געוואָלט אָבגעבען דיין הוט דעם עהרען־גרוס. איך האָב איהם געוואָלט אַרעסטירען, ווי דו האָסט בעפוילען, און דאָס פאָלק וויל איהם מיט געוואַלט אַרויסרייסען פון מיינע הענד.

געסלער (נאָך אַ פּויזע). פעראַכטסט דו אַזוי דיין קייזער, טעלל, און מיך, וואָס איך רעגיר דאָ אויף זיין אָרט? דו ווילסט דעם הוט ניט עהרען, וואָס איך האָב אויפגעהאַנגען צו פּרופען די געהאָרזאַמקייט? דו האָסט דערמיט אַרויסגעגעבען דיינע בייזע געדאַנקען.

טעלל. פערגיב מיר, ליעבער הערר! ניט מיט אַ כּוון, ניט אויס פעראַכטונג צו אייך איז דאָס געשעהען. ווען איך וואָלט זיך בעטראַכט, שווער איך אייך, ווי איך הייס טעלל, אַז דאָס וואָלט ניט פּאַסירט. האָט רחמנות, ס'וועט מעהר אַזוי ניט זיין.

געסלער (שווייגט אַ ווילע). דו ביזט אַ מייסטער צו שיסען מיט'ן בויגען, טעלל, מען זאָגט, דו קענסט זיך וועטען מיט'ן בעסטען שיסער?

וואַלטער טעלל. און דאָס איז געוויס ריכטיג, הערר, אַנ'עפּעל שיסט דיר מיין פאָטער אַראָב פונ'ם בוים אויף הונדערט טריט.

געסלער. דאָס איז דיין יונגעל, טעלל?

טעלל. יאָ, ליעבער הערר.

געסלער. האָסטו אַ סך קינדער?

טעלל. צוויי יונגלעך, הערר.

געסלער. און וועמען פון זיי האָסטו בעסער ליעב?

טעלל. הערר, ביידע זענען ביי מיר גלייך ליעב.

געסלער. נו, טעלל! וויל דו טרעפסט אין אַנ'עפּעל פונ'ם בוים אויף הונדערט טריט, וועסטו מוזען אָט דאָ פאַר מיר בעווייזען דיין קונסט — נעהם דעם בויגען — דו האָסט איהם דאָך אין דער האַנד — און מאַך זיך גרייט

אַראָפּצושיסען אַן־עפּעל פון דיין יונגעלס קאָפּ — נאָר ציעל זיך גוט, זאָג איך דיר, אַז דו זאָלסט טרעפען דעם עפּעל מיט׳ן ערשטען שאָס! וואָרום טאָמער טרעפסטו ניט, איז דיין קאָפּ פערלוירען.

(אַלע ווייזען אַרויס סמנים פון שרעק).

טעלל. הער, — וואָס פאַר אַ שרעקליכע זאַך פערלאַנגט איהר פון מיר? — איך זאָל פון מיין קינד׳ס קאָפּ — ניין, ס׳קען דאָך ניט זיין, ליעבער הער, דאָס טראַכט איהר דאָך ניט — גאָט דער בּאַרעמהערציגער זאָל היטען — דאָס קענט איהר דאָך ניט פערלאַנגען ערנסט פון אַ פאָטער!

ג ע ס ל ע ר. דו וועסט אַראָבּשיסען דעם עפּעל פון דעם יונגעל׳ס קאָפּ — איך פערלאַנג דאָס און וויל דאָס.

ט ע ל ל. איך זאָל מיט מיין בויגען ציעלען אויף דעם ליעבען קאָפּ פון מיין אייגען קינד? — גיכער שטאַרב איך!

ג ע ס ל ע ר. דו שיסט אָדער דו שטאַרבּסט מ י ט דיין יונגעל צוזאַמען.

ט ע ל ל. איך זאָל זיין דער מערדער פון מיין קינד! הער, איהר האָט קיין קינדער ניט — איהר ווייסט ניט, וואָס ס׳בּעוועגט זיך אין אַ פאָטער׳ס האַרץ.

ג ע ס ל ע ר. אַי, טעלל, בּיזט מיר גאָר פלוצים אַזוי מיושב׳דיג געוואָרען! איך האָבּ געהערט, דו בּיזט אַ טרוימער, דו פיהרסט זיך ניט ווי אַלע איבּעריגע מענשען. דו האָסט ליעבּ דאָס וואונדערבּאַרע, דאָס אונגעוועהנליכע — דעריבּער האָבּ איך דיר איצט אַליין אויסגעטראַכט אַזאַ געפעהרליך שטיק. אַן אַנ־דערער וואָלט מסתמא איבּערגעטראַכט — דו אָבּער פערמאַכסט די אויגען און נעהמסט זיך דרייסט פאַר דער זאַך.

בּ ע ר ט א. טרייבּט ניט, אָ הער, קיין שפּאַס מיט די דאָזיגע אָרימע מענשען. איהר זעהט, ווי בּלייך און ציטערדיג זיי שטעהען — אַזוי וועניג זענען זיי געוועהנט צו הערען קאַטאָוועסען פון אייער מויל.

ג ע ס ל ע ר. ווער זאָגט אייך, אַז דאָס איז אַ שפּאַס? (שטרעקט די האַנד צו אַ צווייג פון אַ בּוים, וועלכע העֶנגט איבּער איהם). אָט איז אַן־עפּעל. מאַכט פּלאַץ — זאָל ער אָבּטרעטען אַזוי ווייט, ווי דער שטייגער איז — אַכציג טריט גיבּ איך איהם — ניט וועניגער, ניט מעהר — ער האָט זיך געריהמט, אַז ער טרעפט אַ מאַן אויף הונדערט טריט — איצט, שיסער, טרעף און פערפעהל ניט דיין ציעל.

ר ו ד אָ ל ף פ ו ן ה אַ ר ר אַ ס. גאָט, עס ווערט ערנסט — פאַל אַנידער, יונגעל, ניטאָ קיין אַנדער עצה, בּעט דעם לאַנדפאָגט, ער זאָל דיר דיין לעבּען שענקען.

וו אַ ל ט ע ר פ י ר ש ט (אָן אַ זייט צו מעלכטאַל, וועלכער בּעהערשט קוים זיין אונגעדולד). האַלט זיך איין, איך בּעט אייך זעהר, בּלייבּט רוהיג!

בּ ע ר ט א (צום לאַנדפאָגט). גענוג שוין, הער! עס איז אונמענשליך צו שפּיעלען אַזוי מיט אַ פאָטער׳ס אַנגסט. ווען אַפילו דער אָרימער מאַן זאָל דורך זיין גרינגער שולד פערזינדיגען זיין לייבּ און לעבּען, איך שווער בּיי גאָט! — ער האָט שוין צעהן מאָל דעם טעם פון טויט געפיהלט. לאָזט איהם אָבּ מיט פריעדען אַהיים, ער קען אייך שוין; די שעה וועט ער און זיינע קינדס־קינדער געדענקען.

געסלער. מאַכט אַ פרייען פלאַץ — שנעל, וואָס וואַרטסטו, מענש? דו האָסט דעם טויט פערדיענט, איך קען דיר נעהמען דאָס לעבען; איך טהו דאָס אָבער ניט, איך לעג גנעדיג דיין גורל אין דיין אייגענער געשיקטער האַנד. ווי טאָר אַ מענש בעקלאָגען אַ שווערען אורטייל, אַז איהם אַליין האָט מען געמאַכט צום הערען פון זיין שיקזאַל? דו ריהמסט זיך, אַז דו האָסט אַ זי־כערען בליק. גוט! ווייז זשע, שיסער, אויפ'ן שטעל דיין קונסט; דאָס ציעל איז ווירדיג, און דער לוין איז גרויס! טרעפען אין אַ שוואַרצען פינטעל אויף אַ ברעט — דאָס קען אַנ'אַנדערער אויך; אַ מייסטער איז נאָר דער, וואָס בע־הערשט זיין קונסט איבעראַל, וואָס זיין האַרץ מאַכט ניט ציטערן ניט זיין האַנד, ניט זיין אויג.

וואַלטער פירשט (פאַלט פאַר איהם אויף די קניע). הער לאַנדפאָגט, מיר אַנערקענען אייער איבערמאַכט; דאָך האָט רחמנות, נעהמט אַ העלפט פון מיין האָב און גוטס, נעהמט אינגאַנצען! נאָר בעפרייט אַ פאָטער פון אָט דער שוידערהאַפטער פרוף!

וואַלטער טעלל. זיידע, קניע ניט פאַר דעם פאַלשען מאַן! זאָגט, וואו זאָל איך זיך שטעלען. איך האָב ניט מורא. דער פאָטער טרעפט דאָך אין אַ פויגעל בשעת ער פליהט, ער וועט ניט ציעלען שלעכט אויף דער ברוסט פון זיין קינד.

שטאַופפאַכער. הער לאַנדפאָגט, ריהרט אייך ניט דעם קינד'ס אונ־שולד.

רעסעלמאַן. דערמאָנט זיך, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימעל, פאַר וועמען איהר וועט מוזען אָפּגעבען דין וחשבון אין אייערע מעשים.

געסלער (ווייזט אויפ'ן יונגעל). בינדט איהם צו אָן דאָרט צום לינ־דענבוים!

וואַלטער טעלל. מיך בינדען! ניין, איך וויל ניט זיין געבונדען. איך וועל שטעהן שטיל, ווי אַ לעמעלע, איך וועל אַפילו ניט אָטעמען. אויב איהר בינדט מיך, וועל איך דאָס ניט קענען, איך וועל זיך רייסען פון די שטריק.

רודאָלף פון האַראַס. לאָז זיך נאָר די אויגען פערבינדען, קינד!

וואַלטער טעלל. פאַר וואָס די אויגען? איהר רעכענט, איך האָב מורא פאַר דער פייל פון'ם פאָטער'ס האַנד? איך וועל זי פעסט ערוואַרטען און ניט ציטערן אַפילו מיט אַ ברעם. — נעהם זשע, פאָטער, ווייז זיי, אַז דו ביזט אַ שיסער! ער גלייבט דיר נישט, ער וויל אונז אומברענגען — דעם ווילדען מאַן צו להכעיס שיס און טרעף!

(ער געהט צום לינדענבוים, מען לעגט איהם אַרויף דעם עפעל).

מעלכטאַל (צו די איבעריגע שווייצער). וואָס? אַזאַ פערברעכען זאָל געשעהן פאַר אונזערע אויגען? צו וואָס האָבען מיר געשוואוירען?

שטאַופפאַכער. אומזיסט. מיר האָבען ניט קיין וואָפען; איהר זעהט דעם וואַלד פון שפיזען אַרום אונז.

געסלער (צו טעלל). צו דער אַרבייט! ניט אומזיסט טראָגט אַ מענש די וואָפען. ס'איז געפעהרליך צו טראָגען אַ מאָרד־געוועהר, און אויפ'ן שיסער קעהרט די פייל צוריק. אָט דאָס שטאָלצע רעכט, וואָס דער פויער בעניצט זיך דאָ דערמיט, בעליידיגט דאָך דעם העכסטען הערן פון דעם לאַנד.

בעוואָפֿענט דאַרף נאָר זיין דער מאַן, וואָס הערשט. אויב ס'פֿרעהט אַייך טראָגען פֿייל און בויגען, גוט, וועל איך אַ ציעל דערצו אַייך שטעלען.

טעלל (ציהט אָן דעם בויגען און לעגט אַרויף די פֿייל). צענעהט זיך! מאַכט פּלאַץ!

שטאַופֿפֿאַכער. וואָס, טעלל? איהר ווילט — גיין, ניט מעגליך — איהר ציטערט, די האַנד וואַרפֿט זיך ביי אַייך, די קניע שטרויכלען —

טעלל (לאָזט אַראָב דעם בויגען). אַלץ שווימט מיר פֿאַר די אויגען.

פֿרויען. גאָט אין הימעל!

טעלל (צום לאַנדפֿאָגט). בעפֿרייט מיך פֿון דעם שאָס. אָט איז מיין האַרץ! (ער ענטפּלעקט זיין ברוסט). רופֿט אַייערע קנעכט און הייסט מיך דערשטעכען.

געסלער. דיין לעבען וויל איך ניט, איך וויל דיין שאָס. — די קענסט דאָך אַלעס, טעלל, די פֿאַלסט פֿון קיין זאַך ניט אַראָב; דו בעהערשסט דאָך רודער ווי דעם בויגען, דיך שרעקט קיין שטורעם, ווען מ'דאַרף אַ מענשען רעטען. יעצט, רעטער, העלף דיר זעלבסט — דו רעטעסט אַלע!

(אין טעלל'ן קומט פֿאַר אַ שרעקליכער קאַמפֿף, זיינע הענד ציטערען, די אויגען קריכען איהם פֿון די לעכער; ער קוקט אַמאָל צום לאַנדפֿאָגט, אַמאָל צום הימעל. — פּלוצלונג כאַפּט ער זיין פֿיילען־שייד, נעהמט אַרויס נאָך אַ פֿייל און מאַכט זי גרייט צום שיסען. דער לאַנדפֿאָגט בעמערקט אַלע זיינע בעוועגונגען).

וואַלטער טעלל (אונטער דעם לינדענבוים) שיס זשע, פֿאָטער! איך האָב ניט מורא.

טעלל. עס מוז זיין! (ער שטאַרקט זיך און ציעלט זיך אָן).

רודענץ (וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען שרעקליך געשפּאַנט און זיך קוים איינגעהאַלטען, טרעט אַרויס). הער לאַנדפֿאָגט, ווייטער וועט איהר ניט פֿיהרען דאָס שפּיעל, געננוג — ס'איז נאָר געווען אַ פּרוּף — דעם צוועק האָט איהר דערגרייכט — צו שטרענג זיין הייסט פֿערפֿעהלען דעם קלוגען ציעל, און ציהט מען דעם בויגען צו שטאַרק אָן — דאַן מוז ער פּלאַצען.

געסלער. איהר שווייגט, כל זמן מען פֿרעגט אַייך ניט.

רודענץ. איך וויל ריידען, איך מעג דאָס! דעם קייזער'ס עהרע איז אין מיינע אויגען הייליג. אָבער אַזוי רעגירען — דאָס הייסט נאָר האַס ערוועקען. דאָס וויל דער קעניג ניט — איך בין דערין זיכער. אַזאַ אַכזריות פֿערדיענט מיין פֿאָלק ניט; דאָס האָט אַייך קיינער ניט געהייסען.

געסלער. האַ, איהר האָט די העזה!

רודענץ. איך האָב שטיל געשוויגען אויף אַלע מעשים, וואָס איך האָב געזעהן; מיין אויג, וואָס זעהט, האָב איך געשלאָסען, מיין האַרץ, וואָס איז עמפּערט און קען קיין רוה געפֿינען, האָב איך איינגעהאַלטען אין מיין ברוסט. דאָך לענגער שווייגען וואָלט געהייסען פֿערראַטען מיין פֿאָטערלאַנד און מיין קייזער. דער קייזער איז מיין הער, ניט איהר — פֿריי בין איך, ווי איהר, געבוירען, איך האָב אַזוי פֿיעל ריטערליכע מעלות, ווי איהר. און וואָלט איהר דאָ זיך ניט געפֿונען אין דעם קייזער'ס דיענסט (און איך שעץ הויך דעם קייזער אַפֿילו דאָרט, וואו אַנדערע בעליידיגען זיין כבוד), וואָלט איך מיין האַנד־

שוה איך געוואָרפען, איהר זאָלט מיר ענטפער געבען, ווי ס'פיהרט זיך צווי־
שען ריטער. — יאָ, זינגט נאָר דאָרט צו אייערע קנעכט — איך בין ניט
אָהן געוועהר, ווי יענע (ווייזט אויפ'ן פאָלק), איך האָב אַ שווערד, און ווער
ס'טריט נאָהענט צו —

שטאופפאַכער (רופט). דער עפּעל איז אַראָב!

(אין דעם מאָמענט ווען אַלע האָבען זיך געווענדעט אַהער און בערטא
האָט זיך געוואָרפען צווישען רודענץ און דעם לאַנדפאָגט, האָט טעלל
אויסגעשאָסען).

רעסעלמאַן. דאָס יונגעל לעבט!

פיעלע שטימען. געטראָפען אין דעם עפּעל!

(וואַלטער פירשט בלייבט אָהן כחות, ער וויל פאַלען, בערטאַ האַלט
איהם אונטער).

געסלער (ערשטוינט). ער האָט געשאָסען? ווי? דערווילדער מענש!

בערטא. דאָס יונגעל לעבט! קומט צו זיך, גוטער פאָטער!

וואַלטער טעלל (קומט צו שפּרינגען מיט דעם עפּעל). פאָטער, אָט
איז דער עפּעל — איך האָב דאָך געוואוסט, אַז דו וועסט דיין קינד ניט
שאָדען.

טעלל (איז געשטאַנען אָנגעבויגען אויף פאָרענט, אַקוראַט ווי ער וואָלט
געוואָלט זיך לאָזען נאָך דער פייל — דער בויגען פאַלט אַרויס פון זיין
האַנד — זעהענדיג, אַז דאָס יונגעל קומט אַהער, איילט ער איהם אַנטקעגען
מיט אָפענע אָרעמס און הויבט איהם מיט געוואַלטיגער ליידענשאַפט צו זיין
ברוסט; אין אַזאַ פּאָזע פאַלט ער אָהנמעכטיג צו דער ערד. אַלע שטעהען
גערידהרט).

בערטאַ. אָ, גנעדיגער הימעל!

וואַלטער פירשט (צום פאָטער מיט'ן זוהן). קינדער! מיינע קינדער!

שטאַופפאַכער. געלויבט איז גאָט!

לייטהאלד. דאָס איז געווען אַ שאָס! דערפון וועט מען נאָך רעדען
אין די שפּעטערדיגע צייטען.

רודאָלף פון האַררעס. דערצעהלען וועט מען פון דעם שיסער טעלל,
ווי לאַנג די בערג דאָ וועלען שטעהן אויף זייער גרונד.

נ. גאגאל.

דער רעוויזאר.

(קאָמעדיע)

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ אויעזדנע שטאָדט אין רוסלאַנד. דער
גאָראָדניטשי („שטאָדט־פערוואַלטער", פאָליציי־שעף) האָט בעקומען
אַ בריעף, וואו זיינער אַ פריינד שרייבט איהם, אַז עס פאָהרט פון פּעטער־
בורג אַ בעאַמטער צו רעווידירען די רעגירונגס־אַנשטאַלטען און אַז דער
בעאַמטער פערשטעלט זיך געוועהנליך פאַר אַ פּריוואַטען מענשען. דער
גאָראָדניטשי האָט צוזאַמענגערופען די פאָרשטעהער פון די פאַר־
שיעדענע רעגירונגס־אַנשטאַלטען צו מעלדען זיי דאָס נייעס און צו וואָרענען

זיי, אַז זיי זאָלען זעהען פערהעקען אויף אַ ווײלע די גרעסטע אונאָרדנונגען אין זייערע אַנשטאַלטען. (די בעאַמטע, דער גאָראָדניטשי אויך בתוכם, נעהמען אַלע שוחד און ציטערען פאַר דער רעוויזיע אימת-מות).

ווי זיי זיצען אַזוי און ריידען, לויפען אַריין צוויי אָרטיגע אײַנוואוינער, דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי, און מעלדען, אַז זיי האָבען געזעהען דעם רעוויזאָר: ער וואוינט אין האָטעל שוין אַ פּאָר וואָכען, צאָהלט ניט פאַר'ן צימער און פאַר'ן עסען און טהוט ניט גאָר ניט: אַליין איז ער אַ בעאַמטער, זיין נאָמען איז איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש חלעסטאַקאָוו, און פאָהרען פאָהרט ער פון פעטערבורג אין סאַראַטאָווער גובערניע. דאָס מוז געווים זיין דער רעוויזאָר. די ידיעה מאַכט אויף די פערזאַמעלטע אַ געוואַלטיגען איינדרוק. דער גאָראָדניטשי, אַ צעטומעלטער, אַ דערשראָקענער, טהוט זיך אָן אין פּאַראַדנע קליידער און פאָהרט אַוועק, צוזאַמען מיט באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי, אין דעם האָטעל, כדי פאָרצושטעלען זיך חלעסטאַקאָוו'ן.

אין אמת'ן איז הלעסטאַקאָוו, אַ יונגער בעאַמטער פון 22 יאָהר, גאָר קיין רעוויזאָר ניט געווען. ער פאָהרט פון פעטערבורג אַהיים, נאָר אויפ'ן וועג האָט ער פערשפּיעלט אין קאָרטען און פערשאַרלאַטאַנעוועט זיין געלד, און איז געבליבען זיצען אין דער קליינער שטאָדט, ווייל ער האָט ניט אויף הוצאות צו פאָהרען ווייטער. אין האָטעל וויל מען איהם שוין מעהר ניט געבען אויף באָרג, ער און זיין דיענער אָסיפּ זענען טויט-הונגעריג, און דער בעל-הבית פונ'ם האָטעל זידעלט זיך און שרייט, אַז ער וועט זיך געהן קלאָגען פאַר'ן גאָראָדניטשי, וועט מען אַריינזעצען חלעסטאַקאָוו'ן אין טורמע.

צווייטער אקט.

7-טע סצענע.

אָסיפּ (קומט אַריין). דאָרט איז עפּעס דער גאָראָדניטשי געקומען, ער פרעגט זיך אויף אַייך.

חלעסטאַקאָוו (דערשראָקען) נאַ דיר גאָר! סאַראַ הונד דער בעל-אַכסניה, שוין געגאַנגען זיך קלאָגען! וואָס טהוט מען, אויב ער שלעפּט מיך טאַקי באמת אין טורמע אַריין. מילא, אויב פיין און עדעל, וועל איך אפשר... ניין, ניין, איך וויל ניט! דאָרט אין שטאָדט שלעפּען זיך אַרום אָפיציערען און אַנדער עולם, און ווי אויף צו להכעיס האָב איך זיך דאָ געהאַלטען ווי אַ גאַנצער אָדון און זיך נאָך איבערגעוואונקען מיט אַ סוחר'ס אַ טעכטערל... ניין, איך וויל ניט... נאָר וואָס איז דאָס? ווי סמייעט ער דאָס טאַקי? וואָס, איך בין איהם עפּעס אַ סוחר אָדער אַ האַנדווערקער? (מאַכט זיך קוראַזש און גלייכט זיך אויס) איך וועל איהם טאַקי זאָגען: „ווי סמייעט איהר? ווי...“ (עס דרעהט זיך דאָס הענטעל פון דער טהיר; חלעסטאַקאָוו ווערט בלאַס און הויקערט זיך איין).

8־טע סצענע.

חלעסטאַקאָוו, דער גאָראָדניטשי און דאָבטשינסקי.

אַריינקומענדיג, בלייבט דער גאָראָדניטשי שטעהן. ביידע קוקען דערשראָקען איינער אויפ׳ן אַנדערן עטליכע מינוט, אויסגלאָצענדיג די אויגען.

דער גאָראָדניטשי (קומט אַביסעל צו זיך, ציהט אויס די הענד אויף מיליטערישען שטייגער) איך ווינש געזונד!

חלעסטאַקאָוו (פערנויגט זיך) גוט מאָרגען!..

דער גאָראָדניטשי. ענטשולדיגט.

חלעסטאַקאָוו. מאַכט נישט אויס...

דער גאָראָדניטשי. מיין פפליכט, אַלס נאַטשאַלניק פון דער היעגער שטאָדט, אַכטונג צו געבען, אַז די דורכפאָהרער און אַלע עדעלע לייט זאָל מען ניט שלעכט בעהאַנדלען...

חלעסטאַקאָוו (פון אָנפאַנג שטאַמעלט ער אַביסעל, צום סוף רעדט ער הויך). וואָס זשע טהוט מען?.. איך בין ניט שולדיג... איך וועל, כ׳לעבען, אָבצאָהלען... מ׳וועט מיר שיקען פון דאָרף (באָבטשינסקי קוקט אַרויס פון דער טהיר). ער איז מעהר שולדיג: פלייש גיט ער מיר אַזא האַרטס, ווי אַ קלאָץ; און די זופּ — שוואַרץ יאָהר ווייסט, וואָס ער האָט אַריינגעפּלוסקעט אַהין, איך האָב געמוזט אַרויסוואַרפען דורכ׳ן פענסטער. ער לאָזט מיך הונגערן גאַנצע טעג... די טיי אַזא מאָדנע: שטינקט מיט פיש, ניט מיט טיי. פאַר וואָס זשע זאָל איך... נאַ דיר אַ נייעס!

דער גאָראָדניטשי (דערשראָקען). ענטשולדיגט, איך בין, גלויבט מיר, ניט שולדיג. אויפ׳ן מאַרק איז ביי מיר שטענדיג גוט פלייש. עס ברענגען האָלמאָגאָרער סוחרים — לייטישע מענשען, ניט קיין טרינקער. איך פערשטעה גאָר ניט, פון וואַנען נעהמט ער אַזוינס. און אויב ס׳איז עפּיס ניט רעכט, איז... ערלויבט מיר אייך פאָרלעגען אַריבערציפאָהרען מיט מיר אויף אַנ׳אַנדער קוואַרטיר.

חלעסטאַקאָוו. ניין, איך וויל ניט! איך ווייס, וואָס דאָס הייסט — אויף אַנ׳אַנדער קוואַרטיר: דאָס מיינט מען — אין טורמע. ווער זשע האָט אייך געגעבען דאָס רעכט? ווי סמייעט איהר דאָס?.. איך נעהם און... איך דיען אין פעטערבורג. (מאַכט זיך קוראַזש). איך, איך, איך...

דער גאָראָדניטשי (אַן אַ זייט). אָ גאָט מיין גאָט, כ׳אַראַ בייזער! אַלצדינג ווייסט ער, אַלצדינג האָבען די סוחרים דערצעהלט, פערהאַפט זאָלען זיי ווערען!

חלעסטאַקאָוו (מאַכט זיך האַריץ). איהר מעגט אַפילו קומען מיט אייער גאַנצער קאָמאַנדע — איך געה ניט. איך — גלייך צום מיניסטער! (קלאַפט מיט׳ן פויסט איבער׳ן טיש). וואָס טהוט איהר? וואָס טרוט איהר?

דער גאָראָדניטשי (ציהט זיך אויס, ציטערט מיט אַלע אבֿרים) האָט רחמנות, קוילעט ניט אַ מענשען! כ׳האָב אַ ווייב, קליינע קינדער... מאַכט מיך ניט אומגליקליך!

חלעסטאַקאָוו. ניין, איך וויל ניט. ווייס איך וואָס! מיין עסק? דערפאַר, וואָס איהר האָט אַ ווייב און קינדער, זאָל איך גערן אין טורמע? פיין!

(דאָבטשינסקי קוקט אַרויס פון דער טהיר און בעהאַלט זיך אַ דערשראָקענער). ניין. אַ שיינעם דאַנק אייך, איך וויל ניט.

דער גאָראָדניטשי (ציטערט). פון ניט־געניטשאַפט, אויף מיין ערה־רען־וואָרט, פון ניט־געניטשאַפט. אַ ניט־פערמעגליכער מענש... זאָגט איהר אַליין: דאָס קאַזיאָנע געהאַלט קלעקט קוים אויף טיי און צוקער. אויב ווען ניט איז גענומען, איז נאָר קלייניגקייטען: צום טיש וואָס ניט איז, אַמאָל אַ קאָסטיום. וואָס איז שייך צום אונטער־אָפיציר'ס אַלמנה, די סוחר'טע, וואָס איך האָב זי, כלומר'שט, געהייסען שמייסען, איז דאָס אַ רכילות, אויף מיין ערהרען־וואָרט, אַ רכילות. דאָס האָבען מיינע שונאים אויסגעטראַכט; דאָס איז אַזעלכע חברה, וואָס זענען גרייט מיך דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער.

חלעסטאַקאָוו. איז וואָס? וואָס קעהרען זיי זיך אָן מיט מיר... (פערטראַכט זיך). איבעריגענס ווייס איך ניט, צו וואָס דערצעהלט איהר מיר פון שונאים און פון עפעס אַן'אונטער־אָפיציר'ס אַן'אַלמנה... דעם אונטער־אָפיציר'ס אַלמנה — דאָס איז גאָר אַן'אַנדער זאַך, אָבער מיך סמייעט איהר ניט שמייסען, דאָס וועט איהר זיך ניט דערוועגען... זעה נאָר, ס'אַרא מאַכער!.. איך וועל אָבצאָהלען, אָבצאָהלען, וויפיעל ס'קומט, נאָר איך דאַרף איצט ניט. אָט דעריבער זיין איך דאָך דאָ, וואָס איך האָב ניט אַ קאָפּיקע.

דער גאָראָדניטשי (אָן אַ זייט) אָהאָ, אַ ממזר־יונג! וואָס פאַר קונצען ער מאַכט! וואָס פאַר אַ קאַשע ער האָט דאָ פערקאָכט! הייבט טרעף, וואָס ער מיינט. פון וואַסער אַ זייט נעהמט מען זיך גאָר צו איהם. נאָר פּרוּ־פען מוז מען, זאָל זיין, וואָס ס'וויל זיך. אפשר וועט פאָרט געראָטען. (אויף אַ קול). אויב אייך פעהלט טאַקי באמת געלד אָדער אַנדערע זאַכען, בין איך גרייט אייך צו דיענען די מינוט. מיין פליכט איז צו העלפען די דורכפאָהרער.

חלעסטאַקאָוו. לייהט זשע מיר, לייהט מיר! איך וועל תיכף בעצאָהלען דעם בעל־הבית. איך דאַרף נאָר אַ רובעל צוויי הונדערט, אָדער אַפילו ווייניגער אויך.

דער גאָראָדניטשי (דערלאַנגט דעם ביטעל) פונקט צוויי הונדערט, איהר דאַרפט זיך אַפילו ניט מטריח זיין צעהלען.

חלעסטאַקאָוו (נעהמט דאָס געלד). אַ שיינעם דאַנק אייך. איך וועל אייך באַלד אָבשיקען פונ'ם דאָרף... ביי מיר איז דאָס פּלוצלונג... איך זעה, איהר זענט אַן'עדעלמאַן. איצט איז גאָר אַן'אַנדער מעשה.

דער גאָראָדניטשי (אָן אַ זייט). נו, דאַנקען גאָט! גענומען געלד. איצט וועט שוין, דאַכט זיך, געהן גלאַט. איך האָב איהם טאַקי אַריינגערוקט פיער הונדערטער אָנשטאָט צוויי.

חלעסטאַקאָוו. עי, אָסיפּ! (אָסיפּ געהט אַריין) רוף אַהער דעם קעלנער! (צום גאָראָדניטשי און צו דאָבטשינסקי'ן). וואָס זשע שטעהט איהר? זעצט זיך, ביטע. (צו דאָבטשינסקי'ן) זעצט זיך, זייט מוחל.

דער גאָראָדניטשי. נישקשה, מיר קענען בעשטעהען.

חלעסטאַקאָוו. ביטע, זעצט זיך. איך זעה איצט פאָלשטענדיג אייער אָפענהערציגקייט און גאַסטפריינדליכקייט; און איך האָב שוין, ניט איבגע־

רעדט זאָל זיין, גערעכנט, אַז איהר זענט געקומען, כדי מיך... (צו דאָבטשינסקי׳ן) זעצט זיך!

דער גאָראָדניטשי און דאָבטשינסקי זעצען זיך. באָבטשינסקי קוקט אַרויס דורך דער טהיר און הערט זיך אַיין.

דער גאָראָדניטשי (אָן אַ זייט). מ׳דאַרף זיין דרייסטער. ער וויל, אַז מ׳זאָל איהם האַלטען פאַר אַ אומבעקאַנטען. גוט, וועלען מיר איך דערציילען וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען: מיר׳ן מאַכען דעם אָנשטעל, אַקוראַט ווי מיר ווייסען גאָר ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ פויגעל. (אויף אַ קול). געהענדיג איבער׳ן שטאָדט צו ערפילען איינינע געשעפטען פון מיין אַמט, בין איך מיט אָט דעם הערן פּיאָטר איוואַנאָוויטש דאָבטשינסקי, אַ היעגען גוטסבעזיצער, אַריינגעקומען אין האָטעל, כדי געוואָהר צו ווערען, ווי האַלט מען דאָ די דורכפאָהרער, וואָרום איך בין ניט ווי אַנ׳אַנדער גאָראָדניטשי, וואָס ס׳אַרט איהם קיין זאַך ניט; איך, אַחוץ מיין אַמט, וויל איך נאָך, אויס קריסטליכער מענשען-ליעבע, אַז יעדען איינציגען זאָל מען אויפנעהמען גוט — נו, האָט מיך דער צופאַל בעלוינט מיט אַזאַ אַנגענעהמער בעקאַנטשאַפט.

חלעסטאַקאָוו. מיך פרעהט דאָס אויך זעהר. אָהן אַייך וואָלט איך, כ׳לעבען, געמוזט דאָ זיצען ווער ווייסט ווי לאַנג: איך האָב גאָר ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי וועל איך אָבצאָהלען מיין חוב.

דער גאָראָדניטשי (אָן אַ זייט) יאָ, דערצעהל מעשיות! ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי אָבצאָהלען! (אויף אַ קול) צו מעג איך האָבען די עהרע אַייך פרעגען, וואוהין איהר פאָהרט און אין וועלכע מקומות?

חלעסטאַקאָוו. איך פאָהר אין סאַראַטאָווער גובערניע, אין מיין אייגען דאָרף.

דער גאָראָדניטשי (אָן אַ זייט, מיט איראָניע) האַ? וואָס זאָגט איהר אויף איהם? ער ווערט אַפילו ניט רויט! אָ, פאַר איהם דאַרף מען זיך היטען, ווי פאַר פייער! (אויף אַ קול) זעהר אַ וואוילער עסק. אַנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט — אַ נסיעה: פון איין זייט הער איך, אַז ס׳זענען דאָ מניעות מיט די פערד, פון דער אַנדערער זייט איז דאָס אָבער אַ גוטער אָבריה, פאַר׳ן מח. איהר פאָהרט דאָך, געוויס, מעהר צוליעב אייגענעם פערגעניגען?

חלעסטאַקאָוו. ניין, דער פאָטער רופט מיך. ער איז ברוגז, דער אַלטער תרח, וואָס איך האָב זיך אין פעטערבורג ניט דערדיענט צו קיין זאַך. ער מיינט, אַז אָט קומט מען צו פאָהרען, און אָט האָט מען שוין אַ וולאַדימיר אין לאַץ. ניין, כ׳וואָלט אַ בעלן געווען, ער זאָל אַליין פּרופען זיך אַ ביסל טהאָן אין די קאַנצעלאַריעס.

דער גאָראָדניטשי (אָן אַ זייט). זעהט נאָר, ס׳אַרא מעשיות דער טאַקט! דעם אַלטען טאַטען אויך אַריינגעמישט! (אויף אַ קול) אין לאַנג רעכענט איהר דאָרט בלייבען?

חלעסטאַקאָוו. איך ווייס אַליין ניט. מיין פאָטער, דער אַלטער עכבראש, איז דאָך אַנ׳עקשן און אַ גרויסער שוטה דערצו. איך וועל איהם זאָגען אָפען: איך קען אָהן פעטערבורג ניט לעבען. וואָס בין איך עפעס אַזוי זינדיג, איך זאָל מוזען חשכ׳ען אַלע מיינע יאָהרען צווישען מוזשיקעס? ס׳איז היינט אַנדערע בעדערפנישען; מיין נשמה לעכצט בילדונג.

דער גאָראָדניטשי (אָן אַ זייט). אַ פֿיינעם פּלאָנטער אָנגעפּלאָנטערט! ער האָט ליגנס, ווי אַ מזמור, און זאָל זיך כאָטש איין מאָל אויסריידען מיט אַ וואָרט: אַ קוק טהאָן אויף איהם — אַ נידערעטשקער, אַ פּערזעדעניש, מיט איין נאָגעל קען איך איהם, דאַכט זיך, צעקוועטשען. נאָר וואַרט! איך וועל ביי דיר שוין ציהען ווערטער. ווערסט, ברודערקע, אַליין דערצעהלען וואָס מיט דיר איז דער מעשה! (אויף אַ קול) זעהר ריכטיג האָט איהר בעמערקט. וואָס קען מען טהאָן אין אַ העק? נעדמט, חאָטשבי, אונזער שטאָדט: מען שלאָפֿט ניט נעכט, מען אַרבייט פֿאַר'ן פֿאָטערלאַנד, מען שוינט ניט זיך אַליין, און דער לוין, ווער ווייסט, צי ער וועט אַמאָל קומען. (בעטראַכט דעם צימער) דאַכט זיך, דער צימער איז אַ ביסעל פייכט?

כלעסטאַקאָוו. אַ פּאַסקודנער צימער, און וואַנצען אַזוינע, ווי איך האָב אין ערגיץ ניט געזעהען: זיי בייסען, ווי די הינד.

דער גאָראָדניטשי. אַ מעשה, אַ מעשה! אַזאַ עדעלמאַן, ווי איהר, און ליידט פֿון וועמען? — פֿון עפּעס מיאוס'ע בעשעפעניש'ען, וואָס ס'איז נאָר ניט כדאי געווען, זיי זאָלען בעשאַפֿען ווערען אויף דער וועלט? דאַכט זיך, ס'איז טונקעל אויך אין דעם צימער?

כלעסטאַקאָוו. פֿינסטער חושך. דער בעל־הבית האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע — ניט געבען קיין ליכט. ס'ווילט זיך אַמאָל עפּעס טהאָן, לייענען אַביסעל, אָדער ס'קומט אַ פֿאַנטאַזיע עפּעס אָנשרייבען — קען איך ניט: פֿינסטער, פֿינסטער.

דער גאָראָדניטשי. צי מעג איך האָבען די עהרע אייך בעטען... נאָר ניין, איך בין ניט ווערט.

כלעסטאַקאָוו. וואָס איז?

דער גאָראָדניטשי. ניין, ניין! איך בין ניט ווערט! איך בין ניט ווערט!

כלעסטאַקאָוו. וואָס זשע פֿאַרט?

דער גאָראָדניטשי. — איך וואָלט בעטען... ביי מיר אין הויז איז דאָ פֿאַר אייך אַ צימער, אַ ליכטיגער, אַ רוהיגער... נאָר ניין, איך פֿיהל אַליין, אַז דאָס איז צו אַ גרויסע עהרע... זייט ניט ברוגז — אויף מיין עהרענוואָרט, איך בעט דאָס פֿונ'ם גאַנצען הארצען.

כלעסטאַקאָוו. פֿערקעהרט, זעהר גערן, מיט פֿערגעניגען. מיר איז פֿיעל אַנגענעהמער אין אַ פּריוואַטען הויז, איידער אין אָט דעם שענק.

דער גאָראָדניטשי. און איך וועל דאָס זיין גליקליך! און מיין ווייב וועט האָב זיין צופֿריעדען! — קענט איהר אייך גאָר ניט מאָלען. איך האָב שוין אַזאַ טבע: גאַסטפֿריינדליכקייט פֿון קינדווייז אָן, בעזונדערס אַז דער גאַסט איז אַ אויפֿגעקלעהרטער מאַן. מיינט ניט, אַז איך זאָג דאָס אַ חניפֿה; חלילה, איך האָב פֿיינט אַזוינע זאַכען. וואָס איך זאָג, מיין איך דאָס טאַקי מיט'ן גאַנצען הארצען.

כלעסטאַקאָוו. איך דאַנק אייך זעהר. איך האָב אַליין אויך פֿיינט צוויי־פּנים'דיגע מענשען. מיר געפֿעלט זעהר אייער אָפֿענהערציגקייט און פֿריינדליכקייט, און איך וואָלט, כ'לעבען, נאָר ניט פֿערלאַנגט, נאָר מען זאָל מיר אַרויסווייזען אַכטונג און איבערגעגעבענקייט, איבערגעגעבענקייט און אַכטונג.

9=טע סצענע.

די פּריהערדינגע און דער קעלנער צוזאַמען מיט אָסיפּ.

באָבטשינסקי קוקט אַרויס פון דער טהיר.

דער קעלנער. דער הער האָט גערופען?

חלעסטאַקאָוו. יאָ; גיב אַ רעכנונג.

דער קעלנער. איך האָב זיי אַנומעלטען שוין געגעבען איין רעכנונג.

חלעסטאַקאָוו. איך געדענק ניט דיינע נאַרישע חשבונות. זאָג: וויפיעל קומט?

דער קעלנער. זיי האָבען גענומען דעם ערשטען טאָג אַ מיטאָג, און דעם אַנדערן האָבען זיי נאָר פערביסען מיט לאַקס און נאָכדעם האָבען זיי שוין כסדר גענומען אויף באָרג.

חלעסטאַקאָוו. דום־קאָפּ! געשטעלט זיך רעכענען, — וויפיעל קומט אינגאַנצען?

דער גאָראָדניטשי. וואָס דאַרפט איהר זיך קימערן: ער וועט צוּוואַרטען. (צום קעלנער) גייע, מ׳וועט דיר אַריינשיקען.

חלעסטאַקאָוו. טאַקי באמת, איהר זענט אויך גערעכט. (באַהאַלט דאָס געלד. דער קעלנער גייט אַרויס. אין טהיר קוקט אַרויס באָבטשינסקי).

10=טע סצענע.

דער גאָראָדניטשי, חלעסטאַקאָוו, דאָבטשינסקי.

דער גאָראָדניטשי. אפשר וועט איהר בעוויליגען צו בעטראַכטען אייניגע אַנשטאַלטען אין אונזער שטאָדט, ווי די וואוילטעטיגע און אַנדערע?

חלעסטאַקאָוו. וואָס איז דען דאָרט פאַרהאַן?

דער גאָראָדניטשי. אַזוי, אַ קוק טהאָן, ווי עס פיהרען זיך ביי אונז די געשעפטען... וואָס פאַר אַן אָרדנונג...

חלעסטאַקאָוו. מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען, איך בין גרייט.

באָבטשינסקי שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורך דער טהיר.

דער גאָראָדניטשי. אפשר וועט איהר אויך וועלען פון דאָרטען אַריבערפאָהרען אין דער אויעזדיגע שול, בעטראַכטען די אָרדנונג, ווי עס ווערען דאָרט געלערנט די למודים.

חלעסטאַקאָוו. אודאי, פאַר וואָס ניט.

דער גאָראָדניטשי. נאָכדעם, אויב איהר ווילט וועלען בעזוכען דעם אָסטראָג און די שטאָדטיגע טורמעס — וועט איהר זעהען, ווי מען האַלט ביי אונז די פערברעכער.

חלעסטאַקאָוו. טורמעס? וואָס דאַרף מען דאָס? מיר׳ן בעסער בעזוכען די וואוילטעטיגע אַנשטאַלטען.

דער גאָראָדניטשי. ווי איהר ווילט. ווי וועט איהר בעוויליגען צו פאָהרען, אין אייער עקיפּאַזש, אָדער מיט מיר צוזאַמען אויף דער דראָזשקע?

חלעסטאַקאָוו. איך וועל בעסער פאָהרען מיט אייך אויף דער דראָזשקע.

דער גאָראָדניטשי (צו דאָבטשינסקי׳ן). נו, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, איצט איז פאַר אייך קיין פּלאַץ ניטאָ.

דאָבטשינסקי. נישקשה, כ׳וועל געהן.

דער גאָראָדניטשי (שטיל צו דאָבטשינסקי'ן) הערט: איהר לויפט, נאָר גיך, איין פוס דאָ, דעם אַנדערן דאָרט, און טראָגט מיר אָב צווי צעטעלעך: איינס אין דער וואוילטעטיגער אַנשטאַלט צו זיעמליאַניקאַ'ן און דאָס אַנדערע צו מיין ווייב. (צו חלעסטאַקאָוו'ן) מעג איך האָבען די עהרע אָנשרייבען אין אייער געגענוואַרט אַ פּאָר ווערטער צו מיין פרוי, כּדי זי זאָל זיך צוגרייטען צו עמפּפאַנגען אַזאַ געהויבענעם גאַסט?

חלעסטאַקאָוו. וואָס דאַרף מען דאָס?... איבריגענס, טינט איז דאָ דאָ, איך ווייס נאָר ניט, וואָס טהוט מען אָהן פּאַפּיר. סיידען אויב איהר ווילט אָנשרייבען אויף דער רעכנונג?

דער גאָראָדניטשי. איך וועל דאָ אָנשרייבען. (שרייבט און רעדט דערביי צו זיך אַליין). נו, נו, מיר'ן זעהען, וואָס וועסטו, ברידערקע, זאָגען נאָכ'ן פרישטיק מיט אַ בייכיג פלעשעל! ס'איז דאָ ביי אונז מאַדערא פון דער גובערניע: זי לאָזט זיך דוקא טרינקען, נאָר נאָכדעם קען זי דעם גרעסטען גבור אומוואַרפען פון די פיס. ווען איך וועל נאָר געוואָהר, וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגעל און אויף וויפיעל איז ער געפעהרליך. (ער האָט אָנגעשריעבען און דערלאַנגט דאָבטשינסקי'ן, וועלכער געהט צו צו דער טהיר, נאָר אין דער מינוט רייסט זיך אָב די טהיר, און באָבטשינסקי, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אונטערגעהערט אויף יענער זייט, פליהט אַריין צוזאַמען מיט דער טהיר אויף דער סצענע. ערשטוינטע אויסרופען. באָבטשינסקי הויבט זיך אויף).

חלעסטאַקאָוו. וואָס? איהר האָט זיך אפשר געגעבען אַ זעץ?

באָבטשינסקי. גאָרניט, נאָרניט, אָהן אַ שום צעמישונג, נאָר איבער'ן נאָז אַ קליינע מכּה! איך וועל אַריינגעהן צו חריסטיאַן איוואַנאָוויטש: ער האָט אַזאַ פלאַסטער, — וועט עס זיך פעהלען.

דער גאָראָדניטשי (מאַכט באָבטשינסקי'ן אַ צייכען פון אומצופריעדענהייט. צו חלעסטאַקאָוו'ן). דאָס איז גאָר נישט. זייט זשע מוחל, איך בעט אייך זעהר! און אייער דיענער וועל איך זאָגען, אַז ער זאָל אַריבערטראָגען דעם טשעמאָדאַן. (צו אָסיפּ'ן) דו, מיין ליעבער, וועסט אַריבערטראָגען אַלצדינג צו מיר, צום גאָראָדניטשי — דאָ וועט דיר יעדערער וויזען, וואו איך וואוין. ביטע זעהר! (ער לאָזט דורך אַפריהער חלעסטאַקאָוו'ן און גערט איהם נאָך; נאָר דערווייל קעהרט ער זיך אום צו באָבטשינסקי'ן און מוסר'ט איהם) אַ פיינער נפש! ניט געפונען קיין אַנדער אָרט, וואו צו פאַלען! זיך אויסגעצויגען, ווי דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואָס. (ער געהט אַוועק; נאָך איהם באָבטשינסקי).

י. גאָרדין.

גאָט מענש און טייוועל. פאַרהאַנג.

(דראַמע)

הערשעלע דיבראָוונער, אַ פרומער יוד אַ סופר, האָט געוואונען אין לאָטעריע אַ גרויסע סומע געלד. קויפען אַ לאָטעריע־צעטעל האָט איהם אָנגערעדט מזיק — אַ סימבאָלישע פיגור, די פערקערפערונג פון שלעכטס.

דייך געוואָרען, האָט זיך הערשעלע איינגעזעצט אומגעביטען. ער האָט זיך גע'נט מיט זיין ווייב פעסעניו און חתינה געהאַט מיט זיין שענער פלימעניצע, דער יונגער פריידעניו. בשותפות מיט מזיק'ן האָט ער געעפענט אַ טליתים־פאַבריק, וואו ער עקספּלואַטירט די אַרבייטער, צווישען זיי אויך זיינע אמאָ־ליגע פריינד. זיין אַלטער פאָטער, ליזער דער בדחן, האָט געמוזט פערלאָזען זיין הויז.

דריטער אקט. שלום־סצענע

הערשעלע'ס קאַבינעט. אַ שאַפע מיט ספרים, אויף וועלכער עס ליעגט זיין פיעדעלע אין אַ פוטליאַר. אינמיטען צימער אַ שרייב־טיש, נעבען וועלכען עס שטעהט אַ הויכע אייזערנע קאַסע; עטליכע שטודלען. ליזער און פעסעניו זיצען טרויעריגע, פריידעניו געהט אום פערבראָכען די הענד און זינגט שטיל מיט אַ וויינענדיגער שטימע „מזמור לדוד“. ביסלעכווייז ווערט דונקעל.

פעסעניו: פריידעניו, וואָס טהוט דיר וועה, מיין קינד? ביזט קראַנק, האַ?

פריידעניו: דאָס האַרץ טהוט מיר וועה, מוהמעניו. אַזוי ווי אַ שלאַנג זויגט מיר דאָס בלוט, איך קען זיך קיין אָרט געפינען. מיך אַרט קיין זאַך ניט און מיך פרעהט קיין זאַך ניט. איך פיהל גלייך ווי איך שווים אין אַ ים פון אומעט און טרויער. (געהט צום שאַפע און נעהמט דאָס פיעדעלע אין בע־טראַכט עס).

פעסעניו: אוי וועה איז מיר. (שטיל צו ליזער'ן). איך האָלט נעדאַרפט אַריבערליופען זעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך. נאָר ווי לאָזט מען זי איצט אַליין?

ליזער: מען לאָזט אָהן קיין מענשען ניט, אַ פשיטא שוין ווייבער... מען טרייבט זיי ווי די גענז, דער דאָקטאָר מאַכט איצט די אָפּעראַציע. (אַ געראַויש) אוי, איך האָב מורא, מיר דאַכט זיך, דעם בדחנ'ס בעל־הבית געהט. (הערשעלע און מזיק אַריין. לייזער שטעהט אויף).

הערשעלע: (זעהר טרויעריג). זעהט, וואָסערע געסט ביי מיר אין קאַנטאָר. נו, פריידעניו, וואָס מאַכסט דו? ביזט געקומען מיך זעהן?

פריידעניו: איך קום אָהער אָפט און איך הער זיך צו, ווען ווערט דאָס פיעדעלע שפּיעלען, און דאָס פיעדעלע שווייגט. ווי אַ טויטע ליעגט עס שטיל, און אַמאָל האָט עס גערעדט. אוי! איך וואָלט געוואָלט הערען נאָך אַמאָל, וואָס דאָט עס דאַמאָלס געזאָגט... האָט עס מיך אָבגענאַרט? ניט דעם אמת געזאָגט?

הערשעלע (לעגט צוריק דאָס פיעדעלע). בערוהיג דיך, פריידעניו, איך בעט דיך. האָב רחמנות אויף זיך, האָב רחמנות אויף מיר.

פריידעניו (פערטראַכט). עס ציהען זיך גראָהע לאַנגע טעג אָהן ליכט און אָהן פינסטערניש, אָהן קעלט און אָהן וואַרעמקייט, אָהן צרות און אָהן פרייד.

הערשעלע: ניטאָ קיין פרייד דאָרט און ניטאָ קיין פרייד אין דער היים (זיפצט שווער).

 פריידעניו: אַך, איך פערשטעה. קום, מוהמעניו, דער פעטער וויל

געוויס בערעכענען זיינע השבונות און איבערצעהלען נאָך אַמאָל דאָס געלד... דאָס געלד קלינגט און דער פידעל שווייגט... ר׳ אוריאל, זינט איהר האָט אונז געבראַכט דאָס גרויסע געווינס, האָבען מיר אַלעס פערשפּיעלט.

פעסעגיי: אוי אַלע פערשפּיעלען און דאָס געווינס קומט קיינעם ניט אָן!

מזיק: איהר מיינט, זי איז ניט גערעכט? (עפענט די קאַסע). גיט אַ קוק, עס איז דאָ וואָס צו בערעכענען און איבערצעהלען. (ביידע פרויען אָב).

הערשעלע: (זעצט זיך) ניין! דאָס געלד האָב איך שוין איבערגעצעהלט... די השבונות? זעהסט דו, די חשבונות, דאַכט זיך, איז יאָ צייט צו בערעכענען.

לייזער (וועלכער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַ דערשראָקענער, גיט אַ מאַך מיט׳ן האַנד אין גנב׳ט זיך שנעל צו דערטהיר): אַ גוטען! (וויל אַרויסלויפען).

הערשעלע: זיי זשע מוחל, טאַטע, איך האָב דיר געוואָלט עפּעס זאָגען. געה ניט אַוועק, איך בעט דיך... בלייב דאָ... עס איז ניטאָ קיין לעבעדיגער מענש אין שטוב. איך בין דאָ אַליין... איך האָב חרטה, טאַטע, וואָס איך האָב דיך געלאָזט זיין ביי פרעמדע מענשען אויף דער עלטער.

מזיק: (אַפּאַרט) ער זוכט אינ׳ם בדחן דעם מענשען.

לייזער: איך בין ניט ביי פרעמדע; מיט אפרים׳ען דעם גלי-זמר זענען מיר אייגענע. מיר פערשטעהען איינע די אַנדערע, מיר האָבען פון וואָס צו שמועסען, וואָס פון די אַמאָליגע אַלטע יאָהרען צו דערמאָנען. ניין, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, דאָרט, ביי די פרעמדע, בין איך אין דער היים, און דאָ אין דער היים בין איך געווען אין דער פרעמד. דאָרטען, פערשטעהסט דו, איז ניטאָ קיין מרה שחורה. איז דאָ וואָס צו עסען, האַקט מען אַריין, ניטאָ וואָס צו אַכל׳ן — דערצעהלט מען גלייכווערטלעך, מען קריעגט זיך און מען מאַכט שלום, מען לאַכט, מען שפּיעלט אַ דאַמקע, מען שפּיעלט אַ ביסעל מוזיק... איך לופטער דורך דאָרטען דעם בדחן. איך ווייס, פאַר דיר איז דאָס אַ בזיון, אָבער דאָרטען איז דאָס אויפ׳ן פלאַץ. געוויס, איך קען דיר ניט נויטען דורכ׳ן שאַלאַטען-שמש, דו זאָלסט אפרים׳ען צאָהלען פאַר אַזאַ אַלטען טאַטען, אַ גראָבען יונג...

הערשעלע: ניין, טאַטע, חלילה, ניט דאָס האָב איך געמיינט, דו האָסט מיך נישט פערשטאַנען...

לייזער: איך וויל זאָגען, אויב דו וועסט אַפילו ניט צאָהלען, וועט מיך אפרים אויך חלילה ניט אַרויסטרייבען. ביי קבצנים שפּיעלט עס ניט קיין גרויסע ראָלע. אָבער איך דאָ? וואָס דאַרף איך דאָ און וואָס האָב איך דאָ? אַ גוטען טאָג... עס איז שוין בין השמשות און מען מעג זאָגען: אַ גוטע נאַכט. (שטיל) זעקס, זיעבען, אַכט. (אָב).

מזיק: נו, דאַרפט איהר אייך אַזוי שרעקען פאַר׳ן מענש? הע! הע! הע! ר׳ הערש, אין יעדען מענשען זיצט אַ בדחן...

הערשעלע: יאָ! אָבער אין יעדען בדחן זיצט אַ מענש. דו ווייסט, ווי גרויס מיר זאָלען זיך ניט האַלטען, ווי רייך און שטאַרק מיר זאָלען ניט זיין, מיר האָבען דאָך מורא פאַר׳ן מענשען. ווען מיר בויען אַ שול, אַ קהל׳ישען מרחץ. אָדער ווען איך, למשל, האָב געוואָלט בויען דאָ אַ שפּי-

טאָל, אָדער ווען איך צאָהל פֿאַר מיין פֿאָטערס קעסט, דאָס איז נאָר ווייל איך האָב מורא פֿאַר'ן מענשען, נאָר ווייל מיר ווילען בעצאָהלען דעם מענשען האָטש אַ קליינעם טייל פֿון אַ גרויסען חוב, נאָר ווייל מיר מיינען, אונז וועט געלינגען לכל הפחות אָבנאַרען דעם מענשען, פֿערבלענדען, אונטערקויפֿען... מזיק, קיין זאַך שרעקט דעם מענשען ניט אַזוי שטאַרק, ווי דער מענש אַליין. (אַ געדויש) שאַ, ווער איז דאָס דאָרט? (עטליכע יודישע אַרבייטער פֿיהרען אַריין דאָבען און ציפֿען. זיי זענען זעהר פֿערוויינט).

אַרבייטער: האָט קיין פֿעראיבעל ניט, ר' הערשעלע, דער דאָקטאָר האָט זיי געהייסען אַוועקפֿיהרען אין קאַנטאָר: מען קען איבער זיי די אָפּעראַציע ניט ענדיגען... אוי, מיר האָבען זיי קוים מיט געוואַלד אָבגעריסען. (אָב).

הערשעלע: (זאַנפֿט) געהט אַריין אַהין... קומט, דאָרטען זענען אונזערע. (פֿיהרט זיי).

דאָבע: אוי, ניט אומזיסט האָט זיך מיר פֿאַראַכטאָגען שבת צו נאַכט געחלומ'ט, אַז איך האָב פֿערלוירען אַ צאָהן. ניט אַ צאָהן, אַנ'אויג האָט מען מיר אויסגעריסען פֿון קאָפּ! מיין איינציג קינד האָט איהר מיר געמאַכט פֿאַר אַ קאַליקע.

ציפֿעניו: שוויגער, וואָס דאַרפֿט איהר רעדען? ער איז דאָך אונזער בעל-הבית און וואָס קען עס אַרען אַ בעל-הבית? מאָטעלע האָט שוין ניט קיין הענד. וועט אַנ'אַנדערער אַרבייטען. (וויינט).

הערשעלע: ציפֿעניו, איך בין ניט נאָר דיין בעל-הבית – איך בין דיין פֿעטער און דיין שוואָגער.

ציפֿעניו: זינד איהר האָט געיגט די מוהמעניו זענט איהר מיר קיין פֿעטער מעהר. און דערמיט וואָס איהר האָט מיין שוועסטער אומגליקליך געמאַכט, זענט איהר מיר ניט קיין שוואָגער. (ביידע אָב אין דער אינערסטער טהיר).

הערשעלע: אַלע זענען מיר פֿרעמדע, אַלע שונאים. דאַכט זיך, אַלע ווילען זיין קרובים מיט אַ נגיד, אַלע שעצען אַזוי טייער זיין פֿריינדשאַפֿט. אָבער דאָס וועיזט זיך נאָר אויס... ווען די צייט קומט, דאָס זיי רעדען אמת, ווי זיי פֿיהלען, זעהט מען – אַלע זענען שונאים, אַלע זענען פֿרעמדע... אין חלום נאָר זעהט מען אַלע מיט זיך, אין דער ווירקליכקייט איז מען אַליין! אַליין! מזיק, איך בעט דיך... איך וויל איצט דאָ אַליין בלייבען.

מזיק: איך וויל אייך אָבער איצט אַליין ניט לאָזען. איך האָב מורא, איהר זייט זייער נערוועז... און... און אַ ביסעל צו פֿיעל פֿערנומען מיט'ן מענש... מענש!

הערשעלע: וואָס קענסט דו מיר איצט העלפֿען? דו האָסט מיר געקענט העלפֿען ווערען רייך, ווערען גרויס, בעריהמט, האָבען כבוד, אָבער מיך גליקליך מאַכען, מיך בערוהיגען, מיין גייסט בעפֿריעדיגען, מיין קראַנקע נשמה געזונד מאַכען, דאָס ביזט דו ניט אימשטאַנד, איך בעט דיך, פֿערלאָז מיך איצט...

מזיק: (סאַרקאַסטיש) דער מענש וויל בלייבען אַליין אָהן מיר?

ה ע ר ש ע ל ע: יאָ, גײה, איך װיל בלײַבן אַלײן מיט זיך. דו הערסט ניט? (בײז) איך זאָג דיר, גײה פֿון דאַנען! (מזיק גײט).

ה ע ר ש ע ל ע: איך האָב גאָר אַלײן ניט געפֿיהלט, װי עלענד, װי פֿרעמד איך בין. קײן אײן פֿרײנד, קײן אײן מענש אַפֿילו אין דער גאַנצער װעלט, צו װעמען איך זאָל קענען קומען יעצט מיט מײן צעװעהטאָגט האַרץ, אויסװײנען מײנע צרות, דערצעהלען אַלע מײנע טעות'ן און ערװאַרטען אײן װאָרט פֿון טרײסט און האָפֿנונג. מײן אײגענער פֿאָטער פֿיהלט זיך ניט אין דער הײם בײ מיר, בײ זײן אײנציגען זוהן. מײן פֿרײַדעניו? איך פֿערשטעה זי ניט. איך בין געװען פֿערנומען מיט געשעפֿט און האָב קײן צײט געהאַט אירר פֿרײנדשאַפֿט צו ערװערבען. אָה! איך מוז מודה זײן, זי, די גע'גט'ע, איז אַמאָל געװען מײן טרײסטער פֿרײנד אין דער װעלט, און איצט... איצט זענען מיר פֿרעמדע. װי שלעכט איך װאָלט ניט געװען, האָלט זי מיר מוחל געװען, װאָרום זי... זי איז אַ'אמת'ער פֿרײנד... אמת'ע פֿרײנדשאַפֿט װײסט ניט פֿון חשבונות און אויסרעכענונגען... (פֿעסע אַרײן) אוי!

פ ע ס ע נ י ו: קײנער ניטאָ דאָ? איך האָב געװאָלט שיקען נאָך ספירט. ציפּעניו'ן שלאָגט אַלע װײלע אַ חלשות צום האַרצען. (געהט צו דער אויסערסטער טהיר).

ה ע ר ש ע ל ע: עס איז גוט, װאָס איהר זענט געקומען, מיר װילט זיך מיט אײך רעדען...

פ ע ס ע נ י ו: רעדען? ניט איצט... איהר זענט אַלײן דאָ... אַ פֿרעמדער...

ה ע ר ש ע ל ע: מײנט ניט, עס איז אַזאַ גרױסער חטא...

פ ע ס ע נ י ו: נײן! אָבער פֿון װאָס קען איך מיט אײך רעדען, אָדער איהר מיט מיר? אַז מיר זענען דאָך פֿרעמדע מענשען... אָבער װאָס זיצט איהר אין דער פֿינסטער? זאָל איך אײך הײסען אַרײנטראָגען אַ לאָמפּ? (אין טהיר) טראָגט אַרײן אַ לאָמפּ!

ה ע ר ש ע ל ע: נײן, איך װיל זיצען אין דער פֿינסטער. (אַ דיענער ברענגט אַ לאָמפּ. אָב).

פ ע ס ע נ י ו: אוי! װעמען שיקט מען? (אַפּאַרט) װעה איז מיר, ער האָט נעבעך ניט מיט װעמען אַ װאָרט אויסצורעדען. (געהט צום טהיר. ל י י ז ע ר ראַש אַרײן).

ה ע ר ש ע ל ע: װאָס איז?

ל י י ז ע ר: (דערשראָקען) פֿעסע, זײט זשע מוחל, איך דאַרף אײך עפּעס זאָגען... ששש!

פ ע ס ע נ י ו: נו, אײערע סודות! עס ליעגט מיר איצט מעהר ניט אין זינען.

ל י י ז ע ר: פֿעסעניו, צום ערשטען מאָל אין מײן לעבען קומט מיר אויס צו זאָגען אַזאַ סוד, פֿון װעלכען מען װעט ניט לאַכען. (שטיל) איך האָב ערשט געהערט אין גאַס, מאָטעלע האָט ניט אויסגעהאַלטען די אָפּעראַציע... זײ זענען דאָרט? מען טאָר זײ ניט זאָגען.

פ ע ס ע נ י ו: אוי, װי אַזוי װעט עס ציפּעניו איבערטראָגען! און די אָרימע מאַמע נעבעך. װעה איז מיר (בײדע אָב).

הערשעלע: וואָס איז דאָרט שוין ווידער? אָה! וואָס גייט מיך אָן און וואָס קען עס מיך אַרען? (גייט אום). וואָס ערוואַרטעט מיך אין דער צוקונפט? אַקוראַט ווי איך קוק אַריין אין אַ פינסטערן תהום, אין אַ שרעקליכען אָבגרונד. איך האָב מורא! איך האָב מורא צו לעבען! אַזאַ לעבען שרעקט מיך, און איבערמאַכען דאָס לעבען וועל איך ניט קענען. (פלוצלונג אַ חאַפּ ביי'ם קאָפּ) אוי! אַ שרעקליכער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלען! גאָט, דו ווייסט, וואָס איך פיהל, דו ביזט אַ גוטער, און וועסט מיר מוחל זיין! איך האָב מורא צו לעבען! איך האָב מורא צו לעבען! (פערדעקט זיין געזיכט און בעמערקט ניט ווי חצקאל געהט אַריין. ער איז ניעדערגעשלאָגען און פערוויינט. פויזע).

חצקאל: בעל־הבית, האָט קיין פעראיבעל ניט (הערשעלע דערשרעקט זיך) איהר דאַרפט אייך ניט שרעקען: איך בין געקומען רופען אַהיים מיין אומגליקליך ווייב און מיין אָרימע שנור נעבעך...

הערשעלע: אַזוי? זיי מעגען שוין געהן אַהיים? שוין געענדיגט די אָפּעראַציע?

חצקאל: יאָ, זיי מעגען שוין אַהיים געהן. אייער דאָקטאָר האָט געענדיגט דאָס, וואָס אייער פאַבריק האָט אָנגעהויבען. שש! איך וויל נאָך ניט, זיי זאָלען דאָרט וויסען... (שטיל) ר' הערשעלע, מיין זוהן איז געשטאָרבען אונטער'ן מעסער.

הערשעלע: אוי, וועה איז מיר! געשטאָרבען? ברוך דין אמת.

חצקאל: ווער זאָגט עס, אַז עס איז דאָ אַ דין אמת? איהר? איהר גלויבט, אַז עס איז דאָ אַ דין אמת, פאַר וועלכען איהר וועט דאַרפען אָבגעבען דין וחשבון? אוי, ר' הערשעלע, ניט מיט איהם און אַפילו מיט מיר אַליין וועט איהר זיך ניט קענען בערעכענען.

הערשעלע: אָ, ר' חצקאל, איך פיהל און איך גלויב, אַז פריהער אָדער שפּעטער, יעדער מענש וועט מוזען אָבגעבען דין וחשבון. אָבער מיט דיר? דיר אָבגעבען רעכנונג?

חצקאל: יאָ, מיר, אייער אַרבייטער, וועט איהר מוזען פריהער פון אַלע אָבגעבען דין וחשבון. אַמאָל זענען מיר געווען ברידער, איצט בין איך אייער דיענער! אַמאָל בין איך געווען אייער פריינד! איצט בין איך דיין קנעכט. אַמאָל פאַר'ן שרייבען „אַד'שם“ פלעגסטו זיך טובל זיין אין וואַסער, און איצט ביזט דו זיך טובל אין אונזער בלוט! אינ'ם בלוט פון אונזערע יונגע אומשולדיגע קינדער!

הערשעלע: חצקאל, האָב רחמנות אויף מיר, איך בעט דיך.

חצקאל: דו האָסט געהאַט אַנ'אַלטען טאַטען, וועלכען, דאַכט זיך, דו פלעגסט אָבגעבען כבוד מעהר ווי מען דאַרף, האָסט דו אָבער אויף איהם רחמנות געהאַט? האָסט דו רחמנות געהאַט אויף דיין ווייב, אַ ערליכע כשר'ע יודענע, וועלכע האָט דיך געאַכט ווי אַ מלאך? האָסט דו רחמנות געהאַט אויף דיין יונג ווייב, וועלכע איז דורך דיר געוואָרען נעבעך ווי אַ צומישטע?

הערשעלע: דורך מיר?

חצקאל: יאָ, דורך דיר! האָסט דו געהאַט רחמנות אויף דיין חבר, דיין בעסטען פריינד און אויף זיינע קינדער? אוי! וועה! אין דער צייט ווען דו זיצסט דאָ און צעהלסט געלד, ליעגט ביי מיר אין שטוב אַ בר מנן... אַ טויטער, וועלכער איז דורך דיין געלט גע'הרג'עט געוואָרען. דו האָסט פערשפּראָכען דאָס גאַנצע שטעדטעל גליקליך מאַכען מיט דיין פאַבריקע, און דו האָסט אונז אַלע בע'גזל'ט, אומגליקליך געמאַכט, פערדאָרבען... ר' הערשעלע דובראָוונער, דו האָסט געשפּיעלט אַ קאָמעדיע מיט גאָט... האָסט געזוכט נאָר אַ הייליגע אַרבייט, מלאכת אלקים, האָסט געמאַכט טליתים פאַר יודען. נאָ! זעה! (נעהמט אַרויס פון בוזעם אַ טלית אין בלוט) דאָס איז איינער פון דיינע טליתים, ער איז אין בלוט! ער איז אויסגעווייקט אין דעם בלוט פון מיין קינד און אין די טרעהרען פון זיינע אָרימע יתומים'לעך! מיין געשטאָרבענער זוהן האָט דיר איבערגעפיהרט אַ טלית, פערשרייב עס אויף מיין חשבון! (ראַש אָב אין די אינערע צימערן).

הערשעלע: (בלייבט לאַנג אָהן בעוועגונג. דאַן נעמט ער דעם טלית און בעטראַכט) אויסגעווייקט אין זיין בלוט און אין די טרעהרען פון זיינע יתומים... און דאָס זאָל איך אויך פערשרייבען אויף זיין חשבון... אַי! עס איז אַ גרויסער חשבון, אַ שווערער חשבון... איך האָב צו פיעל צו צאָהלען און פיהל. אַז איך מוז באַנקראָטירען. באַנקראָט! איך באַנקראָטיר איצט ניט אַזוי ווי דאַמאָלסט, מיט מזיק'ן בשותפות. ניין! אַליין! יענע חובות האָב איך געהאַט, מיט וואָס צו צאָהלען, און האָב ניט געוואָלט צאָהלען, איצט וואָלט איך אפשר געוואָלט צאָהלען, נאָר איך האָב ניט מיט וואָס. (עפענט די קאַסע) איהר זעהט? אַ פולע קאַסע מיט געלד, און דעם קלענסטען חוב, וואָס אַ מענש איז שולדיג אַ מענשען, קען מען מיט דעם ניט בעצאָהלען. אוי, גרויסער גביר, וואָס פאַר אַ שרעקליכער אָרימאַן דו ביזט! (בעטראַכט דעם טלית און לעגט אויף דער קאַסע) צו פיעל רייד דאַרף מען האָבען, מען זאָל קענען אויסדריקען אַלץ וואָס איך פיהל... גרינגער וואָלט געווען אַזאַ שמערץ אויסוויינען, אָבער איך האָב ניט קיין טרעהרען. (דערזעהט דאָס פּיעדעלע) אָה! איך וויל שפּיעלען... נאָך אַמאָל שפּיעלען... (נעהמט אַראָב פון שאַפע. מאַכט צו אַלע טהירען) אַמאָל האָבען מיך גאַנץ אַנדערע געפיהלען געצוואונגען צו רעדען דורך דיר, איצט זאָלסט דו נאָך אַמאָל, נאָך איין מאָל רעדען פאַר מיר... פריידעניו זאָגט, דו קומסט פון די הימלען. טראָג צוזאַמען מיט דיינע טענער אויך מיינע זיפצען און טעהנען אַהין, פון וואַנען דו קומסט. (שפּיעלט פּיאַנאָ און מיט געפיהל „מזמור לדוד“, נאָכדעם פערדעקט ער זיין געזיכט און בלייבט שטיל). פריהער האָב איך ניט געהאַט קיין טרעהרען, און איצט פיהל איך — איך וועל קענען וויינען... יאָ! איך וויין! און מיר קומט ווידער אויפ'ן זינען אַ שטיקעלע פיוט, וואָס פּאַסט זעהר גוט פאַר אַן באַנקראָט, וועלכער געהט ענדיגען אַלע זיינע געשעפטען (נעהמט פון שאַפע אַ מחזור, שטעלט זיך ביי דער קאַסע ווי ביי אַ שטענדער), אוי! (אַ לאַנגער זיפץ) אנוש מה יזכה, וואָס קען דער מענש זוכה זיין און ווי קען ער זיין ריין? טמא בשארו, ער איז טמא מיט זיין לייב, אונריין מיט זיין געוויסען און מאַכט טמא מיט זיין טויט; כל ימי חייו תוהו, ולילותיו בוהו, ועניינו הבל (וויינט). יאָ אַלע טעג פון זיין לע-

בען זענען תּוהו, זיינע געלט בּוהו. זיינע געשעפֿטען הבֿל. אַזוי ווי אַ חלום איז זיין לעבען, שרעק פֿערפֿאָלגען איהם שטענדיג. בּיי־נאַכט שלאָפֿט ער ניט, בּיי־טאָג רוהט ער ניט, עד ירדם בּקבֿר... אוי! מה יתאונן אָדם חי? וואָס קען זיך בּעקלאָגען דער אָרימער מענש? ער איז געבוירען צו מאַטערען זיך און ליידען, זיין סוף איבערצייגט, וואָס זיין אָנפאַנג איז... טהוט ער צדקות, ווען מען איהם מאַכען אַ לויה צום בּית עולם. צופֿה בּחכמה, ווען זיין חכמה געהן מיט איהם אין גרובּ. (פֿאַלט צו צום פֿערבּלוטיגטען טלית און וויינט, נאָכדעם הויבּט ער אויף דעם קאָפּ ענטשלאָסען, נעהמט דעם טלית, בּינדעט איהם צו צום הענדטעל פֿון דער קאַסע, מאַכט אַ שלייף אויפֿ'ן האלז, גיט אַ לאַנגען קוק אַרום זיך, גיט אַ טיעפֿען זיפֿץ און זעצט זיך אַראָבּ; די קאַסע פֿערשטעלט זיין קערפּער, פּויזע. דאַן ערשיינט פּריידעניו).

פּ ר י י ד ע נ י ו: דאָס פֿיעדעלע האָט ווידער געערדט, עס האָט נאָך אַמאָל געזאָגט „דעם אמת... איך הער זיך צו און הער זיך צו און עס שווייגט... וואָס איז עס אַנטשוויגען געוואָרען?... אוי! וואָרום רעדסט דו ניט נאָך? (זינגט פּואַנאָ) „גם כּי אלך בּגיא צלמות לא אירא רע כּי אתּה עמדי". הערשעלע, דאָס פֿיעדעלע שווייגט און דו שוויגסט, וואו בּיזט דו? (בּעמערקט איהם פּלוצלינג) אַי! אַי! (שרייט פֿערצווייפֿעלט. לייזער, פּעסע, דאָבּע, ציפּעניו, חצקאל פֿון איגערשטער טהיר, מזיק פֿון דרויסען. דיענער בּרענגען ליכט). אוי! איך האָבּ מורא! איך האָבּ מורא צו קוקען אויף איהם!

אַ ל ע: (דער שראָקען) וואָס איז? וואָס איז געשעהן? (חצקאל בּעמערקט איהם).

פּ ע ס ע נ י ו: (העלפֿט איהם אַראָבּנעהמען) ניט מורא פֿאַר איהם... מיין האַריץ בּלוטיגט פֿאַר איהם!...

ח צ ק א ל: פֿאָטער אין הימעל (נעהמט איהם אַראָבּ) ער איז טויט... (וויינט) בּרוך דין אמת. (ער און לייזער לעגען איהם אויף דר'ערד און דעקען איבּער מיט'ן טלית).

ל י י ז ע ר: גאָטעניו, ניט דער בּדחן, דער אַלטער לייזער רייסט איצט קריעה און וויינט.

(אַלע זוייבער וויינען אין פֿערצווייפֿלונג).

מ ז י ק: (אַפּאַרט) אַזוי פֿיעל געלד אין דער קאַסע און האָט דאָך ניט געוואָלט לעבען מעהר. וואָס זשע, אַפֿילו די מאַכט פֿון געלד איז אויך בּעגרענצט?... ווי! מען קען נאָר דורך געלד פֿערפֿיהרען, פֿערדאַרבּען, פֿער־קריפּלען, אָבּער אינגאַנצען פֿערניכטען דעם מענשען קען מען ניט? אויבּ אַזוי, האָבּ איך אַפּנים פֿערשפּיעלט.

פּ ע ס ע נ י ו: (פֿאַלט צום קערפּער) איצט, ווען ער איז טויט, ערלויבּט מיר כאָטש וויינען נעבּען איהם... (וויינט. אַלע וויינען).

(פֿ אָ ר ה א נ ג).

פ. הירשביין.

אויף יענער זייט טייך.

(לירישע דראמע).

דריטעס בילד.

ביים ברעג טייך. זומער פאר־נאכט. דער ברעג איז בעדעקט מיט א ווייכען זאמד און בעוואקסען מיט לאנגע שיטערע גראז. וואו ניט וואו א געל בלימעל. פון ווייטען אנטקעגען זעהט זיך דער צווייטער ברעג, בעוואקסען געדיכט מיט יונגע ביימלעך. פון דארט טראגט זיך דאס צוויטשערען פון פויגלעך. עס לאזט זיך אראב די זון, און דער גאנצער הימעל איז רויט. פון דער אנדער זייט הימעל שווימען ארויף דיקע כמארעס, און עס קלייבט זיך אויף א רעגען.

מירל. יאכנע — איהר מוטער. מענשען.

מירל (שטעהט א היבשע צייט אויף דער זייט און קוקט גלייך צום זון־אונטערגאנג מיט גרויס בענקעניש אויפ׳ן געזיכט. ערוואכענד). אך! דארטען איז דאס גאנצע גליק... דארטען איז עס. וואלט דער טייך אזוי ברייט ניט געווען, וואלט איך איהם אריבערגעשפרונגען; ווען דאס וואסער וואלט דא ניט אזוי פינסטער געווען, וואלט איך אפשר... (טראכט א ווילע). ווי דעם זיידענ׳ס אויגען אין יענער נאכט זעהט דאס וואסער אויס... (זעצט זיך אויף דער ערד, דעם קאפ בעהאלטען מיט די הענד).

יאכנע. (קומט אן פון ווייטען, שלעפט א קלאץ).

מירל. ניין, ביי־טאג קאן ער ניט קומען... ביי־נאכט האט איהם דאס וואסער מיט געוואלט געבראכט צו מיר... דער טאג האט איהם פון מיר אפגעריסען... גלייך מיט זונען־אויפגאנג איז ער פון מיר פערשוואונדען געווארען... באלד פערגעהט די זון... רויט דער הימעל — ס׳ברענט... ס׳ברענט...

יאכנע (שרייט פון ווייטען). וואס שטעהסטו דארט?! אויף וועמען וארטסטו דארט?!

מירל (קוקט זיך ניט אום). דאס איז די צווייטע גרעניץ, וואס שטעהט מיר צווישען לעבען... דער טייך, דער פינסטערער טייך שרעקט מיך יעדעס מאל, ווען כ׳וויל זיך אויף יענער זייט אריבערקלייבען, און זי... וואס וויל זי פון מיר?..

יאכנע (פון ווייטען). עס ווערט נאכט, וואס שטעהסטו דארט?

מירל. וואס האט זי מורא פאר דער נאכט! וואס שרעקט זי די נאכט? צו איז איהר אומגליק און גליק אויך אין דער נאכט פערבארגען?

יאכנע (ווארפט אראב דעם קלאץ). זאג, וואסווילסטו דא. קום אהיים, עס ווערט נאכט. מארגען דארף מען פריה אויפשטעהן. ביי׳גיינען, נאך איידער דער האן וועט קרייהען, וועלען מיר זיך אויסקלייבען און פאהרען צום צדיק. ער איז איצט אינגאנצען דריי מייל פון דאנען.

מירל. זאג, פון וועלכער זייט דארף ער אנקומען דער צדיק?

יאַכנע (ווייזט אויף הינטער זיך). פון דאָרטען.

מירל. (מיט פערדרוס ווייזט אויפ'ן זון־אויפגאַנג). זעהסטו, דאָרטען פערגעהט יעדען טאָג די זון, און איך קאָן דעם טייך ניט אַריבערגעהן.

יאַכנע. וועה איז מיר און ווינד. משוגע, משוגע... בעשטראָפט מיט בייזע הענד...

מירל. וואָס פאַר אַ באַלקען טראָגסטו עס?

יאַכנע. אַז דיין פערשטאַנד האָט דער וואָס אין הימעל ביי דיר צוגענומען... כ'האָב עס אין פעלד זוכענדיג געפונען... כ'האָב עס דערקענט — פון אונזער שטוב.

מירל. פון אונזער שטוב? נעהם, וואַרף עס אין טייך אַריין. זאָל עס דאָס וואַסער פערטראָגען, כ'וועל עס באַלד אַליין...

יאַכנע. ניט דערוועג דיך עס צו טהאָן!

מירל (געהט אַב אַן אַ זייט). „דאָס לעבען"... „דאָס לעבען"... וואו זענען זיי, די פּאַלאַצען, וואָס ער האָט געזאָגט? „פריי בויט דאָס לעבען אונטער'ן הימעל גאָלדענע פּאַלאַצען, אין בריליאַנטען און רובינען געפּלאַסטערט"... דאָרטען זענען זיי. אָהן איהם וועל איך זיי ניט געפינען... אָהן איהם קאָן איך אפילו דעם טייך ניט אַריבערגעהן, און ער איז דאָרט, אויף יענער זייט. פון יענער זייט טייך איז ער געקומען, ביי־נאַכט, אין דער פינסטער האָט ער זיך בעוויזען און מיין געפרוירען לייב געוואַרעמט (צו דער אַלטער). געה אַהיים! איך וויל אין דער נאַכט אַליין מיט דיר ניט בלייבען... געה דיר, געה — אַחער אַניט, העלף מיר דאָ אַ פּאַראָם אויסבויען, וועל איך מיר אויף יענער זייט אַריבערקלייבען.

יאַכנע. די הייליגע נשמה פון דיין מאַמען, די קדושה, זאָל פאַר דיר ביים כסא־הכבוד בעטען.

מירל. די מאַמע איז דעם זיידענ'ס אַ טאָכטער געווען, געה, איך שרעק מיך פאַר איהר.

יאַכנע. דער הייליגער נאָמען פון דיין טאַטען, דעם קדוש, זאָל דאָרט אין הימעל פאַר דיר תפילה טהאָן.

מירל (אונרוהיג). באָבע, לאָז מיך!

יאַכנע. דער כשר'ער נאָמען פון דיין זיידען, דעם קדוש, זאָל דעם גאַנצען הימעל אויפריהרען און פאַר דיר בעטען.

מירל. ווען דו שווייגסט ניט, שפּרינג איך באַלד אין טייך אַריין, אָט דאָ, וואו דער וואַסער איז פינסטער און שוואַרץ... ווי זיס איז דאָס געזאַנג דאָרט צווישען די בוימלעך, — אַלץ איז אויף יענער זייט. נאָך זיין פערשווינדען זענען דאָרט די בוימלעך אויסגעוואַקסען... אפשר האָט ער זיי אַליין פערפלאַנצט, אפשר זיצט ער דאָרט אַליין און וואַרט אויף מיר... אפשר זיין קול קלינגט עס ווי פויגעל־געזאַנג...

יאַכנע. (שלעפט זי פאַר'ן אַרבעל). קום, עס וועט באַלד אַ רעגען געהן.

מירל. יעדעס מאָל דוכט זיך מיר, אַז ביי־נאַכט איז ער געקומען און האָט אַ פּאַראָם אויסגעבויט, איך זאָל קענען גלייך אַריבערגעהן און מיך לאָזען צו יענע פּאַלאַצען. (רייסט אויס עטליכע געלע בלומעלעך און וואַרפט

זיי אין טייך). טראָגט עס, טראָגט עס וואַסערן, טראָגט עס ווייטער, גלייך צו איהם... זאָגט איהם, אַז מיר איז ווידער קאַלט. זאָגט איהם, אַז כ'וועל פערפרוירען, ווי אין יענער נאַכט, ווען דאָס וואַסער האָט אונז אויף אַ בערגעל פערטראָגען... זאָגט איהם, אַז כ'האָב ביי זיך אין האַרצען זיין וואַרעמקייט בעהאַלטען, נאָר איך קאָן שוין מעהר ניט... כ'קאָן עס שוין מעהר ניט אויסהאַלטען... ווען דער לעצטער הויך וועט אַרויסגעהן, שטאַרב איך... איך ווער אַ שטיק אייז, ווי דער זיידע דעמאָלט... (טראַכט אַ ווילע. צו דער אַלטער). וואָס וואַרסטו דאָ? דיך האָט דער זיידע אויף דער וועלט געלאָזען, דו זאָלסט מיך שרעקען? אין דיינע אויגען איז אַזוי פינסטער, ווי ביים זיידען אין יענער נאַכט, ווען ער האָט אַזוי שוידערהאַפט גערעדט...

יאַכנע. איך וועל רופען מענשען. מען וועט דיך בינדען און מיט געוואַלד צום צדיק פיהרען.

מירל. (שפּאַצירט אום ביים ברעג, זינגט).

אין פּאַלאַצען רופינען פול,
שטעהט אַ הויכער שענער שטול,
ווי אַ מלאך זיצט ער דאָרט...
ווי אַ מלאך זיצט ער דאָרט...

יאַכנע. מיט שוואַרצע געדיכטע וואָלקען ווערט דער הימעל פערצויגען. באַלד וועט אַ שלאַקס־רעגען גיסען, און דו וועסט אַ נאַקעטע אונטער'ן הימעל בלייבען.

מירל (מיט שמחה). אַ רעגען וועט באַלד געהן! די כמאַרעס ווערען שטאַרקער, געדיכטער און שוואַרצער... ס'וועט אַ רעגען גיסען — אַ מבול וועט ווערען... ס'וועט ווידער אַלע פאַראַמען אַראָפּטראָגען, ווי דעמאָלט, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען... ווען ס'האָט די וועלט פערפלייצט, ווען ס'האָט דעם פריץ'ס ישוב פערטראָגען... מיט'ן וואַסער וועט ער קומען, אַלע פּאַלאַצען — דאָס גאַנצע לעבען וועט ער מיט זיך ברענגען. (ס'הערט זיך אַ מורמלען פון אַ ווייטען דונער).

יאַכנע. אַט דונערט שוין ערגיץ, קום גיכער אַהיים, כ'וועל דאָ מיט דיר ניט בלייבען.

מירל. באַלד,באַלד וועט עס געשעהן. איך הער שוין דעם אָנזאָג דורך די דונערען, באַלד וועט זיך דער הימעל שפּאַלטען, פייערדיגע בליצען וועלען אומלויפען, כ'וועל זיצען און וואַרטען (זעצט זיך ביים רעכטען ברעג און קוקט אַריבער, ווייט פון זיך).

יאַכנע (זעצט זיך פון ווייטען). נישט גוטע, מלאכי הבלה האָבען זי אַרומגערינגעלט און לאָזען זי נישט רוהען. וואָלט ווער ס'איז דורכגעהן, וואָלט מען זי מיט געוואַלט פון דאַנען צוגענומען.

מירל. אַך! ווען איך וואָלט קאָנען קוקען, קוקען ביז אויף יענער זייט וועלדעל... איך שפּיר, אַז דאָרטען ערגיץ זיצט ער — קום! קום! איך שפּיר, אַז דו ביזט ניט ווייט פון מיר — קום! באַלד וועט זיך דאָס וואַסער פון די ברעגעס ווידער אַרויסהאַפּען — איך שפּיר עס, די דונערען זאָגען מיר עס אָן, אינגאַנצען וועט זיך דאָס בוימעל אין וואַסער בעהאַלטען. (וואַרפט אַ בליק צו דער אַלטער). וואָס וואַרטסטו?

יאַכנע. (קוקט זי שאַרף אָן אָהן ווערטער).

מירל. באַלד וועט אַ רעגען גיסען, עס וועט פּלייצען פֿון אַלע זייטען — גיה בעהאַלט זיך אין שטוב... ווילסט זיך אויך אַריבערקלייבען אויף יענעם זייט? דאָרט איז פֿאַר דיר גאָר נישטאָ. בלייב שוין דאָ... גיה אַהיים, גיה. (רעגט זיך אויף) וואָס היטסטו מיך?! ווען ס'וועט פֿול ווערען דער טייך, וועל איך מיך אויף יענער זייט אַריבערקלייבען. (געהט אום מיט גרויס שמערצען אויפ'ן געזיכט). עס ציהט מיר אַלע גלידער, עס ציהט מיר מיינע הענד, מיינע פֿיס... עס ציהט מיר מיין האַרץ! איך קאָן שוין מעהר נישט אײַנהאַלטען אין זיך דעם לעצטען הויך וואַרעמקייט... פֿינסטערער, פֿינסטערער...

יאַכנע (טהוט אויס פֿון איהר האַלז אַ קמיע, געהט צו שטיל צו מירל'ען און טהוט איהר אָן אויפ'ן האַלז). העלף מיר, רבונו של עולם! ריים זי אַרויס פֿון די מלאכי חבלה, וועלכע האָבען זי פֿערכאַפּט אין זייער נעץ...

מירל. (וואַרפֿט די קמיע אין וואַסער אַריין).

יאַכנע. געוואַלד! וואָס וועט איצטער זיין? (וויל קריכען אין טייך). וואָס האָסטו געטהאָן?! דעם לעצטען פֿונק אין טייך געוואָרפֿען!

מירל. אַלץ וועל איך מיט'ן וואַסער אַוועקלאָזען, ביז כ'וועל מיך אויף יענער זייט אַריבערקלייבען.

יאַכנע. פֿערפֿאַלען, ופֿערפֿאַלען, צום גרונד געגאַנגען... כ'וועל לויפֿען רופֿען מענשען, מען זאָל זי פֿון דאַנען וואָס גיכער צונעהמען... דאָ, ביים טייך, איז דאָס נעץ פֿאַר איהר געשפּרייט. (לויפֿט אַוועק מיט אַלע כחות, מאַכט מיט'ן קאָפּ און מיט די הענד).

מירל (קוקט איהר נאָך). איצטער בין איך אַליין געבליבען... איצטער וועל איך אַלץ מיט'ן וואַסער אַוועקלאָזען. (שלעפּט דעם באַלקען צום ברעג און וואַרפֿט איהם אין וואַסער). זאָל ער געהן אַהין, וואוהין דאָס גאַנצע שטיבעל איז פֿערשוואומען (טראַכט אַ ווײַלע). זי איז נאָך מענשען געגאַנגען, און איך וועל מיך בעהאַלטען... כ'וועל מיך דער פֿינסטערער נאַכט איבערגעבען. (עס בליצט. זי ציטערט אויף). עס בליצט! קיינער איז מיט מיר נישטאָ... (מיט פֿרייד). וואָס רעד איך עס פֿון ווייטען?! מיט'ן וואַסער... אַ פֿייערעל שווימט, און אַרום איהם מענשען... אפשר שווימט ער מיט די גאָלדענע פּאַלאַצען... ווי גיך!.. דאָס וואַסער טראָגט זיי... טראָגט זיי... (קוקט אונגעדולדיג אַ ווײַלע אַרויף צום וואַסער). האַלט! האַלט אָב! (עס בעווייזט זיך אַ פֿייער אויפ'ן טייך... דאָס גאַנצע וואַסער ווערט בעלויכטען).

אַ שטימע. (פֿון טייך אַרויס). נישט ווייט אַ דאָרף, מענשען?

מירל. האַלט אָב, האַלט!

צווייטע שטימע. האַלט אָב דאָס געהילץ!

ערשטער. פֿון אַ נאָהענטען דאָרף?

מירל. ווי גוט! דאָס געהילץ האָט איהר געבראַכט אַ פּאַראָם צו בויען? מאַכען אַ וועג צו יענע פּאַלאַצען?..

צווייטער. זי איז משוגע.

מירל. ניט האָזט זיך גלייך מיט'ן וואַסער... דאָס וואַסער וועט איך פֿערטראָגען. דאָס וואַסער האָט אַלץ פֿערטראָגען... מיין טאַטען, איהם... די קמיע... מיין גליק...

צווייטער. פון וואַנען ביזטו?

מירל. (ווייזט אויף יענער זייט טייך). איך בין פון דאָרטען, איך בין דאָ, נאָר איך בין דאָרטען... זעהט, עס וועט באַלד אַ מבול ווערען... איהר זעהט דעם הימעל... ווען דאָס וואַסער וועט זיך הויבען, וועל איך אַריבער אויף יענער זייט...

צווייטער. וואָס דאַרפסטו אוי'ף יענער זייט? קום מיט אונז.

מירל. איהר פאָהרט מיט'ן וואַסער... איהר קאָנט ניט וויסען, וואָס אויף יענער זייט איז (עס דונערט).

ערשטער. זי איז משוגע, לאָזט דאָס געהילך. ביז רעכט פינסטער וועלען מיר נאָך אַ פאָר וויאָרסט אָבפאָהרען. (דאָס פייער פערשווינדט)...

מירל. (שטעהט אַ ווײַלע און קוקט אין דער זייט, וואו דאָס פייער פערשווינדט. פלוצלונג זעהר אונרוהיג). אַלץ פערשווינדט פון מיר, אַלץ פערשווינדט, אַלץ איז צו מיר אין דער פינסטער געקומען, און אין דער פינסטער ווערט אַלץ פון מיר פערשוואונדען... מיין האַרץ האָט ער פון מיר צוגענומען און זיינס האָט ער ביי מיר געלאָזען... מיין האַרץ האָט זיך קיין מאָל אַזוי ניט געריסען... מיין האַרץ האָט קיין מאָל אַזוי ניט געבענקט... מיין האַרץ האָט ניט געוואוסט, אַז אויף יענער זייט איז אַלץ פאַרהאַן... מיין האַרץ האָט ער ביי מיר פערנומען און מיך אויף דער זייט געלאָזען... (טראַכט אַ ווײַלע). אפשר האָב איך צוזאַמען מיט דער קמיע מיין האַרץ פערלוירען?.. ווען איך פלעג זיצען מיט'ן זיידען, איז מיין צונג שטום געווען. איך בין נאַריש געווען. און מיין האַרץ איז רוהיג געווען. איך קאָן שוין מעהר ניט אויסהאַלטען... (עס דונערט). דער הימעל בייזערט זיך אויף מיר. וואָלט שוין אַ רעגען גיסען! עס דונערט, און קיין רעגען איז נאָך אַלץ ניטאָ... (טראַכט אַ ווײַלע). וואָס האָבען די מענשען נאָר וואָס געוואָלט פון מיר? וואוהין האָבען זיי מיך געוואָלט פיהרען? וואוהין געהט דאָס וואַסער?.. פינסטערער, פינסטערער ווערט אַרום... דעם זיידענ'ס אויגען בלאָנדזשען שוין ווידער אַרום פאַר מיר... זיי קוקען מיך שוין אָן פון אַלע זייטען — וואָס ווילען זיי פון מיר?! אַך, דאָרטען ווינקען צו מיר זיינע אויגען... ליכטיגע... שיינען ווי צוויי ליכטיגע דימענטען... און דעם זיידענ'ס אויגען — און וואָס ווילען זיי פון מיר? (עס דונערט שטאַרקער). קאַלט... מיר ווערט קאַלט. דער פראָסט חאַפּט מיך אַרום... (בלייבט שטעהן צעשטרייט, קוקענדיג אויף יענער זייט).

יאַכנע. (איהר קול הערט זיך פון ווייטען). מיט געוואַלט. בינדען, מיט געוואַלט זי פון דאַנען צונעהמען. (קומט אָן, מיט איהר נאָך אַ פאָר מענשען).

מירל. (דערשראָקען). זיי געהען. מיט געוואַלט... כ'וועל מיך נישט לאָזען... צוריק וועל איך ניט געהן!..

ערשטער. מיט געוואַלט וועלען מיר זי צום צדיק פיהרען. בינדען!

יאַכנע. ראַטעוועט מיר מיין קינד! ראַטעוועט מיר מיין קינד!

מירל. לאָזט מיך... לאָזט מיך! איך האָב קיין נשמה ניט... לאָזט מיך צום לעבען...

ערשטער. (נעהמט מירל'ען פאַר'ן האַנד). קום מיט מיר.

מירל. כ'וועל שטאַרבען, ווען איהר נעהמט מיך נאָר צו פון דאַנען!

יאַכנע. דאָס נעץ ווערט שטאַרקער... נעהמט זי צו וואָס גיכער!

ע ר ש ט ע ר. (וויל זי פיהרען).

מ י ר ל. איהר רייסט מיך אָב! עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען! עס הרעהט זיך מיר מיין קאָפּ!... לאָזט!

י אַ כ נ ע. ראַטעוועט, ראַטעוועט, נעהמט זי צו פון דאַנען! (עס דונערט).

מ י ר ל. (ווערט זיך שטאַרק). איהר רייסט מיך פון לעבען אָב... כ'בין שוין אַזוי וויט פון מיין היים פערגאַנגען... (מיט שמחה, זי זעהט וואָס פין וויטען). דו ביזט דאָ! קום שוין גיכער!.. ער ווינקט! ער רופט!.. גיכער קום, רייס מיך אַרויס פון זייערע הענד, חאַפּ מיך אַרום פעסט, ווי דעמאָלט ביי-נאַכט... איך ווער ווידער פערפרוירען... גיכער... זיי רייסען מיך פון דיר אָב... ער געהט, און נאָך איהם אַלע גאָלדענע פאַלאַצען אין רובינען גע-פלאַסטערט... אַהער! אַהער! —

י אַ כ נ ע. אום גאָטעס ווילען, נעהמט זי צו פון דאַנען.... רייסט זי פון דעם נעץ אַרויס.

ע ר ש ט ע ר. איך שרעק מיך.

צ ו ו י י ט ע ר. (שטאָליץ). גאָט איז מיט אונז! זאָלען מיר זי נאָר נעה-מען (ער נעהמט זי פעסט אָן).

מ י י ר ל. (שרייט פערצווייפעלט). ראַטעווע מיך! ראַטעווע מיך.. רייס מיך פון זיי... (זיי פיהרען זי אַוועק מיט געוואַלט. איהר יאָמערליכער געשריי ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער... עס בליצט און דונערט. שטיל).

מ י ר ל. (לויפט מיט אַלע כחות גלייך צום טייך — שרייט). גלייך צו איהם... ביזט געקומען! נעהם מיך אַרום שטאַרקער, שטאַרקער... איך שפּרינג צו דיר — מיין גליק! מיין לעבען... כאַפּ מיך! (וואַרפט זיך אין טייך אַריין. ס'הערט זיך אַ פּליעסק פון דעם וואַסער... אַ בליץ באַלייכט די גאַנצע גע-גענד איינינע סעקונדען. פון וויטען זעהט זיך, ווי יאַכנע און די מענשען לויפען צום טייך מיט ווילדע אויסגעשרייען. אויף יענער זייט טייך בעווייזט זיך הער אומבעקאַנטער, ווי מיט אַ בלאַסען שיין בעגאָסען).

(פאָ ר ה אַ נ ג).

I

פערצייכעניש פון די אויטאָרן לויט'ן אלף־בית.

אדלער י.
צו אַ װילבער־װאָלקען (ליעד) 92.
אחד העם (אשר גינזבערג).
משה בן עמרם (האַראַקטעריסטיק) 292.
אײזענשטאַדט ש.
פון אַלעקסאַנדריען קיין בײרוט (רייזע־בילדער) 272.
איינהאָרן דוד.
עלעגיע 340.
אידיליע 373.
אַנדערסען.
דאָס ליעד פון פױגעלע 241.
אַש שלום.
אַלטע לייט 29.
ערב־שבת 81.
יצחק'ל און זיין מאַמע 87.
אין אַ זומער־טאָג 95.
װאַנדערער 113.
די שרפה אין שטעדטעל 124.
איבער דער גרעניץ 128.
נאָך סוכות 148.
שיף־ברידער און שיף־שװעסטער 246.
צום אַמעריקאַנער ברעג 252.
די אינזעל פון טרעהרען 256.
מאיר אין אַמעריקא 261.
אַנ—סקי ש. (פסעװדאָנ.).
דער שניידער (ליעד) 39.
דער קבר (פון ניקיטין) 183.
מיין מוטער (פריי פון ס. יאַקובאָ־װיטש) 238.
ליעד פון קאַטאָרושניקעס (פריי פון ס. יאַקובאָװיטש) 243.
ביאַליק ח. נ.
פראָסט (יודיש פון שװאַרץ און שני־אור) 43.
דאָס לעצטע װאָרט (נביאיש) 328.
בן־עמי.
ביי די מצות 61.
בעל־מחשבות (אי. עליאַשעװ).
שלום־עליכם (ליטעראַרישע האַראַקטערי־סטיק) 305.
בריינין ראובן.
מענדעלע מוכר ספרים (האַראַקטעריס־טיק) 295.
גאָגאָל ניקאָלאַי.
דער רעװיזאָר (קאָמעדיע) 403.
גאָרעליק שמריה.
אלול 126.
גאָרדין יעקב.
גאָט, מענש און טײװעל (טראַמע) 410.
גאָרשין װסעװאָלאָד.
אויף דער מלחמה 207.
דובנאָװ שמעון.
די בעלעגערונג און די צעשטערונג פון ירושלים (געשיכטע) 277.
ר' ישראל בעל־שם־טוב (בעש"ט) 285.
דינעזאָן יעקב.
דעם רבינ'ס קדוש 38.
אַ געשפרעך 39.
האַמסון קנוט.
דער לעצטער בריעף (פונ'ם ראָמאַן „װיק־טאָריאַ" 375.
הורװיץ ש.
די ערשטע שװאַלב (ליעד) 45.
די גייטערקעס (ליעד) 100.
די בלייערנע אַרמעע 149.
זשאַמעלע 337.
הײלפערן פאַלק.
צװישען די בערג 162.
אין דער שטאָדט מודיעים 216.
הירשביין פרץ.
אַנ'אַלט בילד 245.
אויף יענער זייט טייך 418.
װאַרשאַװסקי מ.
אַלף־בית 7.
א. װאלט (ליעסין).
אַ פריהמאָרגען אין אַ פאַבריק־שטאָדט 178.
רבי עקיבא 218.
װײסענבערג א. מ.
דער בעל־תשובה 150.
דור הולך ודור בא 200.
װינטשעװסקי מאָריס.
אין אַ גרויסער שטאָדט ביי־נאַכט 189.
דער גייסט 239.
מיין איינציגער פערלאַנג 240.

צום יובילעאום פון א גרויסען דענקער (אדע) 329.

זשיטלאָווסקי חיים.

וואָס איז אזוינס פילאָזאָפיע? 315.

טאָלסטאָי לעוו.

אננא קארענינא 384.

טורגעניעוו איוואן.

דאָס פויגעלע 76.

טייטש משה.

דער ערשטער שניי (ליעד) 23.

פריהלינג (ליעד 76.

טילי-טילי! (ליעד) 94.

דער פריהלינג (ליעד) 95.

דער זומער 109.

א בית עולם 128.

ס'וויל מיין הארץ דיר עפּעס זאָגען... (ליעד) 326.

יהואָש (פסעווד.)

ליל שמורים (ליעד) 70.

די ביהן (ליעד) 82.

גאָט'ן רעגען ביי נאכט (ליעד) 87.

דער בלומענשטאָק (ליעד) 100.

נאכט 161.

הארץ און מח 211.

צווילינג-נאטורען 211.

אויפ'ן עמיגראנטען-שיף (ליעד) 250.

צעבראָכענע לוחות 326.

דער געפאלענער מלאך 327.

די געפאלענע העלדען (אָדע) 330.

די רייניגקייט (באלאדע) 369.

ליטוואק א. (פסעווד.)

די ליכטעלעך 20.

ליעסין.

ז. וואלט.

ליפמאן-לעווין.

ר' יודא 133.

לערמאנטאָוו מיכאאיל.

דער זעגעל (יודיש פון ז. סעגאלאָוויטש) 327.

מירבאָ אָקטאוו.

צוויי וועלטען 231.

מנחם (פסעווד.)

א ליעד פון א מיידעל 244.

גוטע מענשען, ליעבע מענשען... (פאָלקס-מאָטיוו) 325.

מענדעלע מוכר ספרים (שלום יעקב אב-ראמאָוויטש).

הערשעלע דער דאָקטאר 13.

יודישע שטעדטלעך 17.

דער קלייט-משרת 24.

לייזער דער שניידער 40.

דאָס לערן-יונגעל 42.

א וועסנע-טאָג 70.

פאר דער קרעטשמע 71.

דער וואלד 121.

דער פלאץ אין א יודישער שטאָדט 170.

אין אַנ'אָרימער פאמיליע 175.

ר' יעקב 184.

פארצייטיגע בעלי-מלאכות 269.

נאָמבערג ה. ד.

מען וועקט 122.

ווינטער אין די בערג 165.

זון-אונטערגאנג אין די בערג 165.

א וויעג-ליעדעל 212.

די פערלאָזטע כלה (פאָלקס-מאָטיוו) 324.

ש. ניגער (פסעוודאָנ.)

דער נביא פון דער ערד — שלום אש. (ליטעראַרישע האראקטעריסטיק) 299.

סטאַווסקי מ.

לבן הארמי 53.

סעגאלאָוויטש ז.

אויף די פעלדער 28.

שאכטער-ליעד 182.

אין שטאָדט 187.

ספעקטאָר מ.

שלח-מנות 45.

ראש השנה 202.

פינסקי דוד.

באשע-לאה 111.

מען וואַרט 179.

דער מויערער 188.

פרוג ש.

דער שליט-וועג (ליעד) 36.

א זומער-נאכט (ליעד) 110.

דער זקן 174.

דער אמת'ער העלד 210

צוויי אסיפות (סאטירע) 333.

דעם שמש'ס טאָכטער (באלאדע) 362.

פרישמאַן דוד.

געגעסען 136.

די פושקע 172.

הרי את... 191.

די פישער (ליעד) 191.

פרץ יצחק ליבוש.

די לעזערין 27.

דער קונצען-מאכער (לעגענדע) 66.

די שוואלבען אים הערבסט 139.

צוויי יונגלעך 171.

וועלכע? 178.

אין פאבריק 186.

דער זינדיגער 213.
דער וועכטער 215.
בילדער פון פארצייטען 224.
משיח'ס צייטען 227.
שלום 230.
די פרומע קאץ (סאטירע) 331.
צוריק אין דער אלטער היים (עלעגיע) 337.
דער אוצר (קינסטלעריש בעארבייטע לעגענדע) 345.
היהגערשע חלומות (אלעגאריע) 353.
שלום-בית (אידיליע) 370.
צייטלין הלל.
די בענקשאפט נאך שעגהייט אין אלט-יודישען לעבען (אונטערזוכונג) 309.
קרילאוו איוואן.
דער שפיגעל און די מאלפע (יודיש פון מ. ריוועסמאן) 16
א מגפה אויף חיות (יודיש פון מ. ריוועסמאן) 349.
דער הזיר (יודיש פון מ. ריוועסמאן) 352.
ראזענפעלד יונה.
א גנב 114.
ראזענפעלד מאריס.
צום פאלק (ליעד) 226.
איך ליעב דעם ווינד 326.
הערבסט-בלעטלעך (עלעגיע) 339.
יהודית (פאעמא) 355.
ריוועסמאן. מ.
צווי הינד (בעארבייט. נאך קרילאוו) 107.
רייזען אברהם.
אויפ'ן פעלד... (ליעד) 9.
ווינטער (ליעד) 33.
דער מגיד 33.
די ספרים לופטערן! 72.
דער צוג (ליעד) 166.
פון שטעדטעל אין שטאדט 166.
שליחות 176.
אין גאס 198.
איז אוועק צום קריעג דער מלך... (פון מאריא קאנאפניצקא) 206.
דער פרייער ים (ליעד) 230.
דאס נייע ליעד 237.
אלע טאג אויף פאסט 258.
דער בוים (גאוועלע) 373.
שאפירא ל.
דאס אייז פלאצט 52.
ביילקע און יאשקע 77.
איבער'ן ים 251.
דער טייך ווערט פערפרוירען 320.
שטיינבערג יהודה.
דאס שענע און דאס נוצליכע 37.
שטיינבערג יעקב.
הערשעלע פאהרט אוועק 100.
שיללער פרידריך.
ווילהעלם טעלל (טראגעדיע) 398.
שלום עליכם (שלום ראבינאוויטש).
דער ערשטער טאג אין חדר 6.
חנוכה-געלד 18.
כלי-זמר 21.
סטעמפעניו 22.
די ל"ג-בעומר-סעודה 83.
די פאהן 140.
דריי קעפלעך 194.
שלאף, מיין קינד! (א וויעג-ליעד) 265.
רחל'ע און סטעמפעניו (פונ'ם ראמאן „סטעמפעניו") 379.
שניאור זאלקינד.
נחום 103.
א שטעדטעל אין בעסאראביען 161.
א זומער-נאכט 321.

II

פערצייכעניש פון די ערקלערטע ווערטער *).

אבדאצען 16.
אבצוויקלען 18.
אגב אורחא 352.
אגדתא 36.
אהבה 315.
אויפפאלענדיג 174.
אומער 9.
אונטער זיי 240.
אז בהלוך ירמיה על קברי אבות 379.
אחותי 92.
איינגעמאכטס 18.
איש ישר 352.
איש על מקומו 66.
אלבאסטער 179.
אמי אהובתי 92.
אנטליך 240.

*) די ציפערן בעדייטען די זייטען.

אַנקינדיגען 240.
אספּה 140.
ארבע מיתות בית דין 333.
אשמנו 352.
באַגנעטען 230.
באדעווען 114.
באימה וביראה 39.
באַנג זיין 241.
באַסאַקעס 186.
באר 194.
בדוחק 157.
בודאי 157.
בור 292.
בושעל 71.
בזדון ובשגגה 352.
בזה הלשון 7.
בין-השמשות 230.
בלא ידע 17.
בלומען-קאַרזאַ 194.
בעל-מנגן 248.
בפני כל עם ועדה 352.
בצבור 264.
ברוך עושה מעשי בראשית 315.
ברוך שעשה את הים הגדול 315.
בריאה 315.
בריה נפלאה 113.
בת-קול 292.
גבאי ראשון 36.
גראַטולירען 194.
ד' אמות 28.
ד'אַגונציא 194.
דור הולך ודור בא 202.
דערווידער 91.
האל 264.
האַפּערדיג 21.
החבר 271.
החלטות 292.
היפּאָטעק 194.
העפּטיג 240.
התבודדות 292.
התקרבות 42.
התראה 16.
חאַלקען-קראַצערס 255.
ויספּעט 71.
ולא קרב זה אל זה 66.
ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם 315.
זאַכען 186.
„זוהר" — 36.
זעלטזאם 240.
חאַפּען אויף דער ווענטקע 7.
חאָראָל 194.
חנה 109.
חדר-שני 136.
חולה-נופל 187.
חומר 292.
חק 264.
חק ולא יעבר 109.
חרמות 42.
טועב טעם זיין 26.
טשאַטעווען 18.
טשאַטעס 71.
טשערעט 71.
יופּע 42.
„יערות דבש" 36.
יערלע — 16.
יראה 315.
ישרנות 352.
יראת שמים 20.
יתור 42, 171.
כזית 352.
כל דכפין ייתי וייכול 69.
כסא הכבוד 315.
כתות 315.
כתר תורה 336.
לאַדען 179.
לא יהרצ'ל (לא יהריץ-געלד) 248.
לא עליכם 157.
לא תגנוב 352.
ליסטע 252.
למדנת הים 36.
לעוואַדע 86.
לעתיד לבא 315.
לקה'ען 16.
מאורים גדולים 336.
מאַכען פּיסקעס 20.
מאקרעטע 72.
מאָרגענלענדער 230.
מבקרים 36.
מגלה זיין 292.
מדריך זיין 176.
מדרש 36.
מהנה זיין 136.
מוטווילי 179.
מוכן ומזומן 258.
מורנו 271.
מושלם 13.
מחזיר למוטב זיין 333.
מטמא זיין 92.
מטעים זיין 69.
מיטהען-אָב 264.

מי ידמה לו ומי ישוה לו 264.
מי יודע 153,109.
מלא כל הארץ כבודו 292.
מעיז פנים זיין 136.
מסים זיין 36.
מעלה זיין 315.
מפולת 172.
מפני דרכי שלום 231.
מקל׳ען 182.
מראה 157.
מרבה הוצאה זיין 379.
משניה 292.
מתיר זיין 26.
מת מצוה 157.
מתן־בסתר 186.
מתנת בשר ודם 69.
נבהל ונשתומם 157.
נטילת ידים 174.
ניוזיקעס 17.
נס מן השמים 69.
נסתר 292.
נתגלה ווערען 292.
סאָסייטי 264.
סגופים 292.
סדרה 7.
סומנע 9.
סטרא אחרא 292.
סטריט 264.
ספר היוחסין 248.
ספריטנע 42.
סרכא 186.
סרסורים 315.
עדוקאַציע 176.
עובדא 26.
עולם ומלואה 176.
עונג שבת 28.
עצבות 292.
פאטלע 23.
פאַלאָווע 72.
פאַלגע 42.
פאַסטעמקעס 42.
פאַפוגאַי 7.
פאַרוואַהרלאָזטער 16.
פורים־ברויט 52.
פירוש המלות 292.
פלאַכטע 157.
פליאַסקעדרייגע 36.
פלעגמאַטיש 81.
פמליא של מעלה 315.
פערקאָוועט 20.
פרישות 315.
פרעוואָ 194.
פרק משניות 264.
צאן קדשים 136.
צדיקים גמורים 352.
צדיק תמים 352.
צינזען 194.
צעלניק 26.
צעפלאָשעטע 28.
צער גדול בנים 264.
קוועלען 174.
קודם 157.
קורסירען 230.
קוכקע 66.
קאָפערטע 86.
קישעלעך 18.
קאָרוש 92.
קלאָמפערשט 16.
קלאָץ־קשיא 7.
קלייט 26.
קניש 18.
קעלניע 205.
רבה בר חנה 36.
רואה ואינו נראה 292.
רוחניות 315.
רעגונג — 240.
רעדנע 66.
רעטשאַניקעס 171.
רקודים 315.
רשות הרבים 379.
שאפ — 264.
שאַפער 157
שאר־ירקות 16.
שור שנגח 352.
שורש 292.
שטומע לעלע 186.
שכל הישר 292.
שלאָבען 92.
שליאַך 81.
שליח צבור 315.
שלשלת 72.
שמאָכטע 186.
שמוים 52.
שמוצערען 23.
ש״ס 75.
שפיכת דמים 259.
שפיגעל־וואַנד 186.
שקאַפע 52.
ששת ימי בראשית 315.
תם ונשלם 66.
תרעומות 264.